STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02775

DI LITERARISHE SHTREMUNGEN IN RATNRUSLAND FUN 1917

Viach Polonskii

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאטשקאוסקיס
„פאפולער־וויסנשאפטלעכע ביבליאטעק"

וויאטשעסלאוו פאלאנסקי

די ליטעראַרישע שטרעמונגען אין ראטנרוסלאנד

פון

1917 ביז 1927

פון רוסיש: י. ראפאפארט

וואַרשע — ניו־יאָרק / 1929

PRINTED IN POLAND

Copyright by
„Jaczkowski Bibliotek"
Warsaw 1929

Wiaczesław Połonski
Prądy Literackie w Rosji
S o w i e c k i e j

Pop. Naukowa Bibl. Jaczkowskiego W-wa Twarda 8

Drukarnia Lewin-Epstein Warszawa, Pawia 38.

הקדמה.

די אויפגאַבע פון דאָזיקן בוך איז צו געבן אַן איבערבליק וועגן די אַמפּערייען אַרום דער פּראָבלעם „רעוואָלוציע, פּראָלעטאַריאַט און די ליטעראַטור" — די צענטראַלע פּראָבלעם פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג אין פאַרגאַנגענעם יאָרצענדליק. די אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור איז אין ערשטן יאָרצענדליק פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע געשטאַנען אין צייכן פון איר סאָציאַל-פּאָליטישער זעלבסטבאַשטימונג. איצט ליגט שוין דערדאָזיקער עטאַפּ — אין אַ באַדייטנדיקער מאָס — פון הינטן. אויפן שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק פון אָקטאָבער איז דער ניוואָ פון פּאָליטישן און סאָציאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין פון דער ליטעראַטור נישט דער ערך העכער פאַר דעם, וועלכן זי האָט פאַרמאָגט נאָך נישט לאַנג צוריק. די רעוואָלוציע איז אַ גרויסע שולע. און אונזער ליטעראַטור האָט זיך אַביסל אויסגעלערנט ביי דער רעוואָלוציע.

גלייכצייטיק מיטן טיפערן באַגרייפן די אויפגאַבעס פון דער עפּאָכע שטעלן זיך פאַר די נייע ליטעראַרישע כּחות די פראַגעס פון דער ליטעראַריש-קינסטלערישער זעלבסטבאַשטימונג. עס ענדיקט זיך דער „לער"-פּעריאָד — עס קומט אָן די צייט פון זעלבשטענדיקן שאַפן. און די „זעלבשטענדיקייט" זוכט נישט נאָר אַ נייעם מאַטעריאַל, נאָר אויך נייע אויסדרוק-פאָרמען, אַלץ אָפטער און מער ווערט גערעדט וועגן סטיל פון אונזער צייט און וועגן „פּראָלעטאַרישן סטיל". און די זוכענישן פון אַ „סטיל" ברענגען צו זוכענישן פון אַ „שולע".

מ׳דאַרף אָננעמען, אַז דער נאָנטסטער פּעריאָד פון דער ליטעראַרישער אַנטוויק׳לונג וועט דורכגיין אין צייכן פון „קאַמף פאַר אַ סטיל“, פאַר אַ „ליטעראַרישער שולע“. עס פילן זיך ווידער אָן מיט אַ רייכן אינהאַלט די טערמינען „נאַטוראַליזם“, „רעאַליזם“, „ראָמאַנטיזם“ און די איבעריקע „איזמען“. פון איין זייט ווערט באַמערקט אַ פּרוּוו צו גאַלוואַניזירן די אָפּגעלעבטע ריכטונגען, אָבער פון דער צווייטער זייט וואַקסן אויף פאַר אונזערע אויגן נייע ליטעראַרישע פאָרמען, וואָס פּרעטענדירן צו געבן דעם בעסטן קינסטלערישן אויסדרוק פון דער מאָדערנער צייט. אין דאָזיקן קאַמף וועט פאָרקומען און עס קומט פאָר אַ נייע איבערגרופּירונג פון די כּחות, אַ נייע דיפערענציאַציע פון דער שרייבער-וועלט.

דידאָזיקע טייל פון דער „ליטעראַרישער באַוועגונג“ פון אונזער צייט, וואָס נעמט אַרום נישט נאָר די ליטעראַרישע שאַפונג, נאָר אויך די אַנטוויקלונג פון דער קריטיק און פון דער טעאָרעטישער ליטעראַטור-פאָרשונג, וועט באַהאַנדלט ווערן אין אַ באַזונדער בוך, צו וועלכן דאָסדאָזיקע איז נאָר אַן אַריינפיר.

דער מחבר איז זיכער, אַז דידאָזיקע „עטיודן“ וועלן אַרויסרופן קריטישע אָנפאַלן. ער האָט זיך גאָרנישט געשטעלט די אויפגאַבע אָנצושרייבן אַ בוך וועגן חלוקי-דעות, וואָס אַלע זאָלן זיין אומבאַשטרייטבאַר איינשטימיק מיט אים.

אָבער אויב דאָסדאָזיקע בוך וועט דינען אַלס סטימול פאַר אַ ערנסטן קריטישן מיינונגס-אויסטויש, וועלכער וועט געבן די מעגלעכקייט אין דער ווייטער אָדער נאָנטער צוקונפט אָנצוצייכענען אַ גענויערן און ווינציקער באַשטריטן בילד וועגן דער פּראָבלעם „ליטעראַטור, פּראָלעטאַריאַט און רעוואָלוציע“ — וועט ער זיין באַפרידיקט.

וויאַטש. פּ.

דאָס ערשטע קאַפּיטל.

די אינטעליגענץ, די ליטעראַטור און די רעוואָלוציע.

I. אַרײַנפיר־באַמערקונגען. — II. די רעוואָלוציע און די בורזשואַזע געזעלשאַפט. — III. דאָס פאָלק און די אינטעליגענץ — IV. די בורזשואַזע אינטעליגענץ שאַצט איבער די אַלטע ווערטן. — V. די מעטאַמאָרפאָזעס פון דאָן־קיכאָט דעם בעל־תשובה. — VI. וועגן ברוך צווישן דער אינטעליגענץ און דעם פאָלק. — VII. „די נאָטיצן פון די טרוימער“ און „דאָס הויז פון די קונסטן“. דערשראָקענע און פאַריאושטע. — VI. יו. אײכענוואַלדס פובליציסטיק.

1

ביז דעם פּראָלעטאַרישן פּעריאָד פון אונזער געשיכטע איז די רוסישע ליטעראַטור געשאַפן געוואָרן דורך דער רוסישער אינטעליגענץ. די עטאַפּן פון דער אינטעליגענץ־אַנטוויקלונג פאַלן צונויף מיט די עטאַפּן פון דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג, אויב מ'זאָל דידאָזיקע באַטראַכטן נישט פון דער פאָרמעלער זייט, נאָר פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט. דער אָפּבײַט פון די דורות, די אַנטשטייאונג פון נײַע קלאַסן־גרופּעס אין דער אינטעליגענץ פלעגן ברענגען מיט זיך אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען אין די ליטעראַרישע ריכטונגען, זיי פלעגן זיך אָפּשפּיגלען

אין דער טעמאַטיק, אין די קאָמפּאָזיציאָנעלע פאָרמען, אין סטיל און אין כאַראַקטער פון די ווערק.

דאָסטאָיעווסקי האָט געבראַכט מיט זיך נישט נאָר אַ מאַטע־ריאַל, וועלכן ער האָט געשעפּט אין די קליינבירגערלעכע ווינק־לען פון דער גרויסער שטאָט, נאָר אויך אַ ספּעציפישן סטיל. די האַמעטנע און שטראָמיקע קאָמפּאָזיציע, אַן אייגנ־אַרטיקע קאָנסטרוקציע פון דער פּראָזע, אַ נאַכלעסיקע און שאַרסטקע, וואָס איז אַזוי נישט ענלעך געוועזן צו טורגענעווס פיינע פּעריאָדן. נישט צופעליק האָט דאָסטאָיעווסקי שרעקלעך פיינט געהאַט דעמדאָזיקן ראַפינירטן איראָפּעער, דעם עלע־גאַנטן פּריץ מיט די גוטע מאַניערן און מיט אַ קול, וואָס גנבעט זיך אַריין אין דער נשמה. די כאַראַקטעריסטיש־סטע אונטערשיידן צווישן טורגענעווס און דאָסטאָיעווסקיס סטיל — שוין אָפּגערעדט וועגן זייער פילאָזאָפיע — קען מען אַרויספירן פון די אייגנשאַפטן פון יענע סאָציאַלע שיכטן, וועלכע האָבן אויפגעהאָדעוועט דידאָזיקע צוויי קינסטלער. אַזוי למשל, האָט די דערשיינונג פון „ראַזנאָטשינעץ" איינגעשריבן אַ ניי בלעטל אין דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַ־טור. און ס'איז נישט נויטיק זיך אַריינצולאָזן אין טיפע אויס־פאָרשונגען, כדי פעסטצושטעלן אויף פאָראויס, אַז די איבערקערע־ניש, וועלכע די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אין דער לאַגע פון די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וועט אַרויסרופן די גרעסטע ענדערונגען אין דער ליטעראַטור.

דער געענדערטער אויסזען פון סאָציאַלן שטייגער ענ־דערט דאָס פּנים פון דער קונסט. נייע צייטן — נייע לידער.

II

די אָקטאָבער־איבערקערעניש איז געקומען אומגעריכט פאַר דער בורזשואַזער אינטעליגענץ. דער מחבר פון דידאָזיקע שורות געדענקט מיט דער גרעסטער דייטלעכקייט, ווי אַזוי דער ערשטער ראַטנצוזאַמענפאָר פון יוני 1917 האָט געלאַכט פון לעניגס דערקלערונג: בלויז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אַליין איז פּעאיק איבערצונעמען די מלוכה־מאַכט. מיט טעאַטראַלישן

יאוש און דעקאָראַטיווע זשעסטן האָט קערענסקי פאַרזיכערט די פאַרזאַמלטע, אַז אַזאַ פּאַרטיי עקזיסטירט נישט. „מיר וועלן זיך דערוועגן" — אָט דאָס איז געווען דער זינען פון לעבינס דערקלערונג, — און עטלעכע מינוט, וועלכע זענען מיר פאָרגעקומען זייער לאַנג, האָט דער צוזאַמענפאָר זיך נישט געקענט באַרואיקן פון דער פריילעכקייט, וועלכע האָט אים אַרומגעכאַפּט.

ס'איז נישט אַדורך קיין פינף חדשים פון טאָג פון יענער זיצונג — און די מאַכט איז געווען אין די הענט פון די באָלשעוויקעס. מ'האָט דאָס נישט געוואָלט גלויבן. אָבער נאָך אָקטאָבער איז נישט געווען קיין צייט פון לאַכן, און ווען די מאַכט — אַרומגערינגלט מיט דער פיינטלעכקייט פון דער אינטעליגענץ און דעם באַאַמטנטום — איז געצוואונגען געווען זיך נעמען צום טעראָר, איז די גאַנצע בורזשואַזע געזעלשאַפט, פון דער שוואַרצער מאה ביז די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דאָס האָט באַדייט, אַז די קינסטלער און שרייבער זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין פּאָליטישן קאַמף.

ס'איז אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט נאָכצופאָרשן, ווי אַזוי דאָס לעבן האָט געלערנט די פאַרביסנסטע עסטעטן, די דיכטער, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז זיי זענען געבוירן פאַר „קלאַנגען זיסע", זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ליידנשאַפטלעכע פּובליציסטן. קינסטלער, וואָס זענען פאַרנומען געווען מיט די אינטימסטע סיוזשעטן האָבן פאַרלאָזן די טורעמס פון עלפאַנטביין, באַאומרואיקטע אין זייער איינזאַמקייט.

דערדאָזיקער ליטעראַרישער פּעריאָד — דער ערשטער יאָר נאָך אָקטאָבער — פאָדערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. מען קען אים כאַראַקטעריזירן אַלס אַ פּעריאָד פון שאַרפער שנאה פון דער ליטעראַטור צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. ערשט נאָכדעם, ווי עס וועט אויסגעפאָרשט ווערן די געשיכטע פון דער זשורנאַליסטיק און בכלל פון דער גאַנצער פּרעסע פון דאָזיקן יאָר, וועט מען זיך קענען מאַכן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער שנאה, וועלכע די אַלטע ליטעראַטור האָט געשפּירט צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די וועכנט-

לעבע און דיקע זשורנאַלן, די צייטונג, דאָס בוך און די בראָשור, מינדלעכע באַריכטן און עפנטלעכע לעקציעס — אַלץ איז מאָביליזירט געוואָרן קעגן איר. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס דער טעראָר, מיט וועלכן די רעוואָלוציע האָט זיך פאַרטיידיקט, האָט אויך געטראָפן די ליטעראַטור. צוזאַמען מיטן אַלטן הערשנדיקן קלאַס האָט אויך גענומען אַוועקגיין די אַלטע ליטעראַטור. זי איז שוואַכער געוואָרן און איינגעגאַנגען נישט נאָר פון די קלעפּ, וועלכע זי פלעגט באַקומען אין קאַמף, נישט נאָר פון די מאַטעריעלע ליידן, וועלכע האָבן געפּלאָגט דאָס גאַנצע לאַנד. איר באַוווסטזיין איז געווען דעזאָרגאַניזירט. די „אידעאָלאָגיע" האָט איבערגעלעבט אַ קאַטאַסטראָפע. — דאָס איז געווען די שרעקלעכסטע פּרוווּנג פון דער בורזשואַזער קונסט. די מאַנגל אין פּאַפּיר און טיפּאָגראַפישע שוועריקייטן, וואָס האָבן מיט יעדן חודש אַלס שטאַרקער צוזאַמענגעדריקט די ליטעראַרישע מעגלעכקייטן, זענען געווען אַ צווייטראַנגיקער מאָמענט.

די בורזשואַזע ליטעראַטור האָט גענומען אַראָפּגיין פון דער סצענע. אַוועקוואַרפנדיק דעם מאָדערנעם היינט, האָט זי, לויט בריוסאָווס אַ וואָרט, אַוועקגעוואַנדערט אין „די יאָרהונדערטן פון שווייגן און קברים, אין די געהיימניספול-פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן". אין די יאָרן, ווען די וועלט האָט געציטערט, איז באָריס זייצעוו אַוועק אין איטאַליענישן מיטלאַלטער, צו די העלדן פון רענעסאַנס, די שרייבערס, וועלכע האָבן עמיגרירט אויף יענער זייט פון פייערדיקן קרייז, האָבן אַ לאַנגע צייט פאַרגעסן וועגן קינסטלערישן שאַפן: מיר ווייסן, סאַראַ פּרוכטלאָז פייגנבוים עס זענען געווען די רוסישע בעלעטריסטן אין דער עמיגראַציע. פּונקט ווי זייצעוו האָבן זיי אַלע געווענדט זייערע קינסטלערישע בליקן הינטער זיך: מערעזשקאָווסקי איז אַוועק קיין בבל, קיין מעסאָפּאָטאַמיע, קיין עגיפּעט. אַלדאַנאָוו — אין דער עפּאָכע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אי. בונין, דער גרעסטער קינסטלער פון אַלטן רוסלאַנד, וואָס האָט איינגעהיט די קאָנצענטרירטע קראַפט פון וואָרט, האָט נאָך אַ לאַנג-יאָריקן שווייגן געגעבן אַ פּאָר שטאַרקע זאַכן, וואָס האָבן גאָרנישט צוגעגעבן צו זיינע פריערדיקע ווערק: סיי טעמאַטיש,

סיי סטיליסטיש וואָרצלען זיי אין עבר. דערדאָזיקער שרייבער לעבט מיט די דערינערונגען פון אַ תּקופה, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט אומקערן. אָבער צי דען קען די קונסט אָטעמען מיט דער לופט פון דער פאַרגאַנגענהייט? וועגן די איבעריקע מעג מען זאָגן, אַז אָדער זיי האָבן בכלל פאַרלאָרן וועלכע-נישט-איז שאַפונגס-פעאיקייטן, ווי מ. אַרציבאַשעוו, אָדער זיי זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין שנאה, ווי ל. אַנדרעעוו, ז. גיפּיוס, אַ. קופּרין.

די רעוואָלוציע איז געוואָרן דער פּרוביר-שטיין: פאַר אָדער קעגן? די לייזונג פון דערדאָזיקער פראַגע האָט באַשטימט דעם גורל פון דער ווייטערדיקער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג. דער פּאָליטישער מאָמענט האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור, ווי אין דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע.

דעריבער טאַקע איז די וויכטיקסטע פּראָבלעם אין דער בורזשואַזער ליטעראַריש-קריטישער זשורנאַליסטיק פון די יאָרן 1920—1923 געווען די פּאָליטישע פּראָבלעם. עס האָט נישט געראַטעוועט פון איר נישט די אינערלעכע, נישט די אויסערלעכע עמיגראַציע. די רעוואָלוציע איז געשטאַנען ביים שוועל פון יעדן הויז און צודרינגלעך געשטעלט די פראַגע: „מיט וועמען ביסטו? מיט מיר אָדער קעגן מיר?"

III

די בורזשואַזע זשורנאַליסטיק פון די ערשטע יאָרן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע מאַכט באמת אַ נעבעכדיקן איינדרוק. און נישט דערפאַר, ווייל דאָס פּאַפּיר איז געווען גרוי און דער דרוק — עקלהאַפט: די מעלות פון ליטעראַטור זענען נאָך קיינמאָל נישט געמאָסטן געוואָרן מיטן איכות פון דעם פּאַפּיר. עס איבערראַשט די אָרעמקייט פון געדאַנק, דאָס נישט באַגרייפן די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר די אויגן. דאָ איז געקומען צום בולטן אויסדרוק די טראַגעדיע פון אַ קלאַס, וועלכן די געשיכטע האָט פאַראורטיילט: זיינע פּאָליטישע פאָרשטעלונגען זענען געווען פאַלש, מיט זייער

הילף האָט מען נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאַר אַרום און אַרום. בלעטערט דורך די פאַרגעלטע בלעטער פון „וועסטניק ליטעראַטורי", „לעטאָפּיסי דאָמאַ ליטעראַטאָראָוו" אָדער „ליטעראַטורניע זאַפּיסקי", — סאַראַ פּחדנישע קעגנער, שאַפט עס טראָגט זיך פון די פּרוּוון צו זאָגן אַן „אייגן" וואָרט קעגן דער רעוואָלוציע.1)

אין דער שווינדזיכטיקער פּובליציסטיק פון דידאָזיקע זשורנאַלן קען מען דערקענען אַלע פּראָצעסן, וועלכע עס זענען פאָרגעקומען אין די אינטעליגענטישע קרייזן. העכער פאַר אַלע לאָזן זיך הערן אויף די פאַרגעלטע בלעטער די טיפּסטע יאוש-טענער. די בורזשואַזע אינטעליגענץ, וועלכע האָט דערזען דעם חורבן פון יענעם קלאַס, וואָס האָט געבילדעט די אידעאָלאָגישע און מאַטעריעלע באַזע פון איר שאַפן, האָט גענומען איבערשאַצן איר פריערדיקע באַציאונג צום פאָלק, צום המון, צו דער מאַסע.

פאָלקסליבשאַפט איז דאָך געווען דער טראַדיציאָנעלער שטריך פון דער רוסישער אינטעליגענץ. דער פאַרשטאָרבענער פּראָפ. ס. א. ווענגעראָוו האָט באַטראַכט פאַר דער כאַראַקטעריסטישער אייגנשאַפט פון דער רוסישער ליטעראַטור איר העלדישע מסירות-נפשדיקייט, איר לערער-ראָלע. ער האָט דעמדאָזיקן שטריך באַמערקט אפילו דאָרט, וו ער איז גאָרנישט געווען, — אַזוי בלינד האָט ער געגלויבט אין זיין טעזיס. אין דאָזיקן זינען זענען ס. א. ווענגעראָווס היסטאָריש-ליטעראַרישע אַרבעטן אַ טיפּישער מוסטער פון דער רוסישער אינטעליגענטישער האַלב-פּובליציסטיק, האַלב-וויסנשאַפט. די אינטעליגענץ אַלס באַשיצערין און אַפּוטרופּוס פון פאָלקס-פּיין, „וואָס גיט אָפּ פאַרן פאָלק איר נשמה" — אָט דידאָזיקע קאָנצעפּציע איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער גרעסטער מערהייט פון דער רוסישער אינטעליגענץ. אויף דערדאָזיקער קאָנצעפּציע האָט זיך דערצויגן דער בעל-תשובהדיקער אַדלשטאַנד, פון איר איז אויסגעוואַקסן די „נאַראָדניטשעסטוואָ".

און אָט איז פאָרגעקומען אַן אומגליק, אַ קאַטאַסטראָפע, אַ קאַטאַקליזם: דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער „נאַראָדנישער" אינטעליגענץ. די „נאַראָדנישע" אינטעליגענץ

האָט, נאַטירלעך, זיך געמוזט אַנטוישן אינם פאָלק. אָט דאָן האָט דאָס דער פירער פון די נאַראָדניקעס, דער בשעתו באַקאַנטער וויקטאָר טשערנאָוו, דערקלערט, אַז נאָך דער רעוואָלוציע הערשט אין רוסלאַנד נישט דער „דעמאָס", נאָר דער „אָכלאָס", דאָס הייסט, נישט דאָס פאָלק, נאָר דער פעבל, און דעמזעלבן געדאַנק האָט נאָך פריער געלאָזט אין גאַנג זיין חבר לויט דער פּאַרטיי, אויך אַ נאַראָדניק, אַלעקסאַנדער פיאָזאָראָוויטש קערענסקי, ווען ער האָט גערעדט וועגן בונט פון קנעכט. דאָס ספינקס-פאָלק, דאָס גאָטטרעגער-פאָלק, „דאָס פאָלק, וואָס דערשטוינט מיט זיין סבלנות" איז נישט געגאַנגען נאָך זיינע פּראָפעסיאָנעלע באַוויינער און אַפּוטרופּסים, ווען עס האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די אייגענע פיס. דאָס האָט זיי שרעקלעך געקרענקט. זיי האָבן זיך געפילט באַליידיקט אין זייערע בעסטע געפילן („צי דען האָבן מיר דיך נישט ליב געהאַט!").

דעריבער קלינגען טענער פון ביטערסטער נידערשלאָגנקייט אויף די זייטלעך פון כמעט אַלע אינטעליגענטישע שריפטן, אויף וויפל זיי האָבן אַ שייכות צום פאָלק. און דידאַזיקע טעמע איז געווען אַ צענטראַלע.

אָט ליגט פאַר אונז, למשל, דער אַרטיקל פון א. פעטרישטשעוו „דער פאַרגעסענער יאָרטאָג". איינער פון די זיילן פון דער נאַראָדנישער „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ", אַ רעדאַקציע-מיטגליד פון דאָזיקן זשורנאַל, דער מחבר פון די רעגולערע איבערזיכטן פון אינערלעכן לעבן, — האָט א. פעטרישטשעוו זיין גאַנץ לעבן זיך באַמיט דורך די ברילן פון דער נאַראָדנישער וועלט-אָנשויאונג צו לייזן די רעטעניש פון „ספינקס". די אויפריכטיקייט פון זיין געפיל צום „פאָלק" — פאַרשטייט זיך, פון אַ פריציש-גאוהדיקן, אַ לערעריש-פּראַטעזשירערישן — ליגט מחוץ פון יעדער ספק. אַ קליינקייט — אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך געפילט ווי אַ פירער, אַן אָנפירער פון פאָלקס-אַנטוויקלונג, אַ באַשיצער פון „יינגערן ברודער". אויף אַ. פעטרישטשעווס פאָן איז דאָך געווען אָנגעשריבן: „אַלץ פאַרן פאָלק, אַלץ דורכן פאָלק". אָבער גיט אַ קוק, סאַראַ שוידערלעכע

זאָכן עס שרייבט דערזעלבער א. פעטרישטשעוו אין אַרטיקל, וועלכן כ׳האָב אויבן דערמאָנט.

קודם כל וויל ער באַגרייפן דעם פאָרגעקומענעם ריס צווישן דער „אינטעליגענץ" און דעם „פאָלק", דערקלערן די קאַטאַסטראָפע, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דער אינטעליגענץ. ער טוט דאָס מיט דער הילף פון פאָלגנדיקע באַטראַכטונגען.

„...ביי יעדן פאָלק, — לייענען מיר, — ווערט געבוירן אַ געוויסער פּראָצענט מענטשן מיט אַן אינטעלעקט, וואָס שטייגט איבער די מיטלמעסיקייט, — אויב איר ווילט איז דאָס דיזעלבע אומנאָרמאַלקייט, ווי דער מאָראַלישער אידיאָטיזם, נאָר זי איז געווענדעט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. צוליב אומאָפּהענגיקע באַדינגונגען קענען איינצלנע פאָרשטייער פון דאָזיקן מין זיין פּונקט אַזוי נישט געבילדעט ווי טאָלסטאָי׳ס אקים. אָבער אויב מען רעדט נישט וועגן איינצלנע פאָר-שטייערס, נאָר בכלל, מוז מען מודה זיין, אַז די דאָזיקע גרופּע באַזיצט דעם גרעסטן וויסן, ווייל איר איז אייגן דער העכ-סטער דאָרשט און לײדנשאַפטלעכקייט פון זוכן. אין דעם אינטעלעקטועלן איבערבוי איז זי שטאַרק, נויטיק, מ׳קען זי נישט באַזייטיקן. אָבער אָפט איז זי קינדיש-הילפלאָז דאָרט, וווּ עס פאָדערן זיך האַנדלונגען, וואָס אַנטשפּרעכן דער זאָאָ-לאָגישער באַזע. קאָלומבוס איז נויטיק, כדי צו אַנטדעקן אַמעריקע. אָבער ווען מען וויל זי עקספּלואַטירן, זעצט מען קאָלומבוסן צוועקמעסיק אַרויף אויף דער קייט, און פון דער קייט לאָזט מען אַראָפּ די קאָנקוויסטאַדאָרן: דאָ זענען שוין נויטיק קאָרטעץ און פּיזאַרראָ.

דורך די מענטשן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן הויכן אינ-טעלעקט ווערט פּאָרמירט, צוגעגרייט און באַלויכטן דער צאָרן פון דער נאַציע, עס ווערט צעשטערט די מאַכט פון די אָפּגעלעב-טע טראַדיציעס, וואָס האַלט אויף די אַנטוויקלונג פון די מאַסן. אָבער ווען די דאָזיקע אינטעלעקטועלע אויפגאַבע איז פאַרענ-דיקט און דער צאָרן פלאַקערט אויף און צעוואַקסט זיך ביז מיסטישע טענץ-עשאַפאָטן, דאַן זענען אמתליבהאָבער און אמת-זוכער נישט נאָר נישט נויטיק, נאָר זיי שטערן פּאָזיטיוו דער „הער-שאַפט פון פאַרשטאַנד", וואָס גיט אָפּ געזעלעכע פאַרערונג

גילאָטענס דערפינדונג. דאָס איז דער פאַרשטאַנד פון סאַנטשאָ פאַנסאַ, וואָס איז פּערזענלעך געוואָרן אַ וואַנדערנדיקער ריטער, אַ סאַנקיולאט און וואָס פאָדערט, אַז איצט זאָל דאָן־קיכאָט ווערן זיין וואָפּנטרעגער. און היות דידאָזיקע פאָדערונג איז אָרגאַניש אוממעגלעך אויסצופירן, דערקלערט מען די דאָן־קיכאָטן אַלס בוגדים און מ׳שיקט זיי אויף דער גילאָטינע. דערנאָך, אומגעפער אין אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק אַרום, פאַרשרייבן די צעשלאָגענע און האַלב־פאַרווילדעטע מענטשן די אומגעקומענע „אידעאָלאָגן“ און „דאָקטרינערן“ אין דער רשימה פון די הייליקע, די קברים זייערע רינגלען זיי אַרום מיט פּיעטעט, און צו די לעבנגעבליבענע גייט מען זיך לערנען, מאַסקירנדיק מיט איראָניע די אייגענע פאַרשעמטקייט.

אויב מיר ווילן, אַז דאָס וואָרט א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ זאָל האָבן אַ וועלכן־נישט־איז באַשטימטן זינען, דאַרף מען מיט אים, לויט מיין מיינונג, באַצייכענען בלויז דעם מין מענטשן, וועלכע זענען באַשאָנקען מיט אַן אינטעלעקט, וואָס שטייגט אַריבער דעם נאָרמאַלן דורכשניט“.

וואָס זאָגט איר, סאַראַ אומקער פון „נאַראָדניטשעסטוואָ“ צו אַ טעאָריע פון אַ „העכערער ראַסע“! דוקא דערדאָזיקער „ראַסע“ דאָן־קיכאָטן מיט אַ אינטעלעקט, „וואָס שטייגט אַריבער דעם דורכשניט“ האָט דאָס רוסישע פאָלק, — און צוזאַמען מיט אים די מענטשהייט, — צו פאַרדאַנקען אַלע אידייען, „די הויכע און שיינע“, וועלכע האָבן מיטגעריסן נאָך זיך די מאַסן אויפן וועג צו באַפרייאונג! זיי, די מענטשן פון דער „העכערער“ ראַסע, גרייטן צו, פאָרמירן און באַלויכטן דעם צאָרן פון דער נאַציע! און ווען די נאַציע, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן דורך די מענטשן פון „הויכן“ אינטעלעקט, טרעט אַרויס אויף דער סצענע אַלס האַנדלענדיקע פּערזאָן, גיט זי אין קאַרק אָדער זי שיקט אויף דער גילאָטינע די „אמתליבהאָבער און אמתזוכער“, די דאָן־קיכאָטן פון דער מענטשהייט. שפּעטער וועלן זיך די פאַרווילדעטע סאַנטשאַ פאַנסאָס כאַפּן וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן, זיי וועלן זיך דערמאָנען דעם נאָמען פון זייער באַלעבאָס, ווידער באַצירן מיט לאָרבער־קרענץ די דאָן־קיכאָטן, זיי וועלן זיי דערקלערן

אַלס הייליקע, וועלן זיי פאַרערן, וועלן זיך ווידער לערנען בײַ זיי די פאַרגעסענע ווערטער, אָבער דערווײַל... דערווײַל בלײַבט איבער די דאָן־קיכאָטן נישט מער ווי שאַפן טעאָריעס וואָס זאָלן זײַן אַ זיסע טרייסט אין זייער ביטערן גורל.

ס'איז איבעריק צו דערווײַזן, אַז דידאַזיקע טעאָריע, דורך און דורך אַ לירישע, האָט גאַנץ קנאַפּ איבערצייגט אַפילו אַ. פעטרישטשעוון אַליין און זײַנע פרײַנט. אָבער פאַרן קרייז אינטעליגענטן, וואָס זייער שיף איז אונטערגעגאַנגען, איז געווען כאַראַקטעריסטיש די נײַע שטימונג פון „גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם", וועלכע די האָבן פּלוצלונג דערשפּירט אין זיך. 2)

דער געפיל פון דער אייגענער גייסטיקער העכערקייט, פון שטאָלצער איינזאַמקייט, ווי אויך די באַפרייאונג פון דער אַלטער „נאַראָדניטשעסטוואָ" איז אויסגעדריקט געוואָרן אויף איינעם פון די דיספּוטן וועגן דעם זאַמלבוך „סמענאַ וועך". „אַ לויב צו גאָט, — האָט אויסגערופן איינער שוין אַ גראָער שרײַבער, — מיר האָבן נישט מער קיין שום פליכטן לגבי דעם פאָלק ז" קאָמענטירנדיק דעמדאָזיקן געדאַנק, באַמערקט איינער ק. באָזשענקאָ:

„...מען רעדט וועגן דעם גאַנץ ערנסט: אָן דער מינד־סטער איראָניע, אָן שאָדנפרייד אָדער נצחון־געפיל, — אַזוי ווי מ'רעדט, למשל, וועגן די טאָג־טעגלעכסטע, ווינציק־אָנרירנ־דיקע פראַגעס".

דער מחבר פרעגט, אמת, אָפּ דידאָזיקע ראַדיקאַלע אי־בערשאַצונג פון דער אינטעליגענטישער באַציאונג צום פאָלק. ער איז אפילו איבערצייגט, אַז דער אָפּזאָג אויסצופילן דעם „חוב" לגבי דעם פאָלק איז גלייכצייטיק אַ „טויט־אורטייל" איבער דער „פאַרגאַנגענהייט" פון דער אינטעליגענץ און אַן אָפּזאָג פון דער הערלעכער צוקונפט. אָבער ק. באָזשענקאָס דערווידערונגען האָבן געקלונגען שוואַך און הילפלאָז. אין דעם איז דאָך טאַקע די גאַנצע זאַך, וואָס דער „אָפּזאָג" איז גע־ווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מערהייט. אַלס הערשנדיק האָט זיך אַרויסגעוויזן גראָד די שטימונג פון גייסטיקן אַריסטאָק־

ראַטיזם, פון פאַראַכטנדיקער גאוה צום „המון", וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער „טראַדיציע-מאַכט".

אָבער דער עיקרדיקער אומגליק פון דער אינטעליגענץ איז דאָך געווען נישט נאָר דאָס איבעררייסן מיטן פאָלק; די אויפריכטיקסטע אינטעליגענטן האָבן איינגעזען, אַז דער עיקר באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי דידאָזיקע אינטעליגענץ טראָגט אַריבער אירע שווערע פּרוּווּנגען. די רעוואָלוציע, וועלכע זי האָט גערופן, פאַר וועלכער זי האָט אָרגאַניזירט דעם פאָלקס באַוווּסטזיין איז — ענדלעך! — געקומען. דאָס האָט דאָך די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ נישט געלאָזן אָפּקילן די אומ-צופרידנקייט, וואָס האָט זיך געקליבן אין די פאָלקס-מאַסן. דאָס האָט זי דאָך געגעבן אַ פאָרם דערדאָזיקער אומצופרידנ-קייט, אָנגעוויזן די צילן און, דער עיקר, אָנגעצייכנט די מיטלען פון קאַמף און נצחון. אָבער ווען די „טרוימען" זענען געוואָרןווירקלעכקייט זענען זיך די וועגן פון די דאָן-קי-כאָטן און פון די סאַנטשאָ פאַנסאַס — פון דער אינטעליגענץ און פון פאָלק — צעגאַנגען. די רעוואָלוציע האָט זיך פאַר דער אינטעליגענץ פאַרוואַנדלט אין אַ „שווערן יאָר פון אַ סטיכישן קאַטאַקליזם" — לויטן אויסדרוק פון וואַס. אי. נעמיראָוויטש-דאַנטשענקאָ.

דער באַנקראָט פון דער אינטעליגענץ איז בולט געשיל-דערט אין איינעם פון די אַרטיקלען פון „וועסטניק ליטעראַ-טורי" פון 1921 (№ 9/33). דער אַרטיקל טראָגט דעם נאָמען „נעקראַסאָוו און מיר". קיין אונטערשריפט האָט ער נישט. דאָס הייסט, אַז דער אַרטיקל דריקט אויס דעם קאָלעקטיוון קוק פון דער רעדאַקציע.

„...שווער זענען די פּרוּווּנגען, וועלכע די היינטיקע ווירק-לעכקייט האָט צוגעגרייט פאַר אונז, די פאָרשטייער פון דער פיל-געפּרוּווטער רוסישער אינטעליגענץ. קודם כל האָבן זיך אויף אונזערע קעפּ אַ שאָט געטאָן מאַטעריעלע מאַטערנישן. אויך פריער פלעגן מיר האָבן וואַסער אויף קאַשע, פונדעסטוועגן אָבער האָבן זיך ווייט נישט אַלע געפילט אַלס אָרעמעלייט. איצט אָבער שטייען מיר פּנים אל פּנים מיט אמתער אָרעמ-קייט, ווייל די גייסטיקע אַרבעט גיט אונז אַ פאַרדינסט, וואָס

איז אַ סך מאָל קלענער פאַר יענע גראַשנס, וועלכע עס פלעגן אין פריערע צייטן באַקומען נישט נאָר שווייצאַרן און סטרוזשעס, נאָר אַפילו שוואַרצאַרבעטער. כדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער, פאַרקויפן מיר און בייטן אויס דאָס סאַמע לעצ־טע. די מערהייט פון אונז האָט נישט קיין גוטע שיך און קיין אָנשטענדיקע מלבושים. עס איז דערפילט געוואָרן דעם דיכ־טערס וואָרט:

„ווי צו אייך, ווי, איר עלנטע קעפּ,

„געוועזן אָפּגעריסן, וועט איר זיין נאַקעט־הייל!"

און וויפל פון אונז זענען אומגעקומען אין די לעצטע יאָרן!

אָבער פון הונגער און קעלט ליידט בלויז דער קערפּער.

דער טראַגיזם אָבער פון אונזער לאַגע באַשטייט אין דעם, וואָס ווי גרויס עס זאָלן נישט זיין די קערפּערלעכע ליידן, וואָס זענען אויסגעפאַלן אויף אונזער גורל, פאַרשווינדן זיי לגמרי אין פאַרגלייך מיט די גייסטיקע ליידן. אָנגעהויבן האָבן זיך די דאָזיקע גייסטיקע ליידן מיטן אָנהויב פון דער נייער תקופה אין רוסישן לעבן, אַ תקופה, וועלכע עס האָט געשאַפן די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917־טן יאָר. מיט וואָס פאַרא באַגייס־טערונג האָט די אינטעליגענץ באַגריסט די רעוואָלוציע, ווי פלאַם.פייערדיק האָט זי געגלייבט, אַז זי וועט אַ סוף מאַכן צו איר אָפּגעריסנקייט פון פאָלק. און סאַראַ ביטערן טעות זי האָט געהאַט, ווי שנעל זי האָט זיך געקענט איבערצייגן, אַז אירע האָפנונגען געפינען נישט קיין מיטפילנדיקן אָפּקלאַנג ביים פאָלק, אַז דאָס פאָלק שטעלט די אינטעליגענץ אויף איין ברעטל מיט די „עקספּלואַטאַטאָרס", „בורזשויען" „פּריצים", און עס באַציט זיך דעריבער צו איר מיט אָפענער פיינטשאַפט.

דריי יאָר בירגער־קריג און צוזאַמען דערמיט אַזעלכע דער־שיינונגען, ווי „פּאַסקערייי", „שמוקלער", אַלערליי אַרטן „ספּע־קולאַציעס" האָבן געצוווּנגען די אינטעליגענץ צו ענדערן איר קוק אויפן פאָלק. די אַנטוישונג אין פאָלק איז ביסלעכווייז גע־וואָרן אַן אַלגעמיינע דערשיינונג, און נאָך דער אַנטוישונג אין פאָלק האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט קומען, — און זי איז טאַקע געקומען, — די אַנטוישונג אין זיך.

אויב מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק טועה געווען אין אונדער קוק אויפֿן פֿאָלק, אויב די נאָך-רעוואָלוציאָנערע ווירקלעכקייט האָט אין אַזאַ מאָס אָפּגענאַרט אונזערע דערוואַרטונגען... טויגן מיר אַליין אויך אויף גאָרנישט נישט, אויף וויפֿל מיר פּרעטענדירן אויף דער ראָל פֿון „בויער פֿון נייעם בנין", פֿון אויסזוכער פֿון נייע וועגן. די אַנטוישונג אין זיך איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער צוליב דעם, וואָס מיר האָבן אַלץ אָפּטער און אָפּטער צוגעזען, ווי דער שמוציקער שטראָם פֿון „פּאַסקערײַ" און געלטגיריקייט האָט אַסך פֿון אונז אַוועקגעריסן אין איר שטינקנדיקן תהום... פֿאַר די, וועלכע ער האָט אַוועקגעריסן, איז שוין נישטאָ קיין רעטונג. די לעסטערונג פֿון אַ הייליקטום ווערט נישט פֿאַרגעבן. נישטאָ עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קענען אויסקויפֿן די זינד פֿון אַ גייסטיק-און מאָראַליש-אַנטוויקלטן מענטשן, וועלכער האָט זיך באַוווסטזיניק באַהעפֿט צו די, וועלכע „קרייציקן זייער קריסטוסן, פֿאַרקויפֿן זייער מוטערלאַנד."

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זייער אַ סך זענען נישט „בײַגעשטאַנען דעם נסיון", האָבן פֿונדעסטוועגן נאָך מער אים יאָ בײַגעשטאַנען. אָבער בײַשטיין דעם נסיון פֿון „פּאַסקערײַ" הייסט נאָך נישט, אַז מ'האָט אויפֿגעהערט צו זיין אַנטוישט סיי אין זיך, סיי אין פֿאָלק. אָבער טראָגן אין זיך די דאָזיקע טאָפּלטע אַנטוישונג, הייסט: טראָגן דעם טויט אין דער נשמה. אָן גלויבן אין פֿאָלק, אָן גלויבן אין זיך איז אוממעגלעך יעדע שעפֿערישע אַרבעט אויף צו שאַפֿן נייע לעבנס-פֿאָרמען. עס בלייבט בלויז איינס, — אָפּלאָזן די הענט און איבערגעבן זיך און דאָס היימלאַנד אויפֿן באַראָט פֿון די באַדינגונגען.

IV

פֿאַרשטויסענע ליבהאָבער פֿון דער רעוואָלוציע, האָבן זיי פֿאַרשאָלטן זייער נעכטיקן אָפּגאָט, אים אָנגערופֿן „המון", „נידעריקע ראַסע" און אין שטאָלצער איינזאַמקייט, מיטן באַוווסטזיין פֿון זייער פֿרעכטיקער העכערקייט, וועלכע איז — אַ וויי! — קיינעם נישט נויטיק געווען, האָבן זיי גענומען אי-

פֿערשאַצן די אַלטע ווערטן אין דערוואַרטונג פֿון בעסערע צייטן. אָט דאָ האָבן גענומען אויסוואַקסן די „וועג-ענדערונגען" אין די פֿאַרשיידנסטע ריכטונגען. איינע, די לעבנספּעאיקסטע, האָבן געביטן דעם „וועג" אין דער זייט פֿון דער רעוואָלוציע, זיך באַמיענדיק אָנצויאָגן דעם אַוועקגייענדיקן צוג. די אַנדערע זענען, פֿאַרקערט, געגאַנגען הינטער זיך, אָפּטרייסלענדיק פֿון די פֿיס דעם שטויב פֿון דער „נאַראָדנישער", סענטימענטאַלער צוקונפֿט, איבערשמידנדיק דעם ווילן און די געפֿילן לויט אַנדערע מוסטערן. דידאָזיקע ענדערונגס-פּראָצעסן פֿון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ זענען אויפֿגעוויזן געוואָרן אין אַ אַרטיקל פֿון איינעם ס., „וועלכער איז אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד". אָפּגעדרוקט אין דער אויסלענדישער „רוססקאַיאַ מיסל", גיט ער נישט קיין שלעכטע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין געוויסע שיכטן פֿון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ.

מיט אַ גאַנץ דאָקטאָראַלן טאָן דערציילט דער מחבר לויטן סדר, ווי אַזוי די „אינטעליגענץ" קוקט אויף די סיבות פֿון דער רעוואָלוציע, אויף זיך אַליין, אויף איר צוקונפֿט, אויף דער צוקונפֿט פֿון רוסלאַנד בכלל און די באָלשעוויקעס בפרט, אויפֿן פֿאָלק, אויף דער מלוכה און נאָך אויף אַ גאַנצער ריי הויכע און שיינע זאַכן. עס באַקומט זיך אַ מין בייער וועגווייזער אויפֿן געביט פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ, אין וועלכן מ'קען איינזען געוויסע פּונקטן, וועלכע שליסן אָפּ דעם לאַנגן וועג פֿון איר אַנטוויקלונג. דער בירגער ס. איז, אָן ספק, זייער אַ קוואַליפֿיצירטער „אינטעליגענט," זיינע באַציאונגען מיט פּונקט אַזעלכע, ווי ער, „איידל" און „קריטיש-דענקנדיקע" הערן שטייען מחוץ יעדן ספק. זיין אינפֿאָרמאַציע באַזירט אַזוי אַרום אויף די ערשטע קוועלן. דאָס, וואָס איז געווען פֿאַרבאָרגן פֿון באַאָבאַכטער פֿון היינטצייטיקן אידעאישן איבערברוך, איז אין ס.'ס אַרטיקל דערציילט, הגם נישט גענוי' אָבער מיט אַ קלאָרקייט, וואָס דערלאָזט נישט קיין ספקות, נישט קיין פֿאַלשע אויסטייטשונגען.

דאָ איז נויטיק צו מאַכן אַ וועזנטלעכע באַמערקונג. דער בירגער ס. איגנאָרירט, ווייזט אויס, די צעפֿאַלונג פֿון דער אינטעליגענץ אויף פֿיינטלעכע גרופּעס; דער בירגער ס.

ווייל אַ טייל פון אַ גאַנצעס אויסגעבן פאַר דאָס גאַנצע און דערציילנדיק וועגן די שטימונגען פון זיין „קרייז״ מענטשן, דערציילט ער דאָס אין נאָמען פון דער גאַנצער „רוסישער אינטעליגענץ.״ אַ לאָגישע אומריכטיקייט, וועלכע זאָגט עדות אָדער וועגן דער גרויסער ביינוויליקייט פון בירגער ס., אָדער וועגן זיין גרויסער באַגרענעצטקייט.

מיט אַ פאָרשטייער פון וועלכן „קרייז״ פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָבן מיר דאָ פאָרט צו טאָן?

דעמדאָזיקן קרייז קען מען כאַראַקטעריזירן מיט טרעפלעכע ווערטער, וועלכע עמיץ האָט געלאָזן אין גאַנג — „אינערלעכע עמיגראַציע״. דידאָזיקע באַשטייט פון מענטשן, וואָס האָבן אויפן פאַרביסנסטן אופן פיינט געקריגן ראַטנרוסלאַנד און עקשנותדיקער פאַר אַנדערע אים אָפּגעזאָגט אין זייער מיטגעפיל. האָבנדיק אין אירע רייעס פאָרשטייער פון די אַזויגערופענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען — עסערן, פאָלקס־סאָציאַליסטן, מענשעוויקעס, ווי אויך קאַדעטן און אָקטיאַבריסטן, נישט באַרירנדיק אויך מיט „געוועזענע״ שוואַרצמאהניקעס, האָט דערדאָזיקער געמיש פון די רעשטלעך פון דער פאַרוויסטעטער בורזשואַזיע, פריצים און באַאַמטע געבילדעט יענע סביבה פון עלעמענטן, וואָס זענען פיינטלעך צו דער רעוואָלוציע, און זי האָט אין אַלגעמיין — הגם זי איז געווען פאַסיוו — גענערט די אַקטיווע קאָנטר־רעוואָלוציע אין דער רעפּובליק גופא.

אָנהאַלטנדיק אַ קאָנטאַקט מיט דער אויסלענדישער עמיגראַציע, שיקנדיק איר לופט־קושן, אָנפילנדיק אירע רייען מיט „גליקלעכע״, ענלעכע צום בירגער ס., האָט דידאָזיקע סביבה דורכגעשטופּט אַ טאָג נאָך אַ טאָג, דערוואַרטנדיק מיט יעדן נייעם מאָרגן אַ „וווּנדערלעכע״ אויסלייזונג פון די באָלשעוויקעס און טרייסטנדיק זיך מיטן באַוווסטזיין, אַז זי איז פאָרט געבליבן די היטערין פון די „אוראַלטע״ אינטעליגענטישע טראַדיציעס. מיר האָבן דאָ פאַר זיך, אַזוי אַרום, די פעסטסטע גרופּע פון דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, וועלכע איז נישט באַרירט געוואָרן דורך קיין שום „קריזיסן״ און „איבערברוכן״. און אין נאָמען פון דערדאָזיקער גרופּע, וועגן שטימונגען און איבערקערענישן אין איר באַוווסטזיין דערציילט

אונז דער בירגער ס. ביי דער ווייטערדיקער שילדערונג דאַרף דאָס דער לייענער נישט אַרויסלאָזן פון אויג.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער רוסישער אינטע-ליגענץ איז געווען איר געטרייקייט צו די טראַדיציאָנעלע אידעאָלאָגישע שטרעבונגען. זי איז דורך-און-דורך געווען פאָלקס-פריינטלעך און אַרבעטער-פריינטלעך, דערביי האָט די „פריינטלעכ-קייט" תמיד געהאַט אַ סאָציאַליסטישע באַפאַרבונג. דאָס באַדייט: דער הויפּטפּונקט פון דער אינטעליגענטישער אידעאָלאָגיע איז באַשטאַנען אין אַ נעגאַטיווער באַציאונג צו פּריוואַט-אייגנטום, וואָס האָט געדינט אַלס שיידונגס-ליניע צווישן דער קלייןבירגערלעכער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ און דער קאַפּיטאַליסטישער אינטעליגענץ אין עכטן זינען פון דאָזיקן וואָרט. דער בירגער ס. מעלדעט אונז פּלעג-מאַטיש, אַז זיינע פריינט זאָגן זיך אָפּ פון די אַנטציקונגען פון עבר און הויבן אָן איבערצווחזרן די אַלטע תורות, וועלכע עס האָט בשעתו געפּרעדיקט פּיאָטר סטרווע צוזאַמען מיטן פאַרשטאָרבענעם א. מ. ריקאַטשעוון וועגן באַלעבאַטישן פויערל און אַ פעסטן אינדיווידועלן בעל-גוף. אָט וואָס די אינטעלי-געגנטן האָבן גערעדט, לויט די ווערטער פון בירגער ס., וועגן די סיבות פון אונזער רעוואָלוציע.

„אַלץ אָפטער ווערט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, — שרייבט דער בירגער ס., — אַז די עיקרדיקע זאָמען פון דער קראַנק-הייט האָבן זיך געפונען פון איין זייט אין דער פויערשער עדה, און פון דער צווייטער — אין דער שוואַכקייט פון אונ-זער קולטור. דער שאָדן פון דער עדה באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון אַ קלאַס פויערים-בעלי-גופים, וואָס וואָלטן געקענט בילדן אַ פעסטן אָנשפּאַר פאַר דער מלוכהשקייט, און זי האָט געשטערט די קולטורעלע עוואָ-לוציע פון פויערטום, וואָס איז מעגלעך נאָר ביי אַ פערזענ-לעכן, אינדיווידועלן אייגנטום, ווייל בלויז דאָס אייגנטום אַליין קען שאַפן אין מענטשן די אור-פאָרשטעלונג וועגן אַ וואָסער-נישט-איז ווערט בכלל און מאַכן פון אים אַ יחיד, וואָס פאַר-מאָגט אַ פעסטן ווילן, אַ כאַראַקטער און איניציאַטיוו".

אין קעגנזאַץ צו יענער טייל פון דער בורזשואַזער אינ-טעליגענץ, וועלכע האָט געענדערט די ריכטונג „פאַראויס — צו

ראַטנרוסלאַנד!", האָט פאַר אונזערע אויגן אַ צווייטע טייל פון דערזעלבער אינטעליגענץ געענדערט די ריכטונג „צוריק!" — צום סטאָליפּינישן פויערל, צום פערזענלעכן אייגנטום, צום פעסטן באַלעבאָס, דעם דערציער פון איניציאַטיוו, ווילן און כאַראַקטער. אָבער אַזוי ווי אַ רוסישן אינטעליגענט — באַזונדערס ווען ער איז סענטימענטאַל — דאַרף מען נישט דערנערן מיט ברויט, נאָר אים געבן אַ מעגלעכקייט זיך מתודה צו זיין (אויפן מאַרק-פּלאַץ! פאַרן גאַנצן פאָלק!), איז דאָך קלאָר, אַז אָן תשובה איז נישט מעגלעך קיין שום „איבערשאַצונג". דער בירגער ס. דערציילט טאַקע באריכות, ווי אַזוי זיינע פריינט האָבן אין תשובה-ברען גענומען רעווידירן זייערע געוווינהייטן, שטאַנדפּונקטן, געשמאַקן און האָבן איינגעפונען, אַז דאָס טויג אַלץ אויף כפרות, אַז זיי האָבן נישט געלעבט „רעכטפּאַרטיק" און איצט שניידן זיי די פאַרדינטע פרוכט פון זייערע זינד. אין וואָס-זשע זעען זיי זייערע פאַרברעכנס?

„לעצטנס ווייזט מען אָן אַלץ אָפטער, אַז די אידעאישע פעלערן פון דער רוסישער אינטעליגענץ, פון איר געזעלשאַפטלעכן געדאַנק נעמען זיך פון איר אָפּגעריסנקייט פון לעבן, פון איר נישט פּראַקטישקייט, פון איר נייגונג צום אַנאַליז אויפן חשבון פון סינטעז, צו נעגאַציע, אוטאָפּיזם; מ'ווייזט אויך אָן, אַז איר געדאַנק גופא איז אָרים, ד. ה. זי האָט צו שטאַרק ליב פשוטע, נישט קאָמפּליצירטע פאַראַלגעמיינערונגען און סכעמעס, און דערביי פעלט איר לגמרי די אַכטונג צו וועלכע-נישט-איז טראַדיציעס און צו דער פערזענלעכקייט פון מענטשן אין איר גאַנצער פולקייט".

דאָס אַלץ, צוזאַמען גענומען, האָט, ווייזט אויס, געשטערט אין דער ריכטיקער צייט צו באַגרייפן די דערהויבנקייט פון פּרינציפּ: אַ „פּערזענלעכע" ווירטשאַפט און דאָס האָט בעזיכערט דעם נצחון די סאָציאַליסטישע ריכטונגען. דער גיפט פון דידאָזיקע ריכטונגען האָט פאַרסמט דעם באַוווסטזיין פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט ערשט איצט באַגריפן, אין וואָסער תהום זי האָט אַריינגעשלעפּט רוסלאַנד. אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן: די אידייען, מיט וועלכע עס האָט געלעבט דידאָזיקע אינטעליגענץ, „האָבן אין זיך גופא זייט בעלינסקין

פאַרבאָרגן נישט ווינציק באָלשעוויסטישן זאמען", און אויב בעלינסקי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ באָלשעוויק, טאָ וואָס זאָל מען שוין זאָגן וועגן די אַנדערע ?! זיך אָפּבריענדיק מיט בעלינסקין האָבן די אינטעליגענטן גענומען איבערקוקן מיט חשד זייערע אידעאָלאָגישע אוצרות, און ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט: דער קוואַל גופא, וואָס האָט געשטילט דעם דאָרשט פון אַזויפיל דורות, איז פאַרסמט דורך באָלשעוויזם. די פריינט פון בירגער ס. לייקענען, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּ, „די אַדלקייט און שיינקייט" פון אַ סך אַלטע אידעאַלן, אָבער נאָך די פרווונגען, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בעת די רעוואָלוציע-יאָרן אויף די „אידעאַליסטן", האָט זיך זיי גענומען אויסדוכטן, אַז „דידאָזיקע אידעאַלן האָבן שוין געפאָדערט צו פיל קרבנות, זיי זענען צו ווייניק ענלעך געווען צו די אידעאַלן פון מערב-אייראָפּע און זיי האָבן פאַרמאָגט צו ווייניק שכלדיקע פּראַקטישקייט."

אָט דאָס איז — דער עיקר. אין שיין-גייסטיקן רוסישן אינטעליגענט, אין „ברייטהאַרציקן דזשענטלמען", וואָס האָט מיט געפיל דעקלאַמירט פערזן וועגן „פאָלק", „וואָס שטייט אַלץ אויס אין כריסטוס' נאָמען", וועקט זיך אויף נאָך דער רעוואָלוציע אַ מענטש, וואָס דערקלערט, אַז ער וויל נישט ברענגען קיין שום קרבנות, אַז ער וויל עסן און ער בעט, מ'זאָל אים לאָזן צורו! צו אַלדע רוחות!

מיר זאָגן נישט, אַז דאָס איז שלעכט. מיר זאָגן אויך נישט, אַז דאָס איז גוט. מיר קאָנסטאַטירן בלויז דעם פאַקט גופא, וואָס האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון איבערברוך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אונזער בורזשואַזער אינטעליגענץ. זי הויבט אָן קומען צו זיך גראָד פון דער „עגאָאיסטישער זייט", אונטערשטרייכנדיק די אָפּגעזונדערטקייט פון איר פערזענלעכן אינטערעס, אין קעגנזאַץ צו דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ, אין וועמעס פּסיכאָלאָגיע עס באַקומט די אויבערהאַנט דער באַוווסטזיין פון אַלגעמיינעם אינטערעס, פון קאָלעקטיוו, און נישט פון פערזענלעכן נוצן. דידאָזיקע „זעלבסטבאַשטימונג" קומט פאָר אין

דערזעלבער אינטעליגענץ, וועלכע האָט דער גאַנצער וועלט אויפגעוויזן, אַז זי שטייט מחוץ די גרעניצן פון קלאַסן, אַז זי איז פולקאָם אומאָפּהענגיק פון „פּניותדיקע" קלאַסן-טענ-דענצן. אָבער ווערטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט גע-נוגנדיק כּדי צו ענדערן די סאָציאַלע נאַטור פון דער אינ-טעליגענץ...

אַ מיל, וואָס פאַכעט מיטן פליגל,
קען נישט אַוועקפליען פון דר'ערד...

לאָמיר זיך צוהערן, למשל, צו די פאָלגנדיקע „שכל-הישרדיקע" באַטראַכטונגען.

אויפן מערב, — גיט איבער ס. די מחשבות פון די אינ-טעליגענטן, — האָט מען דעם „געזונטן עגאָאיזם, די געזונטע אינדיווידואַליטעט, וואָס אָרגאַניזירט אויף אַ פּריוואַטן אופן די רייכטימער", באַטראַכט אַלס פּאָזיטיווע דערשיינונגען, אָבער די רוסי-שע אינטעליגענץ האָט, פאַרקערט, געלויבט אַלס העראָאיש נאָר אַ פּערזענלעכקייט, וואָס איז פעאיק „צו זעלבסטפאַרלייקענונג אין נאָמען פון גאַנץ-אַבסטראַקטע גרויסשאַפטלעכע אידעאַלן".

די אויספירן זענען קלאָר: נידער מיט דער זעלבסט-פאַרלייקענונג, זאָל לעבן דער עגאָאיזם! צי דען איז דאָס נישט קיין „ריכטונגס-ענדערונג" פון טראַדיציאָנעל-אינטעליגענ-טישן שטאַנדפּונקט! דער זינען פון דער ענדערונג איז לגמרי קלאָר: די אַזויגערופענע „אידעאַליסטישע", „העלדישע" אינטע-ליגענץ האָט דורכגעמאַכט אַ מעטאַמאָרפאָזע, זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „אַמעריקאַנער", אין אַ „ביזנעס-מאַן", אין אַ דערווערבער, אין אַ קאָמיוואָיאַזשאָר. אין דער אויסלענדישער עמיגראַציע איז שוין דערדאָזיקער פּראָצעס פּראַקטיש כּמעט אינגאַנצן פאַרענדיקט. אין דער „אינערלעכער" עמיגראַציע האָט ער נאָך איבערגעלעבט אַ פּעריאָד פון טעאָרעטישער באַ-גרינדונג.

„די אינטעליגענטן", — גיט איבער דער בירגער ס., — דערמאָנען זיך מיט פאַרווונדערונג, ווי אַזוי פריער, ביז דער רעוואָלוציע, „פלעגן זיך די פאָרשטייער פון דער אינטע-ליגענטישער יוגנט שעמען מודה זיין, אַז זייערע עלטערן האָבן אַ וועלכע נישט איז אונטערנעמונג, אפילו אַ קרעמל".

היינט אָבער וועט דידאַזיקע „אינטעליגענטישע יוגנט" באַטראַכטן פאַרן גרעסטן גליק דאָס איינאָרדנען זיך הינטער א פרעמדן טובאַנק,—וועגן אַן אייגענער אונטערנעמונג איז נישטאָ וואָס צו חלומען!

V

אָט דאָס זענען די מעטאַמאָרפאָזעס פון דאַן-קיכאָט דעם חוזר-בתשובה. אז דאָ לאָזן זיך הערן טענער פון געקרענקטער אייגנליבע — איז קיין שום ספק נישטאָ. די אויסגעצייכנטע אינטעליגענץ, וואָס איז זיך מקריב, וואָס האָט אָפּגעגעבן דעם „פאָלק" אירע אַלע כוחות, טאַלאַנטן און געדאַנקען,—פון דער-דאָזיקער אינטעליגענץ האָט זיך דאָס פאָלק אָפּגעטרייסלט! ווי אַזוי זאָל מען זיך דאָ נישט באַליידיקן, נישט צאָרענען, נישט קומען צום אויספיר, אַז פריער האָט די אינטעליגענץ געליטן אויף „אידעאַליזאַציע" פון פאָלק, זי פלעגט אים אפילו נאָכ-מאַכן, און זי האָט אַרויסגעוויזן „אַ צו גרויסע זעלבסטדער-נידערונג" פאַרן פאָלק, מיינענדיק, אַז די „נאַציע — דאָס זע-נען נאָר די אַרבעטער און פויערים".

נאָך דעם איבנגעזאָגטן ווערט קלאָר דער ראַדיקאַלער איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין די שטימונגען פון די „לעצטע מאָהיקאַנער" פון דער רוסישער בורזשואַזער אינטע-ליגענץ. אין די פאַרפלאָסענע יאָרן האָבן זיי רירנדיק גע-קרעכצט וועגן דעם, אַז „דער הייליקער אידעאַל איז פאַר-שוועכט", אַז די אינטעליגענטישע אָפּגעטער זענען צעטראָטן געוואָרן, אַז עס זענען באַליידיקט די בעסטע געפילן, אין נאָמען פון וועלכע... און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

אָבער באַמערקנדיק די עקרדיקייט פון אַזא סענטימענ-טאַלער באַשעפטיקונג, זענען זיי געקומען צום שכל אין מיט אַנטציקונג גענומען אַרויסשליידערן דורכן פענסטער איין אַלטן ווערט נאָכן צווייטן, איין הויכן אידעאַל נאָכן צווייטן. טאָ וואָס-זשע איז דער וואונדער, אויב דאָס טראַדיציאָנעלע בילד פון שיין-גייסטיקן אינטעליגענט, וועלכעס איז פאַרפיקסירט געוואָרן דורך ד. נ. אָוסיאַניקאָ-קוליקאָווסקין אין זיין „גע-

שיכטע פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ", רופֿט אַרויס צו זיך אַ באַציאונג, ווי צו אַ „קוריאָז", לויט דער גבית-עדות פֿון בירגער ס. אַ פֿראַגע דאָס איז! אָווסיאַניקאָ-קוליקאָווסקי האָט דאָך אויסגעפֿאָרשט דעם טיפּ, ווי אַזוי ער איז געקומען צום אויסדרוק אין קאַמף פֿאַר די אינטעליגענטישע אידעאַלן. אָבער דידאָזיקע, די היינטיקע, זאָגן זיך אָפּ פֿון זייערע אַמאָליקע אידעאַלן. און דעם אָרט פֿון פֿריערדיקן „ריטער" פֿאַרנעמט דער העלד פֿון אַ נייעם ראָמאַן, וואָס איז גאַנץ ווייניק ענלעך אויף זיין פֿאָרגענגער. אָט מיט וועלכע שטריכן עס מאָלט אים דער בירגער ס.

„זיך אומקערנדיק צו דער נישט-לייכטער אויפֿגאַבע צו כאַראַקטעריזירן קאָנקרעט דעם היינטיקן געזעלשאַפֿטלעכן אידעאַל פֿון די אינטעליגענטן אין סאָוודעפּיע, מוז מען זאָגן, אַז דערדאָזיקער אידעאַל, ד. ה. דער געווינשטער רוסישער בירגער פֿון דער צוקונפֿט איז — פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָר אומגעפֿער — אַזאַ: דאָס איז קודם כּל אַ מענטש מיט כאַראַקטער, ד. ה. מיט אַ שטאַרקער איניציאַטיוו און אַ ווילן, אַ רעאַליסט, אַ פּראַקטישער „אונטערנעמער", אפֿילו אַן עגאָאיסט, אָבער אַן ערלעכער, אַרבעטזאַמער, וואָס האָט דעם באַוווּסטזיין פֿון זיין ווערט און דעריבער באַציט ער זיך מיט אַכטונג אויך צו די אַנדערע ענלעכע פּערזענלעכקייטן.

דאָס באַזיצן אַ וועלכן-נישט-איז אינדיווידועלן אייגנטום (אָדער לכל הפּחות די מעגלעכקייט עס צו דערווערבן) און די פֿרייע פּראַצע וועלן אים אויסלערנען באַוווּסטזיניק צו שעצן און היטן זיין אייגן און דעם פֿרעמדן מאַטעריעלן אייגנטום, און דאָס וועט במילא שאַפֿן און פֿאַרפֿעסטיקן אין אים אַ פֿאָרזיכטיקע און אַכטנדיקע באַציאונג צו די קולטורווערטן בכלל.

ער וועט זיין אַ מענטש פֿון טאַט, אַ מענטש מיט שטייגערדיקע און גייסטיקע טראַדיציעס, ער וועט אָבער נישט זיין קיין קאָנסערוואַטאָר, ווייל דער לעבעדיקער אינטערעס און די מעגלעכקייט אַרויסצוווייזן אַ זעלבשטענדיקע איניציאַטיוו וועלן אים שטויסן פֿאָראויס און וועלן פֿאַרברייטערן סיי זיינע מאַ-

טעריעלע און סיי זיינע גייסטיקע באַדערפֿעניש‏ן און פֿאָדערונ־
גען.

פּראַקטיש וועט ער אויך זיין אין גייסטיקן לעבן. ער וועט אויפהיטן אין זכרון (זאָל זיין אַפילו נאָר לויט דערציי־
לונגען) די דערפאַרונג פון די ליידן פון דער תקופה וואָס פאַר אים און ער וועט זיין גייסטיק און אינטעלעקטועל צניעות־
דיק, פּשוט און שאַרף־אויפמערקזאַם צו די לעקציעס פון לעבן, וועלכן ער וועט נישט נאָר ליב האָבן, נאָר אויך שעצן און אַכטן. ער וועט מורא האָבן צו שפּילן זיך אומפאָרזיכטיק מיט באַגריפן און ווערטער, וויסנדיק, אַז דאָס וואָרט איז אויך אַ לעבעדיקע און אַמאָל — אַ שרעקלעכע קראַפט.

די נויטווענדיקייט צו דינען דער געזעלשאַפט און דער מלוכה וועט אַרויספליסן פאַר אים נישט פון מורא פאַר אַ שטראָף און נישט פון דער געטשנדינערישער באַגייסטערונג מיט וועלכע־נישט־איז סאָציאַלע אָדער פּאַטריאָטישע דאָגמען, נאָר פון זיין געשעפטלעכער פאַראינטערעסירטקייט אין דעם וווילשטאַנד פון דער געזעלשאַפט און פון דער מלוכה און פון אַ לעבעדיקער ליבע צו מענטשן".

אָט דאָס איז דער „מאָרגנדיקער" העלד פון דער רוסי־
שער בורזשואַזער אינטעליגענץ. סאַראַ סך צעבראָכענע אילו־
זיעס, סאַראַ גרויסע אַנטוישונג עס רעפּרעזענטירט מיט זיך דערדאָזיקער „דערוווערבער", וואָס שטויסט אַרויס די געשטאַלט פון דער „שיינער נשמה", וועלכע פלעגט זיך אָן אויפהער ברענגען אַלס קרבן פאַר „דער גרויסער זאַך פון פאָלקס־באַ־
פרייאונג" !"3)

אַ קינסטלערישן בילד פון זעלבן פּראָצעס, נישט קיין גאַנץ פולס, האָט געגעבן וו. וו. ווערעסאַיעוו אין זיין ראָמאַן „אין טעמפּן ווינקל" *). דער נעסטאָר פון דער אַלטער רו־
סישער אינטעליגענץ, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די וועגן און פרשת־דרכים פון איר אַנטוויקלונג, איז וו. וו. ווערעסאַיעוו געבליבן געטריי דער טראַדיציע. אָבער שילדערנדיק זיינע פאַרבלאָנדזשעטע העלדן, האָט דער מחבר — אַ גוטער מוס־

---

*) דאָסדאָזיקע בוך איז דאָ אין יידיש. (איב.)

טער פֿון אַ רוסישן אינטעליגענט — געגנבֿי נישט געוווּסט, וווּזשע איז אײַגנטלעך דער אויסוועג. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ער אַליין איז צוזאַמען מיט זײַנע העלדן געווען אין „אַ טעמפּן ווינקל“. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געהאַט סיי גוטע און סיי שלעכטע זײַטן. די גוטע זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער „טעמפּער ווינקל“ איז באַשריבן געוואָרן פֿון אינעווייניק, מיט אַ פֿולער באַהאַוונטקייט אין ענין. די שלעכטע זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס דעם מחברס באַגרעניצטער שטאַנדפּונקט האָט אים געשטערט צו געבן אַ בילד מיט אַ ריכטיקער פֿאַרטיילונג פֿון ליכט און שאָטן. אָבער אָן אַ „סובייעקטיווער“ באַהויכונג איז זיך אוממעגלעך פֿאָרצושטעלן די קונסט פֿון דער עפּאָכע, ווען די ערד האָט זיך געשטעלט אויף די „הינטערשטע פֿיס“, און דער קאָמפּאַס איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען.

צו דער צײַט, ווען עס איז פֿאַרענדיקט געוואָרן דער בירגער־קריג איז קלאָר געוואָרן, אַז די אַלטע רוסישע אינטעליגענץ איז צעבראָכן און זי האָט נישט קיין שום פּערספּעקטיוו ווידער אויפֿצולעבן. די שפּעריסשע קאַדרען אירע זענען צעקלאַפּט. די ליטעראַרישע טראַדיציעס איבערגעריסן. דער גורל פֿון דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער רוסישער ליטעראַטור האָט זיך געפֿונען אין די הענט פֿון יענער טייל אינטעליגענץ, וועלכע איז געגאַנגען מיט דער רעוואָלוציע, און פֿון יענע שפּעריסשע קאַדרען, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע האָט אַרויסגערוקט אָנשטאָט די אַלטע.

VI

דער צוקונפֿטיקער היסטאָריקער וועט רעסטאַווריר̈ן דאָס אמתע בילד פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, וועלכע די רוסישע אינטעליגענץ האָט איבערגעלעבט. עס וועט לגמרי נישט ענלעך זײַן צו יענע אָלעאָגראַפֿיעס, וועלכע עס האָט געמאָלט און עס האַלט אין איין מאָלן די הייַנטיקע עמיגראַציע. קודם כּל וועט ער אַרײַנטראָגן אַן עיקרדיקע אויסבעסערונג, אָן וועלכער עס וועט בכלל זײַן אוממעגלעך פֿאַרשטענדלעך די געשיכטע גופֿא. די

אויסבעסערונג באַשטייט אין דעם, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס גוט באַזאָרגט מיט אינטעליגענטע כחות. אַלע רייד וועגן דער „אינטעליגענץ" ב כ ל ל, וועלכע איז כּלומרשט אינגאַנצן געווען קעגן דער רעוואָלוציע, — זענען פאַלש. מיט דער בורזשואַזיע איז געגאַנגען איין טייל פון דער אינטעליגענץ, מיט דער רעוואָלוציע — די אַנדערע. די רעוואָלוציע האָט, חוצדעם, געהאַט די אַלטע קאַדרען פון איר אייגענער, הויך-קוואַליפיצירטער אינטעליגענץ. אויסגעצייכנטע טעאָרעטיקער, אויסערגעוויינלעכע אָרגאַניזאַטאָרן, שרייבער מיט אַ פּרעכטיקן סטיל, מיט טיפן וויסן און אַ שאַרפן געדאַנק, וועלכע עס האָבן געמעגט מקנא זיין די באַרימטע קעמפער פון דער בורזשואַזיע, וואונדערבאַרע רעדנער — אָט זיי זענען דאָס טאַקע געווען יענע „פּאָדערשטע מחנה", „דער הויפּטשטאַב", מיט וועמעס הילף די אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז געקומען צום נצחון.

אין אונזער רעוואָלוציע איז נישט געווען קיין צוזאַמענשטויס פון דער „אינטעליגענץ" פון איין זייט, און פון די אַרבעטער און פּויערים — פון דער צווייטער. עס איז געווען אַ בורזשואַזע „אינטעליגענץ", וואָס האָט פאַרטיידיקט די בורזשואַזע אינטערעסן, און פון דער צווייטער זייט אַ רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ, וואָס האָט געשיצט די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פּויערים. די סענטימענטאַלע בבא-מעשיות וועגן „פאָלק", וועלכעס האָט געגעבן איבערן קאַרק זיין אידעאַליסטישער, שיין-גייסטיקער אינטעליגענץ, די מענטשן פון „הויכער ראַסע", דידאָזיקע בבא-מעשיות זענען דעריבער אין דער ווירקלעכקייט אמתע נאַרישקייטן. „דאָס פאָלק" האָט פאַרטריבן נישט די „אינטעליגענץ" בכלל, נאָר יענע אינטעליגענץ, וועלכע האָט אים געשטויסן אין אַ זייט, וואָס איז קעגנזעצלעך צו זיינע אינטערעסן. „דאָס פאָלק" האָט דידאָזיקע אויפפירונג פון די „פירער" באַטראַכט אַלס בגידה. פאַרשטויסנדיק זיי איז ער געגאַנגען מיט יענער אינטעליגענץ, וועלכע האָט, לויט זיין מיינונג, ריכטיק באַגריפן זיינע אינטערעסן. אַזוי אַרום איז פאַקטיש נישט פאָרגעקומען קיין „פּרינציפּיעלער" ריס צווישן פאָלק און דער אינטעליגענץ. עס איז געשען

בלויז פאָלגנדיקס : „דאָס פאָלק” האָט מיט פולער רעכט אַרויסגעזעצט פון צוג יענע גוטע הערן — אין שליפעס און אָן שליפעס — וועלכע האָבן עקשנותדיק געוואָלט אומדרייען דעם צוג אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

אז „דאָס פאָלק” איז נישט געבליבן אָן קוואַליפיצירטע כחות — דאָס האָט באַוויזן די ווייטערדיקע געשיכטע פון קאַמף. זי האָט אויך באַוויזן, אַז „דאָס פאָלק” אַליין — לויט דער מיינונג פון אונזערע „נאַראָדניקעס” מענטשן פון דער בידעריקערער ראַסע — קען אַרויסגעבן פון זיך אַזעלכע אינטעלעקטועלע באַגאַבונגען, וועלכע זענען העכער פאַר אַ סך פון אונזערע „נאַראָדניקעס”, ווי די שטערן פון דער ערד. צו די אַלטע, אויסגעפּרוווטע קאַדרען פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ האָט „דאָס פאָלק” — ד. ה. די אַרבעטער און פּויערים, — אין פּראָצעס פון קאַמף צוגעגעבן אַ סך בייע טאַלאַנטירטע מענטשן, וועלכע האָבן דער אָנפירונג פון דער רעוואָלוציע צוגעגעבן געשיקטקייט און פעסטקייט פון אייזן. ווער וועט דען באַהויפּטן, אַז אונזער רעוואָלוציע האָט זיך שלעכט אַן עצה געגעבן מיט די אייגענע קעגנער ?

ס'איז שוין דעריבער צייט אָוועקצוואַרפן די שמועסן, אַז אין דער עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע האָט זיך די גאַנצע רוסישע אינטעליגענץ געפונען אין לאַגער פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע. גראָד די טייל פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט באמת אַ רעכט זיך צו האַלטן פאַר דער יורשטע פון די אמתע טראַדיציעס פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער קולטור — דידאָזיקע אינטעליגענץ איז געווען אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע, צוזאַמען מיט איר אומגעקומען און געזיגט.

די קינסטלערישע ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט אַ אַנאַלאָגישן פּראָצעס. ס'איז נישט ריכטיק, אַז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז געבליבן אָן קינסטלער. פון די ערשטע טעג נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָבן זיך געפונען אויף איר זייט אַזעלכע דיכטער, ווי וואַלערי בריוסאָוו, אַלעקסאַנדער בלאָק, סערגיי יעסענין, וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, אַזעלכע בעלעטריסטן

ווי א. ס. סעראַפימאָוויטש, מאַקסים גאָרקי, אַזעלכע מאָלער ווי נאַטאַן אַלטמאַן.

דידאָזיקע נעמען האָבן געהאַט אַ װעלכע-נישט-איז וואָגי און די פאַרביסנסטע שונאים אפילו האָבן זיי נישט געקענט אָנרופן אַלס נישטיק. און וואָס מער עס איז אַוועק די אַלטע ליטעראַטור, אַלץ מער פולוואַסערדיק זענען געוואָרן די צו-ערשט קליינינקע טייכעלעך, וועלכע האָבן זיך שפּעטער צונויפ-געגאָסן אין אַ ברייטן ליטעראַרישן שטראָם.

VII

אין 1918 און 1919 האָבן געהאַלטן אין אויסברענען די פייערן פון דער פאַר-אָקטאָבער-ליטעראַטור. זי האָט זיך גע-פונען אין אַ שרעקלעכער צערודערונג. עס האָט זיך אָנגע-רוקט די תקופה פון טעראָר, עס איז געדיכטער געוואָרן דער בין-השמשות פון הונגער און קעלט, מיט יעדן טאָג האָבן זיך אַלץ מער אויסגענומען די טעכנישע מיטלען, — דאָס אַלץ האָט פאַרזייט אין דער בורזשואזער ליטעראַרישער סביבה אַ געפיל פון אַפּאָקאַליפּטישן שרעק. דאָס עיקרדיקסטע, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטן ווערט אין די אויגן פון דער אינ-טעליגענץ — דאָס ליטעראַרישע שאַפן, — איז געוואָרן עפּעס אומנוציקס, איבעריקס. די רוסישע ליטעראַטן, וואָס האָבן תמיד אַרומגעשוווּמען אין די וואַסערן פון די געזעלשאַפט-לעכע באַוועגונגען, זענען געבליבן אין אַ זייט פון לעבן. עס האָט געזידט ערגעץ אין אַ זייט, פרעמד און אומפאַרשטענד-לעך פאַר זיי, אַ פיינטלעכע און ווייטע.

די כאַראַקטעריסטישסטע אויסגאַבע פון דערדאָזיקער צייט זענען די בלוטאָרעמע, אַבסטראַקטע „זאַפּיסקי מעטשטאַ-טעלעי" 4), וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַנדרעי בעלי. „אַ קאָמונע פון טרוימער" — אָט דאָס איז געווען דער פּאַראַדאָקסאַלער אויפטו פון מחבר פון „נאָטיצן פון אַ „טשו-דאַק". צו דערדאָזיקער אויסגאַבע האָט מען געמעגט צוגעבן אַלס עפּיגראַף פאָלגנדיקע שורות פון אַלעקסאַנדר בלאָקס

אלטן לידער-ציקל, וועלכער איז אָפּגעדרוקט אין ערשטן ביכל:
„אָ, ווי ווילד עס רעוועט און בושעוועט היגטערן פענס-טער דער בייזער שטורעם. עס טראָגן זיך וואָלקנס, גיסן ווי מיט צעבערס, און דער ווינט וואָיעט, אָפּשטאַרבנדיק. די נאַכט איז שרעקלעך".
דידאַזיקע שורות וואַרפן אַ ליכט אויפן פּרצוף פון די „זאַפּיסקי מעטשטאַטעלעי" (גאָטיצן פון טרוימער). אימה און שטוינונג, איינזאַמקייט און טויט, פראַגעס נישט קיין געלייזטע און אומלייזבאַרע — דאָס אַלץ כאַראַקטעריזירט דידאָזיקע זאַמלביכער, אומעטיק-פינסטערע, פולע מיט טרויעריקע פאַרגעפילן.
„אַלץ אין אונזער לעבן איז צוגעשפּיצט ביז דער לעצ-טער מדרגה", — אַזוי הויבט זיך אָן וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוווס אַרטיקל „שטילקייטן" אין ערשטן נומער פון די „זאַפּיסקי". דער אַרטיקל באַהאַנדלט דעם קריזיס פון „הומאַניזם", מיט וועלכן עס האָט געלעבט די אַלטע רוסישע ליטעראַטור. „דער מענטש,—לייענען מיר—האָט נאָך נישט פאַרגעסן יענע פריערדיקע דער שיינונג, און דאָ געפינט ער זי שוין נישט מער פאַר זיך און ווערט צעטומלט, נישט דערקענענדיק די וועלט פון גאָר-נישט-לאַנג-צוריק, ריכטיק ווי עמיץ האָט זי פאַרביטן. — וווּ איז די געוווינטע געשטאַלט פון די זאַכן? — פרעגט דער מחבר. — מיר הערן נישט זייער באַקאַנטן קול. דער הומאַניזם שטאַרבט אָפּ", — פאַרענדיקט ער.
דאָס שפּירן דעם טויט פון דעם, מיט וואָס עס האָבן געלעבט גאַנצע דורות, דרינגט דורך די זאַמלביכער פון די „טרוימער". אָבער דאָס בולטסטע און גביאישסטע געפינען מיר אין אַלעקסאַנדר בלאָקס גאָטיץ „רוסישע דענדיס". דער מחבר פון די „צוועלף",*) וואָס האָט זיך טיפער פאַר אַנדערע אַריינ-געפילט אין דער רעוואָלוציע-סטיכיע, האָט שאַרף געשפּירט דעם טויט, וועלכן זי האָט געטראָגן פאַר דער אַלטער וועלט. דער זעעוודיקסטער צווישן די רוסישע שרייבער פון דער קאַ-טאַסטראָפע-עפּאָכע, האָט ער זיך אויפמערקזאַמער פאַר די אַנ-דערע צוגעקוקט צום אַרומיקן, ער האָט בעסער פאַר אַ סך

*) פאַראַן עטלעכע, נישט שלעכטע יידישע איבערזעצונגען. (איב.)

אַנדערע געזען און פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך פאַר דעם אַלטן, טראַדיציאָנעלן ליטעראַרישן שיכט.

„...ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טאַקסאָמעטער איז שוין רעקווירירט ערגיץ-ווו אין די ווייטע שניי-בערג און אַז מיר וועלן זיך אַלע מוזן אומקערן צופוס. איך און דער יונגער מענטש האָבן מיר געדאַרפט גיין אין פאַרשיידענע ריכטונגען, ער איז מיר אָבער געגאַנגען באַגלייטן, כדי מיר צו דערציילן מיט פונקט אַזאַ פשוטן און רואיקן טאָן פאָלגנדיקס:

— אַלע זענען מיר גאָרנישטן, ביין און פלייש פון דער בורזשואַזיע.

אין מיר האָט אויפגעציטערט אַן ענטפער, איך האָב אָבער פאַרשוויגן.

ער האָט ווייטער גערעדט גלייכגילטיק:

— איך בין צו געבילדעט אויף נישט צו פאַרשטיין, אַז אַזוי קען ווייטער נישט אָנהאַלטן און אַז די בורזשואַזיע וועט פאַרניכטעט ווערן. אויב עס וועט אָבער פאַרווירקלעכט ווערן דער סאָציאַליזם בלייבט אונז איבער בלויז איינס — שטאַרבן. דערווייל האָבן מיר קיין באַגריף נישט וועגן געלט; מיר זענען אַלע פאַרזאָרגט און מיר זענען לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צו פאַרדינען עפּעס מיט אַרבעט. אַלע זענען מיר — נאַרקאָמאַנען, אָפּיומיסטן! אונזערע פרויען זענען — נימפאָמאַנקעס. מיר זענען די מינדערהייט, אָבער מיר זענען נאָך דערווייל די דעה-זאָגער ביי דער יוגנט: מיר לאַכן אויס דיייעניקע, ווער עס אינטערעסירט זיך מיט סאָציאַליזם, אַרבעט, רעוואָלוציע. מיר לעבן נאָר מיט פערזן; אין די לעצטע פינף יאָר האָב איך נישט דורכגעלאָזן קיין איין זאַמלבוך; מיר קענען אַלעמען אויף אויסנווייניק — סאָלאָגובן, באַלמאָנטן, איגאָר סעווועריאַנינען, מאַיאַקאָווסקין, אָבער דאָס אַלץ האָט שוין דערעסן; דאָס אַלץ איז שוין פאַרענדיקט. איצט, דאַכט זיך, וועט זיין אַ מאָדע אויף ערענבורגן.

דער יונגער מענטש האָט גענומען לייענען אויף אויסנווייניק צענדליקער לידער פון מאָדערנע דיכטער. עס האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, עס איז געווען אַ פראָסט, ס'איז נישט

געוועז קיין איין לאַמטערן. מיר איז געווען קאַלט, כ׳האָב פאַר־שנעלערט דעם גאַנג, ער האָט אויך פאַרשנעלערט; אין שנעלן גאַנג אַקעגן ווינט האָט ער נאָך אַלץ גלייכמעסיק געלייענט לידער, וואָס זענען איינס מיטן צווייטן נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר מיט יענער מאָדערנער, נשמה־פאַר־היסטנדיקער עפּאָכע, אין וועלכער זיי זענען געשאַפן געוואָרן.

— צי דען אינטערעסירט אייך נישט קיין שום אַנדער זאַך אַ חוץ לידער? — האָב איך ענדלעך כמעט אומווילנדיק געפרעגט.

דער יונגער מענטש האָט זיך אָפּגערופן, ווי אַ ווידער־קול:

— אונז אינטערעסירט נישט קיין שום אַנדער זאַך, אַ חוץ לידער. מיר זענען דאָך פּוסטע, לגמרי פּוסטע.

איך וואָלט אים געקענט ענטפערן, אַז אויב זיי אַלע זע־נען פּוסט, זענען אָבער נישט אַלע לידער פּוסט; איך האָב אָבער אַזוי נישט געקענט ענטפערן, ווייל הינטער זיינע ווער־טער איז געלעגן אַ אָן ספקדיקע אויפריכטיקייט און עפּעס זיינער אַן אייגענער אמת.

פּלוצלונג האָט ער געזאָגט:

— איך האָב היינט נישט וווּ צו שלאָפן.

צום ערשטן מאָל האָט ער געזאָגט „איך", און נישט „מיר"; איך בין אָבער שרעקלעך מיד געווען, מיר איז זייער קאַלט געווען פון פראָסט און פון זיינע ווערטער, מיר איז דורכגעלאָפן אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז ער האָט אַ גרויסע דירה און ער איז — אַ רייכער, און ס׳האָט קיין מוט נישט גע־קלעקט צו רופן אים צו זיך אויף איבערנעכטיקן. דאָס איז נישט שיין פון מיין זייט, און איך פיל זיך שולדיק פאַר אים, אָבער אויף צומאָרגנס האָבן געוואַרט אויף מיר אַ סך ענינים און געדאַנקען, און כ׳האָב זיך דערשראָקן פאַרן רעיון, איך זאָל זיך נישט צו שטאַרק פאַרקוקן אין דאָזיקן שמאָלן און שרעקלעכן ברונעם פון... דעגדיזם...

דער יונגער מענטש האָט זיך תיכף אָפּגערופן אויף מיין פאַרפרעמדקייט:

— דאָס זענט איר דאָך שולדיק אין דעם, וואָס מיר זע-
נען אַזעלכע.
— ווער — מיר?
— איר, די מאָדערנע דיכטער. איר האָט אונז פאַרסמט.
מיר האָבן געבעטן ברויט, און מען האָט אונז געגעבן אַ
שטיין.

כ'האָב זיך נישט געקענט פאַרטיידיקן; און כ'האָב נישט
געוואָלט; און... כ'האָב נישט געקענט. מיר האָבן זיך געזעגנט —
פרעמדע, ווי מיר האָבן זיך געטראָפן".

דערדאָזיקער שווערער פראַגמענט איז דאָס אויפריכטיקסטע און באַדייטנדיקסטע, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין די „זאַפּיסקי מעטשטאַטעלעי". אינטערעסאַנטער פאַר אַלץ איז אָבער דאָס, וואָס דידאָזיקע זאַמלביכער זענען געווען די ליטעראַרישע אויסדריקער פון דעמזעלבן רוסישן „דענדיזם", פון וועלכן בלאָק האָט געגעבן אַזאַ שרעקלעכע כאַראַקטעריסטיקע. דעריבער האָט געווייעט מיט אַזאַ האָפנונגסלאָזיקייט פון די „זאַפּיסקי מעטשטאַטעלעי", ווו עס האָבן געשריבן די „פאַרסמער" און די „פאַרסמטע" — ביידע אין דערזעלבער מאָס אויסגעליידיקטע.

נישט קיין סך אַנדערש פון די „זאַפּיסקי מעטשטאַטעלעי", איז געווען דער „דאָם איסקוסטוו" (דאָס הויז פון די קונסטן) — אַ צווייטע אויסגאַבע פון זעלבן ליטעראַרישן קרייז. 5) די הילע פון דידאָזיקע אויסגאַבעס, דער פאָרמאַט, דאָס פּאַפּיר, די שריפט, אפילו די נעמען — אַלץ איז געווען אַנדערש. אָבער דער כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור — איין-און-דערזעלבער. „שרעקלעך איז די נאַכט" — האָבן מיר דורכגעלייענט אין די „זאַפּיסקי מעטשטאַטעלעי". און פון „דאָם איסקוסטוו" האָט זיך אַממיינסטן איינגעשניטן אין זכרון יעוו. זאַמיאַטינס אַרטיקל „כ'האָב מורא".

„כ'האָב מורא, אַז קיין אמתע ליטעראַטור וועלן מיר נישט האָבן. זאַמיאַטין האָט מורא געקריגן פאַר די „פלינקע מענטשלעך", וואָס האָבן זיך אין אַ גרויסער צאָל גענומען רייבן אַרום דער ליטעראַטור. און אַחוץ זיי האָט זאַמיאַטין דער קינסטלער, ד. ה. אַ מענטש, וואָס דאַרף זיין זעעוו-

דיק, קיינעם נישט געזען. דאָס האָט דאָך אָבער באַדייט: פאַר־לירן די ראיה. דעריבער האָט זיך אים געדוכט, אַז עס זע־נען נישטאָ קיין שום פאָרבאַדינגונגען פאַרן שאַפן, אַז די „פלינקע מענטשלעך" האָבן געזיגט און „דער שרייבער דאַרף אויסקלייבן אָדער ווערן אַ ברעשקאָ-ברעשקאָווסקי אָדער אַנט־שוויגן ווערן". זאַמיאַטין איז געווען נישט-פאָרזיכטיק, ווי, אַגב, אַלע דערשראָקענע און פאַרצווייפלטע: אים האָט זיך אויסגע־דוכט, אַז די געשיכטע האָט זיך געענדיקט. עס זענען אָבער נישט אַדורך קיין צוויי יאָר און ס'האָבן זיך באַוויזן נישט קיין ברעשקאָ-ברעשקאָווסקיס, נאָר עכטע טאַלאַנטן, און דוקא נישט קיין „פלינקע", נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן טיף פאַרכאַפּט די וועלט. אָבער דידאָזיקע נייע מענטשן זענען נישט געווען קיין „רוסישע דענדיס". דער ליטעראַרישער סנאָביזם איז זיי געווען פרעמד — זיי זענען פריי געווען פון דער שווערער משא פון עבר, פון בוקן זיך פאַר טראַדיציעס, וועלכע די נייע תקופה האָט צעשטערט.

אַ רעוואָלוציע גייט תמיד אַראָפּ פון די שינעס, זי לייגט דורך נייע וועגן. קאָמישער פון אַלץ איז דאָס, וואָס גראָד זאַמיאַטין האָט באַהויפּטעט: „אַן אמתע ליטעראַטור קען זיין בלויז דאָרט, וווּ עס מאַכן זי נישט קיין אויספירנדיקע באַאַמ־טע, אויף וועלכע מ'קען זיך פאַרלאָזן, נאָר משוגעים, פּרושים, כּופרים, טרוימער, בונטאַרן, סקעפּטיקער". דאָס איז אַ גאָלער אמת. צי דען האָט אָבער זאַמיאַטין באמת געמיינט, אַז די אמתע שאַפער - די בונטאַרן, משוגעים און אַז. וו. — זע־נען דאָס דיזעלבע צעקראָכענע, וואָס האָבן טרייסטלאָז געליטן פון מאַנגל אין באַחייצונג, קאָטלעטן, ווייסע בולקעס, און האָבן בשום אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיט די צעשטערונגען אין גוט-איינגעאָרדנטן הויז פון עבר? עס גלויבט זיך עפּעס נישט. שוין צו שטאַרק שמעקט פון זיי מיט עכטער קליינבירגער־לעכקייט, וועלכע מ'קען נישט פאַרדעקן מיט קיין שום סקי־פישן גרים. און ווען איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז „משוגעים און בונטאַרן" זאָלן עקשנותדיק נישט וועלן גיין „פאָראויס", אין דער אומבאַקאַנטקייט אַריין, נאָר זאָלן כּסדר ציען אויף צוריק, צו דער באַקוועמלעכקייט פון אַלטן איינגעזעסענעם

שטייגער? וואָסער סיבה האָט איינגעוואָרצלט אין יע. זאַמיאַ־טינען פעסימיזם און מורא? —

די רעוואָלוציע האָט געבראַכט צו פיל „אומרואיקייט״ און „צעשטערונגען״. „אַ ווינט, אַ ווינט אויף גאָטס גאַנצער וועלט״ — האָט באַגייסטערט דעפינירט דידאָזיקע אומרואיקייט אַלעקסאַנדער בלאָק. האָט זיך דאָך געקענט דאַכטן, אז אָט דאָ וואָלטן די עכטע „משוגעים, כופרים, סקיפּן״ געדאַרפט אַריינ־פאַלן אין אַנטציקונג — אָט איז די תקופה, וואָס וואַרפט אָפּ „מעסיקייט און פּינקטלעכקייט״! אָבער געשען איז פאַרקערט, „די סקיפּן און משוגעים״ האָבן זיך געשטעלט בראש פון די, וואָס האָבן נישט געוואָלט קיין אומרואיקייט און געצויגן אויף צוריק, נישט אַרויסווייזנדיק דעם מינדסטן פאַרלאַנג צו גיין מיט די וועגן, וועלכע לייקענען אָפּ דעם נעכטיקן טאָג.

די „זאַפּיסקי מעטשטאַטעלעי״ און „דאָם איסקוסטוו״ זענען געבליבן ליטעראַרישע דענקמאָלן פון דער אָפּאָזיציע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די אַמווייניקסטן „משוגע־נע״ פאָרשטייער פון דער אַלטער ליטעראַטור. דאָס זענען גע־ווען די רעשטלעך פון דער פאַר־אָקטאָבער־ליטעראַטור, וועלכע איז געווען רעאַקציאָנער, נישט געקוקט אויף מאַקסים גאָרקיס נאָענטקייט צו דערדאָזיקער סביבה און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס צווישן איר האָבן זיך געפונען איינצלנע ליטעראַטן, וועל־כע זענען גרייט שלום צו מאַכן מיט דער רעוואָלוציע. אַ סך ווערטער זענען דאָ געבליבן נישט דערזאָגט, — אין די אינ־טערעסן פון דער „ליטעראַטור״ האָט מען פון „דאָם איס־קוסטוו״ פאַרטריבן די פּאָליטיק. און דאָרט, ווו דער בורזשוו־אַזער ליטעראַט שטעלט זיך אַוועק אין דער פּאָזע פון אַ פּאָ־ליטיקער, דעקט זיך פאַר אונז אָפּ אַן אָפענע קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנערע אידעאָלאָגיע.

דער בולטסטער מוסטער פון דאָזיקן פּאָליטיקער־ליטע־ראַט איז יו. אי. אייכענוואַלד. ער האָט דערפירט ביזן לאָ־גישן סוף די געדאַנקען, וואָס זענען פיינטלעך דער רעוואָ־לוציע. דער קלאַסנכאַראַקטער פון דערדאָזיקער פיינטלעכקייט איז קלאָר געוואָרן ביזן לעצטן גראַד. זיין בוך „אונזער רע־וואָלוציע, אירע פירער און געפירטע״, וואָס איז אָנגעשריבן

געוואָרן אין 1918, האָט מיט דער פולסטער באַשטימטקייט אַרויסגעזאָגט דעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט פון די אַלטע שרייבערשע קאַדרען.

אין וואָס־זשע באַשטייט דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט?

VIII

יו. אייכענוואַלדס פּאָזיציע פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט דערפאַר, ווייל מיר האָבן פאַר זיך נישט קיין פאַבריקאַנט אָדער אַ סוחר. ער איז אויך נישט געווען קיין גוטבאַזיצער. אייכענוואַלד איז אַ פאַרשטייער פון דער רוסישער קינסטלערישער ליטעראַטור, וואָס שעצט דאָס „פיינע", אַן עסטעט, דער טרעגער פון דער טראַדיציאָנעלער אידעאָלאָגיע פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ. אייכענוואַלד איז אַן אידעאָלאָג. און פּונקט ווי אַנדערע אידעאָלאָגן באַמערקט ער נישט די ענגע פאַרבינדונג פון זיינע פאַרשטעלונגען מיט די מאַטעריעלע אינטערעסן פון קלאַס, וועלכער האָט אים אויפגעהאָדעוועט. דעריבער זענען זיינע אַלע טעאָריעס אַבסטראַקט, זיינע כאַראַקטעריסטיקעס באַזירן אויף עסטעטישע עמפינדונגען.

די רעוואָלוציע האָט צונישט געמאַכט אַ גאַנצע סיסטעם קאַנאָניזירונגען. דעריבער וואַרפט ער אָפּ די רעוואָלוציע, ער משפט זי פון שטאַנדפּונקט פון דידאָזיקע אָפּגעוואָרפענע קאַנאָניזירונגען. אָבער דורך זיינע פאָרמולעס רעדן די אינטערעסן פון אַ קלאַס, פון הינטער דער פלייצע פון באַקאַנטן מחבר פון „סילועטן פון רוסישע שרייבער" קוקט אַרויס דער דעמאַסקירטער פּנים פון פאַבריקאַנט און גוטבאַזיצער. די פעברואַר־רעוואָלוציע, ווען ביי דער מאַכט איז געשטאַנען די בורזשואַזיע, שטעלט זיך דעריבער פאָר אונזער עסטעט ווי עפּעס באַצויבערנדיקס. ער האָט זיך אַנטוישט, ווי נאָר די מאַכט איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון אַרבעטערקלאַס. נאָך אָקטאָבער איז דער „רעוואָלוציאָנער" געוואָרן פאַר אים אַ „ווינציק סימפּאַטישע פאַרשטעלונג". „עס איז דאָ עפּעס אַן אינערלעכע סתירה, — שרייבט אייכענוואַלד — אין באַגריף „טריאומפירנדיקער רעוואָלוציאָנער": ווייל ווי נאָר אַ רעוואָלוציאָנער טריאומפירט, הערט

ער אויף צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער. ער איז שיין נאָר ווי אַ טרוימער״.

אָט וואָסערע געדאַנקען עס האָבן זיך גענומען דורכטראָגן אין מאַרך פון אונזער מחבר. זיי זענען אויסערגעוויינלעך רירנדיק אָט דידאָזיקע כמעט קינדיש־נאַאיווע געדאַנקען: רעוואָלוציאָנערן, האָט נישט קיין נצחונות, פאַרבלייבט אין אייער לאַגע פון געראודפטע, דאָס איז אַזוי שיין! וואָס טויגן אייך נצחונות; ווען איר זיגט, פאַרלירט איר דאָך אייער צויבער! איר ווערט אַפילו אומזיטלעך, ווען איר זיגט: „זיטלעך איז אָננעמבאַר אַ רעוואָלוציאָנער אַ ראָמאַנטיקער, אָבער נישט קיין רעוואָלוציאָנער אַ רעאַליסט״.

דעריבער דאַכט זיך אייכענוואַלדן, אַז די נאָך־אָקטאָבער רעוואָלוציאָנערן, „וואָס האָבן פאַרלאָרן די שיין פון לעגענדע, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון מאַרטירעריי, די טריאומפירנדיקע רעוואָלוציאָנערן זענען לגמרי נישט ענלעך אויף זייערע פאָרגייער אין אונזער ליטעראַטור און אין אונזער לעבן״. דער הער אייכענוואַלד וואָלט געוואָלט, אַז אין נאָמען פון זיין פיינעם עסטעטיציזם זאָלן די רעוואָלוציאָנערן זיך אייביק נישט אויפהערן צו פייניקן. דעם פיינעם הער אייכענוואַלד פאַרשאַפט דאָס עסטעטישע איבערלעבונגען! אָבער רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען „באַפרייט פון מאַרטירעריי״, — פע! ווי גראָב דאָס איז, רעאַליסטיש! דעריבער דאַכט זיך אים, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז נישט קיין „עכטע״. אים דאַכט זיך אַפילו, אַז די „עכטע״, „איידעלע״ רעוואָלוציאָנערן פילן זיך נישט גערעכט: „אַ פייניקנדיקע צערודערונג און אַ ספק דרינגט אַריין אין זייערע איידעלע הערצער״.

דאָס אַלץ קלינגט ווי אַ פּאַראָדיע. אָבער צום באַדויערן איז דאָס דער אָריגינאַל. אויב ער קלינגט אָבער פּאַראָדיש, דאַרף מען באַגריסן יו. אייכענוואַלדן מיט אַ פּאָזיציע, וואָס מאַכט אים קאָמיש. אָבער וואָס קען זיין ערגער פאַר אַ קאָמישער פּאָזיציע?! די געשיכטע פאַרגיט אַלץ — בלויז נאַרישקייט איז זי נישט מוחל. אין דאָזיקן לעצטן פאַל שטראָפט זי מיט געלעכטער, מיט פאַרגעסנקייט. לעכערלעך איז אויך

אייכענוואַלד מיט זיין פֿאַרערונג פֿאַר רעוואָלוציאָנערן, כּל זמן מען שלאָגט זיי מיט בייטשן.

אָבער אין זיין נאַאיוויטעט איז פֿונדעסטוועגן דאָ אַ געוויסער זין. ער וואָלט בעסער געוואָלט זען לעבּינען און טראָצקין אין אַ פֿעסטער פֿעסטונגס-צעלע, אונטער אַ גוטער שמירה פֿון אַ געטרייער וואַך. אָט דאַן וואָלטן זיי אים געווען ליב, אָט דאַן וואָלט ער תּפֿלהדיק פֿאַרפּאַסט פֿאַר זיי הימנען: מאַרטירער!

אין אייכענוואַלדס שנאה צו דער רעוואָלוציע איז געקומען צום אויסדרוק זיין שנאה צום באָלשעוויזם. אייכענוואַלד ווייסט, אַז באָלשעוויזם איז רעוואָלוציאָנערער מאַקסימאַליזם. ער וויל אָבער פֿאַרגעסן, אַז די „מאַרטירער-רעוואָלוציאָנערן", וואָס רופֿן אַרויס אין אים עסטעטישע געפֿילן, זענען אַלע געווען מאַקסימאַליסטן, אַז די עכטע סטיכיע פֿון דער רעוואָלוציע איז טאַקע נאָר דער מאַקסימאַליזם. וואָס איז די רעוואָלוציע אָן מאַקסימאַליזם? און קעגן אָט דעם מאַקסימאַליזם גייט טאַקע אַרויס אונזער עסטעט אין אָנגריף. די אומפּעאַיקייט זיך באַנוגענען מיט ווייניק — אָט דאָס איז די זינד פֿון באָלשעוויזם!

„די מאָסן-רשימה, דער געפֿיל פֿון מאָס, דאָס שפּירן די ערדישע באַדינגונגען, אויפֿמערקזאַמקייט צו די באַדינגונגען פֿון צייט און אָרט, נאַטירלעכער רעאַליזם, די ברייטקייט פֿון האָריזאָנט — אָט וואָס עס פֿעלט די באָלשעוויקעס", האָט ער געשריבן. „ווער עס וויל אַלץ — וועט גאָרנישט דערגרייכן. מאַקסימאַליזם איז — ניהיליזם. אַ גרויסער שווונג ענדיקט זיך מיט גאָרנישט, און נאָך אים פֿאַלט די האַנט אַראָפּ אין אָנמאַכט", — אָט דאָס איז זי, דאָס „אפּיקורסות", די „בונטאַרישקייט" אין די גרעניצן פֿון מעסיקייט און פּינקטלעכקייט!

יו. אייכענוואַלדס בוך איז געווען אַן עקסטרעמער אויסדרוק פֿון קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, וואָס האָבן באַהערשט די רעשטלעך פֿון דער פֿאַר-אָקטאָבער-ליטעראַטור. די אַלטע ליטעראַטור האָט זיך אין איר מערהייט אָפּגעקערט פֿון לעבן. און דאָס לעבן האָט זיך אָפּגעקערט פֿון דער אַלטער ליטעראַטור.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

פון פוטוריזם ביז דער „קוזניצא“

I. די פוטוריסטן און די רעוואָלוציע. — II. די פוטוריסטן ביי דער מאכט. די פוטוריסטן וועגן דער אַלטער קונסט און וועגן דער פּראָלעטאַרישער קונסט. דער דורכפאַל פון פוטוריזם. — III דער „קאַפע“-פעריאָד פון דער ראַטנליטעראַטור. „דאָס ליטעראַטור-הויז.“ —IV. דער אימאזשיניזם. די טעאָריע און די פּראַקטיק פון אימאזשיניזם. זיינע רעאַקציאָנערע און קליינבירגערלעכע שטריכן. דער סוף פון אימאזשיניזם. — V. שולעס און שולכעלעך. קאָנסטרוקטיוויזם. דער זין פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג פון 1920—1921 יאָרן. — VI די „סעראַפּיאָנער ברידער“. — VII. „קוזניצא“ (די שמידער“).

I

כאַראַקטעריזירנדיק די פיינטלעכע באַציאונג צו דער רעוואָלוציע מצד די פאַר-אָקטאָבערשע ליטעראַרישע קרייזן, רעדן מיר וועגן דער מערהייט. דאָס איבערגיין פון אַ שרייבער אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע פלעגט אין ליטעראַרישן

„קרייז" געשטעמפּלט ווערן ווי אַ „בגידה". בריוסאָוון האָבן אַ סך פון זיינע אַלטע פריינט אויפגעהערט צו דערלאַנגען די האַנט. אַ. סעראַפימאָוויטשן האָט מען געהודפּט ווי אַ רענע־גאַט. די פאַרשאַרפטקייט אין די באַציאונגען צווישן די קעג־נער און אָנהענגער פון דער נייער מאַכט פלעגט דערגרייכן די העכסטע מדרגה. די ערשטע חדשים איז דער רעוואָלו־ציאָנערער רעגירונג אויסגעקומען צו אַרבעטן אין אַ אַטמאָס־פער פון שנאה, מיט וועלכער עס האָט זי באַגעגנט די בור־זשואַזע אינטעליגענץ. די לעצטע האָט געוואָלט גלויבן און האָט געגלויבט, אַז די צייט איז נישט אַזוי ווייט, ווען עס וועלן קומען די "אייגענע" און וועלן באַפרייען פון די „אוי־זורפּאַטאָרן". עס איז אפילו באַשטימט געוואָרן אַ טערמין, דער קירצסטער, וועלכער דאַרף אַנטשיידן וועגן גורל פון די באָל־שעוויקעס. „צוויי וואָכן", האָט מען גערערט אומעטום.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען דאַרף מען באַצייכענען אַלס באַזונדערן רעוואָלוציאָנערן פאַרדינסט דעם אָפענעם איבער־גאַנג צו דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט מצד אַ גאַנצער ליטע־ראַרישער ריכטונג מיט וו. וו. מאַיאַקאָווסקין אין דער שפּיץ.

אין דעם, וואָס דער פוטוריזם האָט זיך באַהעפט צו דער רעוואָלוציע, וועלכע איז פּרינציפּיעל פיינטלעך צום נעכטן, איז נישט געווען קיין שום אויסטערלישס. פאַרקערט. ס'וואָלט געווען מאָדנע, ווען דער רוסישער פוטוריזם, דער שונא פון עבר, וועלכן ער האָט באַקעמפט לאַנג פאַר דער פּראָ־לעטאַרישער רעוואָלוציע, זאָל זיך געפינען אויף דער זייט פון אירע קעגנער. אַנטשטאַנען אין די טיפענישן פון דער בור־זשואַזער קונסט, איז דער פוטוריזם געווען דער באַוויז פון איר צעפוילטקייט. „דער מוילוורף פון דער געשיכטע", וועל־כער האָט צוגעגרייט דעם רעוואָלוציאָנערן אויפרייס — אַ פּאָ־ליטישן און עקאָנאָמישן — האָט אויפן געביט פון עסטעטיק אַרויסגערוקט אַ גאַנצע פּלעיאַדע טאַלאַנטירטע יונגוואַרג, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דעם נאָנטן אונטערגאַנג פון דער בורזשו־אַזער קונסט.

דערקלערנדיק אַ מלחמה די קלאַסיקער, אַרויסטרעטנדיק קעגן דער מאַכט פון די אַלטע ווערטן, צעשטערנדיק די

אָנערקענטע קאַנאָנען, רעוואָלוציאָניזירנדיק די פּאָעטישע פאָר־מען, האָט דער פוטוריזם צוגעצויגן אין זיינע רייען נישט נאָר די נאָוואַטאָרן, וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן די בורזשוואַזע־עסטעטישע פאָרמען. ער האָט געלאָקט צו זיך די אומצופרי־דענע בכלל, די נישט-אָנערקענטע, באַליידיקטע, נישט-באַפרי־דיקטע. אַנטשטאַנען אין די ליטעראַרישע שענקען און קאַפע־הייזער, מחוץ די בורזשואַזע סאַלאָנען און רעדאַקציעס, האָט דער פוטוריזם אַריינגענומען אין זיך די אַממיינסטן רעוואָלו־ציאָנערע עלעמענטן פון דער ליטעראַר שער באהעמע, ער איז געוואָרן איר פירער, איר אַוואַנגאַרד, אַ סטיכיש-ווילדער, העזה־דיקער, סקאַנדאַלעזער.

דער פּאַטאָס פון נאָוואַטאָריזם, די פאַראַכטונג צו די אַלטע אָפּגעטער, די שנאה צו דער ליטעראַרישער אַריסטאָ־קראַטיע — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אין דער פוטוריסטישער סביבה אַ באָדן, וואָס איז גינסטיק פאַר אויפנעמען אין זיך אַ רעוואָלוציאָנערע פראָגראַם, אַ פּאָליטישע און עקאָנאָמישע. דער פוטוריזם איז געווען אַ ליטעראַרישע גרופּירונג, וואָס איז אַממיינסטן אונטערדריקט געווען אין דער בורזשואַזער געזעל־שאַפט; ער האָט גאָרנישט געהאַט אין הוה און געטרוימט צו באַקומען אַלץ אין עתיד, ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן, דער־ווערבן אָבער האָט ער געקענט אַ סך. דעריבער האָט זיך דער רוסישער פוטוריזם פון די ערשטע אָקטאָבער־טעג געשטעלט אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט. און אַזוי ווי די מאַכט האָט זיך געניטיקט אין אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפי־רער פון ערשטן, צעשטערערישן אַרבעטס-פעריאָד, — איז דידאָזיקע ראָלע אַריבער אין די הענט פון פוטוריזם. פון די באהעמע-קעלערן האָבן זיך די רוסישע פוטוריסטן אַריבערגע־טראָגן אין די פרעכטיקע אַקאַדעמיע-זאַלן.

די פוטוריסטן זענען געשטאַנען ביי דער מאַכט. זי איז זיי צוגעפאַלן אויף אַ גערעכטן אופן, ווייל זיי זענען גענוג געווען אָנגעפולט מיט שנאה צום עבר, כדי דורכצופירן אָן רחמנות יענע ראַדיקאַלע ענדערונגען, וועלכע די רעוואָלוציע האָט געפאָדערט.

II

גלייך פון די ערשטע טריט האָבן זיך די פוטוריסטן אָנגעשטויסן אויף אַ שאַרפן ווידערשטאַנד מצד דער סביבה. זיי זענען געווען אַ קליינע גרופּע. חוצדעם האָבן זיי נישט פאַרמאָגט קיין שום אויטאָריטעט, אַ חוץ דעם אויטאָריטעט פון דער מאַכט, וועלכע איז אין יענע טעג בכלל איגנאָרירט געיאָרן דורך דער בורזשואַזער אינטעליגענץ. און אַרום די פוטוריסטן זענען געשטאַנען ווי אַ פינסטערע וואַנט די פאָרשטייער פון דער אַלטער קונסט. אויף ווי ווייט פיינטלעך עס זענען געווען די באַציאונגען צווישן דער רעגירונג און די געלערנטע עסטעטן זעט מען אַרויס פון אַ. וו. לונאַטשאַרסקיס ווערטער :

„די אַרבעטער-רעגירונג, — האָט ער געשריבן, — וועט גיכער אַוועקשטעלן אַן אומדערפאַרן ייִנגל אין דער שפּיץ פון דער קאָמפּליצירטסטער אַרבעט, איידער זי וועט צולאָזן אַלס ספּעציאַליסטן און קאָמפּעטענטע מענטשן די אַלטע זקנים, וואָס זענען נאָך נעכטן באַהאָנגען געווען מיט אָרדענס און וועלכע וואַרפן זיך אָפּ פון אונז מיט שרעק“.

אָבער דידאָזיקע דערקלערונג האָט אויף קיין האָר נישט פאַרגרעסערט דעם אויטאָריטעט פון די „אומדערפאַרענע ייִנגלעך“, וועלכע זענען גראָד געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער אַרבעט, וואָס האָט נישט אינגאַנצן אַנטשפּראָכן זייער ספּעציאַליטעט. די פוטוריסטן האָבן מיטן גרעסטן דערפאָלג און מיט דער גרעסטער באַהאַוונטקייט געאַרבעט אויפן געביט פון וואָרט. אָבער גראָד דערדאָזיקער געביט איז זיי נישט איבערגעגעבן געוואָרן. די רעפאָרמאַטאָרישע טעטיקייט פון פוטוריזם האָט זיך באַגרעניצט מיט די פּלאַסטישע קונסטן. אָ. מ. בריק, נאַטאַן אַלטמאַן, ד. פּ. שטערענבערג, נ. פונין האָבן פאַרנומען קאָמיסאַרןאַמטן אין דער אָפּטיילונג „איזאָ נאַרקאָמפּראָס“ און האָבן מיט התמדה פאַרטיליקט די הערשאַפט פון די „אַלטע“ אין די קינסטלערישע אינסטיטוציעס.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע אויפגאַבע. אָבער די רעוואָלוציע האָט דערוואַרט פון די פוטיריסטן אויך

אַ פּאָזיטיוון שאַפן. אמת, דער פוטוריזם האָט געקענט שטאָל־צירן מיט איין נאָמען, וואָס האָט איבערגעוואויגן עטלעכע, און טאַקע אויפן געביט פון וואָרט. מיר מיינען דאָ מאַיאַקאָווסקין. די בורזשואַזיע האָט נישט אָנערקענט זיין שאַפן. דער בורזשואַזער עולם, וואָס האָט פיינט געהאַט מאַיאַקאָווסקין אַלס „רע־גירונגס"־פּאָעט, האָט געשטערט מ'זאָל שטעלן אין טעאַטער זיין „מיסטעריע־בוף", וואָס האָט פאַר יענע טעג געהאַט אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג. אָבער אויך אַ סך קאָמוניסטן האָבן נישט אָנערקענט מאַיאַקאָווסקיס דיכטונג. 6)

אַזאַ לאַגע האָט געשאַפן געוויסע רייבונגען צווישן דער מאַכט און די פוטוריסטן גלייך ביי די ערשטע טריט פון די באָוואַטאָרן. אין דער צייטונג „איסקוסטוואָ קאָמוני", — דעם אָרגאַן פון דער אָפּטיילונג פון די פּלאַסטישע קונסטן ביים קאָ־מיסאַריאַט פאַר פאָלקס־בילדונג, באַקלאָגט מען זיך גלייך אין ערשטן נומער אויף דער נישט־געניגנדיקער „אייזערנער אויסגע־האַלטנקייט" ביים דורכפירן די „באָלשעוויסטישע" פּראָגראַם. די שטערונגען, וועלכע די פוטוריסטן האָבן אָנגעטראָפן אפילו מצד די אָרגאַנען פון דעמזעלבן „נאַרקאָמפּראָס", זענען געווען אַזוי באַדייטנדיק, אַז די צייטונג האָט באַמערקט:

„אַלץ, וואָס מיר האָבן ביז איצט אויפגעטאָן אויפן גע־ביט פון וואָרט־קונסט, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם ח' לונאַטשאַרסקי; ווען אַ אינפלוענצע וועט אים אַרויסשלאָגן פון דער אַרבעט אויף פיר וואָכן, וועט זיך פונקט אויף פיר וואָכן אָפּשטעלן די אַנטוויקלונג פון דער דיכטונג אין רוס־לאַנד".

די צייטונג האָט געמאַכט דערפון פאָלגנדיקן אויספיר:

„די אַרבעט פון די לינקע טוער פון וואָרט־קונסט דאַרף מען אוועקשטעלן אין פאַסיקע באַדינגונגען. עס זענען נויטיק רעאַלע גאַראַנטיעס, וואָס זאָלן געבן די מעגלעכקייט צו פירן די אַרבעט".

אַזאַ גאַראַנטיע, לויט דער מיינונג פון דער צייטונג, וואָלט געווען דאָס „שאַפן די ליטעראַרישע אָפּטיילונג אויסשליס־לעך פון מענטשן פון לינקער קונסט".

אויף וויפל עס זענען געווען ברייט די כּוונות פון די

פוטוריסטן, קען מען מאַכן אַן אויספיר פון אַ גאַנצער ריי מיינונגען, וואָס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „איסקוסטוואָ קאָמוני".

פון דערדאָזיקער צייטונג דערוויסן מיר זיך, אַז דער פוטוריזם האָט פּרעטענדירט אויף דעם „איינציקן ריכטיקן וועג אויף דער ליניע פון אַנטוויקלען די אַלגעמיין־מענטשלעכע קונסט".

פוטוריזם „איז נישט איינע פון אַ סך קינסטלערישע שטרעמונגען, נאָר די איינציק־לעבעדיקע", לייענען מיר ווייטער. לויט דער מיינונג פון די פוטוריסטן האָט דאָס אַלץ באַדייט, אַז די ליטעראַרישע אָנפירערשאַפט דאַרף איבערגעגעבן ווערן נאָר אין זייערע הענט. אין די אַרטיקלען פון נ. פּונין האָבן געפונען דעם בולטסטן אויסדרוק די פּרעטענזיעס פון פוטוריזם. עס האָט זיך טאַקע געהאַנדלט וועגן דער דיקטאַטור פון דער פוטוריסטישער מינדערהייט. ס׳איז זיי צו ווינציק געווען אָנ־צופירן מיט דער אָפּטיילונג פון די פּלאַסטישע קונסטן. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ דיקטאַטאָרישע מאַכט אויף איינצו־וואַרצלען אין די מאַסן די לינקע קונסט. די פראַגע וועגן העגעמאָניע, וועגן דיקטאַטור פון איין ריכ־טונג אויפן געביט פון קונסט איז צווערשט געשטעלט געוואָרן דורך די פוטוריסטן נאָך אין 1918 יאָר. „איצט איז נישטאָ און עס קען נישט זיין קיין אַנדער קינסטלערישע מאַכט אויסער דער מאַכט פון דער מינדערהייט", לייענען מיר אין אַרטיקל „רעוואָלוציאָנערע חכמה". אָבער דערזעלבער נ. פּונין, וואָס האָט געפּאָדערט די „דיקטאַטור" פון דער לינקער קונסט, האָט געמוזט מודה זיין, אַז אויפן געביט פון שאַפן אַ „נייע" קונסט איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן. אין אַ אַרטיקל וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין № 7 פון דערזעלבער צײַ־טונג פון 19 יאַנואַר 1919 יאָר, פּאָדערט ער אויף זיינע פריינט צו טראַכטן מער „וועגן דער נייער קונסט".

„וועגן דער נייער קונסט, חברים. זי איז נישטאָ.

טאַטלין און מאַלעוויטש זענען געקויפט געוואָרן דורכן מלוכהשן מוזיי פון מאַלעריי־קולטור, ברוני הענגט אין רוסישן מוזיי, אויף אַן אויסערגעוויינלעך־ליכטיקער וואַנט — אַ פּונקט.

ווייטער איז דאָ נישטאָ וווהין צו גיין; איר וועט מיר דאָך נישט פאַרזיכערן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַזוי איבער־געאַנדערשט די רוסישע מוזייען, אַז מער ווי די נייע קונסט קענען זיי נישט. נאַרישקייטן. טאַטלינס, מאַלעוויטשעס און ברו־ניס אַרבעטן שטאַמען פון 1914, נישט שפּעטער; עס דאַכט זיך, אַז וועגן דער נייער קונסט קען דאָ גאָר קיין רייד נישט זיין".

אָבער וואָס האָט געבראַכט מיט זיך דער פוטוריזם אַלס שעפערישע ריכטונג? אין וואָס איז באַשטאַנען זיין פּלאַט־פאָרם? וועלכע פּאָזיטיווע אויפגאַבעס האָט ער זיך געשטעלט?

גלייך אין ערשטן נומער פון דער צייטונג „איסקוסטוואָ קאָמוני" (די קונסט פון דער קאָמונע) איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „די אַנטוואַסערונג פון דער קונסט". אונטערגע־שריבן מיטן נאָמען פון אָ. מ. בריק, איז ער, אָן ספק, דורכ־געטראַכט געוואָרן דורך דער גאַנצער רעדאַקציע פון דער צײַ־טונג. מיט אַנדערע ווערטער — מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ דעקלאַראַציע פון דער ריכטונג. צום באַדויערן גלאַנצט זי נישט נישט מיט קיין קלאָרקייט פון אינהאַלט, נישט מיט קיין טיפקייט. אָט איז איר זינען:

I. אַ פּרינציפּיעלער איבעררייס מיט דער בורזשואַזער קונסט פון דער פאַרגאַנגענהייט. די לעצטע האָט נישט געשאַפן נאָר פאַרקריפּלט דאָס לעבן. די בורזשואַזע קונסט איז אַ אידעאישער טשאַד, אַ זומפּ. זי האָט פאַרקריפּלט דאָס לעבן דורך אָפּמאָלן די נאַטור. אָבער מ'דאַרף נישט קאָפּירן די נאַטור, ווייל די נאַטור אַליין עקזיסטירט אין אַ בעסערער גע־שטאַלט, ווי אירע קאָפּיעס. עס זענען אויך נישט נויטיק די „אידייעס" פון די זאַכן. נויטיק זענען די זאַכן אַליין.

II. דערפון פליסט אַרויס די אויפגאַבע פון דער קונסט: מאַכן נייע, אומגעזעענע זאַכן. די קינסטלער דאַרפן גיין אויף די פאַבריקן און באַטריבן כדי שעפעריש צו אַרבעטן. די אַרבעטער וואַרטן אויף זיי.

III. פוטוריזם איז די אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט. „דער פּראָלעטאַריאַט דענקט אַנדערש". „אַזוי וועלן זאָגן די פּראָלעטאַריער". דער שטאַנדפּונקט פון פוטוריזם איז דער

שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַריאַט. דער פוטוריזם איז טאַקע א פּראָלעטאַרישע קונסט. 7)

„די קונסט פון דער צוקונפט — לייענען מיר אין № 2 ”איסקוסטוואָ קאָמוני” פון 15-טן דעצעמבער 1918 אין ארטיקל פון דעמזעלבן אָ. מ. בריק „דער קינסטלער-פּראָלעטאַריער”, — איז די פּראָלעטאַרישע קונסט. די קונסט וועט זיין פּראָלעטאַריש אָדער זי וועט בכלל נישט עקזיסטירן.

אָבער ווער וועט זי שאַפן?”

דער ענטפער, וועלכער איז געגעבן געוואָרן דורך דער „איסקוסטוואָ קאָמוני” איז, פאַרשטייט זיך, ווייט געווען פון אומקלאָרקייט. די פּראָלעטאַרישע קונסט וועלן שאַפן די פוטוריסטן.

מיר זענען שוין באַקאַנט מיט נ. פונינס באַמערקונגען וועגן פוטוריזם, דעם איינציק-ריכטיקן אַנטוויקלונגס-וועג פון דער אַלגעמיין-מענטשלעכער קונסט. דעמזעלבן געדאַנק האָט אויסגעדריקט וו. מאַיאַקאָווסקי: „דאָס נייע וועט שאַפן בלויז דער פּראָלעטאַריאַט, און בלויז מיר, די פוטוריסטן, האָבן אַ געמיינזאַמען וועג מיטן פּראָלעטאַריאַט”. „בלויז מיר, וועלכע באַפרייען דאָס וואָרט פון דער באַדינגונגס-ראָלע ביים געזונטן פאַרשטאַנד, קענען זיך האַלטן פאַר די טרעגער פון פּראָלעטאַריאַטס ליטעראַרישע אידייען”, לייענען מיר אין דער דערקלערונג פון „אַ גרופּע לינקע דיכטער”, וועלכע טראָגט דעם נאָמען: „אָרגאַניזירט אָפּטיילונגען פון וואָרט-קונסט”.

שוין פון דאָזיקן קורצן איבערזיכט פון די פוטוריסטישע דערקלערונגען נאָך זייער קומען צו דער מאַכט, — דאָס הייסט נאָך דעם, ווי דאָס לעבן האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט פּראַקטישע אויפגאַבעס, — קען מען זען, ווי ווינציק צוגעגרייט זיי זענען געווען פאַר דער אויפגאַבע צו לייגן דעם גרונדשטיין פון אַ אמתער מאַסן-ליטעראַטור.

פול מיט שנאה צום בורזשואַזן עבר, ברענענדיק פון פאַרלאַנג צו שאַפן די בעסטע רעוואָלוציאָנערע, פּראָלעטאַרישע, קאָמוניסטישע קונסט, זענען זיי געווען הילפלאָז, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט צו פאַרקערפּערן אין לעבן זייערע רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבעס. פול מיטן דאָרשט נאָך נייעס, האָבן זיי פונ-

דעסטווענן גאַרנישט געזען אין דער צוקונפטיקער קונסט אַחוץ אַן אויסגעהאַלטענער פּראַקטישער פּראָדוציר-קונסט, אַחוץ אַ גאָר ענגער צוזאַמענאַרבעט פון קינסטלערישן האַנדווערק מיט דער מאַשין-אינדוסטרי. אויף ווי ווייט דאָ איז געווען ווינציק אמת-„פּראָלעטאַרישעס" קען מען זען פון דעם אַליין, וואָס די מערב-אינדוסטרי האָט פּאַראַלעל מיט דער אַנטוויקלונג פון דער „נישט-אינדוסטריעלער" קונסט געשאַפן אַ גרויסע „אינ-דוסטריעלע" קונסט: קיין שום מאַסנפּראָדוקציע פון זאַכן, זאָל זיין אַ שטאָף, אַ פּאַפּיראָסנהילע אָדער די אויסאַרבעטונג פון וויין-פלעשער באַגייט זיך נישט אָן דער הילף פון קינסטלער, וועלכער אַרבעט אויס מאָדעלן, די דעטאַלן, די באַפּאַרבונג א. אז. וו. מיט אַנדערע ווערטער: די הייַנטיקע קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזע אָרדנונג האָט צוויי אַרטן קונסט: אַ קונסט פון אַזויצוזאָגן, ריינע פאָרמען, נישט קיין פּראַקטישע, וואָס אַרבעט נישט דירעקט פאַר דער אינדוסטרי, וועלכע די פוטוריסטן באַ-צייכענען אַלס בורזשואַזע, און אַ קונסט אַ פּראַקטישע, וואָס באַדינט די באַטריבן און פאַבריקן, אַ קונסט, וואָס באַטייליקט זיך אין שאַפן נייע צוועקמעסיקע זאַכן. און אָט דידאָזיקע צווייטע אינדוסטריעלע קונסט, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן, האָבן די פוטוריסטן דערקלערט אַלס קונסט פון דער צוקונפט, אַלס פּראָלעטאַרישע פוטוריסטישע קונסט. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בורזשואַזיע האָט שוין באַוויזן צו באַקומען אַ פּאַטענט אויף דערדאָזיקער דערפינדונג.

נאָך ווינציקער „פּראָלעטאַריש" איז דער „צעריסענער באַוווסטזיין", וועלכן די „איסקוסטוואָ קאָמוני" האָט מיט פולער רעכט באַטראַכט אַלס אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פון פוטו-ריזם. אָבער אָנוואַרפן דעם פּראָלעטאַריאַט אַ „צעריסענעם באַוווסטזיין" — האָט באַטייט אים צוגעבן אַלס אַ לעבעדיק-אָרגאַניזירנדיקן יסוד אַ פּרינציפּ, וועלכער האָט כאַראַקטערי-זירט די דעקאַדענטישע קונסט פון דער בורזשואַזיע. דער „צעריסענער באַוווסטזיין" איז טאַקע געווען יענע שלעכטע קראַנקהייט, מיט וועלכער די בורזשואַזיע האָט באַשאָנקען דעם פוטוריזם. אָנשטאָט אויסצוואָרצלען אין זיך דידאָזיקע צע-ריסנקייט, האָט דער פוטוריזם זיך באַמיט אויסצוגעבן דעם

„צעריסענעם באַוווסטזיין" אַלס סימן פון דער סאַמע רעוואָלוּ־ציאָנערער פּראָלעטאַרישער קונסט. קרוטשעניך, דער כאַ־ראַקטעריסטישסטער פאָרשטייער פון דער פּאָעזיע פון „צערי־סענעם באַוווסטזיין" באַזירט אינגאַנצן אין עבר. אין אים צע־פאַלט די בורזשואַזע ליטעראַטור, נישט עס הויבט זיך אָן די פּראָלעטאַרישע. דער פרווו אויסצוגעבן דעם „סוף" פאַר אַ „אָנהויב" איז, פאַרשטייט זיך, פאַראורטיילט געווען אויף אַ דורכפאַל.

דאָס אַלץ זאָגט עדות וועגן דעם, אַז דער פוטוריזם איז נישט געווען צוגעגרייט צו יענער ראָלע, וועלכע איז אויס־געפאַלן אויף זיין גורל. מאַיאַקאָווסקי, וועלכער האָט געשאָנ־קען דער רעוואָלוציע עטלעכע פּרעכטיקע זאַכן, האָט דערי־בער געמוזט עפּעס פּרעפלען וועגן „לעבעדיקן באַטריב פון מענטשלעכן גייסט", וועלכער דאַרף פאַרבייטן דעם „טויטן טעמפּל פון קונסט". עס זענען אונז נויטיק, האָט ער גערעדט, „אַ קאָרענע קונסט, קאָרענע ווערטער, קאָרענע מעשים". „די קונסט דאַרף זיין קאָנצענטרירט נישט אין טויטע טעמפּלען־מוזייען, נאָר אומעטום — אויף די גאַסן, אין די טראַמווייען, אויף די פאַבריקן, אין די וואַרשטאַטן און אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן". דאָס אַלץ איז שרעקלעך־אַלגעמיין און רעדט גאָר־נישט וועגן דעם גוף־העניין. דידאַזיקע פרומע ווונשן האָבן גע־דאַרפט מיט זיך פאַרדעקן דעם מאַנגל אין וועלכע נישט איז פעסטע פאָרשטעלונגען וועגן דעם, אין וואָס עס האָט זיך גע־נויטיקט די רעוואָלוציע און אין וואָס עס באַשטייען די פּראַקטישע טעגלעכע אויפגאַבעס.

אויף וויפל די „ווערטער" פון די פוטוריסטן זענען גע־ווען אויבערפלעכלעך קען מען זען פון דער טעטיקייט פון דערזעלבער אָפּטיילונג פון די פּלאַסטישע קונסטן: נאָך די רעטאָרישע און שוין שאַבלאָנע פראַזעס וועגן „באַטריב פון מענטשלעכן גייסט" האָט זיך די אָפּטיילונג פאַרנומען מיט אָר־גאַניזירן קינסטלערישע אויסשטעלונגען, ד. ה. אויסשטעלונגען פון ווערק פון דער „אַלטער", — לויט דער פוטוריסטישער טערמינאָלאָגיע — בורזשואַזער קונסט, אַריינבריינגענדיק בלויז דעם פּרינציפּ פון „אויס זשורי", ד. ה. דעם פּרינציפּ פון אַ־

נאַרציסטישער פרייהייט, צו וועלכער עס האָבן תמיד געשטרעבט די אַמווייניקסטן דערפאָלגרייכע און די דעזאָרגאַניזירטע פאַר-שטייער פון דער בורזשואַזער קונסט. אַ פולן צוטריט אויף דער אויסשטעלונג פאַר יעדן, וואָס וויל! די מאַכט זאָל זיך נישט אַריינמישן! פולע פרייהייט! יעדער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך! און אַז. וו.

מ'וואָלט געקענט אָנווייזן אויף אַ סך סתירות אין די פּראָקלאַמאַציעס און אין דער טעטיקייט פון דערדאָזיקער ריכטונג. אָבער דאָס אויבנגעזאָגטע איז שוין גענוג כדי מען זאָל איינזען, אַז דידאָזיקע סתירות זענען אַרויסגעפלאָסן נישט פון אידייען-רייכקייט, נאָר פון אידייען-אָרימקייט. דעריבער האָט אַזוי פאַלש געקלונגען די מעלדונג, וועלכע איז אָפּגע-דרוקט געוואָרן אין „איסקוסטוואָ קאָמוני" № 2 פון 15-טן דע-צעמבער 1918 וועגן דעם, אַז אין נייעם מוזיי פון מאַלעריי-קולטור זענען איינגעקויפט געוואָרן די בילדער פון אַ גאַנצער ריי לינקע קינסטלער, וועלכע מ'פלעגט ביז דאַן נישט קויפן. עס האָט טאַקע געלוינט איינצולייגן וועלטן, נעמען די מאַכט אין די אייגענע הענט, דערקלערן אַ דיקטאַטור פון אַ מינ-דערהייט, רעדן אין נאָמען פון פּראָלעטאַריאַט, אַנטקעגנשטעלן די „באַטריבן פון מענטשלעכן גייסט" — „די טויטע טעמפּלען פון דער קונסט" און אָנפילן די „טויטע טעמפּלען" מיט די ווערק פון „לינקע" מאָלערס, וועלכע האָבן נישט אָנערקענט דידאָזיקע טעמפּלען.

דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דער שפּעטערישער סך-הכל פון דער פוטוריסטישער הערשאַפט האָט זיך אַרויס-געוויזן אַלס נישטיק און פאַרן פוטוריזם — קלאָגעדיק. איינ-שטעלן אַ דיקטאַטור פון זיין אייגענער „מינדערהייט" האָט זיך אים נישט איינגעגעבן קודם-כל צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין פּראָגראַם, קיין שום קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן די נייטהענדיקסטע אויפגאַבעס אויפן געביט פון קונסט, און קיין שום כחות, וואָס זאָלן פּעאיק זיין אויסצופאָרמירן, אויסדריקן און פאַרווירקלעכן דידאָזיקע אויפגאַבעס. אַלס לי-טעראַרישער דענקמאָל פון דער קורצער פוטוריסטישער הער-שאַפט זענען פאַרבליבן עטלעכע נומערן פון דער צייטונג

„איסקוסטוואָ קאָמוני״, וואָס האָבן אַ באַדייטונג פון אַ אינפאָר־מאַציע־מקור, צוויי נומערן פון זשורנאַל „די קינסטלערישע אַרבעט אין דער אינדוסטריי״, די כרעסטאָמאַטיע „דאָס קאָ־רענע וואָרט״ און שוין. וו. מאַיאַקאָווסקיס שאַפן שטייט אין אַ זייט. דאָס איז דאָס איינציקע, מיט וואָס דער פוטוריזם קען באמת שטאָלצירן.

מיר שליסן אויס פון אונזער איבערזיכט די אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע טעטיקייט פון דער אָפּטיילונג פון די פּלאַסטישע קונסטן — דידאַקטיקע טעמע אינטערעסירט אונז דאָ נישט. מיר רעדן דאָ נאָר וועגן פוטוריזם אין דער ליטעראַטור, דער איינ־ציקער געביט, ווו מאַיאַקאָווסקיס דיכטונג האָט געלאָזן נאָך זיך אַ שטאַרקן און בולטן שפור. זיין „לינקער מאַרש״, „באַ־פעל № 1״ און עטלעכע אַנדערע לידער וועלן פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג אַלס גלענצנדער דענקמאָל. אָבער די „מיסטעריע־בוף״ האָט נישט אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון דער צייט. היינט לייענט זי זיך אָן אינטערעס, און וועגן שטעלן זי אויפסניי אויף דער סצענע איז גאָרנישטאָ וואָס צו טראַכטן.

די אַגרעסיווע טאַקטיק פון פוטוריזם, זיינע פּרווון צו פאַרכאַפּן פאַר זיך דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון פּראָ־לעטאַריאַט, זיינע אַנאַרכיסטישע טענער, און דער עיקר — די אומפעאיקייט צו פאַרווירקלעכן אין מעשים זיינע גראַנדיעזע אויפגאַבעס, און צולעצט זיין אָפּשאַצונג, וואָס איז דורכאויס פאַלש און ווינציק קולטורעל — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אַרויס־גערופן אַ ווידערשטאַנד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא. די פוטוריסטן האָבן געהאַט אַ סך פריינט, זיי האָבן באַקומען אַ מאַנדאַט פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, אָבער נאָך אַ קורצער הערשאַפט האָבן זיי פאַרלאָרן די סימפּאַטיעס. אַזוי ווי זיי האָבן אַרויסגעוויזן זייער נישט־צוגעגרייטקייט אויף דורכ־צופירן די אַרבעט, וועלכע די רעוואָלוציע האָט געשטעלט פאַר זיי, זענען זיי דורכן לעבן גופא אָפּגעשטויסן געוואָרן פון אָנפירנדיקן אָרט.

דאָס איבערוועגן פון דאָס ייִנגלשע ביי דער רעוואָלו־ציאָנערער בויאונגס־אַרבעט איז אָפטמאָל געווען אַזוי שטאַרק,

די נישט-פראָפּעסיאָנעלקייט פון די פּרעטענזיעס אַזוי ברייט אַז א. וו. לונאַטשאַרסקי, וואָס האָט די פוטוריסטן געזיכערט די מעגלעכקייט אָנצווווענדן די כּחות אויף מעשים, איז אין דערזעלבער צייטונג „איסקוסטוואָ קאָמוני" געצווונגען געווען אָפּצוקילן די היציקייט פון די „דיקטאַטאָרן".

„ס'וואָלט געווען אַן אומגליק — לייענען מיר אין אַרטיקל „אַ לעפל געגנגיפט" — ווען די קינסטלער-נאָוואַטאָרן וואָלטן זיך ענטגילטיק גענומען באַטראַכטן אַלס מלוכהשע קינסטלערישע שולע, אַלס טוער פון אַ אָפיציעלער, זאָל זיין טאַקע אַז אַ רעוואָלוציאָנערער, אָבער פון אויבן דיקטירטער קונסט.

...צוויי שטריכן שרעקן אָביסל אין יונגן געזיכט פון יענער צייטונג, אויף וועמעס שפּאַלטן עס דרוקט זיך מיין דאָזיקער בריוו: צעשטערערישע נייגונגען לגבי דעם עבר און אַ שטרעבונג צו רעדן אין נאָמען פון דער מאַכט, הגם גלייכצייטיק רעדן זיי אין נאָמען פון אַ באַשטימטער גרופּע". 8)

דערדאָזיקער בריוו האָט אויפגעדעקט די פּרינציפּיעלע חלוקי-דעות צווישן דער „מאַכט" און די „נאָוואַטאָרן", וועלכע האָבן מעכאַניש געוואָלט פאַרזיכערן די העגעמאָניע פון זייער גרופּע. פאַר דער מאַכט זענען געשטאַנען אומגעהייערע פּערספּעקטיוון צו באַהערשן די וועלט-קולטור און אַריינציען אין דער קולטור-אַרבעט די פּיל-מיליאָניקע פויערישע און אַרבעטערמאַסן. דידאָזיקע טיפקייט און קאָמפּליצירטקייט פון די אויפגאַבעס איז פרעמד געווען די פוטוריסטן. דעריבער האָט לאַנג נישט געקענט דויערן זייער מיטאַרבעט מיט דער מאַכט. נישט אויסהאַלטנדיק דעם מלוכה-עקזאַמען איז דער פוטוריזם אַראָפּ פון דער סצענע אַלס אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָר, כּדי ווייטער פירן זיין שעפערישע אַרבעט אַלס לינקע ליטעראַרישע ריכטונג. מיר וועלן זיך טרעפן מיט אים, ווען ער וועט ווידער דערשיינען אויף דער סצענע אונטערן נאָמען „לעף".

פאַרבייגייענדיק לאָמיר באַמערקן, אַז די פּרוון צו אָרגאַניזירן אין די אַרבעטער-ראַיאָנען גרופּעס קאָמוניסטן-פוטוריסטן, האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג. דער אַרבעטערקלאַס האָט זיך שוואַך אָפּגערופן אויף דער טונקעלער פּרעדיק פון

די פוטוריסטן. ער האָט זיך מיט אינטערעס צוגעהערט צו דער ערשטקלאַסיקער דעקלאַמאַציע פון וו. מאַיאַקאָווסקין און איר געגעבן אַ יישר כח, ער האָט אָבער געשטוינט און נישט געקענט געבן קיין יישר כח די פוטוריסטישע פּרעטענזיעס, זייערע טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּאָרשלאַגן. דער אַרבעטער האָט אויפגענומען די פוטוריסטן, ווען זיי האָבן גערעדט מיט „דיכטונג". ער האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו פאַרשטיין, ווען זיי פלעגן איבערגיין צו „פּראָזע".

דערדאָזיקער דורכפאַל איבערצייגט אונז אַן איבעריקן מאָל אין דעם, אַז קונסט-שטרעמונגען האַלטן איין זייער הערשאַפט בלויז דאַן, ווען זיי ווילן זי דערגרייכן נישט מיט מעכאַנישע, נאָר מיט אָרגאַנישע מיטלען. נישטאָ אַזאַ מאַכט וואָס זאָל זיכערן אין דער ליטעראַטור און קונסט די העגעמאָניע פון אַ גרופּע, אויב דידאָזיקע גרופּע פאַרמאָגט נישט קיין שעפערישע קראַפט, וואָס איז גענוג אויף איינצוהאַלטן די העגעמאָניע. די געשיכטע פון דער פוטוריסטישער קורצער הערשאַפט איז אין דאָזיקן זין זייער באַלערנדיק.

III

דער שעפערישער דורכפאַל פון פוטוריזם איז גענומען געוואָרן צו קענטעניש דורך דער ליטעראַרישער גאַס. דער פוטוריזם האָט נישט געהאַט קיין קאָנקורענטן. זיינע שטאַרקע זייטן זענען באַשטאַנען נישט נאָר אין דעם, וואָס ער איז געווען ביי דער מאַכט, — דאָס איז אַ צווייטראַנגיקער מאָמענט. עיקרדיקער איז געווען דאָס, וואָס דער פוטוריזם איז געווען ביי דער מאַכט אין אַזאַ תקופה ווען די בורזשואַזע ליטעראַטור, אויפגעטרייסלט דורך דעם צוזאַמענברוך פון איר „געזעלשאַפט", האָט געהאַלטן אין פאַרלאָזן די סצענע. די פּאָליטישע סימפּאַטיעס און פאַרבינדונגען האָבן אַ סך שרייבער אַריינגעצויגן אין קאַמף מיט דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט. די ליטעראַרישע אינטערעסן זענען אָפּגעטראָטן אויפן צווייטן פּלאַן. ווער האָט געקענט טראַכטן וועגן ליטעראַטור, ווען די אַלטע וועלט האָט געהאַלטן אין איינפאַלן?

פונקט אין דערדאָזיקער צייט האָט זיך י. אייכענוואַלד פאַרוואַנדלט אין אַ פּובליציסט, לעאָניד אַנדרייעוו איז געוואָרן אַ פּאָליטישער שרייבער, אַרציבאַשעוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ גאַנצע ריי וואָרט-מייסטערס האָבן אין שטרודל פון די געשעענישן פאַרלאָרן די מעגלעכקייט זיך אָפּצורופן קינסטלעריש אויף דעם, וואָס קומט פאָר. די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשלאָגן די פּעדער און דעם פּענזל פון די הענט פון די בורזשואַזע קינסטלער. זי האָט צוגערויבט ביי זיי יענעם נויטווענדיקן גייסטיקן גלייכגעוויכט, אָן וועלכן עס איז אוממעגלעך פאַרצושטעלן זיך אַ קינסטלערישן שאַפן. ווער עס האָט געקענט, האָט זיך באַוואָפנט מיט אַ פּעדער פון אַ פּובליציסט. ווער עס האָט דאָס נישט געקענט, איז אַנטשוויגן געוואָרן אָדער, פאַרשטאָפּנדיק די אויערן און פאַרוויקלענדיק דעם האַלז מיט אַ שאַל, זיך געלאָזט וואַנדערן איבער די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן.

אָט אין דער צייט איז דער פוטוריזם אַרויסגעטראָטן אַלס אַוואַנגאַרד פון דער ליטעראַטור און קונסט. אָבער נאָכן פוטוריזם זענען נאָכגעגאַנגען אויך אַנדערע באַהעמע-לייט. די רעוואָלוציע האָט זיי באַפרייט. און אין דער מאָס, אין וועלכער די „גרויסע" בורזשואַזע ליטעראַטור איז אַוועק, האָבן די ליטעראַרישע גאַס פאַרכאַפּט אַלץ נייע און נייע אָפּטיילונגען יוגנט, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די באַהעמע-דזשונגלעס. די באָהעמע איז געוואָרן די געזעצגעבערין פון דער ליטעראַרישער מאָדע. עס איז אָנגעקומען דער „קאַפע"-פּעריאָד פון דער רוסישער ליטעראַטור, ווען די באַהעמע האָט פאַרכאַפּט די ליטעראַרישע פּאָזיציעס.

די טעכנישע שוועריקייטן — כמעט אַ פולשטענדיקער מאַנגל אין פּאַפּיר, די פאַרקירצטע אַרבעט אין די טיפּאָגראַפיעס — האָבן צו דערדאָזיקער צייט דערגרייכט (1919—1920 יאָרן) זייער קולמינאַציע-פונקט. אַ ניי בוך איז געוואָרן אַ זעלטענע און צופעליקע דערשיינונג. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מיטן אויפהערן צו דרוקן ביכער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט די ליטעראַרישע אַנטוויקלונג.

עס אַנטשטייט אַ כתב-ידן-ליטעראַטור, עס אַנטשטייען ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, ווו דאָס פעלן פון בוך איז פאַר-

ביטן געוואָרן דורכן לעבעדיקן וואָרט, דורך דער לעבעדיקער
צייטונג, דורכן לעבעדיקן זשורנאַל. אין די יאָרן פון בירגער-
קריג באַמערקן מיר אין רוסלאַנד דעם איינציקן פאַל, ווען אין
דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור הויבט אָן צו שפּילן אַ
באַדייטנדיקע ראָלע דאָס קאַפעהויז. דאָס קאַפע פון אַלרוסישן
דיכטער-פאַרבאַנד, דאָס קאַפע „קוזניצאַ" (די שמידעריי), „סטאָי-
לאָ פעגאַסאַ" (פעגאַסוס' שטאַל) האָבן אַ געוויסע צייט פאַר-
וואַנדלט די „טווערסקאַיאַ" — אין אַ ליטעראַטור-גאַס. אין אַ
ענגן לאָקאַל מיט אַ קליינער בינע פלעגן די דיכטער לייענען
נייע לידער, קריטיקער — זייערע עטיודן, פּראָפעסאָרן —
וויסנשאַפטלעכע פאָרטראָגן. עס פלעגן פאָרקומען הייסע ויכּוחים,
עס פלעגן פּראָקלאַמירט ווערן נייע ווערטער.

אין „דאָמינאָ" האָט יעסענין צוערשט איבערגעלייענט
זיינע רעוואָלוציאָנערע זאַכן: „חבר", „אינאָניאַ", „סאָראָקאָ-
אוסט" *) ; דאָ איז אויך פאָרמירט געוואָרן דער דעקאַדאַנס-
ציקל — „מאָסקווע די שענקישע". עס האָבן דערשטוינט דעם
אומדערפאַרענעם עולם שערשענעוויטש און מאַריענגאָף. דער
אימאַזשיניזם איז אַנטשטאַנען, זיך אַנטוויקלט און געשטאָרבן
אויף „טווערסקאַיאַ", צוזאַמען מיטן „קאַפע"-פעריאָד איז אונ-
טערגעגאַנגען אויך דער אימאַזשיניזם. אויף די „קאַפע"-בינעס
פלעגן אויסשפּראָצן און אומקומען צענדליקער אַנדערע פּאָע-
טישע ריכטונגען, דאָ זענען דעמאָנסטרירט געוואָרן מוסטערן
פון דער סאַמער לינקער און רעוואָלוציאָנערער קונסט, און
די עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערישקייט פלעגט זיך אויסדריקן אויף
אַן אויסגעפּרוּווטן מעטאָד: קלאַפּן איבערן קאָפּ דעם פאַרבליפטן
צוהערער. דער צוהערער, וואָס האָט מיינסטנס צום ערשטן מאָל
געזען אַ לעבעדיקן שרייבער, פלעגט מיט אַכטונג אויסהערן
מאַריענגאָפס פּאָעטישע איבונגען, יעסענינס ליידנשאַפטלעכע
דעקלאַמאַציע, שערשענעוויטשעס קונציקע פאַלסיפיקאַציעס, מאַ-
יאַקאָווסקיס מעכטיקן קול, פּ. ס. קאָגאַנס רעטשיטאַטיוו, בריו-
סאָווס קאַלטע אַפעקטאַציע און אַ סך אַ סך נעמען, וואָס פלעגן
אויפקומען פון נישט-זיין, כּדי ווידער צו פאַרשווינדן אויף־אייביק.

איבערן קאַפעהויז האָט זעלבסטהערשעריש רעגירט די

*) אזוי הערן אָנגערופן די פערציק תּפילה-טעג פאַר די נשמות פון די פאַר-
שטאָרבענע.

באַהעמע. דאָ פלעגט די ליטעראַטור קומען אין באַרירונג מיט דער גאַס און די גאַס פלעגט ווירקן אויף דער ליטעראַטור. „מאָסקווע די שענקישע" איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון סימביאָז פון דער קונסט און פון דער שיכורער אויסגעלאַסנקייט פון מאָסקווער דעק-לעבן. דאָס קאַפעהויז האָט אין לעצטן סך-הכל געשפּילט אַ צעשטערערישע ראָלע: די ליטעראַטור איז פאַרכלינעט געוואָרן דורך באַנאַלישקייט, דער דיכטער און די פּראָסטיטוטקע האָבן געלעבט זייט בײַ זייט. די שוואַכע האָט דאָס קאַפעהויז צעשטערט, די שטאַרקע האָט עס אָפּגעשטויסן. אַלץ, וואָס איז געווען אין דער ליטעראַטור געזונטס און שטאַרקס, האָט זיך דעריבער באַמיט צו שאַפן אַנדערע פאָרמען, וואָס האָבן מער באַפרידיקט די באַדערפענישן פון דער ליטעראַטור. אָט דידאָזיקע באַדערפענישן האָבן טאַקע געשאַפן אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווי „דאָס ליטעראַטור-הויז" און די אָוונטן אין „ליטאָ פון נאַרקאָמפּראָס".

די געשיכטע פון דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס איז נאָך נישט אָנגעשריבן געוואָרן. אָבער „דאָס ליטעראַטור-הויז", וואָס איז אַנטשטאַנען אין 1920, שטעלט פאָר מיט זיך איינס פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען אין דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. אין די יאָרן 1920—1923 איז „דאָס ליטעראַטור-הויז" געווען דער גרעסטער ליטעראַרישער צענטער, אין וועלכן עס פלעגט אָפּגעטאָן ווערן אַ באַדייטנדיקע ליטעראַרישע אַרבעט. פאַרמאָגנדיק אַן אוידיטאָריע פאַר 300 מענטשן, האָט „דאָס ליטעראַטור-הויז" איין צייט צונויפגעקליבן אַלע ליטעראַרישע און קינסטלערישע כּחות וואָס זענען טריי געווען דער רעוואָלוציע און וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין דער רעוואָלוציע. כּמעט יעדן טאָג פלעגן דאָ בײַ אַ פולן זאַל פאָרקומען דיספּוטן, אין וועלכע עס פלעגן נעמען אַן אָנטייל נישט נאָר רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטן, נאָר אויך אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער.

אין דידאָזיקע יאָרן, די יאָרן פון דער „פאָרגעשיכטע" פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, זענען אין „ליטעראַטור-הויז" אויפגעשטעלט און אָנגעמערקט געוואָרן אַלע וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער ווייטערדיקער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג.

די אַלטע און די נייע ליטעראַטור,] די פּראָלעטאַרישע אָדער בורזשואַזע, די צענטראַלע פּראַגעס פון מאַרקסיסטישער ליטעראַטור-ווּיסנשאַפט, די ליטעראַטור און דער פּסיכאָאַנאַליז, דער נייער טעאַטער און די נייע מוזיק, די אינטעליגענץ און דער קאָמוניזם, דער סטיל פון דער רעוואָלוציע און דער סטיל פון דער בורזשואַזער קונסט, דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס קינסטלערישע שאַפן, די נייע טעמאַטיק און נייע ווערטער — אַלץ, וואָס האָט אין קומענדיקן פּעריאָד געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר אַ קריטישער און ווּיסנשאַפטלעכער אַרבעט, איז באַהאַנדלט געוואָרן אין די ווענט פון „ליטעראַטור-הויז“.

צווישן די רעפערענטן און אָנטיילנעמער פון דידאָזיקע דיספּוטן געדענקען מיר די נעמען פון אַ. וו. לונאַטשאַרסקי, נ. א. בוכאַרין, וו. מ. פריטשע, פּ. ס. קאָגאַן, וו. בריוסאָוו, וו. מאַיאַקאָווסקי, וו. פּלעטניאָוו, פּ. קערזשענצאָוו, אי. גראָסמאַן-ראָשטשין, מ. פּאַוולאָוויטש, ב. גאָרעוו, נ. מעשטשעריאַקאָוו, וו. ווערעסאַיעוו, וו. בליום, אָ. בריק, אַ. סידאָראָוו, אָ. קאָמענעווא. און אַ סך אַנדערע.

אין „ליטעראַטור-הויז“ זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ סך קינסטלערישע ווערק, וואָס האָבן שפּעטער געעפנט מיט זיך אַ נייעם ליטעראַרישן פּעריאָד. דאָ האָט וואַלערי בריוסאָוו צום ערשטן מאָל געלייענט זיין „דיקטאַטאָר“, אַ. וו. לונאַטשאַרסקי — „דאָן קיכאָט“, „דער קאַנצלער און דער שלאָסער“, די פּאָעמע „קאָנצערט“, סערגעי יעסענין — „פּוגאַטשאָוו“, מ. געראַסימאָוו—„מאָנאַ ליזאַ“, מאַיאַקאָווסקי—„150.000.000“, פּאַסטערנאַק, וו. קאַזין, וו. אַלעקסאַנדראָווסקי, וו. קיריללאָוו—לידער. דאָס לעצטע מאָל האָט דאָ אַלעקסאַנדער בלאָק געלייענט אין מאָסקווע זיינע לידער. נאָך די דיספּוטן וועגן דער פּראָלעטאַרישער און נישט-פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע זענען אַ סך איינצלנע אָונטן געווידמעט געווען די פּראָלעטאַרישע דיכטער און אַנדערע ליטעראַרישע גרופּעס.

עס זענען באַהאַנדלט און אָפּגעשאַצט געוואָרן די נייע וועגן פון טעאַטער: אַלס רעפערענטן זענען אַרויסגעטראָטן וו. מייערכאָלד, וו. סאַכנאָווסקי, אַ. טאַאירָאָוו, וו. נעמיראָוויטש-דאַנטשענקאָ, נ. פאָרעגער, ט. פעאָדאָראָווסקי, ב. פערדינאַנדאָוו און אַנד. די פּראַ-

געס פון הוה פלעגן אָפּגעביטן ווערן דורך שטודירן דעם
עבר, דאַן פלעגט די אודיטאָריע הערן וו. בריוסאָוון, מ. גער-
שענזאָנען, פּ. שטשעגלאָוון, פּ. סאַקולינען, אי. קוביקאָוון, ל.
פּ. גראָסמאַנען, ווערא פיגנער, מ. פּ. סאַזשינען. פּושקין,
נעקראַסאָוו, לעוו טאָלסטאָי — ד. ה. די טעמע וועגן די קלאַ-
סיקער איז אויך בשעתו אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין „ליטע-
ראַטור-הויז".

אַ סך נעמען, וועלכע זענען שפּעטער אַריין אין דער לי-
טעראַטור כדי צו פאַרבלייבן אין איר, זענען צוערשט באַקאַנט
געוואָרן אויף דידאַזיקע זיצונגען, תּמיד רוישיקע, ליידנשאַפט-
לעכע, הגם די טעמפּעראַטור פון לאָקאַל איז נאָר אין זעל-
טענע פאַלן נאָנט געווען צו דער נאָרמאַלער... די שווערע
מאַטעריעלע באַדינגונגען פון „ליטעראַטור-הויז", וואָס האָט באַ-
קומען אַ פינאַנסיעלע אונטערשטיצונג פון „נאַרקאָמפּראָס," פלעגן
אים צייטנווייז שטעלן פאַר דער דראָאונג פאַרמאַכט צו ווערן.
אָבער די באַדערפעניש אין אַ ליטעראַרישן צענטר איז אין יענע יאָרן
געווען אַזוי גרויס, אַז מ'פלעגט גובר זיין די שוועריקייטן און „דאָס
ליטעראַטור-הויז" האָט דערלעבט ביזן היינטיקן טאָג — די
איינציקע פון אַ גאַנצער ריי ענלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זע-
נען געשאַפן געוואָרן אין אַ עפּאָכע, ווען די „ליטעראַטור איז
אַוועק".

IV

איצט איז פאַר קיינעם מער קיין ספק נישט, אַז דער
אימאַזשיניזם איז געווען יענער הערינג, וואָס קען אָנגיין פאַר
פיש, ווען עס איז נישטאָ קיין פיש. דער אימאַזשיניזם האָט
זיך צונויפגעשטוקעוועט פון פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן: דער
טאַלאַנטירטער עפּיגאָן פון פוטוריזם וואַדים שערשענעוויטש,
אַנאַטאלי מאַריענגאָף, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט סימולירט אַ
דיכטער-נאָוואַטאָר, אַלעקסאַנדר קוסיקאָוו, וואָס האָט אַליין, ווייזט
אויס, געספּקט אין זיין דיכטערישן באַרוף, און אַ סך אַנדערע
בחורים און מיידלעך, אָן דעם מינדסטן טאַלאַנט, וואָס פלעגן
זייער אומפּעאיקייט צו באַהערשן דעם וואָרט-מאַטעריאַל אויס-

געבן פאַרן „לעצטן געשריי" פון דער וואָרט-קונסט, און, צולעצט, סערגיי יעסענין, דער ליכטנדיקסטער שטערן פון דער פּויערים-דיכטונג, אַ פונקענשפּריצנדיקער, אַ שיכורער, אַן אויפגערעגטער און אויפרעגנדיקער, אַ ווייטער אָפּשטאַם-גליד פון סטעפּאַן ראַזין און פּוגאַטשאָוון, אַ טייך-רויבער אַן „אוכאַר-קופּעץ", וואָס האָט צוגעגעבן אַ גלאַנץ דעם טריבן שטראָם פון אימאַזשיניזם. ער איז פרעמד געווען צום אימאַזשיניזם, ער איז אין דערדאָזיקער קאָמפּאַניע אַריינגעפאַלן צופעליק, פאַרלירנדיק זיין אייגענעם וועג. דער אימאַזשיניזם איז פאַר יעסענינען געווען יענער „קאָרידאָר", וואָס האָט אים פון „אינאָניאַ" און „חבר" געפירט קיין „מאָסקווע דער שענקישער".

אין דעם קאַפע-פּעריאָד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור זענען די אימאַזשיניסטן אין מאָסקווע געווען אַ הערשנדיקע ריכטונג. אין דער צייט, וואָס אין פּעטערבורג, אין די זאַלן פון דער אַקאַדעמיע, האָבן די פוטוריסטן געדונערט קעגן דער בורזשואַזער קונסט, האָבן די אימאַזשיניסטן אַרענדירט דאָס קאַפע-הויז „דאָמינאָ" און עס פאַרוואַנדלט אין אַ ליטעראַרישע אונטערנעמונג.

עטלעכע ליטעראַרישע סקאַנדאַלן — דער פוטוריזם האָט געשאַפן אַ גוטע שולע פון עטאַפּאַזש — און דאָס דיכטערישע קאַפעהויז אויף דער „טווערסקאַיאַ" איז געוואָרן אַ מאָדערנער און וואַרעמער אָרט, ווו עס פלעגט אין די שפּעטע אָוונטן אַריינקומען די רעוואָלוציאָנערע גאַס. ספּעקולאַנטן און מאַטראָסן, אַ צופעליקער קראַסקאָם *) און אַ באַלערינע, אַ סאָוועטישער באַאַמטער און אַ פּאָליטישער טוער, אַן אַקטיאָר, וואָס האָט אויף גיך אַראָפּגעוואַשן דעם גרים נאָכן ספּעקטאַקל, און סתם אַ גאַסן-ליידיקגייער, וואָס האָט באַוויזן די קונץ ערגיץ-ווו זיך אָנצושיכורן ביזן פאַרלירן דעם באַוווסטזיין, צולעצט די פרויען פון „טווערסקאַיאַ" — אָט דאָס איז געווען דאָס געמישטע פּובליקום פון קאַפע, די סביבה, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט דעם אימאַזשיניזם.

אין דערדאָזיקער סביבה, ווו שערשענעוויטש איז געווען אַ טשעמפּיאָן, ווו מאַריענגאָף האָט געפּלעפּט מיט אָריגינאַליטעט — וועלכע ער האָט אויסגעבאָרגט ביי וו. מאַיאַקאָווסקין,

*) רויטער קאָמיסאַר.

אונטערן קלאַנג פֿון מעסערס, גאָפּלען און גלעזער האָט סערגיי יעסענין צעשפּריצט זיין טאַלאַנט, פאַרגיפטנדיק זיין מוח מיט אַלקאָהאָל. צווישן אַלע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן דורכן דאָזיקן קאַפע און זענען אָפט פול געווען מיט ציִרק-קאָמיזם, איז סערגיי יעסענין געווען די איינציקע פֿון וועלכער עס האָט געאָטעמט מיט טראַגעדיע: ער האָט געשפּילט מיט אמתער ליידנשאַפט, פאַרברענט ווערנדיק אויף אַש אין אַ פייער, אַרום וועלכן אַנדערע האָבן געוואַרעמט די הענט.

טעאָרעטיש גענומען שטעלט דער אימאַזשיניזם פאָר מיט זיך אַ נישטיקייט. זיין זין באַשטייט אין דעם, וואָס ער באַצייכנט מיט זיך דעם פאַקט, אַז די נייע יוגנט-גענעראַציע האָט זיך אָפּגעקערט פֿון פוטוריזם. דער גרינדער פֿון אימאזשיניזם, דער געבילדעטער און גייסטרייכער וואדים שערשענעוויטש, איז געווען איינער פֿון די פונדאַמענט-לייגער פֿון רוסישן עגאָפוטוריזם. דערשפּירנדיק פריער פאַר אַנדערע די נאָענטע קאַטאַסטראָפע, האָט שערשענעוויטש פאַרלאָזן די אונטערגייענדיקע שיף, און פאַרלאָזנדיק זי האָט ער זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פֿון פאַרגעניגן צו זיין דער קברן פֿון פוטוריזם. אָבער אין דער דעקלאַראַציע פֿון די אימאזשיניסטן, וועלכע איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך יעסענינען, איוונעװן, מאַריענגאפן, שערשענעוויטשן, דורך די קינסטלער ב. ערדמאַן און ג. יאַקולאָוו, איז נישטאָ קיין איין וואָרט, קיין איין אינטאָנאַציע, וואָס זאָל נישט אַרויסרופן אין זכרון קיין פאָרשטעלונגען וועגן די מאַניפעסטן פֿון איטאַליענישן פוטוריזם, וועגן די ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען פֿון די ערשטע רוסישע פוטוריסטן. שערשענעוויטשעס באַלייענטקייט, זיין פעאיקייט צו אימיטירן אַ פרעמדן סטיל — זאָל זיין מאַרינעטיס אָדער איגאר סעװעריאַנינס — זענען געקומען צום אויסדרוק אין דערדאָזיקער דעקלאַראַציע אין דער גאַנצער פראַכט.

„דער פוטוריזם איז געפּגרט, — האָט די דעקלאַראַציע געמאָלדן. — לאָמיר אַ דונער טאָן אַלע צוזאַמען: דעם פּו-

טוריזם אַ פוטוריסטישער טויט. דער אַקאַדעמיזם פון די פו־טוריסטישע דאָגמען פאַרשטאָפּט, ווי וואַטע, די אויערן פון אַלדאָס יונגע. — דורכן פוטוריזם ווערט פאַרטונקלט דאָס לעבן".

די הויפּט-באַשולדיקונג, וועלכע די אימאַזשיניסטן האָבן געוואָרפן אין פּנים זייער גייסטיקן פאָטער, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער לעצטער האָט דער עיקר געזאָרגט „פאַרן אינהאַלט", „ער האָט געטראַכט בלויז וועגן אינהאַלט". זיי, די אימאַזשיניסטן, זענען „די אמתע מייסטערס פון דער קונסט", זיי „שלייפן אָפּ דאָס בילד", „רייניקן די פאָרם פון אינהאַלט־שטויב". זיי פאַרזיכערן, אַז „דאָס אייבציקע געזעץ פון דער קונסט, דער איינציקער און אומפאַרגלייכלעכער מעטאָד איז דער אויסדרוק פון לעבן דורכן בילד און דער ריטמיק פון בילדער". „יעדער אינהאַלט אין אַ קונסטווערק איז פּונקט אַזוי נאַריש און זינלאָז, ווי צוקלעפּן אַ ציימונגס-אויסשניט צו אַ בילד".

דאָס באַדייט נישט, אַז די אימאַזשיניסטן האָבן געוואָלט זיין „אינהאַלטסלאָז", דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם, מ'זאָל אי־בערגעבן דעם אינהאַלט, נישט זאָרגנדיק זיך וועגן אים. ער וועט קומען פון זיך אַליין. „גיב איבער וואָס דו ווילסט, אָבער דורך דער היינטצייטיקער ריטמיק פון בילדער". דאָס וואָרט דאַרף מען געמען בלויז אין זיין בילדלעכער באַדייטונג. „דאָס בילד" איז דער פונדאַמענט פון פּאָעטישן שאַפן. אַלדאָס איבעריקע וועט שוין ממילא קומען.

די „טעאָריע" פון אימאַזשיניזם באַגרעניצט זיך מיט דעם אויבנגעזאָגטן. דער אימאַזשיניזם איז קורץ ווי אַ פּונקט, און נישט טיף ווי אַ „לוזשע, וואָס אַ פערד האָט געמאַכט"— זאָל אונז דערלויבט זיין צו באַנוצן אייגס פון די אימאַזשי־ניסטישע בילדער. אין זייערע טעאָרעטישע פּרווון זענען די אימאַזשיניסטן געווען קורץ נישט צוליב טיפקייט און נישט פון שפּע, נאָר צוליב אָרעמקייט, פון חוסר כּל. זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. אַלץ, וואָס זיי האָבן געשריבן, און אַלץ, מיט וואָס זיי פלעגן אַרויסטרעטן אַלס אידעאָלאָגן פון אַ נייער ליטעראַרישער ריכטונג, איז דעריבער באַשטאַנען פון איין

פונקט: „דאָס בילד". דאָס איז געווען אַן איינזאַמער סלופּ־אַרום וועלכן זיי פלעגן אָפּטאַנצן זייער טאַנץ. מאַריענגאָפס פינסטערער ערנסט, וואָס פלעגט שרייבן שוואַרץ אויף ווייס: „די קונסט איז אַ פאָרם. דער אינהאַלט איז בלויז איין טייל פון דער פאָרם. דאָס גאַנצע איז שיין בלויז אין דעם פאַל, אויב יעדע פון זיינע טיילן איז שיין. עס קען נישט זיין קיין שיינע פאָרם אָן אַ שיינעם אינהאַלט" — פלעגט אַרויסרופן אַ שמייכל. דאָס איז נישט שלעכט, וואָס מאַריענגאָף איז ראַדיקאַל סותר דעם ערשטן „מאַניפעסט", וואָס האָט דערקלערט, אַז „יעדער אינהאַלט אין אַ קינסטלערישן ווערק איז נאַריש און זינלאָז". שלעכט איז נאָר דאָס, וואָס די סתירה איז דיקטירט געוואָרן דורך דער אומפעאיקייט צו פאַרבינדן אַ קאָפּ מיט אַ ווײדל.

אין דערזעלבער בראָשור — „בויאַן אינזל" — דערקלערט מאַריענגאָף, פאַרוואָס די אימאַזשיניסטן קאָקעטירן אַמאָל מיט בילדער, וואָס רופן אַרויס אַן עקל. דאָס איז צוליב דעם, כדי דורך פאַראייניקן דאָס ריינע מיטן אומריינעם אַרויסרופן אַ מער פאַרשאַרפטן איינדרוק, ווייל „איינער פון דעם דיכטערס צילן איז אַרויסצורופן ביים לייענער אַ מאַקסימום פון אינערלעכער אָנשטרענגונג".

דאָס בילד איז פאַרן אימאַזשיניסט אַ זעלבסטצוועק, האָט וו. שערשענעוויטש געשריבן („2 X 2 = 5"). אין דעם אונטערשיידט זיך דער אימאַזשיניזם פון סימבאָליזם און פוטוריזם. פאַר די סימבאָליסטן איז דאָס בילד (אָדער סימבאָל) — אַן אופן צו דענקען, פאַר די פוטוריסטן — אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן די בולטקייט פון איינדרוק. דער אימאַזשיניזם איז — לויט שערשענעוויטשעס פאַרזיכערונג — דער לעצטער טריט אין דער אַנטוויקלונג פון דער דיכטונג.

„אין דער קונסט קען אָפּגעוואָרפן ווערן אַלץ, אַ חוץ די מייסטערשאַפט". „די איינהייט פון אַ פּאָעטיש ווערק איז נישט די סטראָפע, נאָר די שורה, ווייל זי איז פולקאָם לויט דער פאָרם און לויט דעם אינהאַלט".

אַרויסרוקנדיק דעם אינדיווידואַליזירטן, איזאָלירטן בילד אַלס דעם איינציקן מיטל פון פּאָעזיע, האָט זיך שערשענעוויטש

דערדעדט צו דער באַהויפּטונג, אַז די פאַראייניקונג פון „איינ־צלנע בילדער אין אַ ליד" איז נישט קיין אָרגאַנישע, נאָר אַ מעכאַנישע אַרבעט. „אַ ליד איז נישט קיין אָרגאַניזם, — האָט ער דערווידערט יעסענינען און קוסיקאָוון, — נאָר אַ מחנה בילדער". — איך בין טיף איבערצייגט, — האָט ער ווייטער צוגעגעבן, — אַז אַלע בילדער פון מאַריענגאָפן, ג. ערדמאַנען און שערשענעוויטשן קען מען מיטן זעלבן דערפאָלג לייענען פון סוף צום אָנהויב, פונקט אַזוי ווי אַ בילד פון יאַקולאָוון און ב. ערדמאַנען קען הענגען מיט די פיס אַרויף".

דאָס איז שערשענעוויטשן פאָרגעקומען אַלס שרעקלעך ראַדי־קאַלער שריט פאָראויס פון „קליינבירגערלעכן אינדיווידואַליזם" פון די סימבאָליסטן און פון „קליינבירגערלעכן קאָמוניזם" פון די פוטוריסטן. דער אימאַזשיניזם — האָט ער פאַרזיכערט — איז דער ערשטער דונער־קראַך פון דער אַלוועלטלעכער גייס־טיקער רעוואָלוציע" — מיט קיין קלענערס האָט ער נישט גע־וואָלט שלום מאַכן, און אין דידאַזיקע פּרעטענזיעס איז, פאַר־שטייט זיך, געקומען צום אויסדרוק די עפּאָכע מיט איר אַריענ־טאַציע אויף רעוואָלוציע. צוליב דערזעלבער סיבה האָט זיך דער אימאַזשיניזם דערקלערט אַלס פונדאַמענט־לייגער „פון אַ נייעם, אַלגעמיין־מענטשלעכן אידעאַליזם פון אַרלעקין־שטייגער, אַן אידעאַליזם, וואָס שטייט איבער די קלאַסן".

דעם פוטוריזמס קאַמף מיטן סינטאַקסיס האָט נישט באַ־פרידיקט די אימאַזשיניסטן. די פוטוריסטן האָבן צעטרייסלט דעם סינטאַקסיס־בנין, די אימאַזשיניסטן האָבן באַשלאָסן צו גיין ווייטער. „ד אָ ס וו אָ ר ט מ י ט ד י פ י ס אַ ר ו י ף — אָט דאָס איז די נאַטירלעכסטע לאַגע פון וואָרט, פון וועלכן עס דאַרף געבוירן ווערן אַ ניי בילד".

„דאָס צייט־וואָרט איז דער הויפּט־דיריזשאַר פון גראַ־מאַטישן אָרקעסטער" — דעריבער האָבן די אימאַזשיניסטן דערקלערט אַ מלחמה דעם צייט־וואָרט. זיי האָבן ליבער אויסגעוויילט דאָס זאַך־וואָרט, וואָס איז באַפרייט פון גראַמאַ־טיקע, אָדער, „אויב דאָס איז מעגלעך, וועלכעס פירט אַ בירגער־קריג מיט דער גראַמאַטיקע". ווייטער איז דערקלערט געוואָרן אַ מלחמה דעם פאָרוואָרט, וואָס שניידט אַרום דאָס וואָרט־

בילד, „אים צוגעבנדיק אַ באַשטימטע גראַמאַטישע פיזיאָנאָמיע״. דאָס אייגנשאַפטס-וואָרט איז דערקלערט געוואָרן אַלס פאַרבינדע-טער צוליב זיין נאָנטקייט צום זאַך-ווארט און צוליב זיין מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ זאַך-וואָרט. עס האָבן געדאַרפט אויפגעהיט ווערן בלויז דאָס זאַך-וואָרט מיט זיין זין — דעם אייגנשאַפטס-וואָרט און דעם שטיף-זון—דעם פאַרטיציפּ. די גאַנצע איבעריקע גראַמאַטיקע דאַרף פאַרניכטעט ווערן. דאָס האָט גע-דאַרפט פירן צו אַ זיג פון בילד איבערן זין און צו באַ-פרייען דאָס וואָרט פון אינהאַלט.

די אימאַזשיניסטן זענען אַרויסגעטראָטן פאַר נישט-סינ-טאַקסיסטישע פאָרמען. זי איז אומעטיק געווען פון זין פון דער פראַזע: „אָן כאָדיט״, „דאָבראָוואָ אוטראַ״. פאַר זיי זענען ליבער אַ דאַנק דער בילדלעכקייט און זינלאָזיקייט די נישט סינטאַק-סיסטישע פאָרמען: „דאָבראַי אוטראַ״ אָדער „דאָבראַי אוטרי״.

זיי האָבן דעריבער באַגריסט פאָרמלאָזע ווערטער און געוואָלט זיי „פירן״ לויט די בויגונגען: „קאַקאַדו, קאַקאַדע, קאַקאַדאַיו״.

„מיינע פאַמיליע דורכגעריסט יאָרהונדערטן״ — אָט איז אַ מוסטער פון דער אַגראַמאַטישער פראַזע, פון דער עכט-פּאָ-עטישער שפּראַך —האָט פאַרזיכערט שערשענעוויטש.

„אזוי נעם איך צענויף די לייטשעס פון די צעשויבער-טע געדאַנקען און כ׳טרייב אין ערגיץ-נישט מיין שאַרלאַטאַנישן שאַראַבאַן *) — האָט ער פאַרענדיקט זיין באמת שאַרלאַטאַנישן אַרטיקל, וואָס האָט פאַרמאָגט הומאָר.

מיטן דאָזיקן אייגנשאַפטס-וואָרט האָט שערשענעוויטש אפשר ריכטיקער פאַר אַלץ באַצייכנט די נייע פּאָעטישע ריכ-טונג. שערשענעוויטשעס טעטיקייט איז באמת געווען אַ ליטע-ראַרישער שאַרלאַטאַניזם פון אַ באַגאַבטן און באַלייענטן בור-זשוא, ווען עס איז געווען אומעטיק און וועלכער האָט אויס-בעצייכנט געוווּסט, ווי ווינציק פאַרשטענדעניש עס איז געווען אין דער אַרומיקער ליטעראַרישער סביבה. ס׳קען זיין, אַז שער-

*) צוזאַ דראָשקע (איב). —

שענעוויטש איז געווען דער איינציקער פון די אַלע, וועלכע
האָבן פרייוויליק אָדער נישט־פרייוויליק געטיילט די טעאָריע
און פּראַקטיק פון אימאַזשיניזם, וואָס האָט מיט אַ באַהאַלטע־
נער איראָניע אַפּישירט דעם אמתן ווערט און די צילן פון
דער שטרעמונג, וועלכע ער האָט געשאַפן מיט רעש און מיט
קנאַק. סוף־כּל־סוף איז שערשענעוויטש געווען דער איינציקער
טעאָרעטיקער פון אימאַזשיניזם, זיין גרויסער שאַרלאַטאַן. אַלע
אַנדערע, וועלכע האָבן זיך באַמיט „איבערשאַרלאַטאַנעווען" שערשע־
נעוויטשן, האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעהאַלטן די קאָנקורענץ.

אָבער „שאַרלאַטאַניזם", אפילו אין דער באַגלייטונג פון
שאַרפזיניקייט און באַלייענטקייט, — איז אַזאַ פערד, וואָס מען
קען אויף אים ווייט נישט פאַרפאָרן. דעריבער שטייט דער אי־
מאַזשיניזם נידעריקער פאַר יעדער קריטיק. „דאָס בילד אַלס
זעלבסטציל, דאָס בילד אַלס פאָרם און אינהאַלט" — האָט
גאָרנישט געגעבן דער קונסט.

די דיכטונג האָט זיך תּמיד באַנוצט מיטן „בילד" ווי
מיט איר הויפּט געצייג. די קאָנצענטרירונג פון בילד, דאָס
אָנזעטיקן די פּאָעזיע מיטן בילד, דאָס מעכאַנישע אָנשנירלען
אַ וואָס גרעסערע צאָל איזאָלירטע בילדער — דאָס האָט אַ־
ריינגעבראַכט בלויז כּמותדיקע ענדערונגען אין דער פּאָעטישער
פּראַקטיק, צעשטערנדיק די דיכטונג אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון ביל־
דער. די באַציאונג צום „אינהאַלט—"אַ נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע גלייכ־
צייטיק — האָט עדות געזאָגט אויף דער אומפעאיקייט צו לייזן
די פראַגע וועגן דער ראָלע פון „אינהאַלט" אין דער קונסט.
דער קאַמף מיט דער גראַמאַטיקע איז אָנגעהויבן געוואָרן און
איז דורכגעפירט געוואָרן בעסער און פולער דורך די פוטו־
ריסטן. די דינאַמיק פון אימאַזשיניזם, זיינע אורבאַניסטישע
טענער — די ליבגעזאַנגען צו דער שטאָט — דאָס אַלץ האָט
שוין געהערט צום נעכטן, דאָס איז שוין אָריגינעלער און בע־
סער געזאָגט געוואָרן נאָך פאַרן אימאַזשיניזם.

אָט דאָס איז די טעאָריע פון אימאַזשיניזם, אַ צעשוי־
בערטע, אַ פולע מיט סתירות, מיט יינגלישער חוצפּה. זי האָט
געקענט אויסוואַקסן בלויז אויף אַ באָדן, וואָס איז אויפגע־
אַקערט געוואָרן דורכן פוטוריזם, און צוציען די אויפמערק־
זאַמקייט בלויז אין די באַדינגונגען פון בירגער־קריג, ווען די

אַלטע ליטעראַטור איז אַוועק, די נייע איז נאָך נישט געבוירן געוועזן, און דער פוטוריזם, זיך שטעלנדיק ביי דער מאַכט, האָט נישט געקענט שאַפן קיין ברייטע ליטעראַרישע באַוועגונג. אָט דאַן האָט זיך אויף דער ליידיק־געוואָרענער סצענע באַוויזן דער אימאַזשיניזם. אָפּשפּילנדיק די ראָלע פון אַ „קאַליף אויף אַ שעה", איז די ריכטונג „דורכגעפאַלן", לאָזנדיק נאָך זיך בלויז אַ שוואַכן שפּור אין דער ליטעראַרישער געשיכטע.

דידאָזיקע שטרעמונג האָט אויך געהאַט פּאָליטישע שטריכן. אויסערלעך רעוואָלוציאָנער, איז זי אין תּוך געוועזן רעאַקציאָנער. דער פּרוּוו צו באַגרינדן דעם קולט פון דער פאָרם, באַגרעניצן די אויפגאַבעס פון דיכטער און קינסטלער מיט די אויפגאַבעס פון מייסטערשאַפט, דאָס איראָנישע שפּייען אויפן „קליינבירגערלעכן קאָמוניזם" פון פוטוריזם, וואָס איז פונדעסטוועגן געוועזן אַ מיליאָן מאָל מער רעוואָלוציאָנער פאַרן אַריסטאָקראַטישן אינדיווידואַליזם פון די אימאַזשיניסטן. דאָס אונטערשטרייכן די „פּראָפעסיאָנעלע" רעכט אויף דעם נאָמען פון עכטע קונסט־שעפער, דאָס אָפּגרעניצן זיך פון די פּאָליטישע אויפגאַבעס פון דער רעוואָלוציע, דאָס פּראָקלאַמירן די „פרייד" אַלס דעם ציל פון זיינע שטרעבונגען — דאָס אַלץ כאַראַקטעריזירט דעם קליינבירגערלעכן פּנים פון אימאַזשיניזם. אין יעדן טריט און כמעט אין יעדן וואָרט פון אַ אימאַזשיניסט איז בולט געוועזן דער קליינבירגער, אָבער אַ קליינבירגער, וואָס האָט העזה, וואָס קריגט מוט, וואָס פרייט זיך מיט דעם, וואָס „אַלץ איז דערלויבט".

דער בולטסטער אויסדריקער פון דערדאָזיקער קליינבירגערלעכער העזה איז געוועזן אַ. מאַריענגאָף, אין זיין העזה איז קאַלטקייט און אויסגערעכנטקייט, זיין ציניזם איז שמוציק און נישט ליידנשאַפטלעך — ווי קומען ליידנשאַפטן צו מאַריענגאָפן! מאַריענגאָפס קליינבירגערלעכער „בונט" איז טאַקע געוועזן אויסגערעכנט אויף אַזעלכע, — ווי ער אַליין, — בונטאַרן, וואָס בונטעווען, אַזוי צו זאָגן, מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט, ווייל מאַריענגאָף האָט „אויסגעשפּיגן" דאָס בלוט און „אויפגעהאָנגען" כריסטוסן אין טשרעזוויטשייקע

אין די באַדינגונגען פון פולער דערלויבטקייט. דערדאָזיקער „בונט" האָט געשמעקט מיטן גייסט פון סמערדיאַקאָוון, ווייל ער איז געווען אויסגערעכנט, אָפּגעווויגן און קאַלט ווי בוכ-האַלטעריע.

יעדע אוידיטאָריע פאַרדינט איר דיכטער. אויך די קליינ-בירגערלעכע אוידיטאָריע, וואָס האָט געפּאַטשט בראַוואָ דעם אימאַזשיניזם, איז פולשטענדיק ווערט געווען דעם אימאַזשי-ניסטישן „בונט". דאָס לעבן — דער גרויסער קלאַסיפיקאַ-טאָר — וועט פריער אָדער שפּעטער יעדן אַוועקשטעלן אויף זיין אָרט. איבערלעבנדיק זייער „רום", זענען די אימאַזשי-ניסטישע וואָרט-פירער זיך צעקראָכן אין פאַרשיידענע זייטן. אַנ-דערע האָבן געפונען אַ פאַרווענדונג פאַר זייערע טאַלאַנטן ביי אַרבעטן אין באַן-בריקן-בוי, ווער עס האָט זיך פאַרנומען מיט פיזקולטור, גאָר אַנדערע זענען געוואָרן וועלאָסיפּעדיסטן, די אַממיינסטן פעאיקע דרייען זיך אַרום נישט אָן דערפאָלג אין קינאָ, אויף די טעאַטער-בינעס, אין סאַטירישע זשורנאַלן.

וועגן שערשענעוויטשן קען מען זאָגן, אַז זיינע פעאי-קייטן און זיין וויסן וואָלטן אים געקענט זיכערן אַ מער אָנ-געזעענעם אָרט אין אונזער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג. אָבער די באהעמישע פּסיכאָלאָגיע, די אידעאישע לייכטוואַגיקייט, די נייגונג צום ביליקן עפעקט, די ליבע צו דער פראַזע צווינגען אים פאַנאַנדערצובייטן דאָס גאָלד פון זיינע פעאיקייטן אויף צענערס פון ביליקן דערפאָלג. העלדן פון אַ ליטעראַרישער שעת-חירום האָבן די אימאַזשיניסטן אויפגעהערט צו עקזיס-טירן אַלס ריכטונג צוזאַמען מיטן פאַרשווינדן פון „קאַפע"-פעריאָד אין דער ליטעראַטור.

מ׳קען נישט זאָגן, אַז די מער טאַלאַנטירטע פון די אי-מאזשיניסטן האָבן נישט געפּרוווט באַציען זיך ערלעך צו דער ליטעראַטור נאָך אין 1923. ווען די דערנענטערונג פון סוף פאַרן אימאַזשיניזם איז געוואָרן קלאָר, האָבן די אימאַ-זשיניסטן געמאַכט אַ פּרוּוו אַרויסצוטרייסלען פון זייער „ריכ-טונג" דעם מיסט, מיט וועלכן זיי האָבן נאָך קורץ פאַר דעם שטאָלצירט. אין „האָטעל פאַר רייזנדע אין שיינעם" האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אַז די יאָרן פון „עפּאַטאַזש" ליגן פון

הינטן, אַז אפילו אין די יאָרן פון „עפּאַטאַזש" איז הינטער די „קוליסן" פון ליטעראַרישן גראַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער סצענע, אָנגעגאַנגען (פלומרשט) „אַ אינטענסיווע אַרבעט אויף צו באַהערשן די מייסטערשאַפט, כּדי אין אַ וועלכע פינף־זעקס יאָר אַרום שוין אָן יעדן אַרט טומל אָנהויבן שאַפן די גרויסע קונסט, פעסט באַקאַנט מיטן מאַטעריאַל פון די עפּאָכעס און פון לעבן".

אויפן אָרט פון „וואָרט מיט די פיס אַרויף", פון איזאָלירטן „בילד" און דער מעכאַנישער קאָמפּאָזיציע ווערט אַזוי אַרום אַרויסגערוקט דער באַגריף פון „גרויסער" קונסט, עס ווערט פּראָקלאַמירט די נויטווענדיקייט „צו שאַפן דעם מענטשן און זיין עפּאָכע". אין דער דעקלאַראַציע איז אפילו גערעדט געוואָרן וועגן דעם, אַז עס זענען דאָ בלויז צוויי אויסוועגן; אָדער אַ „גרויסע קונסט", אָדער אַוועקגיין פון דער סצענע — אויפהערן צו „פּאַרקאָפּטשען דעם הימל".

אדרבה — אין אַ מזלדיקער שעה! אָבער פון יענער צייט, זינט עס זענען אָנגעשריבן געוואָרן דידאַזיקע גוטע ווערטער, זענען אַוועק נישט מער און נישט ווייניקער ווי פינף יאָר! און ווו זשע איז זי — די „גרויסע קונסט" פון אימאַזשיניזם?

V

דער קורצער דערפאָלג פון אימאַזשיניזם, וואָס איז ביליק געקויפט געוואָרן, האָט אַרויסגערופן נאָכמאַכונגען. זיי זענען מיט יעדן יאָר אַלץ מער אונטערגעוואַרימט געוואָרן דורכן וואַקסנדיקן געזעלשאַפטלעכן אינטערעס צו ליטעראַטור. קיין נייע ליטעראַטור איז נאָך נישט געווען, אָבער דער ליטעראַרישער הונגער האָט זיך שוין געלאָזט בולט מערקן. די נעגאַטיווע באַציאונג צום נעכטיקן טאָג איז געווען די הערשנדיקע, דאָס וואַרטן אויף נייע פאָרמען — אַן אַלגעמיינע. אַן איראָנישע באַציאונג צו דער קלאַסישער קונסט — אַ סימן פון גוטן טאָן. דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען האָט געשאַפן אַ גינסטיקע אַטמאָספער פאַר ליטעראַרישע זוכענישן, עקספּערימענטן,

דערפינדונגען. די פאַנטאַזיע, וואָס האָט געדאַרשט נאָך נייס, איז גרייט געווען צו אָנערקענען יעדע אַרט עקסצענטרישקייט. די טראַדיציאָנעלע אַרט פון דענקען איז באַגראָבן געווען.

מיט דעמדאָזיקן פאַרשאַרפטן דאָרשט נאָך נייסן, מיט דערדאָזיקער נעגאַטיווער באַציאונג צום אַלטן דערקלערט זיך די גרויסע צאָל שולעס און שולכעלעך, גרופּירונגען און ריכטונגען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אויף די חורבות פון אַלטן פוטוריזם און דעם זיך-צעפאַלנדיקן אימאַזשיניזם.

אין די גרופּירונגען, וואָס האָבן געשימערט מיט אַלע רעגנבויגן-קאָלירן, מיט זייער פליסיקן צוזאַמענשטעל, אָפּטמאָל מיט איינע און דיזעלבע נעמען, וואָס האָבן געוואַנדערט פון איין גרופּע אין דער צווייטער — איז נישט געווען קיין שום נייס, אַ חוץ דעם, וואָס איז שוין פריער אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורכן פוטוריזם און אימאַזשיניזם. זיי האָבן נאָר געברעקלט די פריער אַרויסגעזאָגטע פּרינציפּן, צוזאַמענגעשטעלט פון זיי פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס, געוואָרפן דעם טראַדיציאָנעלן שטיין אין קבר פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, דערקלערט אַ בונט קעגן דעם נעכטן, זיך פּראָקלאַמירט אַלס ליטעראַרישע משיחים, נאָוואַטאָרן, רעוואָלוציאָנערן, אַרויפלייגנדיק (אויפן אייגענעם חשבון) זעלבסטפּראָדוצירטע קראַנצן אויף די אייגענע, פון קיין פאַרדינסטן נאָך נישט באַלאַסטעטע קעפּ. זיי האָבן פּראָקלאַמירט דעם טויט פון פוטוריזם, אימאַזשיניזם, פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, פון סימבאָליזם, אַקמעאיזם, פון דער דיכטונג בכלל, זיי האָבן באַגראָבן די אַלטע פּרינציפּן פון פערזבוי, זיי האָבן געשטעלט אַ פלעקל אויפן קבר פון דער גראַמאַטיקע, זיי האָבן געשטעלט אַ פונקט דאָרט, וווּ זייערע פאָרגענגער האָבן געשטעלט אַ קאָמאַ. אין אַ קאַראַהאַד-טאַנץ האָבן זיך דורכגעטראָגן פאַרביי דעם פאַרטויבטן צוקוקער ביאָקאָסמיסטן און פאַרמליבריסטן, פוּאיסטן, עמאָציאָנאַליסטן און עקספּרעסיאָניסטן, לומיניסטן, ניטשעוואָקיס און אפילו דער אַקאַדעמישער אַבראַם עפראָס, וואָס איז אויף אַן אמת איבער געשראָקן געוואָרן דורך דער פאַרפלייצונג פון די קווישטשנדיקע נאָוואַטאָרן פון וועלכע יעדער איינער האָט געשריגן „אויך איך״, „אויך איך״, ווי דער געלער אין לעאָניד אַנדרייעווס דערציילונג

„תהום״ — אפילו אבראַם עפראָס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ לאַנגער דעקלאַראַציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט „קלאַסיציזם״, דעם דאָרשט נאָך „קלאָרקייט, האַרמאָניע, פּשוטקייט״, און גלייך נאָך אים האָבן זיך באַוויזן נעאָקלאַסיקער, אַלס רעאַקציע קעגן דער ניהיליסטישער צעשטערונג פון דער דיכטונג און קעגן דער פאַרלייקענונג פון די אַלטע מאָסן און ריטמען, און, צו-לעצט, די קאָנסטרוקטיוויסטן.

אַלס שטאַרקסטער פון דידאַקטיקע אַלע האָט זיך אַרויס-געוויזן דער קאָנסטרוקטיוויזם. זיין פּאָזיטיווער מאָמענט איז נישט די נעגאַטיווע באַציאונג צו דער קלאַסישער דיכטונג צו דער אַלטער מייסטערשאַפט, נאָר זיין באַיאָענדיקע, צונויפ-קלייבנדיקע, פאַרפולקאָמענדיקע באַציאונג. דער קאָנסטרוקטיוויז-איז די טעאָריע פון בויען אַ קינסטלערישע זאַך. אין דערם דאָזיקער טעאָריע זענען נישטאָ קיין אַלגעמיינע פּרינציפּן-דערפאַר אָבער בויט זי קאָנקרעטע אויפבוי-פּרינציפּן, זי גיט, אַזויצוזאָגן, אַ פּראַקטישע סכעמע פון אָרגאַניזירן דעם מאַ-טעריאַל, וואָס איר עיקר פּרינציפּ איז „די מאַקסימאַלע אָנלאָדונג פון דער באַדערפעניש אויף איר איינהייט, ד. ה. קורץ קאָנצענטרירט, אין ווינציקן — אַ סך, אין פונקט — אַלץ״.

דער קאָנסטרוקטיוויזם האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם „צעריסענעם באַוווסטזיין״ פון פוטוריזם, קעגן „באַזייטיקן די פלענער״, קעגן דעם צעפאַל פון דער דיכטונג. אין קאָנסטרוק-טיוויזם האָט אָפּגעקלונגען אַן אייזערנער ווילן צו מייסטער-שאַפט, וואָס נוצט אויס יעדן מיטל, יעדע דערגרייכונג, יעדן שטריך, וואָס העלפט ווי צום בעסטן דערגרייכן דעם געשטעלטן ציל. ער וואַרפט אָפּ דעם פערזענלעכן ווילקיר, די ענגע ספּעציאַליזאַציע, די ליבע צו אַ וועלכן-נישט-איז באַשטימטן מאַטעריאַל. ער שטרעבט צו אַ העכערער מייסטערשאַפט, צו באַ-הערשן אַלע מעגלעכקייטן, אויסצונוצן די דערגרייכונגען פון דער קונסט, צו ראַפינירן און באַרייכערן די פּאָעטישע מע-טאָדן.

פון אַלע ריכטונגען, וואָס זענען געבאָרן געוואָרן אין

שטורעם פון אונזער עפּאָכע, האָבן די קאָנסטרוקטיוויסטן געזאָגט דאָס ניכטערסטע וואָרט אין די גרעניצן פון זייער פאַך.

אָבער די „טעאָריע" איז גאָרנישט. די פּראַקטיק — אַלץ. די קונסט ווייסט נישט פון קיין טעאָריעס, אויב זיי ווערן נישט באַגלייט דורך דער פּראַקטיק. אין קונסט גייט בכלל די „טעאָריע" אין די שפּורן פון דער „פּראַקטיק". און אויב מיר רעדן ערנסט וועגן קאָנסטרוקטיוויזם, ווי וועגן אַ ריכטונג, וואָס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט, איז דאָס בלויז דערפאַר, ווייל פון דערדאָזיקער גרופּירונג איז אַרויס אַ דיכטער פון גרויסן שווונג, מיט אַ גרויסער מייסטערשאַפט, מיט אַ ריזיקן רייכטום פון מאַטעריאַל. מיר מיינען דאָ סעלווינסקין. זיין עפּאָפּייע „אוליאַלאַעווושטשינע", זיינע פּאָעמעס און אַ גאַנצע רייקליינע ווערק זאָגן עדות וועגן אים, אַז ער איז אַן אויפגייענדיקער שטערן פון דער רוסישער דיכטונג. אין סעלווינסקין באַצויבערט נישט נאָר די אייזערנע שטרענגקייט פון זיין מייסטערשאַפט, נאָר דער עפּישער שווונג פון זיין דיכטונג, וואָס איז אומגעוויינלעך פאַר אונזער צייט, ווי אויך די קונציקע ראַפינירטקייט, מיט וועלכער ער באַנוצט דאָס וואָרט. דערביי איז סעלווינסקי פון קאָפּ ביז די פיס — אַ פּראָדוקט פון אונזער תקופה.

סעלווינסקי איז אויסגעוואַקסן אין דער רעוואָלוציע. רעוואָלוציאָנער איז נישט נאָר דער מאַטעריאַל, וועלכן ער באַנוצט — רעוואָלוציאָנער איז זיין גאַנצער צוגאַנג צו דער מייסטערשאַפט. דער אַמווייניקסטן טראַדיציאָנעלער פון די היינטצייטיקע פּאָעטן, וואָס רעכנט זיך נישט מיט קיין איינעם פון די עקזיסטירנדיקע און עקזיסטירטע קאַנאָנען, אַ שווערלעכער און שווערער, איז סעלווינסקי אין דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער דיכטונג אַ טריט פּאָראויס פון פּאַסטערנאַקס פּרעכטיקער אינטימער מייסטערשאַפט און פון מאַיאַקאָווסקיס דערגרייכונגען. ער איז נישט רוישיק, ווי מאַיאַקאָווסקי, ער איז אָבער אויך נישט אַזוי אינטים-ליריש ווי פּאַסטערנאַק. סעלווינסקי איז איינער פון די דיכטער, וועלכע האָבן נישט נאָר אַ הוה, נאָר אויך אַ צוקונפט. און אויף וויפל די פּרינציפּן פון זיין פּאָעטישער אַרבעט זענען פּרינציפּן, וואָס

באַזירן אויף דער לערע פון די קאָנסטרוקטיוויסטן, אויף אַזוי פיל זיכערט פאַר זיך דער קאָנסטרוקטיוויזם אַ חשובן אָרט אין דער געשיכטע פון די ליטעראַרישע ריכטונגען פון רעוואָלוציאָנערן פעריאָד.

* * *

אַ ליטעראַרישער הו-האַ, אַ ים מיט ריכטונגען, וואָס זענען באַהערשט פון געיעג נאָך נייעסן, — דאָס אַלץ האָט באַדייט די צעפאַלונג פון פאַרגייענדיקן ליטעראַרישן פעריאָד. די רעוואָלוציע, וואָס האָט צעשמעטערט דעם אַלטן פאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן סדר, האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט לאָזן אומבאַרירט די קונסט. עס האָט זיך געהאַנדלט נישט נאָר וועגן ליקווידירן די אַלטע טעמאַטיק. די רעוואָלוציע האָט געדאַרפט טיפער ווירקן אויף דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג. די רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיט זיך נישט נאָר אַ נייעם מאַטעריאַל. זי האָט געבראַכט נייע שטאַנדפונקטן, און צוזאַמען מיט זיי נייע פאָעטישע מעטאָדן, נייע פרינציפן פון קאָמפאָזיציע און פון באַאַרבעטן דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל.

פונקט ווי אויפן געביט פון קולטור אין ברייטן זינען פון וואָרט, אַזוי האָט אויך אויפן געביט פון דער ליטעראַטור געמוזט פריער אָדער שפעטער אויפקומען אין זיין גאַנצער גרויס די פראַגע וועגן שאַפן נייע קינסטלערישע פאָרמען. דערביי איז אויפגעקומען אַ גאַנצע ריי פראַגעס, וואָס פון זייער לייזונג איז אָפגעהאָנגען די אָדער יענע ריכטונג פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג. אָט זענען די עיקרדיקסטע פון די דאָזיקע פראַגעס: נוי אַזוי באַציט זיך די רעוואָלוציע צו דער קלאַסישער ליטעראַטור? צי דאַרף די נייע עפאָכע, וואָס האָט צעשמעטערט די בורזשואַזע אָרדנונג, זיך אָפזאָגן אויך פון דער בורזשואַזער קונסט? ווי ווייט דאַרף גיין די נעגאַציע פון דער אַלטער קונסט? צי באַנוגנט זיך די נעגאַציע מיט אָפזאָגן זיך פון אַלטן מאַטעריאַל, פון אַלטן צוגאַנג צו זאַכן, אָדער די רעוואָלוציע וואַרפט אָפ די אַלטע שאַפונגס-מעטאָדן, די אַלטע מייסטערשאַפט, די אַלטע קאָנסטרוקטיווע פרינציפן? צי וואַרפט אָפ די רעוואָלוציע די אַלטע קינסטלערישע פאָרמען

אָדער זי נעמט זיי אָן? אין וועלכער מאָס וואַרפט זי זיי אָפּ און אין וועלכער מאָס נעמט זי זיי אָן? צי נעמט זי זיי פאַרן אויסגאַנגס-פונקט פון איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אָדער, אָפּוואַרפנדיק זיי פּרינציפּיעל, הויבט זי אָן צו בויען אַ נייע קונסט אויף אַן אָפּגערייניקטן אָרט? א. אז. וו.

מ׳וואָלט געקענט פאַרלענגערן דעם צעטל פראַגעס, וואָס זענען אויפגעקומען אין פעריאָד, ווען די ליטעראַטור איז אויפגעשטאַנען צו אַ ניי לעבן. און דער וויכער פון ריכטונגען, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן פאַר אונזערע אויגן, איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין קאַפּריז-שאַפונג פון די אָדער יענע ליטעראַרישע לײַדיקגייערס. דער ים דעקלאַראַציעס, פּראָגראַמעס און מאַניפעסטן האָט געהאַט אַ טיפן זין. אַלע ריכטונגען, וועגן וועלכע מיר האָבן אויבן גערעדט, זענען ביי פאַרשיידענע צוגאַנגען געווען פאַראייניקט (מיט ווינציקע אויסנאַמעס) דורך אַן אַלגעמיינעם שטריך: זיי האָבן פאַרוואָרפן דעם נעכטן און באַגריסט דעם מאָרגן. אין דעם באַשטייט דער פּאָזיטיווער זין פון ליטעראַרישן סומבור פון 1919—1921. די גרופּעס און שולעס האָבן פאַרשיידן גערעדט וועגן דעם, אַז די פּעטישן און אָפּגעטער פון דער אַלטער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג זענען אַראָפּגעוואָרפן אין שטויב, אַז זייער צויבער איז צעשטערט און דער באָדן פון דער קונסט איז צעאַקערט דורכן אַקער פון רעוואָלוציע פאַר אַ נייער זריעה.

דאָס, וועגן וואָס עס האָט אַמאָל געטרוימט מאַרינעטי, — וועגן פאַרניכטן די השפּעה פון די גרויסע טויטע,—מאַרינעטיס דאָזיקער טרוים איז רעאַליזירט געוואָרן אין אונזער לאַנד אין די ערשטע יאָרן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די פראַגע איז ביי אונז באַשטאַנען נישט אין דעם, ווי אַזוי באַפרייט מען זיך פון דעם עברס השפּעה. די נעגאַציע פון דעם נעכטן איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז ס׳איז אויפגעקומען די סכנה, זי זאָל נישט אָפּוואַרפן אויך דאָס ווערטפולע, אָן וועלכעס עס איז אוממעגלעך אַ ווייטערדיקע ליטעראַרישע אַנטוויקלונג. די פראַגע וועגן דער קלאַסישער קונסט, אירע מעטאָדן און מיטלען איז טאַקע געווען איינע פון די עיקרדיקסטע אין אונזערע ליטעראַרישע אַמפּערייען. מיט דערדאָזיקער פּראַ-

גע איז ענג פֿאַרבונדן אַ צווייטע, וועלכע קען אָנגיין פֿאַר דער צענטראַלער פֿראַגע, — די פֿראַגע וועגן אַ זעלבשטענדיקער, נייער, איכותדיק-אַנדערשאַרטיקער קולטור פֿון אונזער פּעריאָד. אונזער פּעריאָד ווערט כאַראַקטעריזירט דורך דער הערשאַפֿט פֿון פּראָלעטאַריאַט. דאָס באַדייט, אַז די פּראָלעטאַרישע קולטור איז פֿון אַ טעאָרעטישער פּראָבלעם געוואָרן אַ פּראַקטישע אויפֿגאַבע פֿון היינטיקן טאָג.

אָט דאָס איז געווען די ליטעראַרישע לאַגע אין די ערשטע פֿינף יאָר פֿון דער רעוואָלוציע. זי ווערט כאַראַקטעריזירט דורכן אָוועקגיין פֿון דער אַלטער ליטעראַטור, דורך דער צעשטערונג פֿון די אַלטע ליטעראַרישע ווערטן, דורכן צעפֿאַל פֿון די אַלטע פֿאָרמען און דורכן פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון די אַלטע ליטעראַרישע קוקן. צוזאַמען מיט דעם האָט מען אין די דאָזיקע פֿינף יאָר געזוכט נייע וועגן, עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויפֿצובויען נייע ליטעראַרישע טעאָריעס, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן די באַדערפֿענישן פֿון דער נייער עפּאָכע. די שפּע פֿון ליטעראַרישע גרופּירונגען און דער לעבעדיקער ליטעראַרישער קאַמף האָבן באַצייכנט מיט זיך די געבורט פֿון אַ נייעם ליטעראַרישן פּעריאָד.

אויבן האָבן מיר באַרירט אַ גאַנצע ריי דער עיקר פּאָעטישע גרופּירונגען, וואָס זענען געווען אַ מין בריק צווישן דעם נעכטן און דעם מאָרגן. איצט לאָמיר איבערגיין צו דער גרופּירונג, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אויפֿלעבונגס-פּראָצעס פֿון דער רוסישער פּראָזע. מיר מיינען דאָ די עטלעכע יונגע שרייבער, וואָס האָבן זיך פֿאַראייניקט אונטערן נאָמען „סעראַפּיאָנאָווי בראַטיא” (סעראַפּיאָנער ברידער).

VI

אין קעגנזאַץ צו די ריכטונגען, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אויבן, זענען די סעראַפּיאָנער ברידער געווען דער עיקר פּראָזע-שרייבער. אין הונגער-יאָר 1921 האָבן זיך עטלעכע פּריינט פֿאַראייניקט אין אַ ליטעראַרישער ברידערשאַפֿט, אויסוויילנדיק אַלס זייער שוץ-פּאַטראָן דעם פּרוש סעראַפּיאָן

פון האָפמאַנס באַרימטן ראָמאַן. אין תוך גענומען איז דאָס געווען אַ קליינע ליטעראַרישע סטודיע, וואָס האָט שטודירט די פּראָזע־מייסטערשאַפט. „די ברידערשאַפט" האָט פאַרדינט אַ היס־טאָרישן נאָמען: פון איר זענען אַרויסגעקומען ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו, קאָנסטאַנטין פעדין, ניקאָלאַי טיכאָנאָוו — שרייבער, וועלכע פאַרנעמען מיט רעכט דעם אויבנאָן אין דער מאָדער־נער רוסישער ליטעראַטור. אָבער אויך די איבעריקע „ברי־דער" — אַלע אָן אויסנאַם — האָבן פאַרנומען חשובע ערטער אין דער ליטעראַטור.

די „סעראַפּיאָנער" זענען געווען די ערשטע פאַראייני־קונג פון פּראָזאַאיקער, אויסגעוואַקסענע אין דער רעוואָלוציע. אָבער אַרויסגעוואַקסן זענען זיי פון פאַרגאַנגענעם פעריאָד: פון די יונגע ליטעראַרישע גרופּעס איז צום ענגסטן פאַרבונדן געווען מיט דער פאַרגאַנגענהייט די גרופּע „סעראַפּיאָנער". נישט אומזיסט זענען אירע לערערס געווען זאַמיאַטין און שקלאָווסקי. און דעריבער, אַנטשטאַנען אַלס ליטעראַרישע חבר־שאַפט, האָט דידאַקטיקע גרופּע גלייך פון די ערשטע טריט זיך באַמיט צו עמאַנסיפּירן זיך פון די השפעות פון דער רעוואָלוציע, זיך אָפּגרעניצן פון דער „פּאָליטיק", וואָס האָט געבושעוועט אַרום און אַרום. דידאַקטיקע כונה האָט זיך אויסגעדריקט אין בכיוונדיקן אַפּאָליטיזם פון דער גרופּע. די „סערעפּיאָנער" זענען נישט געווען קיין קאָנטררעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן אָבער נישט געזאָגט צו דער רעוואָלוציע: יאָ. „דאָס גייט אונז נישט אָן" — אָט דאָס איז, דאַכט זיך, געווען דער געדאַנק פון די סעראַפּיאָנער. די געשיכטע האָט געשטעלט די פראַגע: מיט וועמען גייט איר? „מיר גייען מיטן פרוש סעראַפּיאָן",—האָבן געענטפערט די ברידער.

דאָס איז זייער אַן אויסמיידנדיקער ענטפער. ער האָט נישט באַדייט „קעגן", אָבער אויך נישט „פאַר". דער זין פון דעם „אויסמיידנדיקן" ענטפער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די עמאַנסיפּאַציע פון דער רעוואָלוציע האָט צוגעזאָגט „פריי־הייט" אין באַגיין זיך מיטן מאַטעריאַל און אין טראַקטירן דעמדאָזיקן מאַטעריאַל. סוף־כל־סוף, אין זיין אנהויב האָט ער, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ טענדענץ צו גיין קעגן דער רע־

וואָלוציע. די ענגע פֿאַרבינדונג — דורך זאַמיאַטינען און
שקלאָווסקין — מיטן „נעכטן” האָט זיך דאָ געלאָזט פֿילן.
שפּילנדיק אַ גרויסע ראָל ביי די ערשטע פּרוּוון פֿון אירע
מיטגלידער, האָט די ברידערשאַפֿט אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן
אַלס גאַנצעס, אַ פֿאַראייניקטס דורך געמיינזאַמע שטרעבונגען.
דאָס געפֿיל פֿון „ברידערשאַפֿט” האָט נישט געקענט זיין קיין
גענוג שטאַרקער פֿאַרבינדונגס־מיטל דאָרט, ווו עס קומען צום
וואָרט פֿאָרמעלע און אידעאָלאָגישע אַנטאַגאָניזמען. און דער
פּערזענלעכער צוזאַמענשטעל פֿון דער גרופּע איז געווען פֿאַר־
שידן נישט נאָר לויט דער מאָס טאַלאַנט, נאָר קודם כּל אי־
דעאָלאָגיש, נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען פֿון די סע־
ראַפּיאָנער אָפּצוגרעניצן זיך מיט אַ כינעזישער וואַנט פֿון יע־
דער אַרט „אידעאָלאָגיע”. צי דען האָבן לאַנג געקענט לעבן
אונטער איין דאַך פֿעדין און זאָשטשענקאָ? ניק. טיכאָנאָוו און
ניק. ניקיטין? וו. קאַווערין און ווס. איוואַנאָוו?..
די „מורא” פֿאַר אַן אידעאָלאָגיע האָט, פֿאַרשטייט זיך,
אַריינגעבראַכט אַ צעטומלעניש אין דער פּלאַטפֿאָרם פֿון די
סעראַפּיאָנער, וועלכע איז דאָך אַליין אויך געווען אַן „אידעאָ־
לאָגיע”. „אַ ווערק דאַרף זיין אַן אָרגאַניש, רעאַל וועזן, עס
דאַרף לעבן מיט זיין אייגן לעבן”, — האָבן געזאָגט די סע־
ראַפּיאָנער, אָבער גראָד דידאָזיקע פֿאָדערונג האָט געשטעלט
צום קינסטלער די רעוואָלוציע. דער קאַמף איז געגאַנגען
נישט וועגן דעם, מ׳זאָל צ ו י נ ג ע ן דעם קינסטלער צו שרייבן
אונטערן דיקטאַנט פֿון שטימונגען, וועלכע זענען אים פֿרעמד.
די רעוואָלוציע האָט געפֿאָדערט, אַז דער קינסטלער זאָל זיין
אַ אָרגאַנישער אויסדריקער פֿון זיין צייט. „אַ ווערק קען אָפּ־
שפּיגלען אַן עפּאָכע, אָבער עס קען אויך נישט אָפּשפּיגלען”,—
האָבן די סעראַפּיאָנער געזאָגט אין זייער דעקלאַראַציע „פֿאַרוואָס
יענען מיר „סעראַפּיאָנער ברידער”, אונטערגעשריבן דורך לעוו
לונץ.
אָבער צי דען קען מען אָנרופֿן כאָטש איין גרויס לי־
טעראַריש ווערק, וואָס זאָל נישט זיין קיין ווערק פֿון ז יי ן
צייט? מ׳קען זאָגן, אַז וואָס ווינציקער אַ ווערק איז צונויפֿגע־
בונדן מיט זיין תּקופֿה, אַלץ שוואַכער איז עס, ווייל דאָס

באַדייט, אַז עס רעדט נישט מיט זיין אייגן קול. דידאָזיקע נישט-ריכטיקע הנחה, איינע פון די עיקרדיקסטע אין דער פּראָגראַם פון די סעראַפּיאָנער, איז גלענצנד אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך זייער אייגענער פּראַקטיק. גראָד דערפאַר, וואָס די פּראַקטיק פון די סעראַפּיאָנער האָט גובר געווען זייער טעאָריע, קען די ראַטנליטעראַטור שטאָלצירן מיט ווסעוואָלאָד איוואַנאָוון, קאָנסטאַנטין פעדינען, ניקאָלאַי טיכאָנאָוון, וואָס זייער פאַרבונדנקייט מיט אונזער עפּאָכע איז זייער אַן ענגע. יעדעס ווערק זייערס דערציילט וועגן אונזער פּרעכטיקער צייט נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי שעפּן דעם מאַטעריאַל פאַר זייערע ווערק פון מאָדערנעם לעבן, נאָר דערפאַר, וואָס די מיטלען פון זייער מייסטערשאַפט, דער אופן צו פאָרמירן דעם מאַטעריאַל, זייערע קאָנסטרוקטיווע מעטאָדן — זענען מעטאָדן, וועלכע עס האָט אַרויסגערופן צום לעבן אונזער צייט. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן „שטייגערדיקייט", ד. ה. נישט אין דער פאַרבונדנקייט מיט אַ קאָנקרעטן מאַטעריאַל פון אַ באַשטימטן אָרט אין אַ באַשטימטער צייט. מען קען אָנשרייבן אַ שרעקלעך „שטייגערישע" דערציילונג פון היינטיקן לעבן, וועלכע וועט זיין נישט מאָדערן, אויב זי וועט געמאַכט ווערן מיט מיטלען פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. און פאַרקערט, דעם מאַטעריאַל פון דער ווייטער אָדער נעענטערער פאַרגאַנגענהייט קען מען דערנענטערן ביז דער העכסטער מדרגה צו אונזער צייט. אין דאָזיקן לעצטן זין איז טיניאַנאָווס „קיוכליאַ" אַ סך מער אַ היינצייטיקע דערציילונג, איידער, לאָמיר זאָגן, געוויסע ווערק פון מ, זאָשטשענקאָ, וואָס זיין פאַרבונדנקייט מיט דער „היינטיקער צייט" קען פעסטגעשטעלט ווערן לויטן קאַלענדאַר.

ביים באַהאַנדלען זייער דעקלאַראַציע, האָבן די סעראַפּיאָנער ערנסט געמיינט, אַז די רעוואָלוציע איז נישט מסכּים מיט זייער עיקרדיקער „פאָדערונג". מיר, די ברידערשאַפט, — האָבן זיי געשריבן, — פאָדערן איינס: „דאָס קול זאָל נישט זיין פאַלש, מיר זאָלן גלויבן אין דער רעאַלקייט פונם ווערק, פון וואָסער קאָליר עס זאָל נישט זיין". פונקט ווי די רעוואָלוציע וואָלט עפּעס דערווידערט קעגן דאָזיקן „טעזיס"! פונקט ווי די רעוואָלוציע האָט ליב פאַלשע שטימעס

און זי האָט נישט פאַר איר חוב צו דעמאַסקירן פעלשונגען, באַזונדערס ליטעראַרישע. וויכטיקער איז די פראַגע וועגן דער „פאַרב“. אָט דאָ איז „דער הונט באַגראָבן“. די סעראַפיאַנער האָבן, ווייסט אויס, געוואָלט באַקומען דאָס רעכט צו טראָגן אַ „פאַרב“, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אָפּגעוואָרפן. דאָ האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט זיין קיין שום אונטערהאַנדלונגען. די רעוואָלוציע טרעט נישט אָפּ פון אירע געזעצן. און דידאַ-זיקע געזעצן זענען אַכזריותדיק, און די סעראַפיאָנער האָבן געדאַרפט אויסקלייבן: אָדער קעמפן פאַר זייער רעכט צו זיין „ווייסע“, אָדער זיך אָפּזאָגן אויף „אייביק“ פון דערדאָ-זיקער פאַרב. פון דאָזיקן באַשלוס האָבן זיי זיך געוואָלט פאַר-דעקן מיט אַפּאָליטישקייט. דערפון נעמט זיך זייער „נייטראַליזם“ און די ווייט נישט אָריגינעלע „ברייטקייט“ פון די נאַטורן. סוף-כל-סוף האָט געזיגט דאָס לעבן. די אַפּאָליטישע אידעאָ-לאָגיע פון די סעראַפּיאָנער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס שאַלעכטס, מיט וועלכער מ׳האָט זיך געמוזט שיידן, די סעראַ-פיאָנער זענען אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור ווי איינע פון אירע שטאַרקסטע גרופּעס.

די סעראפיאנער ברידער זענען געווען אַ ליטעראַרישע גרופּע, וואָס איז אַרויסגעוואָקסן פון די טיפענישן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. די שרייבער פון דערדאָזיקער גרופּע האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער שטרעמונג, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „מיטלויפער“. לאָמיר זיך איצט באַקענען מיט דער גרופּע, וואָס איז אַרויס פון די טיפענישן פון אַרבעטער-קלאַס, וועלכע האָט געגעבן דעם ערשטן שטויס צו יענער ברייטער ליטעראַרישער באַוועגונג, וועלכע מיר רופן אָן — די פּראָלעטאַרישע.

VII.

די „קוזניצאַ“ (די שמידעריי) איז געווען די ערשטע אָר-גאַניזירטע מחנה פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן אין דער אָקטאָבער-תּקופה. אָבער אירע וואָרצלען גרייכן ביז דער פאַראָקטאָבערשער תּקופה. די אָנגע-

זעענסטע פֿאָרשטייער פֿון דערדאָזיקער גרופּירונג האָבן געשריבן און זיך געדרוקט נאָך פֿאַרן 1917-טן יאָר — מ. געראַסימאָוו, נ. ליאַשקאָ, א. וו. פֿיליפּטשענקאָ. כּמעט אַלע (אָן אויסנאַם) מיטגלידער פֿון דער „קוזניצאַ" זענען אַריין אין דער ליטעראַטור פֿון דער פֿאַבריק און פֿונם באַטריב. וועגן זיי האָט מען נישט געקענט זאָגן, אַז זיי האָבן נישט קיין טאַלאַנט. מ'האָט זיי אויך נישט געקענט באַשולדיקן אין ליטעראַרישן דילעטאַנטיזם. זיי האָבן געקענט זייער אַרבעט נישט ערגער פֿאַר אַ סך בורזשואַזע וואָרט-ספּעציאַליסטן. אייניקע פֿון זיי זענען אַריין אין דער „גרויסער" ליטעראַטור. מ. געראַסימאָוו, למשל, האָט זיך שוין אין 1915 געדרוקט אין גאָרקיס „לעטאָפּיסי".

אין „קינסטלערישן וואָרט" פֿון 1920 האָבן נעבן באַלמאָנטן און בריוסאָוון געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט וו. אַלעקסאַנדראָווסקיס לידער מיט זייער אייגנגעהאַלטענער ליידנשאַפֿטלעכקייט און דער נישט-שלעכטער געטאָקטקייט פֿון דער שורה. די שרייבער פֿון דער „קוזניצאַ" זענען געווען באַגאַבטע און עכטע פּראָלעטאַריער. פֿאַרן ערשטן פּעריאָד פֿון אונדזער רעוואָלוציע. ווען אויף דער סצענע איז נאָך נישט אַרויסגעטראָטן די גענעראַציע פֿון „אָקטאָבער", איז דאָס געווען דער בעסטער אַרבעטער-אָפּקלייב, ליטעראַריש אַ קוואַליפֿיצירטער, אַ צוגעגרייטער דורכן אַרבעטערקלאַס פֿאַר דער תּקופֿה פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

מ'מעג באַדויערן, וואָס קיין איינער פֿון די יונגע ליטעראַטור-פֿאָרשער האָט זיך נישט געשטעלט פֿאַר אַ ציל אָנצושרייבן אַן אָביעקטיווע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם שעפֿערישן וועג פֿון דערדאָזיקער גרופּע פּראָלעטאַרישע שרייבער. די וועגן און וועג-קרייצונגען פֿון איר אַנטוויקלונג, אָנהייבנדיק פֿון די פֿייערלעכע הימנען פֿאַר דער רעוואָלוציע, דורך דעם שטח פֿון אַנטוישונג און קאָסמיזם, האָבן אַ גרויסע באַדייטונג, כּדי מען זאָל ריכטיק פֿאַרשטיין דעם וווּקס פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אירע אומפֿאַרמיידלעכע שטרויכלונגען און אומפֿאַרמיידלעכע זוכענישן. די געשיכטע פֿון דער ליטעראַרישער

אַנטװיקלונג איז בכלל זיגזאַגאַרטיק, די פּראָלעטאַרישע ליטע-
ראַטור איז נישט קיין אויסנאַם.

די געשיכטע פון „קוזניצאַ” איז אַזוי אַרום דאָס ערשטע
קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטע-
ראַטור אין דער עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.
„די שמידן” האָבן אָפּגעשפּיגלט די באַגײַסטערונג און די אַנ-
טוישונג פון אַ געװיסער טײל פון אַרבעטערקלאַס, װאָס איז
אַממערסטן עקסטרעם, אַמװײניקסטן אויסגעהאַלטן, װאָס פאַלט
אַמלײכטסטן אַרײַן אין אָפּהענטיקײט בײַ די ערשטע דורכפאַלן,
װאָס טריאומפירט מער פאַר די אַנדערע בײַ די ערשטע דער-
פאָלגן. די פאָרמעלע אײגנשאַפטן פון דער „שמידן”-דיכטונג
שפּיגלען אָפּ די נישט-זעלבשטענדיקײט פון דער מײַסטערשאַפט
און די אָפּהענגיקײט פון די פּרעכטיקע מוסטערן פון דער
בורזשואַזער דיכטונג. דידאַקטיקע מאָמענטן — דער אידעאָלאָ-
גישער און דער פאָרמעלער — האָבן אָפּגעשפּיגלט די „סאָציאָ-
לאָגיע” פון דער תּקופה. פּיאָנערן פון דער פּראָלעטאַרישער
ליטעראַטור, האָבן די „שמידן” סײַ מיט זײער קינסטלערישן
שאַפן סײַ מיט זײערע טעאָרעטישע דעקלאַראַציעס באַצײכנט
אײנעם פון די ערשטע עטאַפּן פון פּראָלעטאַריאַטס ליטעראַ-
רישן זעלבסטבאַװוסטזײַן. די אומרײַפקײט פון ליטעראַרישן גע-
דאַנק, דאָס סכעמאַטישע פאַרשטײן די באַװעגונג, װאָס
די „קוזניצאַ” איז געװען אַ טײל פון איר, אַ גאַנצע רײ טעאָ-
רעטישע טעותים — דאָס אַלץ האָט געפונען אַן אויסדרוק אין
דער דעקלאַראַציע פון דער „קוזניצאַ”.

אין דערדאָזיקער דעקלאַראַציע זענען דאָ עלעמענטן,
װעלכע זענען אַרײַן אַלס באַשטאַנדטײלן אין די טעאָרעטישע
קאָנסטרוקציעס פון די „נאַפּאָסטאָװצעס” (װאָס שטײען אויף
דער װאַך). אויך דאָ האָט מען צוגעשריבן דער ליטעראַטור
די ראָלע פון אַ װערקצײַג אויף צו „אָרגאַניזירן די צוקונפ-
טיקע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט”, אויך דאָ האָט מען אָפּגעלײקנט
בײַ די פאַר-רעװאָלוציאָנערע קינסטלער די קראַפט צו „פאָר-
מירן דעם שעפערישן מאַטעריאַל, װעלכן די רעװאָלוציע האָט
אויסגעריסן”, אויך דאָ האָט מען אַנטשלאָסן פאַראורטײלט די
הױלע טעכניק, די יוּװעליר-אַרבעט בײַם פיליגראַנירן דאָס

חאָרט אָן זאָרג וועגן זיין אינהאַלט, אויך דאָ האָט מען אָפּגעלייקנט דפם אינדיווידואַליזם, אויך דאָ—דיזעלבע אומצופרידנקייט מיט דער ליטעראַרישער פּאָליטיק פון זייער צייט, אין וועלכער די פּראָלעטאַרישע מלוכה גיט מיטלען אויף אַ קונסט. וועלכע די „קוזניצאַ" וואַרפט אָפּ. „די אַרבעטער־יוגנט, — לייענען מיר אין דער דעקלאַראַציע, — וואָס האָט זיך דורכגעריסן צו וויסן און קינסטלערישן שאַפן, איז געפּלעפּט. קיין בעלינסקיס *) זענען נישטאָ. איבער דער וויסטע פון דער קונסט — אַ בין־השמשות". צום סוף האָט די „קוזניצאַ" אויפגעהויבן „אַ רויטע פאָן פון אַ פּלאַטפאָרם־דעקלאַראַציע פון פּראָלעטאַרישער קונסט".

אין דערדאָזיקער „פּלאַטפאָרם־דעקלאַראַציע" זענען דאָ געדאַנקען, וועגן וועלכע עס קען קיין שפּאַר נישט זיין. ריכטיק איז באַמערקט געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן קינסטלער און דעם קלאַס, הגם די פאָרמולירונג — „דער מעדיום פון זיין קלאַס" — איז שרעקלעך. „די פּראָלעטאַרישע קונסט — דאָס איז די פּריזמע, ווו עס קאָנצענטרירט זיך דאָס פּנים פון קלאַס, אַ שפּיגל, אין וועלכן די אַרבעטערמאַסן קוקן אויף זיך". ווי אַ פאָרמול פון קונסט איז דאָס נישט שטאַרק, אָבער אַלס אָנווייזונג אויף איינער פון די וויכטיקסטע פונקציעס פון דער קונסט (פון איר קלאַסנזייט,) — איז דאָס קלוג געזאָגט.

עס זענען דאָ געוויסע ריכטיקע שטריכן אין באַשטימען די אויפגאַבעס פון דער קונסט אין דער עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אָבער עס איז אויך דאָ אַ סך טויטער סכעמאַטיזב, וועלכער באַווייזט זיך אומפאַרמיידלעך אויף דער סצענע, ווען די קונסט ווערט באַהאַנדלט פון שטאַנדפּונקט פון „וואָס־ס'וואָלט־געדאַרפט־זיין". וואָס אַזוינס ד אַ ר ף זי זיין, וועלכע אויפגאַבעס זענען רעכטצייטיק מער פאַר אַנדערע, מ י ט וועלכע וועגן קען מען זיי אַמבעסטן פאַרווירקלעכן — אַזאַ מין טעאָרעטישע קאָנסטרוקציע פאַרפירט אומפאַרמיידלעך אויף די פליינען פון ברייטסטער הפקרות, ווו עס

*) בעלינסקי — דער גרעסטער רוסישער קריטיקער אין בלי־פעריאָד פון דער רוסישער ליטעראַטור. (איבערז.)

שפּאַצירן אַרום, ווי אַ ווינט, דער דאָגמאַטיזם און סכעמאַ-טיזם — פּעלערן, אויף וועלכע עס ליידן מענטשן, ווען זיי רייסן זיך אָפּ פון לעבעדיקן שאַפן און פאַרבייטן אים מיט שמועסן וועגן שאַפן.

אויך אין דער דעקלאַראַציע פון „קוזניצאַ" איז דאָ זייער אַ סך קריטישער סכעמאַטיזם. דער פּרווו צו לייזן אין דריי שורות אַלע שטרייט-פראַגעס פון דער וויסנשאַפטלעכער עסטע-טיק, צעשטערן די בורזשואַזע עסטעטיק און תיכּף אויפבויען די יסודות פון דער אמתער עסטעטיק פון פּראָלעטאַריאַט — דאָס איז פּעאיק אויפצוווען אַ חוזקדיקע באַציאונג צו די בוי-ער. דער פּרווו אָנצוצייכענען אין דריי שורות דעם פּלאַן, פּאַרנעם, כאַראַקטער, די אויפגאַבעס און די איבעריקע שטריכן פון דער אייגענער ליטעראַרישער ריכטונג איז אויך אַ באַווייז פון דער דאָגמאַטישער באַציאונג צו דער זאַך. וואָס, למשל, קען געבן דעם לייענער אַזאַ פראַזע, וואָס מאָלט די פּאָזיטיווע אויפגאַבע פון דער „קוזניצאַ":

„די „קוזניצאַ" וועט זוכן קינסטלערישע פּאָרמען, וואָס אַנטשפּרעכן דעם פּאַרנעם פון אונזער תּקופה, אַרבעטן איבער זיי, אָבער נישט נאָכאַמען און קאָפּירן די יורדים".

נישט ווינציקער דערפּאָלגלאָז זענען די פּרווון פון דער דעקלאַראַציע צו ענטפערן אויף דער קאַרדינאַלער פראַגע, — „וואָס אַזוינס איז פּראָלעטאַרישע קונסט". איין קלייניקייט! די פּאַר-פּראָלעטאַרישע עסטעטיק האָט אין משך פון אַ סך יאָר-הונדערטן, מיט דער באַטייליקונג פון געניאַלע מחות געוואָלט לייזן די אויפגאַבע: „וואָס אַזוינס איז קונסט?" און ביז אויף היינטיקן טאָג האָט נאָך נישט די מענטשהייט קיין אומ-באַשטריטענעם ענטפער. אָבער זי האָט אַ ק ו נ ס ט, און דאָס טרייסט אַביסעלע פאַרן פעלן פון אַ פעסטן באַגריף: „וואָס אַזוינס איז קונסט". אין אונזער פאַל איז די לאַגע אַ פאַר-קערטע: קיין פּראָלעטאַרישע קונסט איז נאָך נישט געווען בנמצא, אָבער די „שמידן" האָבן צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים דעקלאַראַטיוו דערקלערט: „וואָס אַזוינס איז פּראָלעטאַ-רישע קונסט". אָט וואָסער ענטפער מיר האָבן באַקומען פון „קוזניצאַ":

„די פּראָלעטאַרישע קונסט איז די קונסט, וואָס נעמט אַרום די דריי-דימענסיעדיקע פלאַך פון שעפערישן מאַטעריאַל אין אַ קלאָרע, גענויע, סינטעטישע פאָרם, וואָס אַנטשפּרעכט דעם קלאַס, און פירט דורך אים דורך די באַשטרעבונגס-ליניע צו די ענטגילטיקע צילן פון פּראָלעטאַריאַט. דידאָזיקע קונסט איז לויט איר טבע אַ קונסט פון גרויסן לייוונט, פון גרויסן סטיל, אַ מאָנומענטאַלע קונסט."

יעדעס וואָרט פון דערדאָזיקער פאָרמולירונג פאָדערט נייע פאָרמולירונגען. חוצדעם: צי דען קען מען נישט זאָגן וועגן דער בורזשואַזער קונסט אין איר אויפשטייג-פעריאָד, אַז זי האָט אַרומגעכאַפּט די דריי-דימענסיעדיקע פלאַך, האָט דורכגע-פירט די „באַשטרעבונגס-ליניע", אַז זי איז געווען אַ קונסט פון גרויסן לייוונט און אז. וו. וואָס-זשע איז דאָ „פּראָלעטאַ-רישעס" אין דערדאָזיקער פאָרמולירונג? ווערטער. אָבער „ווערטער, ווערטער"... בלייבן ווערטער, ווען הינטער זיי איז נישטאָ קיין קאָנקרעטער, קיין אייגענער אינהאַלט, וואָס גרע-ניצט זיי אָפּ פון אַנדערע ווערטער.

די ווייטערדיקע אויספירן און פאָדערונגען, וועלכע די „קוזניצא" האָט אַרויסגעשטעלט צו דער פּראָלעטאַרישער ליטע-ראַטור, די באַציאונגען, אין וועלכע די פּראָלעטאַרישע ליטע-ראַטור האָט זיך געדאַרפט שטעלן צו דער נישט-פּראָלעטאַרי-שער, מיט איין וואָרט, די גאַנצע ליטעראַרישע פּאָליטיק פון די „שמידן" איז דורכגעגאַנגען אונטערן צייכן פון זעלבן דאָגמאַטיזם.

אין יסוד פון דערדאָזיקער פּאָליטיק איז געלעגן אַ טעזיס, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די „קוזניצא" אַלס ערשטע פאַבריק פון מאַסן-פּראָדוקציע פון עכטער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

„די פאַראייניקונג פון די אַרבעטער-שרייבער „קוזניצא" איז די איינציקע פאַראייניקונג, וואָס שטייט אינגאַנצן אויף דער פּלאַטפאָרם פון רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד—פון אַרבעטערקלאַס און דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

די „איינציקע" פאַראייניקונג! און זייט ביי זייט מיט דערדאָזיקער „איינציקער" פאַראייניקונג איז אַנטשטאַנען אַ

צווייטע פאַראייניקונג — „אָקטאָבער", וואָס האָט אויך פון איר זייט נישט נאָר זיך דערקלערט אַלס "איינציקע" און געפאָדערט פאַר זיך שבחים, אויפמערקזאַמקייט און אַנדערע אָרגאַניז. אויספירן, נאָר זי האָט אויך באַהאַנדלט דידאַקטיש זעלבע „קוזניצאַ", ווי אַן אַנטיפּראָלעטאַרישע גרופּע, ווי אַ צעפוילטע, וואָס ברענגט שאָדן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

אין צוזאַמענשטויס פון צוויי פּרעטענדענטן אויפן טיטל פון אַ „איינציקן" איז נישט געווען קיין שום קאָמיזם. מ'דאַרף אָבער זאָגן: בלויז אויפן באָדן פון אַ קנאַפּער פאַרשטענדעניש פאַר דער קאָמפּליצירטקייט פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג, פאַר די קעגנזייטיקע באַציאונגען, וועלכע אַנטוויקלען זיך אויפן דאָזיקן געביט, און פאַר די אויפגאַבעס, וואָס שטייען פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי אַן אָנפירערין פון אַ פּילמילייאָניקער מלוכה, האָבן געקענט אויסוואַקסן בלימעלעך פון אַזאַ דאָגמאַטיזם און אַזעלכע פּרעטענזיעס.

און אויב די „קוזניצאַ" וועט בלייבן אין דער ליטעראַטור, איז נאָר אַדאַנק יענעם פאַקט, וואָס אין איר סביבה זענען געווען שרייבער, וואָס האָבן באַוויזן גובר צו זיין דעם סכעמאַטישן טעאָרעטיזירן און וואָס האָבן געגעבן אַ גאַנצע ריי עכטע ליטעראַרישע ווערק. די דעקלאַראַציע פון דער „קוזניצאַ" וועט פאַרגעסן ווערן. אָבער מיט די נעמען פון פ. גלאַדקאָוון, מ. וואָלקאָוון, וו. באַכמעטיעוון, נ. ליאַשקאָ, וו. אַלעקסאַנדראָווסקין וועט זיך דער ליטעראַטור-היסטאָריקער מוזן רעכענען.

די ווייטערדיקע געשיכטע פון דער גרופּע האָט באַוויזן, ווי ווייט עס איז נישט געווען באַגרינדעט דער אָפּטימיזם פון דער „קוזניצאַ". זי איז זיך עטלעכע מאָל צעפאַלן, דאָס שאַפן פון אירע מיטגלידער האָט איבערגעלעבט אַ גאַנצע ריי סטאַדיעס און זיגזאַגן, אַפילו טעמפּע ווינקלען אונטערן שילד „רוסקי סאָווּרעמעננִיק". איינצלנע פאַרשטייער פון„ קוזניצאַ", וואָס האָבן אַזוי פייערלעך פּראָקלאַמירט „קומט צוגיין צו מיר אַלע"... האָבן זיך אַליין אָפּגעריסן פון זייער קלאַס, האָבן פאַרלאָרן די ענגע פּסיכאָלאָגישע און אַפילו אידעאָלאָגישע פאַרבינדונג מיט אים.

די פאַקטישע געשיכטע פון דער „קוזניצא", ווען מען שטעלט זי נעבן איר דעקלאַראַציע, באַווייזט אויפן בולטסטן אופן, ווי ווייט דאָס לעבעדיקע, פולבלוטיקע לעבן איז קאָמפּליצירטער פאַר יענע קאַלטע אַבסטראַקציעס, מיט וועלכע מען באַמיט זיך עס אַמאָל צו פ א ר ב י י ט ן.

דאָס דריטע קאַפּיטל

א. א. באָגדאַנאָוו און די פּראָלעטאַרישע קולטור

I. א. אַ. באָגדאַנאָוו און פ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי — די אָרגאַניזאַטאָרן פון פּראָלעטקולט. דריי פאָרמען פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. די אָרגאַניזאַציאָנעלע אומאָפּהענגיקייט פון פּראָלעטקולט. נ. בוכאַרינס דערווידערונגען. — II. א. אַ. באָגדאַנאָוו וועגן דער בורזשואַזער קונסט און וועגן קונסט בכלל. די בורזשואַזע קונסט און דער פּראָלעטאַריאַט. די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראָלע פון דער קונסט. וועלכע קונסט איז נויטיק דעם פּראָלעטאַריאַט? וועגן דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון דער דיכטונג. א. אַ. באָגדאַנאָוו וועגן דער אַרבעטער-דיכטונג. וועגן „קינסטלערישקייט". — III. וועגן דער „ירושה" פון דער בורזשואַזער קולטור. דער עלעמענט פון „אַלגעמיין-מענטשלעכער שיינקייט" אין דער בורזשואַזער קונסט. די צוזאַמענאַרבעט פון די דורות. — IV. סתירות אין א. אַ. באָגדאַנאָווס טעאָריע. דער אַלגעמיין-מענטשלעכער און דער קלאַסנמאָמענט אין דער קונסט. — V. פ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי און זיינע ליטעראַרישע קוקן. VI. — וו. פּלעטניאָוו און זיינע פּרוּוון צו רעוואָלוציאָנירן דעם פּראָלעטקולט. דער אַלגעמיינער זין פון דער פּראָלעטקולט-באַוועגונג.

1

ביז איצט האָבן מיר זיך באַשעפטיקט מיט דער ליטעראַרישער באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון די ריכטונגען פון דער פאַררעוואָלוציאָנערער תקופה. אַן אויסנאַם איז בלויז די „קוזניצאַ". דער פוטוריזם, דער אימאַזשיניזם און די איבעריקע „איזמען", וואָס האָבן אויסגעפילט מיטן טומל פון קאַמף די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, זענען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער צעפאַלנדיקער אַלטער ליטעראַטור אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, זענען זיי אַלע, פרעמד-געווען דעם פּראָלעטאַריאַט.

אין די זעלבע יאָרן האָט באַקומען אַ באַדייטנדיקע וואָג אַ באַוועגונג, וואָס אירע וואָרצלען האָבן געשטעקט אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן. מיר מיינען דאָ דעם „פּראָלעטקולט".

די געשיכטע פון דער פּראָלעטקולטישער באַוועגונג איז נאָך נישט אָנגעשריבן געוואָרן. דער נאָנטער יאָרצענדליק פון איר עקזיסטענץ איז אַ צו קליינער טערמין, כּדי עס זאָל אָנגעצייכנט ווערן אפילו נאָר איבערפלעכלעך דאָס בילד פון איר אַנטוויקלונג. דאָס מוז מען באַדויערן; ווייל נישט קענענדיק די געשיכטע פון דערדאָזיקער באַוועגונג קען מען נישט האָבן קיין קלאָרע פאָרשטעלונגען וועגן די פאַרביסענע שטרייטן וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַרום דער פּראָלעטאַרישער קולטור, אין דער שפּעטערדיקער תקופה און האָבן דערלעבט ביז דער הייַנטיקער צייט. מ'קען נאָך מער זאָגן: אַלע פּראַגעס, וועלכע האָבן אין דער תקופה פון 1923—1925, ד. ה. אין די יאָרן פון שאַרפסטן ליטעראַרישן קאַמף, אויסגעזען צו זיין ניי, זענען שוין ראַדיקאַל אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורכן פּראָלעטקולט און זיינע אידעאָלאָגן — אַ. אַ. באָגדאַנאָוו און פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי. די ליניעס, אויף וועלכע עס האָט זיך באַוועגט דער געדאַנק פון מיטאַרבעטער פון זשורנאַל „נאַ פּאָסטו" (אויף דער וואַך), זענען אָנגעצייכנט געוואָרן דורכן פּראָלעטקולט, און אַ סך באַהויפּטונגען פון די „נאַפּאָסטאָווצעס" זענען געווען נישט מער ווי אַן איבערחזרונג (אין אַ געענדערטער און פאַראיינפאַכטער פאָרם) פון די הנחות, וועל-

כע אַ. אַ. באָגדאַנאָוו און פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי האָבן בשעתו אַרויסגעשטעלט. ווען די ליטעראַרישע יוגנט, וואָס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין קאַמף מיט דער פּאָן פון דער „פּראָלעטאַרישער קולטור", וואָלט געוווסט וועגן דער אַרבעט, וועלכע איז אָפּגעטאָן געוואָרן דורכן פּראָלעטקולט, — וואָלט מען אויסגעמיטן אַ סך פעלערן, און במילא: מיט אַ קלענערער פאַרשווענדונג פון כחות און מיטלען און אין אַ קירצערן טערמין וואָלטן דערגרייכט געוואָרן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

אָבער קיין געשיכטע פון פּראָלעטקולט איז נאָך נישטאָ און זיינע היינטיקע אָנפירער, דאַכט זיך אונז, האַנדלען נישט גענוג קלוג, ווען זיי איגנאָרירן אַן אויפגאַבע, איבער וועלכער עס וואָלט געלוינט צו אַרבעטן.

די אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטקולט, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין 1918-טן יאָר, נאָך דעם זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, איז געווען די דערפילונג פון אַ. אַ. באָגדאַנאָווס לאַנג אָנסטיקע פאַרלאַנגען. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, האָט געשאַפן באַדינגונגען, וואָס זענען גינסטיק געווען פאַר זייער פאַרווירקלעכונג. נאָך אין 1909-טן יאָר איז אַ. אַ. באָגדאַנאָוו געווען איינער פון די הויפּט-אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאַרטייאישער אַרבעטער-שולע אויפן אינזל קאַפּרי. ביים אָרגאַניזירן זי האָבן אויך אַנטיילגענומען מ. גאָרקי, אַ. וו. לונאַטשאַרסקי, מ. פּאָקראָווסקי, די אַרבעטער נ. ווילאָנאָוו, פּ. קאַלינין און אַנדערע חברים. אומגעפער אין דערזעלבער צייט איז אַ. אַ. באָגדאַנאָוו אַרויסגעטראָטן מיט דער אידיי צו שאַפן אַ פּראָלעטאַרישן אוניווערזיטעט. אין אַרטיקלען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין דער צייט צווישן 1910 און 1914 („די וויסנשאַפט און דער פּראָלעטאַריאַט" און „צי איז מעגלעך אַ פּראָלעטאַרישע קונסט"), האָט באָגדאַנאָוו אָנגעצייכנט די עיקרדיקע פּרינציפּן, וואָס זענען נאָך אָקטאָבער 1917-טן יאָר געוואָרן די אָפיציעלע טעאָריע פון פּראָלעטקולט אין דער ערשטער תקופה פון זיין אַנטוויקלונג.

אין זשורנאַל „פּראָלעטאַרישע קולטור" — דער צענ-

טראַלער אָרגאַן פון פראָלעטקולט, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין 1918 — 1921, האָבן די לייט-אַרטיקלען געהערט צו אַ. אַ. באָגדאַנאָוון. זיינע רעפעראַטן און טעזיסן פלעגן אָנגענומען ווערן דורך די קאָנפערענצן פון פראָלעטקולט. לויט זיינע פלענער איז געפירט געוואָרן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט. דאָס אַלץ גיט אַ גרונט פעסטצושטעלן, אַז די נשמה און דער מאַרך פון פראָלעטקולט, דער ערשטער אידעאָלאָג פון דער באַוועגונג פון אַ זעלבשטענדיקער פראָלעטאַרישער קולטור איז גראָד געווען אַ. אַ. באָגדאַנאָוו.

מיר וועלן דאָ נישט דערציילן די אָרגאַניזאַציאָנעלע געשיכטע פון דער פראָלעטקולטישער באַוועגונג, אויסרעכענען אירע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן, אַנאַליזירן דעם כאַראַקטער פון אירע אַרבעטן, אירע דערפאָלגן און דורכפאַלן, און אַז. וו. דאָס אַלץ שטייט מחוץ די ראַמען פון אונזער אויפגאַבע — צו געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג פון דער עפּאָכע. דאָס אַלץ, האָפן מיר, וועט אין דער נאָענטסטער צייט טאָן דער היסטאָריקער פון פראָלעטקולט. אין איצטיקן מאָמענט אינטערעסירט אונז נישט די פּראַקטיק פון פראָלעטקולט, נאָר די טעאָריע. וואָס האָט דער פראָלעטקולט אַריינגעטראָגן אין דער געשיכטע פון אונזער ליטעראַרישער באַוועגונג? וועלכע נייע פּרינציפּן האָט ער אַרויסגעשטעלט? וועלכע פּראַגעס האָט ער פאַרשפּיצט, ווי אַזוי האָט ער געלייזט די עיקרדיקע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור, וועלכע די תקופה האָט אַוועקגעשטעלט?

די עיקרדיקסטע פון די פּראָבלעמען, וועלכע עס האָבן זיך באַמיט צו באַהאַנדלען די אויבן-כאַראַקטעריזירטע ליטעראַרישע גרופּירונגען, איז געווען די פּראָבלעם פון דער בורזשואַזער קולטור און פון דער נייער קולטור, וועלכע ווערט געשאַפן דורך דער רעוואָלוציע. פון דערדאָזיקער עיקרדיקער פּראָבלעם זענען שוין דאַן אַרויסגעפלאָסן אַלע אַנדערע פּראַגעס וועגן די קלאַסיקער און וועגן דעם עבר בכלל, וועגן דער נישט-פראָלעטאַרישער קינסטלערישער ליטעראַטור פון אונזער צייט בפרט, וועגן זעלבשטענדיקן פראָלעטאַרישן שאַפן, וועגן

די ליטעראַרישע השפּעות, וועגן דער ראָלע פון דער קונסט און אַז. וו.

אין אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען און רעפעראַטן, פאַרעפנטלעכטע אין דער „פּראָלעטאַרישער קולטור", האָט אַ. אַ. באָגדאַנאָוו באַהאַנדלט און באַלויכטן דידאַקטיקע פראַגעס. זייער ערשטע באַלויכטונג געפינען מיר שוין אין די אויבן־דערמאָנטע אַרטיקלען, וועלכע עס זענען אָנגעשריבן געוואָרן צווישן 1910 און 1914.

אַ. אַ. באָגדאַנאָווס מיינונגען באַזירן אויפן פּרינציפּ פון דריי זעלבשטענדיקע וועגן, מיט וועלכע די אַרבעטער־באַוועגונג גייט צום סאָציאַליזם. דער עקאָנאָמישער וועג און דער פּאָליטישער, אויף וועלכע עס האָט געקעמפט דער אַרבעטער־קלאַס, ווערט דערגאַנצט דורך אַ דריטן — דעם קאַמפּס־וועג פאַר אַ פּראָלעטאַרישער קולטור. די קולטורעלע פאָרם פון דער באַוועגונג — איז לויט דער צייט די לעצטע, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט אַנטוויקלט; דעריבער איז די אַנטוויקלונג פון אַרבעטער־קלאַס אין קולטורעלן זין אָפּגעשטאַנען פון זיין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג. די שוואַכקייט פון אַרבעטער־קלאַס באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס אים פעלט אַ זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע קולטור. דאָס פעלן פון דערדאָזיקער קולטור האָט, לויט אַ. אַ. באָגדאַנאָווס מיינונג, געשאַפן אין דער תּקופה פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה אַ לאַגע, ביי וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען אומפּעאיק ריכטיק צו באַגרייפן און פאַרטיידיקן זיין שטאַנדפּונקט און ער האָט זיך געלאָזט פירן פון דער בורזשואַזיע, ד. ה. ער האָט געהאַנדלט קעגן די אינטערעסן פון זיין אייגענעם קלאַס.

„געבן דעם קלאַס אַ גאַנצע דערציאונג, וואָס גיט אַ ריכטונג דעם קאָלעקטיוון ווילן און געדאַנק, קען בלויז אַ **זעלבשטענדיקע גייסטיקע קולטור**", — פאַרענדיקט אַ. אַ. באָגדאַנאָוו.

דער קאַמף פאַר דער קולטורעלער באַפרייאונג פון פּראָלעטאַריאַט איז אַ קאַמף „פאַר אַן אמתער און פולער קלאַסן־באַפרייאונג". דאָס איז אַ קאַמף פאַר באַהערשן און גובר זיין

אַלע ווערטן אויך מעטאָדן פון דער בורזשואַזער וויסנשאַפט, טעכניק, קונסט, פון אַלע געביטן פון וויסנשאַפט. דערביי דאַרף דאָס באַהערשן און דאָס גובר זיין פאָרקומען פון אַ אַקטיוון, קריטישן, פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט.

דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט אונטערשיידט זיך פּרינציפּיעל פון בורזשואַזן. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער יסוד פון דער בורזשואַזיע איז — אינדיווידואַליזם. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער יסוד פון פּראָלעטאַריאַט — קאָלעקטיוויזם, חברישע צוזאַמענאַרבעט. דעם פּראָלעטאַריאַטס שטאַנדפּונקט איז אַ קאָלעקטיוו-אַרבעטנדיקער שטאַנדפּונקט. אָט דאָס איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ, מיט וועמעס הילף דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף קריטיש באַהערשן און איבערשאַצן די גאַנצע קולטור פון פריער אין אַלע אירע געביטן. אָבער דער קאָלעקטיוו-אַרבעטנדיקער שטאַנדפּונקט איז אין דערזעלבער צייט, לויט אַ. אַ. באָגדאַנאָווס טעאָריע, דער אַ ל ג ע מ יי ן-אָרגאַניזאַציאָנעלער שטאַנדפּונקט. די אַלוועלטלעך-היסטאָרישע ראָלע פון פּראָלעטאַריאַט — „האַרמאָניש און גאַנץ צו אָרגאַניזירן דאָס גאַנצע לעבן פון דער מענטשהייט” — זאָגט אים אויך אונטער דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט. אין רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער איבערשאַצונג און דער אַלגעמיינער באַהערשונג פון דער אַלטער קולטורעלער ירושה וועט דער פּראָלעטאַריאַט איבערבויען די גאַנצע אַלטע וויסנשאַפט, ער וועט שאַפן אַ נייע, „אַן אַלגעמיין-אָרגאַניזירנדיקע וויסנשאַפט”, וועלכע אַ. אַ. באָגדאַנאָוו באַאַרבעט שוין אין משך פון אַ גאַנצער ריי יאָרן. לויט זיין מיינונג איז זיין לערע די אמתע לערע פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָט אים ביז איצט געפעלט. „אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזירנדיקע וויסנשאַפט” — אָט דאָס איז די אויפגאַבע, וועלכע אַ. אַ. באָגדאַנאָוו האָט אַוועקגעשטעלט פאַרן פּראָלעטקולט. דיזעלבע אויפגאַבע האָט ער געשטעלט פאַרן פּראָלעטאַרישן אוניווערזיטעט.

אין אָרגאַניזאַציאָנעלן פּלאַן פון פּראָלעטקולט האָט דעם צענטראַלן פּלאַץ פאַרנומען זיין „אָפּגעזונדערטקייט”, „זעלבשטענדיקייט” פון מלוכה-אַפּאַראַט: „די פּראָלעטאַרישע קולטור קען זיך אַנטוויקלען בלויז אין די באַדינגונגען פון פולער

זעלבשטענדיקייט פון פּראָלעטאַריאַט, מחוץ פון יעדער דעקרעטירונג.״ דאָס האָט באַדייט, אַז דער פּראָלעטקולט שטייט מחוץ פון מלוכה-אַפּאַראַט; ער דאַרף געניסן, אַזויצוזאָגן, „אויטאָנאָמיע״ אין דער מלוכה: די דעקרעטן פון דערדאָזיקער מלוכה דאַרפן נישט אָנרירן דעם סדר פון זיינע אַרבעטן. דאָ איז געקומען צום אויסדרוק באָגדאַנאָווס אידייע וועגן דער „אומאָפּהענגיקייט״ פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור-באַוועגונג פון דער מלוכה. דידאָזיקע פאָדערונג, וואָס האָט געהאַט אַ זין אין די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, וואָסער באַדייטונג האָט זי אין די באַדינגונגען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור? דעריבער איז געווען גערעכט נ. בוכאַרין, ווען ער איז אין № 152 „פּראַוודאַ״ פון 1919 יאָר (אין זיין רעצענזיע אויפן זשורנאַל פון פּראָלעטקולט) אַרויסגעטראָטן קעגן דאָזיקן פּרינציפּ, ווי בכלל קעגן דער מעגלעכקייט צו שאַפן אַ פּראָלעטאַרישע קלאַסן-אידעאָלאָגיע אויף אַ לאַבאָראַטאָריע-אופן, און בפרט נאָך „אומאָפּהענגיק״ פון די אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

בוכאַרינס דערווידערונג איז אין תוך נישט אָנגענומען געוואָרן דורך די אידעאָלאָגן פון פּראָלעטקולט, הגם די רעדאַקציע „פּראָלעטאַרישע קולטור״ האָט דערקלערט, אַז זי באַזירט אויף אַ מיספאַרשטייעניש, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער „קאָנצענטרירטקייט פון דער פאָרמולירונג״. אין ענטפער, וועלכער איז געווען אָפּגעדרוקט אין צווייטן נומער פון זשורנאַל, האָבן זיי געשריבן, אַז זיי שטרעבן צו „זעלבשטענדיקייט״ פון פּראָלעטקולט דווקא דערפאַר, וואָס די ראַטנאָרגאַניזאַציעס, ד. ה. די אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, „טראָגן נישט אומעטום און נישט שטענדיק אַ *ריינעם* קלאַסן-כאַראַקטער״. די רעדאַקציע האָט גאָר נישט געהאַט קעגן דעם, אַז דער פּראָלעטקולט זאָל עקזיסטירן ביי די ראַטן-אָרגאַניזאַציעס. זי האָט אָבער אונטערגעשטראָכן, אַז אויך אין דאָזיקן לעצטן פאַל דאַרף ער זיין אַ *זעלבשטענדיקע* „לאַבאָראַטאָריע״. אין אַ צווייטער דערקלערונג „פון דער רעדאַקציע״ אין זעלבן נומער האָט די רעדאַקציע אַנטוויקלט איר שטאַנדפּונקט אין דער פראַגע וועגן דער אומ-

אָפּהענגיקייט פון פּראָלעטקולט פון די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור-אָרגאַנען.

אָט ווי אַזוי זי האָט דאָס געמאַכט:

„די ראַטנמאַכט איז אַ מלוכהש-פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע; דאָס איז, ווי עס שטייט געשריבן אויפן קעפּל פון די „איזוועסטיאַ" — אַ מאַכט, וואָס גייט אַרויס פון די ראַטן פון אַרבעטער, פּויערים, זעלנער און קאָזאַקן-דעפּוטאַטן. דאָס איז אַ פּאָליטישער בלאָק פון אַ גאַנץ-פאַרשיידענעם קלאַסן-צוזאַמענשטעל, אָבער לחלוטין נישט קיין ריינע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. די קאָנטראָל און אָנפירונג פון בלאָק זענען לחלוטין נאָרמאַל און צוועקמעסיק ביים אָרגאַניזירן אין מלוכה-מאַסשטאַב די בילדונג פאַר אַלע פאָלקס-קלאַסן. אָבער שטעלן די אָרגאַניזאַציע פון זעלבשטענדיקן קולטורעלן שאַפן פון פּראָלעטאַריאַט אונטער דער קאָנטראָל און אונטער דער אָנפירונג פון די אידייאישע פאָרשטייער פון דער פּויערים-אַרמיי, פון קאָזאַקנטום, פון דער שטאָטישער קליינבירגערלעכער אָרימקייט איז, לכל הפּחות, אַ גרויסע דערנידערונג פון דער קולטורעלער חשיבות פון אַרבעטער-קלאַס, דאָס הייסט פאַרלייקענען זיין רעכט אויף קולטורעלער זעלבסטבאַשטימונג, דאָס הייסט צונויפמישן די אויפגאַבעס פון פּאָליטישן בלאָק מיט די אויפגאַבעס פון דער קלאַסן-קולטור — אָט דאָס איז דער יסוד פון דידאָזיקע פאָדערונגען. מיר וואַרפן זיי קאַטעגאָריש אָפּ.

אין קולטור-פראַגעס זענען מיר — תּיכּפדיקע סאָציאַליסטן. מיר פאַרזיכערן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף גלייך, תּיכּף שאַפן פאַר זיך סאָציאַליסטישע פאָרמען פון געדאַנק, געפיל, לעבנס-שטייגער, אומאָפּהענגיק פון דער קעגנזייטיקער פאַרהעלטעניש און די קאָמבינאַציעס פון די פּאָליטישע כּחות. און אין דערדאָזיקער שאַפונג קענען נישט און דאַרפן נישט קאָנטראָלירן זיין אַרבעט די פּאָליטישע פאַרבינדעטע — די פּויערישע און קליינבירגערלעכע אָרימקייט" (אונטערגעשטראָכן דורך דער רעדאַקציע).

אָט דאָס איז דער זין פון דער „אָפּגעזונדערטקייט" פון

דער פּראָלעטאַרישער קולטור און פון דער זעלבסטענדיקייט פון פּראָלעטקולט. דאָס איז געווען אַן „אָפּגעזונדערטקייט״ און „זעלבשטענדיקייט״ נישט נאָר פון דער בורזשואַזער קולטור, נאָר אויך פון יענער מלוכה, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער פּראָלעטאַריאַט, אָנגעפירט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אויף ווי ווייט עס זענען געווען ברייט די פּלענער פון פּראָלעטקולט, קען מען זען פון די רעזאָלוציעס, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן אויף דער ערשטער אַלרוסישער קאָנפערענץ פון די פּראָלעטאַרישע קולטור- און בילדונגס-אָרגאַניזאַציעס.

דאָ געפינען מיר: 1) די אַלגעמיינע יסודות פון פּראָלעטקולט, 2) די רעזאָלוציע וועגן דער „קונסט און דעם אַרבעטער-קלאַס״, וואָס נעמט אַריין אין זיך אַ באַשלוס וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן א) אַן אַרבעטער-אוניווערזיטעט און ב) אַן אַרבעטער-ענציקלאָפּעדיע, 3) וועגן דער קונסט און ספּעציעל וועגן דעם אַרבעטער-אוניווערזיטעט, 4) וועגן אַרבעטער-קלובן, 5) וועגן אַרבעטן מיט דער יוגנט, 6) וועגן די קו.טור- און בילדונגס-אויפגאַבעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, 7) וועגן די קולטור- און בילדונגס-אויפגאַבעס פון די אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון, 8) וועגן דער ליטעראַריש-פאַרלעגערישער פּראַגע, 9) וועגן מאָלעריי און סקולפּטור, 10) וועגן פּראָלעטאַרישן טעאַטער, 11) וועגן פּראָלעטאַרישער מוזיק.

ווי מיר זעען איז דער פאַרנעם גראָד אַ ברייטער. עס איז נישט פאַרגעסן געוואָרן דער געביט פון אַרבעט, וועלכער טראָגט היינט דעם נאָמען „קאָמסאָמאָל״, פון קונסט און וויסנשאַפט, אַפילו די אוניווערזיטעט-בילדונג פון אַרבעטער-קלאַס, און אַלס קרוין פון אַלץ — דאָס שאַפן אַן „אַרבעטער-ענציקלאָפּעדיע״, וואָס דאַרף פאַרפעסטיקן און סיסטעמאַטיזירן די טעאָרעטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאַרונג פון דערדאָזיקער „זעלבשטענדיקער״ באַוועגונג, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

און דער ערשטער פּונקט פון די פּראָלעטקולט-סטאַטוטן האָט פאַרזיכערט, אַז דער „אַלרוסישער ראַט פון פּראָלעטקולט.

אַלס אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרענדיקונג פון אַ נייער פאָרם אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, איז דער צענטער, וואָס פאַראייניקט און פירט אָן ביי דער בוי-אַרבעט פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור, וואָס ווערט דורכגעפירט דורכן רעוואָלוציאָנער-קאָמוניסטישן פּראָלעטאַריאַט.

אָט איז אַ הוספה-פאָרמולירונג, וואָס מאַכט נאָך גענויער דעמדאָזיקן געדאַנק:

„דער פּראָלעטקולט איז אַ קולטור-שעפערישע קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט, פּונקט ווי די אַרבעטער-פּאַרטיי איז זיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע". 9)

גלייכצייטיק מיט דידאָזיקע אויפגאַבעס איז אָנגעצייכנט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פון „אַ רוסישן פאַרבאַנד פון די אַרבעטער-שרייבער", וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל: 1) פאַראייניקן אַלע שרייבער, וואָס שטאַמען אָפּ פון אַרבעטער, וואָס שטייען אויפן פּראָלעטאַרישן קלאַסן-שטאַנדפּונקט, און 2) שאַפן אַ פּראָלעטאַרישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, אַ קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע, וואָס שטייט אין הסכם מיט די אידעאַלן פון רעוואָלוציאָנער-קאָמוניסטישן פּראָלעטאַריאַט.

II

ס'וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז באַגרינדנדיק אַ זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע קולטור, וואָס איז איכותדיק פאַרשיידן פון דער קולטור פון דער אַלטער וועלט, האָט אַ. אַ. באָגדאַנאָוו אָפּגעוואָרפן דידאָזיקע אַלטע קולטור, אויספּאָדערנדיק דעם פּראָלעטאַריאַט זיך אָפּצוזאָגן פון איר. ער האָט נישט איינמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז די קלאַסן-זעלבסטבאַשטימונג פון פּראָלעטאַריאַט באַדייט לגמרי נישט קיין פּשוטן ברוך מיט דער רייכער קולטור פון דער אַלטער וועלט. ניין — האָט ער געזאָגט — דער פּראָלעטאַריאַט איז דער געזעצלעכער יורש פון אירע אַלע ווערטפולע דערגרייכונגען, סיי גייסטיקע, סיי מאַטעריעלע, פון דערדאָזיקער ירושה קען ער זיך נישט און טאָר זיך נישט אָפּזאָגן. אָבער מען דאַרף זי אַזוי באַ-

הערשן, אַז זי אַליין זאָל נישט באַהערשן דעם פּראָלעטאַריאַטס נשמה, ווי דער טויטער קאַפּיטאַל הערשט איבער דער נשמה פון דער בורזשואַזיע, זי דאַרף בלויז זיין אַ געווער אין די הענט פון פּראָלעטאַריאַט. 10)

„די קונסט — לייענען מיר אין אַרטיקל „צי איז מעגלעך אַ פּראָלעטאַרישע קונסט”, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1914 יאָר, — איז איינע פון די אידעאָלאָגיעס פון קלאַס, אַן עלעמענט פון זיין קלאַסן-באַוווסטזיין, דאָס הייסט, די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם פון קלאַסן-לעבן, אַ מיטל צו פאַראייניקן און צוזאַמענשמידן די קלאַסן-כּחות”. און אַ. אַ. באָגדאַנאָוו דעקט טאַקע אויף די „אָרגאַניזירנדיקע קראַפט” פון דער קונסט, באַמערקנדיק דערביי, אַז סיי די בורזשואַזע, סיי די פּריצישע, סיי די „עכט-מאַרקסיסטישע” (אין גענזנפיסלעך) אינטעליגענץ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומפעאיק צו אַנטדעקן די דאָזיקע אָרגאַניזירטע קראַפט. און מ'דאַרף מודה זיין, אַז אַ גאַנצע ריי פון זיינע באַמערקונגען זענען איבערצייגנדיק, מ'קען אויך נישט אָפּלייקענען דעם גרויסן ווערט פון אַ סך פון זיינע באַמערקונגען. דער טעזיס גופא וועגן דער אָרגאַניזירנדיקער קראַפט פון דער קונסט, וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט מיט דרייצן יאָר צוריק אין אַלגעמיינע שטריכן, שטייט היינט מחוץ פון יעדן ספק.

פון דעם פּרינציפּ וועגן דער „אָרגאַניזירנדיקער קראַפט” זענען אַרויסגעפלאָסן אַ. אַ. באָגדאַנאָווס אויספירן וועגן דער השפעה פון דער נישט-פּראָלעטאַרישער קונסט אויפן פּראָלעטאַריאַט. יעדע נישט-פּראָלעטאַרישע קונסט שטייט נישט אויף אַ קאָלעקטיוון אַרבעטס-שטאַנדפּונקט. דאָס קען זיין אַ שטאַנדפּונקט אָדער אַן אויטאָריטאַטיווער אָדער אַן אינדיווידואַליסטישער. אין דידאָזיקע לעצטע פאַלן איז די השפעה פון דער פּראָלעטאַריש-פרעמדער ליטעראַטור דערציעריש אין אַ שלעכטן זין. דער ווערט פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור באַשטייט טאַקע, לויט אַ. באָגדאַנאָווס שטאַנדפּונקט, אין דעם, וואָס זי פירט אַריין דעם קאָלעקטיוון אַרבעטס-שטאַנדפּונקט און שטויסט דורכדעם דעם באַוווסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט אין דער ריכטונג פון זיינע לעצטע, אַלצאָרגאַניזירנדיקע צילן

אַלדאָס איבעריקע, וואָס שטויסט נישט אין דערדאָזיקער ריכ־טונג, האָט אַ נישט-גינסטיקע ווירקונג אויפן פּראָלעטאַריאַט. דע־ריבער טאָקע קען זיך דער פּראָלעטאַריאַט נישט באַנוגענען מיט דער אַלטער קונסט און ער דאַרף שאַפן זיין אייגענע, פּראָלעטאַרישע קלאַסן-קונסט, וואָס וועט זיין אַ נייער ווערק־צייג פון פאַראייניקונג און דערציאונג אין גייסט פון ברידער־לעכקייט און קאַמף. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, — באַמערקט אַ. אַ. באָגדאַנאָוו — אַז אין דערדאָזיקער אַרבעט דאַרף שפּילן אַ גרויסע ראָלע די פּראָלעטאַרישע קריטיק, אָן וועלכער עס איז נישט מעגלעך צו פאַרשטיין און פאַראייגענען די אַלטע קולטור און צו שאַפן אַ נייע.

אין דער סיסטעם פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע השפעות, וועלכע אַ. אַ. באָגדאַנאָוו געפינט אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, איז די קונסט פּונקט ווי די וויסנ־שאַפט אַ ווערקצייג, וואָס אָרגאַניזירט די מענטשלעכע דערפאַ־רונג. דער חלוק צווישן דער קונסט און דער וויסנשאַפט באַ־שטייט אין דעם, וואָס די קונסט אָרגאַניזירט די דערפאַרונג אין לע־בעדיקע בילדער, און נישט „אין אַבסטראַקטע באַגריפן". דע־ריבער איז, לויט אַ. אַ. באָגדאַנאָוו, אַזוי גרויס די ראָלע פון דער קונסט. „זי קען אָרגאַניזירן נישט נאָר די פאָרשטעלונגען פון די מענטשן, זייערע קענטעניש און געדאַנקען, נאָר אויך זייערע געפילן, זייערע שטימונגען".

„די קונסט איז נישט נאָר ברייטער פאַר דער וויסנשאַפט. זי איז ביז איצט געווען שטאַרקער פאַר דער וויסנ־שאַפט אַלס ווערקצייג צו אָרגאַניזירן די מאַסן, ווייל די שפּראַך פון לעבעדיקע בילדער איז פאַר די מאַסן געווען נענטער און פאַרשטענדלעכער.

„ס'איז קלאָר אַז די קונסט פון עבר אַלס אַזעלכע קען נישט אָרגאַניזירן און דערציען דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ באַזונדער קלאַס, וואָס האָט זיינע אייגענע אויפגאַבעס און זיין אייגענעם אידעאַל. די רעליגיעז-פעאָדאַלע קונסט, די אוי־טאָריטאַטיווע, פירט אַריין די מענטשן אין דער וועלט פון מאַכט, אונטערטעניקייט, דערציט אין די מאַסן הכנעה און אַ בלינדן גלויבן. די בורזשואַזע קונסט, וואָס איר העלד איז די

פערזענלעכקייט, וואָס פירט דעם קאַמף פאַר זיך און פאַר דאָס אייגנס, דערציט אַן אינדיווידואַליסט. דאָס איז ווידער נישט דאָס, וואָס מיר דאַרפן האָבן.

דער פּראָלעטאַריאַט נויטיקט זיך אין אַ קאָלעקטיוויס־טישע קונסט, וואָס זאָל דערציען די מענטשן אין גייסט פון טיפער סאָלידאַרישקייט, פון חברישער צוזאַמענאַרבעט, פון ענ־גער ברודערשאַפט פון קעמפער און בויער, פאַרבונדענע דורך אַ געמיינזאַמען אידעאַל".

צי קען עקזיסטירן אַזאַ קונסט? פרעגט א. א. באָגדאַ־נאָוו. און ער ענטפערט: זי עקזיסטירט שוין. אמת, זי האָט נאָך זייער ווינציק מוסטערן, אָבער זיי זענען דאָ. דערביי שטרייכט דער מחבר אונטער, אַז די פּראָלעטאַרישע קונסט איז פאָרט אַ קונסט, ד. ה. „די פּראָלעטאַרישע דיכטונג איז קודם כּל ד י כ ט ו נ ג, אַ באַשטימטע אַרט ד י כ ט ו נ ג".

„ס'איז נישטאָ קיין דיכטונג, ווי בכלל קיין קונסט, דאָרט, ווו עס זענען „נישטאָ קיין ל ע ב ע ד י ק ע ב י ל ד ע ר", און אויף ווי ווייט די קונסט איז די אָרגאַניזאַציע פון דער דער־פאַרונג אין בילדער, אויף אַזויפיל וואַרפט א. באָגדאַנאָוו אָפּ די טעאָריע פון „ריינער קונסט" און „בירגערלעכער קונסט". אַ וואָסערע די קונסט זאָל נישט זיין, זענען איר זין און איר ראָלע דיזעלבע. צי פּאָליטישע דיכטונג אָדער לירישע, אויב זי איז עכט, פירט זי אויס איר אָרגאַניזירנדיקע ראָלע. „עס איז אַן אומזין צו פאַרווערן דער קונסט צו נעמען פּאָליטישע, סאָציאַל־קעמפערישע מאָטיוון: איר אינהאַלט איז דאָס גאַנצע לעבן, אָן באַגרעניצונגען און פאַרבאָטן". פונקט אַזוי טאָר מען נישט אָפּוואַרפן די ריינע ליריק, ווייל די אינדיווידועלסטע ליריק, אויב זי איז נאָר קונסט, דאַרף געפינען אַן אָפּקלאַנג אין דער געזעלשאַפטלעכער סביבה. און די ליריק, ווי אינטים זי זאָל נישט זיין, שפּילט דיזעלבע ראָלע פון אָרגאַניזירן די געפילן און די שטימונגען. די פראַגע איז נאָר די: די גע־פילן און שטימונגען פון וואָסער קלאַס זי אָרגאַניזירט, אויפן שטאַנדפּונקט פון וועלכן קלאַס עס שטייט דער דיכטער.

אָבער אונטערשטרייכנדיק דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער דיכטונג, ווי פון יעדער קונסט בכלל, באַמערקט א. א.

באָגדאַנאָוו, אַז ס׳וואָלט געווען אַ פעלער צו פאַרשטיין דעמדאָזיקן קלאַסן־כאַראַקטער פון דער דיכטונג אין דעם זין, אַז „די דיכטונג באַשיצט די אינטערעסן פון דעם אָדער יענעם קלאַס: דאָס טרעפט אַמאָל, אָבער לפי ערך זעלטן, באַזונדערס אין דער פּאָליטישער און בירגערלעכער דיכטונג. בדרך כּלל ליגט דער קלאַסן־כאַראַקטער אַסך טיפער. ער באַשטייט אין דעם, וואָס דער דיכטער שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון אַ באַשטימטן קלאַס, קוקט מיט זיינע אויגן אויף דער וועלט, טראַכט און פילט פּונקט אזוי, ווי דאָס איז אייגן דעמדאָזיקן קלאַס, לויט זיין סאָציאַלער נאַטור. הינטערן מחבר־יחיד באַהאַלט זיך אויס דער מחבר־קאָלעקטיוו, דער מחבר־קלאַס, און די דיכטונג איז אַ טייל פון זיין זעלבסטבאַוווסטזיין״.

דער מחבר אַליין, קען זיין, טראַכט גאָרנישט וועגן דעם, ס׳קען זיין, אַז ער איז דאָס גאָרנישט חושד. אָבער דעם מחברס שטאַנדפּונקט וועט אים אַרויסגעבן. „עס האַנדלט זיך נישט אין מחבר, — זאָגט אַ. באָגדאַנאָוו, — נאָר אין שטאַנדפּונקט״. דעריבער טאַקע איז לויט אַ. באָגדאַנאָווס מיינונג אַ גרויסע טייל ווערק פון דער אַרבעטער־דיכטונג נישט קיין אַרבעטער־דיכטונג. זי איז נישט קיין אַרבעטער־דיכטונג דערפאַר, ווייל אָפט שטייען נישט די מחברים אויפן קאָלעקטיוון אַרבעטס־שטאַנדפּונקט. זי איז אָפט נישט קיין דיכטונג דערפאַר, ווייל די אָרגאַניזירנדיקע קראַפט פון דיכטונג, ווי בכלל פון קונסט, איז איר קינסטלערישקייט. און קינסטלערישקייט גיט זיך נישט יעדן און נישט תמיד. אמת, ביי אַ. אַ. באָגדאַנאָוון זענען דאָ אַ סך אומקלאָרקייטן בנוגע דעם, וואָס אַזוינס עס איז „קינסטלערישקייט״. ער האַלט, אַז די „נשמה״ פון אַ קינסטלעריש ווערק איז זיין „אידייע״. דאָס איז זייער אומקלאָר. פאַרוואָס באַנוצט אַ. אַ. באָגדאַנאָוו, וועלכער באַמיט זיך צו בויען אַ מאַטעריאַליסטישע טעאָריע פון דיכטונג, אַזאַ נישט־מאַטעריאַליסטישן טערמין? וואָס איז אַזוינס „נשמה״ בכלל און וואָס אַזוינס איז די „נשמה״ פון קונסט, פון דיכטונג בפרט? דערנאָך: דער באַגריף „קינסטלערישע אידייע״ פאָדערט אַ באַגרינדונג — ער איז נישט ווינציקער

אומקלאָר, ווי „נשמה". „אידייע" און „נשמה" אַלס יסודות פון אַ מאַטעריאַליסטישער עסטעטיק!

די אומקלאָרקייט פון דידאַזיקע אַנשויאונגען דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס ווען אַ. אַ. באָגדאַנאָוו טעאָרעטיזירט וועגן דיכטונג פון שטאַנדפּונקט פון איר סאָציאַלער ראָלע, זענען אַ סך, הגם נישט אַלע, פון זיינע באַטראַכטונגען אַ בערייגנדיק, אָבער ווי נאָר ער פאַרזינקט אין דעם ספּעציעלן געביט פון פּאָעטיקע, וואָס פאָדערט ספּעציעלע ידיעות, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט אַן אויבערפלעכלעכע, דילעטאַנטישע, ד. ה. אין תוך געגומען נישט-ריכטיקע פאָרשטעלונג פון דער זאַך, וועגן וועלכער ער רעדט. דאָס איז דער גורל פון יעדן „ספּעציאַליסט", וואָס פאַרברייטערט זיין ספּעציאַליזאַציע ביז די גרעניצן פונם „אַלגעמיינעם". אַ. באָגדאַנאָווס דילעטאַנטיזם אויפן געביט פון פּאָעטיקע ווערט אויפגעדעקט דורכן נעפּל, וואָס ווערט געדיכט אויף זיינע זייטלעך, ווי נאָר ער גייט איבער פון די נישט-אָפּפרעגבאַרע געדאַנקען וועגן דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון דיכטער, וועגן דער אָרגאַניזירנדיקער ראָלע פון דער דיכטונג צום אַנאַליז פון דער דיכטונג אַלס קונסט.

III

אָט דאָס זענען די אַלגעמיינע קאָנטורן פון אַ. אַ. באָגדאַנאָווס טעאָריע וועגן פּראָלעטאַרישער קונסט. און דאָ שטעלט זיך די פראַגע: די ירושה פון דער אַלטער וועלט איז געשאַפן געוואָרן דורך מענטשן, וועלכע זענען נישט געשטאַנען אויפן פּראָלעטאַרישן, ד. ה. קאָלעקטיוו-אַרבעטנדיקן שטאַנדפּונקט. די ווירקונג פון דערדאָזיקער ירושה אויפן פּראָלעטאַרישן באַוווסטזיין דאַרף דעריבער זיין נישט-גינסטיק, מיט אַנדערע ווערטער — שעדלעך. באַדייט דאָס נישט אַמאָל, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דער ירושה?

ניין, ענטפערט אַ. אַ. באָגדאַנאָוו, אַריינפירנדיק אַ נייעם מאָמענט אין זיין טעאָריע וועגן פּראָלעטאַרישער קונסט. פון זיינע דערקלערונגען דערוויסן מיר זיך, אַז אין דער אַלטער, דעם פּראָלעטאַריאַט פרעמדער ליטעראַטור, וואָס קען נישט

יידקן אויף אים גינסטיק, עקזיסטירן פונדעסטוועגן עלעמענטן, וואָס זענען זייער נוצלעך פאַרן פּראָלעטאַריאַט. אַזוי, למשל, רעדנדיק וועגן וועגעראַ אוראַניאַ שרייבט אונזער טעאָרעטיקער:

„די געטער זענען געשטאָרבן. די געטין האָט אויפגעהערט צו אָרגאַניזירן איר פריערדיקן קאָלעקטיוו, אָבער די מענטשן (מענטשן בכלל? וויאַטש. פּ.) האָבן דערשפּירט די גרויסע אָרגאַניזירנדיקע קראַפט פון דער סטאַטוע, זיי האָבן דערשפּירט דאָס שיינע (דאָס שיינע בכלל? וויאטש. פּ.)

אַזוי־אַרום זעען מיר אין אַ. אַ. באָגדאַנאָווס טעאָריע אַ נייעם עלעמענט — דעם עלעמענט פון דאָס שיינע, פון שיינקייט בכלל. דאָס איז דאָך אָבער אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער עלעמענט? עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַזוי. גלייך נאָך די ווערטער, וועלכע מיר האָבן אָפּגעשריבן אויבן, לייענען מיר:

„און פון יענעם מאָמענט אָן, ווען די מענטשן דערזעען זי, זענען זיי תמיד פאַרבונדן מיט עפּעס געמיינזאַמעס" (אונטערגעשטראָכן דורך אונז. וויאַטש. פּ.).

אין א. באָגדאַנאָווס טעאָריע איז אָן ספק דאָ דער עלעמענט פון דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע. דאָס באַדייט אָבער, אַז די קלאַסן־קונסט, וואָס איז אַ מיטל צו אָרגאַניזירן די קלאַסן־געפילן און געדאַנקען, באַזיצט צוזאַמען דערמיט אויך אַ מיטל צו פאַראייניקן די מענטשן מחוץ די קלאַסן־גרעניצן, שוין אָן דעם אונטערשייד פון די קלאַסן, מיט דער הילף פון אייניקע אַלגעמיין־מענטשלעכע געפילן און שטימונגען. „דאָס הייסט, אַז אין דער ווענוס־סטאַטוע איז דאָ אַ טייל שיינקייט, וואָס איז נאָנט אויך אונז", פאַרענדיקט אונזער מחבר און דערמאָנט ווייטער, ווי אַזוי די ווענוס פון מילאָס האָט „אויסגעגלייכט" גלעב אוספּענסקין *), „ווי אַזוי זי האָט גערייניקט זיין נשמה פון אַלדאָס קליינלעכע, ווי אַזוי פאַר איר ליכטנדיקער שיינקייט איז אים פון פאַרשווונדן אַלדאָס ערדישע אין דער נשמה־דערהויבנדיקער אָנשויאונג". 11)

---

*) אַ גרויסער רוסישער שרייבער. (איב.)

ווייטער געפינען מיר ביי אַ. א. באָגדאַנאָוון אַ גאַנצע ריי ביישפּילן, וואָס באַגרינדן דעם טעזיס וועגן דער עקזיסטענץ פון אַלגעמיין-מענטשלעכע עלעמענטן אין די ווערק פון אמתער קונסט.

„און די פאָלקס-דיכטונג! — לייענען מיר ווייטער. — נעמט די בילינעס *) וועגן איליאַ מוראָמעץ. דאָ איז פאַרקער-פּערט אין איין העלד די קאָלעקטיווע קראַפט פון פויערטום פון פעאָדאַלן רוסלאַנד, דעם אמתן בויער און באַשיצער פון אונזער ערד. זאָל זיין, אַז דאָס איז אַן אינדיווידואַליסטישע געשטאַלט — אַנדערש האָט דאָס פויערטום נישט געקענט און קען נישט אויך איצט אויסדריקן זיין נשמה; אין איין פּערזאָן האָט זי אויסגעדריקט די אייגענע קאָלעקטיווע קראַפט. אָבער ווען איר האָט באַגריפן דעם פאַרבאָרגענעם קאָלעקטיוון זין פון דער געשטאַלט, צי דען שפּירט איר נישט טיפער זיין דערהויבענע שיינקייט, צי דען ווייעט נישט איבער אייך דער קאַמפגייסט פון יאָרהונדערטער, און צי דען שפּירט איר נישט, אַ זעט בען נישט געוועזן אומזיסט די מי און די ליידן פון די אַמאָ- באַקאַנטע בויער פון עבר און אַז. וו.״

ריידנדיק וועגן די צייכענונגען פון פּרימיטיוון קינסטלער, פרעגט אַ. א. באָגדאַנאָוו דעם לייענער:

„איר שפּירט זייער שיינקייט, זייער מעכטיקן אויסדרוק, זיי טראָגן אייך איבער אין אַן אַנדער וועלט און גיבן אייך אַזאַ ידיעה וועגן דערדאָזיקער וועלט, וועלכע עס וועט אייך נישט געבן קיין שום וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג״.

מיט אַנדערע ווערטער, אַ. באָגדאַנאָוו דעפינירט דאָ די קונסט נישט נאָר ווי אַ מיטל פון אַ קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פון די געפילן און געדאַנקען, נאָר אויך ווי אַ ווערקצייג צו דער-קענען דאָס לעבן, וואָס מאַכט ברייטער די ראַמען פון דער קלאַסן-עמפּפינדונג. דאָס צווינגט אים אַריינצופירן דעם געדאַנק וועגן דער צ ו ז אַ מ ע נ אַ ר ב ע ט פ ו ן ד י ד ו ר ו ת, וואָס איז קעגנזעצלעך דער צוזאַמענאַרבעט פון די קלאַסן, אָבער זי עקזיסטירט אין דער צייט. אָבער די צוזאַמענאַרבעט פון די

*) בילינע — דער רוסישער פאָלקס-עפּאָס. (איב.)

דורות לעבן דעם קאַמף פון די קלאַסן פיקסירט אין דער צייט ווערטן, וואָס לעבן איבער די קלאַסן, ד. ה. אין פאַרגלייך מיט די קלאַסן-ווערטן גיט זי ווערטן, וואָס שטייען איבער די קלאַסן, זיי זענען אַלגעמיין-מענטשלעכע...

„אַלע אַרבעטער, — זאָגט א. באָגדאַנאָוו, — אַלע פּאָרויסגייענדיקע קעמפער פון עבר זענען אונזערע חברים, צו וועלכע קלאַסן זיי זאָלן נישט האָבן געהערט". 12)

דערפון מאַכט א. באָגדאַנאָוו אויספירן, וועלכע דערלויבן אים אויפצופאָדערן דעם פּראָלעטאַריאַט צו פאַראייגענען די קולטור-ירושה פון עבר.

IV

ס'איז אַן עיקרדיקע סתירה צווישן דעם טעזיס, וועלכער רעדט וועגן דער נעגאַטיווער ווירקונג פון דער נישט-פּראָלעטאַרישער קונסט אויפן פּראָלעטאַריאַט, און דעם אָנערקענען די עקזיסטענץ פון די „קונסט-אוצרות", וועלכע די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער האָבן געשאַפן. אויב עס איז ריכטיק דער טעזיס וועגן דער נישט-גינסטיקער דערציערישער ווירקונג פון דער נישט-פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אויפן פּראָלעטאַריאַט, איז נישט ריכטיק דער טעזיס וועגן דער גוטער ווירקונג אויף אים מצד די שטאַרקסטע און מעכטיקסטע ווערק פון אַ קונסט, וואָס אָרגאַניזירט זיינע געפילן אין אַ ריכטונג, וואָס איז נישט גינסטיק פאַר אים. ענטוועדער — אָדער...

דידאָזיקע סתירה טרעט בולט אַרויס אין אַ. באָגדאַנאָווס טעאָריע. זיין אוממיטלבאַרע עסטעטישע עמפינדונג שטערט אים צו זיין פאַלש צו זיך אַליין און דערקלערן אַלס שעדלעכע פאַרן פּראָלעטאַריאַט די ווערק פון דער וועלט-קונסט. דאָס וואָלט געהייסן אויסלעשן דאָס ליכט, וואָס צעפלאַקערט און האַלט אונטער קאָלעקטיוו אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער די מענטשהייט און וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף באַרייכערן און פאַרשטאַרקן און איבערגעבן דער צוקונפטיקער, דער נייער קאָמוניסטישער וועלט. איבעררייסן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, זיך אָפּזאָגן פון דער ירושה — דאָס קען נישט א. באָג-

דאַנאָוו. און ער לאַווירט צווישן „די אומגינסטיקע ווירקונגען"
פון דער קונסט אויפן פראָלעטאַריאַט און די „אַלגעמיין-מענטש-
לעכע עסטעטישע ווערטן. זיין טעאָריע וועגן דער „קונסט" אַלס אַ
ווערקצייג פון דער סאָציאַלער „אָרגאַניזאַציע" ווערט פאַרפולקאָמט
דורך דער קאָנטראַבאַנדנער טעאָריע פון דער קונסט אַלס אַ
לעבנס-דערקענונג אָדער דורך דער טעאָריע פון דער קונסט,
וואָס „פאַרברייטערט" די עקזיסטענץ פונם מענטשן. ער ברענגט
אפילו אַ ריזיקאַלישן ביישפיל פון דער רעליגיעזער קונסט
און פירט אַרויס אויף דער סצענע עפּעס איינעם אַ פרייען
(„אַ פרייער"!.. המ!..) דענקער, וועלכער העלפט אים, אַ. באָג-
דאַנאָוון, אויפצווייזן דעם פראָלעטאַריאַט די נויטווענדיקייט פון
פאַראייגענען און באַהערשן די אוצרות פון דער וועלט-קונסט
נישט אויסשליסנדיק די רעליגיעזע. און עס שטעלט זיך אַרויס,
אַז גראָד אונזער „פרייער" דענקער קען אָפּשאַצן „דעם פּאָע-
טישן אָדער לעבנס-אמת, וואָס איז אָפט פאַרבאָרגן הינטער זיי".
פונקט אַזוי וועט אויך קענען טאָן דער פראָלעטאַריאַט,
אויב ער וועט אַ קוק טאָן אויף דער גאַנצער וועלט-קונסט,
אַריינרעכענענדיק אויך די רעליגיעזע מיטן און ענלעכעס,
פון דעם קאָלעקטיוו-אַרבעטנדיקן שטאַנדפונקט. דאָס איז אָבער
וויניק. די קונסט פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער דערלויבט
דעם פראָלעטאַריאַט צו באַקענען זיך מיט „אַנדערע אָרגאַני-
זאַציאָנעלע טיפּן", אַ חוץ זיין אייגענעם. און ער נויטיקט זיך
אין דעם, לויט אַ. באָגדאַנאָווס מיינונג. אין דער אַלטער קונסט
זענען אַזוי-אַרום דאָ אַ סך עלעמענטן, וואָס זענען גובר זיין
קלאַסן-כאַראַקטער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק. אַ דערווי-
דערונג רופט אַרויס בלויז דער פאַקט, וואָס אַ. באָגדאַנאָוו
לאָזט אומבאַלויכטן דעם קאַמף פון די קלאַסן-עלעמענטן מיט
די אַלגעמיין-מענטשלעכע און גייט פאַרביי די פראַגע גראָד
דאָרט, ווו מען דאַרף זיך אָפּשטעלן. למשל, אין ווערהאַרנס
„מאָרגנשטערן" איז לויט זיין מיינונג „דער גייסט פון סאָציאַליזם אָנגע-
קליידט אין אַ אויטאָריטאַטיוו-אינדיווידואַליסטישע הילע, וועלכע
דאַרף פאַרשטיין און מ'קען זי נישט פשוט אָננעמען". אָבער
צוזאַמען מיט דעם איז דידאַקטיקע פּיעסע „ווונדערשיין און איז פאַר
אונז אַ ווערטפולע ירושה". איך דערווידער נישט קעגן דער מיי-

זונג, אַז די פיעסע איז „וווּנדערשיין", איך פרעג: בלויז פאַרוואָס די פיעסע, וואָס האָט אַן עלעמענט פון „וווּנדערשיינעס", ווירקט פונדעסטוועגן נעגאַטיוו אויפן באַוווסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט? אויב זי ווירקט שלעכט מיט אירע נישט „שיינע" עלעמענטן, באַקומען דאָך אָבער אין קונסט די איבערגעוויכט די „שיינע" עלעמענטן? האַנדלט זיך אָבער וועגן דעם, וואָס דידאָזיקע עלעמענטן. וועלכע זענען אָנגעקליידט אין אַ „אויטאָריטאַטיוו-אינדיווידואַליסטישער הילע, דאַרף מען צוערשט „פאַרשטיין", כדי צו באַגרייפן זייער אמתע שיינקייט, — איז לוינט זיך דען צו רייסן אין „אָפענע טירן"? פאַרשטייט זיך: צוערשט „פאַרשטיין", און דערנאָך „אָננעמען".

דאָ וואָרצלט איינס פון די שוואַכע ערטער אין אַ. אַ. באָגדאַנאָווס טעאָריע. זיין אַנאַליז פון די קונסט-ווערק איז נישט גענוג טיף, דעריבער באַמערקט ער נישט קיין סתירות אין זיינע מיינונגען. דער אַנאַליז פון דער קונסט ענדיקט זיך ביי אים דאָרט, ווו ער דאַרף זיך, אייגנטלעך, אָנהויבן. אָנערקענענדיק אַלס יסוד פון דער אָרגאַניזירנדיקער קראַפט פון די קונסט-ווערק זייער „קינסטלערישקייט" האָט ער נישט אויפגעדעקט דעמדאָזיקן באַגריף, ער איז פאַר אים גופא געבליבן טונקל. א. אַ. באָגדאַנאָוו האָט זייער גענוי צעגלידערט די ווערק פון די אַרבעטער-דיכטער, אָפּוואַרפנדיק דעם רוב פון זיי דערפאַר, וואָס זיי זענען „נישט קיין דיכטונג". אין אַרטיקל „וואָס אַזוינס איז פּראָלעטאַרישע דיכטונג" ברענגט ער אַ ליד פון אַ יונגן פּראָלעטאַריער, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", און גיט צו פון זיך:

„מצד דער רעדאַקציע איז געווען אַ פאַרברעכן אָפּצודרוקן אַזעלכע פערזן — אַ פאַרברעכן סיי לגבי דעם לייענער און סיי לגבי דעם מחבר, אַן אויפריכטיקן, ערלעכן אַרבעטער, וואָס האָט פשוט נישט געוווסט, וואָס אַזוינס דיכטונג איז. דאָס, וואָס דער יונגער אַרבעטער האָט אַרויסגעזאָגט אין געראַמטע שורות, האָט געהאַט אַ פּאָליטישן און פאַר יענער צייט רעוואָלוציאָנערן אינהאַ‹ט. פאַרוואָס-זשע האָט געטאָן אַ דאָפּלטן פאַרברעכן די רעדאַקציע פון דער צייטונג, אָפּדרוקנדיק דידאָזיקע געגראַמטע שורות? זי האָט דאָך מיט גאָרנישט

נישט געזינדיקט קעגן אַ. באָגדאַנאָווס איין טעזיס, וועלכער זאָגט; „אונזער קריטיק פון דער פּראָלעטאַרישער קונסט דאַרף זיך ריכטן קודם כל קעגן איר אינהאַלט". די רעדאַקציע האָט טאַקע אַזוי געטאָן. „קודם כל" האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דעם אינהאַלט. — רעוואָלוציאָנער, עס הויבט דעם קאַמפּס־גייסט — דאַרף מען אָפּדרוקן. לויט אַ. באָגדאַנאָווס געדאַנק איז, ווייזט אויס, דער אינהאַלט אַליין ווינציק. אין די געגראַמטע שורות פעלן יענע אייגנטימלעכקייטן, וואָס מאַכן זיי פאַר אַ קונסט־ווערק, פאַר עכטע דיכטונג. און אָט דאָ, ביי דער פראַגע וועגן דעם, ווען און פאַרוואָס זענען די געגראַמטע שורות — קונסט, און די אַנדערע „פאַרברעכערישע מאַקולאַטור", — אָט דאָ גיט אונזער מחבר דעם לייענער ממש גאָרנישט. מ'קען דאָך נישט, באמת, אָפּפּטרן ביי היינטיקער צייט דעם וויכטיקן מאָמענט אין קונסטוויסנשאַפט מיט גאָרנישט זאָגנדיקע ריידנס־אַרטן ווי די פאָלגנדיקע:

„די קריטיק פון דער פּראָלעטאַרישער קונסט מצד איר פ אָ ר ם דאַרף פאַרפאָלגן אַ גאַנץ באַשטימטע און קלאָרע אויפגאַבע: ד י ד אָ ז י ק ע פ אָ ר ם ז אָ ל ל ג מ ר י אַנטשפּרעכן דעם אינהאַלט" (אונטערגעשטראָכן דורכן מחבר). (אַנטשפּרעכן דעם אינהאַלט? וויאַטש. פּ.) יעדער אויפמערק־זאַמער לייענער וועט תיכּף שטעלן די פראַגע: און וואָס אַזוינס איז „פאָרם" און פאַרוואָס דאַרף זי לחלוטין אַנטשפּרעכן דעם אינהאַלט? דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, אויב דער אינ־האַלט שטייט אָפּ פון דער פאָרם, וואָס איז דאַן? צי דען הערט אויף דאָס ווערק צו דיין קינסטלעריש? אויב עס הערט אָבער אין דאָזיקן פאַל אויף צו זיין קינסטלעריש, טאָ פאַר־וואָס דאַרף די פּראָלעטאַרישע קריטיק „קודם כל" נעמען אין אַכט דעם א י נ ה אַ ל ט פון ווערק?"

אין דאָזיקן קניפּל, וועלכן אַ. אַ. באָגדאַנאָוו האָט נישט אָפּגעקניפּלט, געפינט זיך טאַקע אַ וויכטיקער פּרינציפּ, וועלכן מ'קען בשום אופן נישט אַרויסלאָזן פון אויג ביים באַאַרבעטן די טעאָריע פון דער קונסט. און אונזער מחבר טוט דאָס טאַ־קע. זיך באַגרענעצנדיק מיט פּראָקלאַמירן „די פולע אידענ־טישקייט" פון פאָרם און אינהאַלט, גייט ער פשוט איבער צו

דער פראַגע וועגן דער „קינסטלערישער טעכניק", וועלכע דער פראָלעטאַריאַט „דאַרף זיך, נאַטירלעך, קודם כּל לערנען בײַ זײַנע פאָרגענגער". די גאַנצע שכנות פון דער „קינסטלערישער טעכניק" מיט דער „פאָרם" זאָגט עדות וועגן דעם, אַז אַ. באָגדאַנאָוו פילט אַ געוויסע פאַרבינדונג צווישן דער טעכניק און דער פאָרם, אָבער ווייטער פון דאָזיקן „פילן" גייט עס נישט. אונזער מחבר דאַכט זיך, אַז די טעכניק אין קונסט איז אַ נאַרישקייט, וועלכע אַנטהאַלט נישט אין זיך קיין שום געפערלעכס. אָבער אָן אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער טעכניק פון דער קונסט קען נישט זײַן באַגרײַפלעך די קראַפט פון דעם קינסטלערישן אײַנדרוק.

די פאַרבינדונג צווישן דער פאָרם און דעם אינהאַלט, דער טעכניק און דער אידעאָלאָגיע אין קינסטלערישע ווערק איז אַ סך מער קאָמפּליצירט, ענג און טיף, ווי דאָס שטעלט זיך פאָר אַ. אַ. באָגדאַנאָוו. אין דער קונסט איז נישטאָ קיין טעכניק, וואָס עקזיסטירט איזאָלירט פונם מאַטעריאַל. אין דער קונסט איז אויך נישטאָ קיין מאַטעריאַל, וואָס עקזיסטירט אי־זאָלירט פון דער קינסטלערישער אויסגעפאָרמירטקייט. דאָרט, ווו עס איז דאָ קונסט, איז אויך דאָ אַ קינסטלעריש־געפאָרמ־טער מאַטעריאַל. די פאָרם און דער אינהאַלט שטעלן פאָר מיט זיך אַן אײנהייט; דעריבער איז זייער נישט געלונגען, אָבער דערפאַר כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ. אַ. באָגדאַנאָוון דער פאַר־גלײַך פון דער „העכסטער בורזשואַזער טעכניק" מיט אַן „אַנ־צוג" פון אַ לאָנדאָנער דענדי, ריכטיק ווי אין דער קונסט קען מען זיך באַנוצן מיט דער „טעכניק" ווי מיט אַ רעקל.

V

אַ. אַ. באָגדאַנאָוו איז געווען דער הויפּט־אָנרעגער פון דער פּראָלעטקולט־באַוועגונג, אָבער נישט דער אײנציקער. מ׳וואָלט געקענט אָנרופן אַ גאַנצע ריי אַרבעטער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן דעם פּראָלעטקולט זייערע כּחות און פעאיקייטן, ווי למשל, פּ. אי. קאַלינין, פּ. בעססאַלקאָ, פּ. קערזשענצעוו און אַנד. די גרעסטע ראָלע נאָך אַ. באָגדאַנאָוון האָט געשפּילט

פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי, דער צווייטער קריטיקער און טעאָרעטיקער פון פּראָלעטקולט. מען מוז מודה זיין, אַז פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי איז דער אויסגעהאַלטנסטער און פעסטסטער באַשיצער פון די פּרינציפּן, וועלכע זענען בשעתּם אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורכן פּראָלעטקולט.

אין זיין נייעם בוך „פּראַגן פון דער מאָדערנער קריטיק", וואָס איז דערשינען אין 1927, דערקלערט פּ. אי. פּאָליאַנסקי אין דער הקדמה, אַז ער בלייבט אויף זיין פריערדיקער פּרינציפּיעלער פּאָזיציע, יענע, וועלכע איז דורך אים באַגרינדעט געוואָרן אין ערשטן ליטעראַריש-קריטישן זאַמלבוך „אויפן ליטעראַרישן פּראָנט", וואָס איז דערשינען אין 1923-טן יאָר און וואָס האָט אַנטהאַלטן זיינע קריטישע אַרבעטן פון ערשטן פּעריאָד פון פּראָלעטקולט.

אין פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקיס אַרטיקלען פון פּראָלעטקולטישן פּעריאָד וועלן מיר נישט געפינען קיין טעאָרעטישע פּרינציפּן, וואָס זאָלן זיך ראַדיקאַל אונטערשיידן פון די עיקרדיקע פּרינציפּן, וועלכע אַ. אַ. באָגדאַנאָוו האָט אויסגעאַרבעט. דיזעלבע „נייע פאָרם" פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער-קלאַס, וועלכע עס האָבן „פּאַרזען" אַ סך קעגנער פון „פּראָלעטקולט". אמת, אין פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקיס אַרטיקלען האָבן בולטער און אָפטער געקלונגען די מאָטיוון פון צוזאַמענאַרבעטן מיט דער מלוכה-מאַכט, אָבער די עיקרדיקע אידייען וועגן זעלבשטענדיקייט, וועגן דער פּאַראַלעלער, „נייער", „דריטער" פאָרם פון דער אַרבעטער-באַוועגונג האָט פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי נישט אָפּגעוואָרפן און נישט געשטעלט אונטער אַ ספק.

פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקיס קוקן אויף קונסט זענען נאָענט צו אַ. אַ. באָגדאַנאָווס אָנשויאונגען. אין אַרטיקל „פּראַגן פון דער מאָדערנער קריטיק", וואָס איז צוערשט אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם" און איז דערנאָך אַריינגענומען געוואָרן אין זאַמלבוך „פּראַגן פון דער מאָדערנער קריטיק," באַטראַכט פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי די דעפיניציעס פון „קונסט" און וואַרפט זיי אָפּ איינע נאָך דער אַנדערער. ער האַלט פאַר אַן „אַרכיבורזשואַזן קוק" די

מיינונג, וועלכע וו. מ. פריטשע האָט אַרויסגעזאָגט אין די „שטודיעס וועגן קונסט", אַז די קונסט, אויף וויפל זי וועט בלייבן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועט וואַרשיינלעך באַטראַכט ווערן דער עיקר אַלס „באַצירונג פון לעבן", בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזער געזעלשאַפט וועט זי נישט זיין קיין מאָנאָפּאָליע פון אַ קליינעם קלאַס. פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי האַלט אויך, אַז אויך דער קוק אויף קונסט, ווי אויף אַ מיטל צו „דערקענען דאָס לעבן" געהער שוין באַלד דער געשיכטע. ער איז אויך נישט מספים מיט דער „טעאָריע פון קונסט אַלס לעבנסבויערין", הגם דידאָזיקע דעפיניציע שטעלט זיך אים פאָר מער צוגעפּאַסט צום מאַרקסיזם, צו דער וועלט-אָנשויאונג פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער אויך די לעצטע דעפיניציע האַלט פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי אַלס צו נישט גענוג קלאָרע. קלאָרקייט געפינט ער בלויז אין דער לערע, וואָס גייט צו צו דער קונסט פון „אָרגאַניזאַציאָנעלן" שטאַנדפּונקט. אמת, ער פאַרבינדט דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט מיט מאַרקס' טעזיסן וועגן ל. פייערבאַכן. אָבער די גערעכטיקייט פאָדערט מודה צו זיין, אַז דער „אָרגאַניזאַציאָנעלער" שטאַנדפּונקט איז באַאַרבעט געוואָרן דורך אַ. אַ. באָגדאַנאָוון נישט פון מאַרקס', נאָר פון מאַך'ס שטאַנדפּונקט.

„די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבע, — באַמערקט ווייטער פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי, — שליסט נישט אויס די „קאָנצענטראַציע פון לעבן" און די „פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די געפילן". דידאָזיקע פּריוואַטע פּראַגעס זענען, לויט זיין מיינונג, אונטערגעוואָרפן דער „עיקרדיקער ברייטער אויפגאַבע — אָרגאַניזירן דעם ווילן, אָן וועמעס הילף עס קען נישט געלייזט ווערן קיין איין אַקטיוויטעט".

אַלס ערשטער פון די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטן און פאַרטיידיקער פון דער אידיי פון אַ זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער קולטור, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף און וועט באַווייזן צו שאַפן אין דער איבערגאַנגס-תקופה פון קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם, איז פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי אַן אָנהענגער פון אַ קולטורעלער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

„די פראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, — שרייבט ער אין דעמ־זעלבן אַרטיקל, — קען מען נישט האַלטן פאַר פאַרענדיקט, אויב דער פּראָלעטאַריאַט וועט נאָך דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער דיקטאַטור נישט איינשטעלן אויך אַ קולטורעלע דיקטאַטור".

VI.

ווי מיר זעען האָט דער פּראָלעטקולט באַזעסן אַ ברייט אויסגעאַרבעטע טעאָריע און אַ באַדייטנדיקע צאָל אָנהענגער. אים האָט זיך איינגעגעבן צוצוציען די אַרבעטער־יוגנט און זיך שטעלן אין צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמ־קייט. אָבער די פאַלשקייט פון עיקרדיקן פּרינציפּ — די „אומ־אָפּהענגיקייט" פון פּראָלעטאַריאַטס קולטור־באַוועגונג פון די אַנ־דערע פאָרמען פון זיין קאַמף, ווי אויך אַ גאַנצע ריי טעאָרע־טישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע דעפעקטן האָבן פאַראורטיילט אויף פרוכטלאָזיקייט דידאָזיקע גראַנדיעז־פאַרטראַכטע אויפגאַבע.

די קראַפטלאָזיקייט פון פּראָלעטקולט נישט נאָר אויסצוּ־פירן, נאָר אפילו צוצוטרעטן אויסצופירן זיינע אויפגאַבעס, איז געקומען צום אויסדרוק אין יענע ווינציקע פּרוכט, וועלכע עס האָט געגעבן דידאָזיקע באַוועגונג. און קיין שום פּרווון פון די טוער פון זיין נייסטן פּעריאָד — נאָך א. א. באָגדאַנאָווס אָוועקגיין — צו גאַלוואַניזירן דעם פּראָלעטקולט צו אַ ניי לעבן האָבן נישט געבראַכט קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. די „אַלטע לאָגלען" פון באָגדאַנאָווישן פּראָלעטקולט זענען געווען אַזוי שלעכט, אַז אויך דער „נייער ווייַן", וועלכן עס האָט אין זיי אַריינגעגאָסן וו. פּלעטניאָוו, האָט פאַרלאָרן זיין קראַפט.

וו. פּלעטניאָוו האָט זיך באַמיט צו באַפרייען די טעאָריע פון פּראָלעטקולט פון דער „באָגדאַנאָווטשינע", ער האָט אַריינ־געטראָגן אין דער טעאָריע אַ גאַנצע ריי אויסבעסערונגען, וואָס האָבן זי רעוואָלוציאָניזירט, דערנענטערט צו דער פּאַרטיי, אָפּ־גענומען ביי איר דעם „ריינינקן" כאַראַקטער פון אַ קאַבינעט־אויסטראַכטעניש. אָבער קיין שום „אויסבעסערונגען" און „אויס־בעסערונגלעך" האָבן נישט געקענט אָפּנעמען ביי איר דעם או־

טאָפּיזם, וועלכער האָט פאַראורטיילט דעם פּראָלעטקולט אויף אַן עקרדיקער עקזיסטענץ.

דער עיקר איז באַשטאַנען נישט אין דעם, וואָס באָגדאַנאָוו האָט געהאַלטן דעם קלאַסן-קאַמף פאַר אַ נעגאַטיוון עלעמענט, און פּלעטניאָוו פאַר אַ פּאָזיטיוון. דאָס איז אַ צווייטראַנגיקע פראַגע. דער עיקר איז אין דעם, וואָס נעבן דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וועלכע פירט אָן מיט אַלע צווייגן פון דער מיליטערישער, ווירטשאַפטלעכער, קולטורעלער און בילדונגס-טעטיקייט פון פּראָלעטאַריאַט, איז אויפגעקומען אַ גאָספּלאַן פון קולטור, וואָס האָט זיך פאַרנומען נישט נאָר מיט דער טעאָרעטישער אויסאַרבעטונג פון דידאַקטיקע פראַגעס — דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, — נאָר וועלכער האָט זיך באַמיט צו באַפרידיקן פּראַקטיש די פאַרשיידנאַרטיקסטע קולטור-באַדערפענישן פון אַרבעטער-קלאַס מיט דער הילף פון זיינע שטודיעס און לאַבאָראַטאָריעס.

נעבן דער צענטראַליזירטער ראַטנסיסטעם און מחוץ איר איז געשאַפן געוואָרן אַ פּאַראַלעלער אָרגאַן, אָבער נישט קיין פּשוטער, נאָר אַן אוניווערסאַלער, אויף די יסודות פון דער „אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָנעלער וויסנשאַפט", וועלכע האָט גענומען אויף זיך די פליכטן פון אַן „אַלגעמיינער" אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט סיי אין די פראַגן פון דער אויסערלעכער קולטורעלער איינאָרדענונג, סיי אין זיין אינערלעכן, גייסטיקן שטייגער.

די גאַנצע קריטיק פון דער באָגדאַנאָווטשינע, וועלכע עס האָט אונטערגענומען וו. פּלעטניאָוו, איז דער עיקר באַשטאַנען אין דער קריטיק פון די נייע עשרת הדברות מיט וועלכע א. אַ. באָגדאַנאָוו האָט באַגליקט דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער-קלאַס. אָבער אַלע עיקרדיקע פּרינציפּן פון דעם באָגדאַנאָוושן פּראָלעטקולט, זיינע אומגעהייערע פּרעטענזיעס אָנצופירן מיטן פּראָלעטאַריאַט אין אַלע געביטן פון קולטור זענען געבליבן אומדערשיטערלעך אויך אין וו. פּלעטניאָווס געדאַנקענגאַנג, אַ חוץ דער פראַגע וועגן דער „אומאָפּהענגיקייט פון דער מלוכה-מאַכט". דאָ איז וו. פּלעטניאָוו אינגאַנצן געווען קעגן א. באָגדאַנאָוו. 14)

אַז דאָס איז אַזוי, קען מען זען פון די „טעזיסן״ וועגן דער פּראָלעטאַרישער קולטור, וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט די „וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע פון פּראָלעטקולט״. ווי ס׳ווייזט אויס, זענען דידאָזיקע טעזיסן מאָסגעבנדיקע פאַרן פּראָלעטקולט פון נאָך־באָגדאַנאָווישן פּעריאָד. גלייך פון די ערשטע שורות דערוויסן מיר זיך, אַז דער „באַגריף פון קולטור נעמט אַרום אַלע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן״.

„אַלע״ פאָרמען — איין קלייניקייט! „דער פּראָלעטקולט אַלס אָרגאַניזאַציע איז באַרופן צו בויען די פּראָלעטאַרישע קולטור״, אָבער „קולטור״ „נעמט אַרום״ און אַזוי ווי. דאָס באַדייט, אַז דער „פּראָלעטקולט״ איז באַרופן צו בויען „אַלע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן. מיר האָבן פאַר זיך, אַזוי אַרום, אַ טיגל, אין וועלכן עס וועלן זיך אויסקאָכן „אַלע פאָרמען״! אין די טעזיסן ווערט אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי פּונקטן, וועלכע זענען זייער גוט אויסגעאַרבעט אין אונזער פּאַרטיי־פּראָגראַם. אָבער פאַרוואָס זענען דידאָזיקע טעזיסן — טעזיסן פון פּראָלעטקולט — דאָס איז אַ פראַגע.

אמת, דאָס אַלץ האָט זיך אין דער פּראַקטיק אַרויסגעוויזן אַלס הויפּן ווערטער. ווען מיר וועלן פון די „טעזיסן״, ד. ה. פון דער דעקלאַראַטיווער אַוועקשטעלונג פון די פּראָבלעמען פון פּראָלעטאַרישער קולטור איבערגיין צו יענע פאָרמען, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעגאָסן די פּראַקטישע אַרבעט פון פּראָלעטקולט, וועלן מיר דערשטוינט זיין צוליב דער דיספּראָפּאָרץ צווישן שווונג פון די אויפגאַבעס און די מיקראָסקאָפּישע רעזולטאַטן. דער עיקרדיקער, כמעט דער איינציקער געביט, אויף וועלכן דער פּראָלעטקולט „ווייזט״ אַרויס זיינע דערגרייכונגען, איז דאָס טעאַטער. אפילו נישט די ליטעראַטור, וועלכע איז איבערגעגאַנגען צום „וואַפּפּ״ און נישט די מוזיק, וואָס אינטערעסירט, צום באַדויערן, זייער ווינציק דעם אַרבעטערקלאַס, — בלויז איין טעאַטראַלע נייגיריקייט בילדעט די „צענטראַלע אַרענע פון פּראָלעטקולט״.

אונטערן ברייטן שילד פון פּראָלעטקולט האָט זיך אַזוי־אַרום באַשיידן צוגעטוליעט אַ באַשיידענער זעלבשטענדיקער־

אַרבעטער-טעאַטער, אַרומגערינגלט פון עטלעכע טעאַטראַלע און ליטעראַרישע סטודיעס.

אָט דאָס איז, זעט אויס, דער פּראַקטישער סך-הכּל פון די ברייטסטע אָנהויבן פון פּראָלעטקולט. אַנדערש האָט גאָרנישט געקענט זיין. ביי די אומגעהייערע אויפגאַבעס, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט, זענען אים נישט פאַרבליבן קיין שום קאָנקרעטע פּראַקטישע אויפגאַבעס. דער פּראָלעטקולט האָט געוואָלט אַרומנעמען „אַלץ" און האָט נישט געקענט אַרומנעמען קיין איין זאַך. אַפילו די קינסטלערישע ליטעראַטור האָט ער נישט איינגעהאַלטן אין זיינע הענט. זי האָט זיך אויסגעטיילט אין זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַרישע שרייבערס.

אָבער ווי גרויס עס זאָלן נישט זיין די פעלערן און דורכפאַלן פון פּראָלעטקולט, קען נישט זיין קיין שום ספקות וועגן דעם, אַז דידאָזיקע באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ברייטע קרייזן פון אַרבעטער-קלאַס, האָט באַצייכנט מיט זיך אַ דערשיינונג פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט. זי איז געווען דער מבשר פון דער שעפערישער דערוואַכונג פון אַרבעטער-קלאַס. דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן די מאָנאַרכיע, וואָס האָט פאַרניכטעט די רוסישע בורזשואַזיע, וואָס האָט אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די לאַסט פון בירגער-קריג, האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו די קולטור-רעלעך וערטן נישט צוליב דעם, כּדי זיי צו צעשטערן, נאָר כּדי זיך צו באַהעפטן מיט זייער באַלעבנדיקן קוואַל. און דער קומענדיקער היסטאָריקער פון אונזער צייט וועט מיטן קאַפּיטל וועגן פּראָלעטקולט אָנהויבן יענע טייל פון זיין ווערק, וועלכע וועט באַהאַנדלען די התחלה פון נייעם קולטור-פּעריאָד. קיין שום טעותים פון די פירער און פּראָלעטקולט-אידעאָלאָגן קענען נישט פאַרקלענערן די גרויסע באַדייטונג, וואָס עס האָט געהאַט די-דאָזיקע באַוועגונג, וועלכע האָט מיטגעריסן נאָך זיך די בעסטע פאָרשטייער פון דער פּראָלעטאַרישער שעפערישער יוגנט. אין די פעלערן און דורכפאַלן פון דער באַוועגונג, אין דער פאַלשער פאָרמולירונג פון אירע אויפגאַבעס, אין דער נישט-ריכטיקער אָנפירונג איז געקומען צום אויסדרוק די אומרייפקייט פון די אויסערלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע די באַוועגונג

האָט זיך אַנטוויקלט, אָבער דער היסטאָרישער זין פון די באַדערפעניש, וועלכע האָבן געזוכט אַן אויסוועג אין דערדאָזיקער באַוועגונג, טאָר נישט אונטערגעשעצט ווערן. די ווייטערדיקע ליטעראַרישע אַנטוויקלונג און די אַמפּערייען אַרום די פראַגן פון קולטור און ליטעראַטור, מיט וועלכע אונז וועט זיך אויס-קומען צו באַקענען, האָבן זיך נישט אומזיסט געדרייט אַרום די פּרינציפּן, וועלכע עס האָט אַנטוויקלט און אויפגעשטעלט דער פּראָלעטקולט.

די דאָזיקע אַמפּערייען האָבן זיך אין זייער גאַנצער ברייט און טיף פאַנאַנדערגעוויקלט בלויז נאָכדעם, ווי עס איז אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט דער פּעריאָד פון „ליטעראַרישן שטיל-שווייגן“, פון דער כתב-ידן-ליטעראַטור און פון „לעבעדיקע צייטונגען“. מיטן פאַרענדיקן דעם בירגער-קריג זענען מיר אַריינ-געטראָטן אין פּעריאָד פון ליטעראַרישער אויפלעבונג, וועגן וועלכן מיר וועלן ריידן שפּעטער. אָבער איידער מיר וועלן צוטרעטן צו כאַראַקטעריזירן אים, האַלטן מיר פאַר נויטיק צו באַקענען זיך מיט לענינס קוקן אין די פראַגעס, וועלכע דער פּראָלעט-קולט האָט אַוועקגעשטעלט, ווי אויך מיטן שטאַנדפּונקט, וועלכן עס האָט אַנטוויקלט וועגן דיזעלבע פראַגן ל. ד. טראָצקי.

צו זיי גייען מיר איבער.

דאָס פערטע קאַפּיטל

לעניז וועגן קונסט, ליטעראַטור און קולטור

I. לענין און די קונסט. די באַגדאַנאָווסקע און לענינשע באַציאונג צו קונסט. — II. די „פּאָלקסטימלעכקייט" פון דער קונסט. — III. לענין וועגן דער „אַלטער" און „נייער" קונסט. לענין און די קלאַסיקער. — IV. לענין וועגן טאָלסטאָיען. דער קינסטלער און דער קלאַס. — V. לענין וועגן פּראָלעטקולט און פּראָלעטאַרישער קולטור. דער באַגדאַנאָווער און לענינשער באַגריף פון פּראָלעטאַרישער קולטור. וועגן אַ קולטור-רעוואָלוציע און דער אמתער בויאונג פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור. — VI. וועגן דער „פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע" און דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

I

ריכטיק איבערגעבן וו. אי. לענינס קוקן אויף קונסט, ליטעראַטור און קולטור איז נישט לייכט. לענין האָט זיך זעלטן געענוי אַרויסגעזאָגט וועגן דידאַקטיק פּראָגעס. זיי האָבן זיך געפונען אויף דער פּעריפעריע פון זיין אויפמערקזאַמקייט, הגם — ווי מיר וועלן זען — ער איז נישט געבליבן גלייכגילטיק נישט צו דער ליטעראַטור, נישט צו דער קונסט. פון לענינס ריזיקער ליטעראַרישער ירושה איז דער קינסטלערישער ליטעראַטור אוממיטלבאַר געווידמעט בלויז פיר קליינע אַרטיקלען וועגן ל. נ. טאָלסטאָי. אומדירעקט באַשעפטיקט זיך מיט ליטע-

ראַטור די נאָטיץ וועגן גערצענען און דער אַרטיקל „די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטיי-ליטעראַטור". אַפילו לענינס איינצלנע מיינונגען וועגן קונסט און ליטעראַטור זענען זייער קנאַפּ אין זיין רייכער קאָרעספּאָנדענץ: זיין באַוווּסטזיין איז אַזוי באַשעפטיקט געווען מיט די עיקרדיקע פּראָבלעמען פון קאַמף, אַז עס איז נישט געבליבן נישט קיין צייט, נישט קיין אינטערעס פאַר אַזעלכע געביטן ווי ליטעראַטור און קונסט, און אין דעם איז נישטאָ קיין שום פאַרווונדערנדיקס, ווען מען נעמט אין אַכט די קראַפט, מיט וועלכער לענינס ווילן איז קאָנצענטרירט געווען אויף דער לייזונג פון די הויפּט-פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע.

מיר קענען ווינציק לענינען דעם מענטשן. די גראַנדיעזע געשטאַלט פון פירער האָט פאַרדעקט, פאַרשטעלט אין אונזער באַוווּסטזיין זיין מענטשלעך, אינטים פּנים, זיין פּערזענלעך לעבן עקזיסטירט נישט פאַר אונז. קיינער האָט אונז נאָך נישט געמאַכט פילן לענינען אינגאַנצן — דעם דענקער, דעם קעמפער, דעם מענטשן. אָבער געוויסע דערינערונגען, וועלכע מיר פאַרמאָגן, שילדערן אים פונדעסטוועגן ווי אַ מענטשן, וואָס קיין שום מענטשלעכס איז אים נישט פרעמד געווען. ער האָט ליב געהאַט צו לאַכן, זינגען, זיך אַ פריי טאָן. ער האָט ליב געהאַט מוזיק — ער פלעגט אַזוי שטאַרק באַהערשט ווערן דורך דער באַרוישנדיקער ווירקונג פון די קלאַנגען, אַז ער פלעגט זי אויסמיידן. מיט קורצע שטריכן וואַרפט מאַקסים גאָרקי אַן אויסטערליש ליכט אויף לענינס געשטאַלט. איינמאָל, הערנדיק אין מאָסקווע ביי באַקאַנטע בעטהאָווענען, אויסגעפירט דורך אַ גרויסן קינסטלער, האָט לענין געזאָגט:

„כ'קען קיין שום זאַך נישט, וואָס זאָל זיין בעסער פאַר „Apassionata" כ'בין זי גרייט צו הערן יעדן טאָג. אַן אויסטערלישע, נישט-מענטשלעכע מוזיק. כ'טראַכט שטענדיק מיט שטאָלץ, — אפשר אַ נאַאיווון, אַ קינדישן: אָט וועלכע ווונדער עס קענען מאַכן מענטשן".

ווונדער! און וואָס וואָלט געזאָגט א. א. באָגדאַנאָוו פון זיין אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַנדפּונקט? ער וואָלט, מסתמא, געענטפערט, אַז פון טעקטאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אָרגאַניזירט די-

דאָזיקע „אַפּאַסיאָנאַטאַ" די פּסיכיק פון די מענטשן נישט אין דער זייט פון אַ קאָלעקטיוו־אַרבעטנדיקן שטאַנדפּונקט.

לענין וואָלט געקוועטשט מיט די אַקסלען. סאַראַ נאַריש־קייטן! וואָלט ער איבערגעחזרט, הערנדיק ווייטער די ליידנ־שאַפטלעכע מוזיק פון ווירטואָז, וואָס פאַר קיין פאַל האָט מען אים נישט געקענט באַטראַכטן פאַר אַ פּראָלעטאַרישן.

„אָבער, — האָט לענין געזאָגט צו גאָרקין, — אָפט הערן מוזיק קען איך נישט, עס ווירקט אויף די נערוון, עס ווילט זיך רעדן ליבלעכע נאַרישקייטן און גלעטן איבער די קעפּעלעך די מענטשן, וואָס קענען שאַפן אַזאַ שיינקייט, ווי־נענדיק אין שמוציקן גיהנום. אָבער היינט טאָר מען קיינעם נישט גלעטן איבער די קעפּעלעך, די האַנט וועלן זיי אָפּבייסן — און מ׳מוז שלאָגן איבער די קעפּעלעך, שלאָגן אומברחמנות־דיק, הגם אין אידעאַל זענען מיר קעגן יעדער געוואַלט אי־בער מענטשן".

אַ צווייטן וווּנדערלעכן שטריך גיט איבער אין זיינע דערינערונגען מ. ליאַדאָוו. איינמאָל, דערציילט ליאַדאָוו, איז ער אין 1904־טן יאָר אין זשענעווע צוזאַמען מיט לענינען און נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָווגאַ קרופּסקאַיאַ געווען אין טעאַטער. מען האָט געגעבן „די דאַמע מיט קאַמעליעס", די סענטימענ־טאַלסטע בורזשוּאַזע מעלאָדראַמע. אָבער געשפּילט האָט סאַראַ בערנאַר — אַ געניאַלע אַקטריסע, וועלכע אַווערבאַך אפילו וועט נישט האַלטן פאַר קיין פּראָלעטאַרישע. „איליאיטש איז געזעסן אין פינסטערן ווינקל פון לאָזשע, — דערציילט ליאַדאָוו. — ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט ער פאַרשעמט געווישט די אויגן".

„דער ווייגענדיקער לענין" — סאַראַ אויסערגעוויינלעך בילד! אָבער פון דאָזיקן בילד טאָר מען נישט מאַכן קיין אויספיר, אַז אָט האָסטו דיר אַן אייזערנער מענטש, אַ שטאָ־לענער קעמפער — ער האָט געקענט זיין סענטימענטאַל, זיך „באַגיסן מיט טרערן" איבער אַן אויסטראַכטעניש און אַז. וו. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס דידאָזיקע טרערן האָט אַרויסגערופן אַן אַקטריסע, ד. ה. אַ מענטש פון קונסט, מיט די מיטלען פון קונסט.

שוין פון דידאָזיקע צופעליקע שטריכן, וועלכע לעבינס פריינט האָבן אונז אויפגעהיט, וואָלט מען געקענט מאַכן געוויסע אויספירן וועגן לעבינס באַציאונג צו דער קונסט. ער האָט ליב געהאַט די קונסט און זי געהאַלטן פאַר אַ ריזיקער קראַפט. איינעם פון די וויכטיקע עלעמענטן פון די פלאַסטישע קונסטן האָט ער אָנגערופן מיטן וואָרט „דאָס שיינע". דער־דאָזיקער באַשטריטענער טערמין פון דער אַלטער עסטעטיק איז היינט פאַרטונקלט געוואָרן. מיר לייגן אין אים נישט אַריין קיין שום וויכטיקן אינהאַלט. אָבער לעבין האָט זיך נישט געשטעלט פאַר אַ ציל געבוי, מיט דער פולער אַדעקוואַטקייט אָפּצושלייפן זיין באַציאונג צו דער קונסט. ער האָט גענומען אַ „גאַנגבאַר" וואָרט, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער האַנט און ביי אַ געלעגנהייט באַמערקט:

„מיר זענען צו גרויסע צעשטערער אין דער מאַלעריי. דאָס שיינע דאַרף מען אייבהיטן, עס נעמען ווי אַ מוסטער, מאַכן עס פאַר אַן אויסגאַנג-פונקט, אויב עס איז אפילו „אַלט". פאַרוואָס דאַרפן מיר זיך אָפּקערן פון אמת שיינס, זיך אָפּזאָגן פון אים, ווי פון אַ אויסגאַנג-פונקט פאַר אַ ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, בלויז אויף דעם יסוד, וואָס עס איז „אַלט"?

אויך אַ באַמערקונג פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט. לויט לעבינס מיינונג קומט אויס, אַז הגם די אַלטע קונסט איז „אַלט", פאַרמאָגט זי אָבער אין זיך עלעמענטן, צוליב וועלכע מיר דאַרפן זי היטן, טייער האַלטן, מאַכן זי פאַרן אויסגאַנגס-פונקט פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

ווען מיר מאַכן אַזעלכע אויספירן פון דידאָזיקע באַמערקונגען, זעען מיר, אַז הינטער זיי, הינטער דידאָזיקע צופעליקע ווערטער, וועלכע זענען דרך אגב געוואָרפן געוואָרן, האָט זיך באַהאַלטן אַ סיסטעם פון לעבינס אָנשויאונגען אויף דער קונסט. וואָס האָט עקזיסטירט אין זיין באַוווסטזיין, הגם ער אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן דעם, כדי זיי צוצוגעבן אַ האַרמאָנישן און לאָגישן סדר.

אָנערקענענדיק, אַז די קונסט פאַרמאָגט אַ גרויסע קראַפט, האָט לעבין געהאַלטן, אַז זי דאַרף זיין אַ קונסט נישט פאַר ווינציקע, נאָר אַ קונסט פאַר אַלע. די הנאה, וואָס די קונסט

''אָט אים פאַרשאַפט, האָט אים אַן איבעריקן מאָל איבערצייגט אין דעם, אַז ס'איז נויטיק צו קעמפן: דער גענוס, וועלכן ער פּערזענלעך האָט איבערגעלעבט, דאַרף מען צוגענגלעך מאַכן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס איז באַרויבט פון דידאָזיקע הויכע איבערלעבונגען. צי געפינט זיך אַזאַ מין רעוואָלוציאָנערער אויססיר אין דער סכעמע פון באָגדאַנאָווס עסטעטישע איבערלעבונגען? ניין, ער געפינט זיך דאָרט נישט. אָבער אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אמתע רעוואָלוציאָנערן האָבן עסטעטישע און אַנאַלאָגישע איבערלעבונגען אונטערגעוואַרימט דעם געפיל פון קאַמף, פּראָטעסט און רעוואָלוציאָנערער אַנטשלאָסנקייט. אונזער סכעמאַטיקער פאַרזיכערט פון שטאַנדפּונקט פון דער „אַלגעמיינער אָרגאַניזירנדיקער וויסנשאַפט'', אַז די בורזשואַזע קונסט אָרגאַניזירט כלומרשט די פּסיכיק פון אינדיווידואַליסטישן, ד. ה. אַנטיפּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט אין אַ זייט, וואָס איז קעגנזעצלעך די אינטערעסן און צילן פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער עכטע רעוואָלוציאָנערן, קומענדיק אין באַרירונג מיט דער עכטער און דערהויבענער קונסט, האָבן אין דער פּראַקטיק איבערגעלעבט פּונקט דאָס פאַרקערטע: די בורזשואַזע קונסט האָט אָרגאַניזירט זייער פּסיכיק *גראָד אין דער זייט פון דעם פּראָלעטאַריאַטס צילן און אויפגאַבן*. אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ בילד, וואָס איז קעגנזעצלעך צו דעם, וועלכן עס האָט אונז געמאָלט א. אַ. באָגדאַנאָוו. און ס'איז קלאָר—פאַרוואָס: ער האָט פאַרגעסן וועגן דער *אויפנעמענדיקער* סביבה. ער האָט געוווּסט, אַז אין דער קונסט קען מען באַמערקן די אָפּשפּיגלונגען פון דער קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע. ער האָט אָבער פאַרגעסן, אַז די סביבה, וואָס *נעמט אויף* דידאָזיקע קונסט, איז דאָך אויך אַ *קלאַסן*־סביבה, און דאָס, ווי אַזוי מ'נעמט זי אויף, קען ממילא אויך שפּילן אַ קריטישע ראָלע.

באָגדאַנאָווס עסטעטיקע איז שלעכט פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט מיט דעם, וואָס זי האָט *נישט גענומען אין אכט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער אויפנעמענדיקער* סביבה: באָגדאַנאָוו האָט פּשוט נישט באַמערקט דעמדאָזיקן פאַקט, אַזוי ווי עס האָבן אים נישט באַ־

מערקט די אומווילנדיקע נאָכפאָלגער — די „נאַפּאָסטאָווצעס“, אָבער פון שטאַנדפּונקט פון דער מאַטעריאַליסטישער עסטעטיק. וועלכע בויט זיך אויפן באַזיס: „דער יש באַשטימט דעם באַוווסטזיין“, איז וויכטיק נישט נאָר דאָס, וואָס עס וויל געבן דער טוער פון קונסט, נאָר אויך דאָס, וואָס עס נעמט פון דער קונסט דער באַטראַכטער. נישט נאָר אינם שאַפן שפּיגלט זיך אָפּ די קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע, נאָר אויך אין דער באַטראַכטונג פון קינסטלערישע ווערק. דעריבער זענען די אויספירן, וועלכע לענין האָט געמאַכט ביים באַטראַכטן די קונסט-ווערק, געווען רעוואָלוציאָנער. אָבער די אויספירן, צו וועלכע עס וואָלט געקומען ביים באַטראַכטן דיזעלבע ווערק אַ וואָסער-נישט-איז בורזשואַזער סנאָב, וואָלטן געווען פּונקט פאַרקערטע. אין דעמזעלבן באַגריף „שיינקייט“ וועלן דער בורזשואַזער סנאָב און דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער אַריינלייגן אַ פאַרשיידענעם זין. די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קלאַסן וועלן איינע און דיזעלבע קונסט-ווערק אויפנעמען פאַרשידן. פאַרשיידענע קלאַסן — פאַרשיידענע געשמאַקן. און פאַרשיידענע געשמאַקן באַדייט — אויך פאַרשיידענע רעאַקציעס אויף איינע און דיזעלבע פאָרמען. מיט אַנדערע ווערטער: אין דער סאָציאַליסטישער קונסטפאָרשונג האָט אַ באַדייטונג נעבן אויסגעפאָרשטן ווערק אויך די אויפנעמענדיקע סביבה. אַנישט ווערט אונטערגעהאַקט דער טעזיס וועגן „יש“, וואָס באַשטימט דעם באַוווסטזיין, און ער מוז פאַלן, ווען מ׳פאַרגעסט — ריידנדיק וועגן דער קלאַסן-קונסט, — אַ קלאַסן-כאַראַקטער טראָגט אויך די סביבה, אויף וועלכער די קונסט ווירקט.

ריידנדיק וועגן דער פעאיקייט פון דער קונסט צו „אָרגאַניזירן די פּסיכיק“ פון די צוקוקער, צוהערער און לייענער איגנאָרירט באָגדאַנאָווס טעאָריע דעם קלאַסן-ווידערשטאַנד פונם צוקוקער, צוהערער, לייענער, ער באַמערקט נישט דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון זייערע עמפּינדונגען. און אין רעזולטאַט דערפון לאָזט צו די באָגדאַנאָוושע טעאָריע דעם געדאַנק, אַז די קונסט איז פעאיק צו ענדערן דעם באַוווסטזיין פון מענטשן נישט געקוקט אויף זייער קלאַסן-יש. אָרגאַניזירן דעם באַוווסטזיין פון קלאַס אין

דער זייט, וואָס איז קעגנזעצלעך זיינע אינטערעסן — אָט דאָס הייסט דאָך איבערדרייען מיט די פיס אַרויף דעם געזעס „דער יש באַשטימט דעם באַוווסטזיין". מיט אַנדערע ווערטער: דער באָגדאַנאָווישער טעזיס וועגן דעם, אַז די קונסט אָרגאַניזירט דעם באַוווסטזיין בכלל פונקט אין דער ריכטונג, אין וועלכער דער קינסטלער האָט געוואָלט, באַזירט אויף אַ אַנטי-מאַרקסיסטישן, אַנטימאַטעריאַליסטישן טעזיס — „דער באַוווסטזיין ווערט באַשטימט דורכן באַוווסטזיין". קומט דאָך אויס, אַז די קונסט, ד. ה. די „אידעאָלאָגיע", קען אָרגאַניזירן דעם באַוווסטזיין נישט רעכענענדיק זיך מיטן קלאַסן-יש. 15).

II

„די קונסט געהער דעם פאָלק, — פלעגט זאָגן לענין.— זי דאַרף אַריינדרינגען מיט אירע טיפסטע וואָרצלען אין דער אונטערשטער שיכט פון די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן. דידאָזיקע מאַסן דאַרפן זי פאַרשטיין און ליב האָבן. זי דאַרף פאַראייניקן דעם געפיל, דעם געדאַנק און דעם ווילן פון דידאָזיקע מאַסן, דערהויבן זיי. זי דאַרף אויפוועקן אין זיי די קינסטלער און זיי אַנטוויקלען". אָט דאָס איז די ראָלע און די אויפגאַבן פון דער קונסט. דאָס איז די קאַטעגאָריע פון דעם „וואָס דאַרף זיין". אָבער לענין, דער גרויסער רעאַליסט, פלעגט תמיד פאַרגלייכן די קאַטעגאָריע פון דעם „וואָס דאַרף זיין" מיט דער קאַטעגאָריע פון דעם „וואָס איז". לענינס דאָזיקע פעאיקייט צו באַטראַכטן די זאַכן גלייכצייטיק פון שטאַנדפונקט פון ביידע קאַטעגאָריעס, נישט פאַרגעסן די צווייטע דורך אַרונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון דער ערשטער, — דערדאָזיקער שטריך איז באמת געווען אַ געניאַלער. אין דער פעאיקייט אַרומצונעמען אַ זאַך אָדער אַ לאַגע גלייכצייטיק פון אַלע זייטן — פון די טונקעלע און ליכטיקע, פון פאָזיטיווע און נעגאַטיווע, אידעאַלע און רעאַלע — איז באַשטאַנען לענינס אומפאַרגלייכלעכע קראַפט אַלס דענקער, אַלס סטראַטעג, אַלס פירער און

אַרמיי-אָנפירער. פון די ווערטער וועגן דעם „וואָס דאַרף זיין" גייט לעניִן איבער צו דעם „וואָס עס איז".

„כדי די קונסט זאָל זיך קענען דערנענטערן צום פאָלק און דאָס פאָלק צו דער קונסט, מוזן מיר צוערשט אויפהויבן דעם אַלגעמיינעם קולטור-און בילדונגס-ניוואָ. 16). די פּראָבלעם פון קונסט ווערט אַזוי אַרום פאַרבונדן מיט דעם פּראָבלעם פון הויבן דעם בילדונגס-ניוואָ פון די מאַסן. אויפן ערשטן קוק קען דאָס פאָרקומען ווי אַ געדאַנק, וואָס שטעלט מיט זיך נישט פאָר קיין שום באַזונדערס. אינדעראמתן אָבער איז גראָד אין דאָזיקן געדאַנק, ווי אַ געוויקס אין קערנדל, באַהאַלטן לעניִנס באַציאונג צו דער פּראָלעטאַרישער קולטור, צו די פראַגן וועגן קונסט און אַז. וו. די פּראָבלעמען פון קונסט זענען פּראָבלעמען פון בילדונג. דאָס הייסט: אויב איר ווילט אַ רוק טאָן די קונסט פאָראויס, טאָ לערנט זיך און לערנט לייענען-שרייבן. איר ווילט, אַז די קונסט זאָל ווערן אַן אייגנטום פון גאַנצן פאָלק — הויבט אויף די עלעמענטאַרע בילדונג. איר ווילט באַגליקן די מענטשהייט מיט געניאַלע קונסט-ווערק — טאָ באַגרייפט-זשע, אַז כּל-זמן די מענטשהייט איז אין איר גרעסטן רוב אַנאַלפאַבעטיש, לייזיק, לעבט דער טייוול ווייסט אין וועלכע באַדינגונגען, ווייס נישט ווי צו פאַר-קעמען די האָר, שערט נישט קיין נעגל, שלאָפט אויפן דיל און האָט נישט קיין מיטלען צו ענדערן איר לעבנס-שטייגער — ביז דאַן וועלן אייערע געניאַלע ווערק זיין ווערק פאַר אַ קליין הייפל, פאַר דער מינדערהייט, מיט אַנדערע ווערטער, — אייער קונסט וועט נישט דערפילן אַפילו קיין מיליאָנטחלק פון איר באַשטימונג.

דאָס הייסט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז מ'דאַרף אוועק-וואַרפן דאָס פאַרנעמען זיך מיט דער קונסט. דאָס באַדייט בלויז, אַז מ'דאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט פּלוידעריי וועגן אַ קונסט פאַרן גאַנצן פאָלק, וועגן איר דעמאָקראַטיזאַציע און וועגן שאַפן אַ קולטור אָנשטאָט צו האָבן דידאָזיקע קולטור אין דער ווירקלעכקייט. דאָס הייסט לערנען רעכענען און שרייבן, מ'אכות, וויסן, הויבן דעם עלעמענטאַרן ווירטשאַפטלעכן וווילזיין.

לענינס נעגאַטיווע באַציאונג צו די שמועסן וועגן פּראָלעטאַרישער קולטור האָט זיך געפונען אין דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט זיין טיפסטן רעאַליזם, וואָס האָט געזען די צוועקלאָזיקייט, און אַמאָל אפילו דעם שאָדן פון די פוסטע ריידערייען.

לענין פלעגט דערווידערן אויך דאַן, ווען די קונסט-פּילאַנטראָפּן פלעגן אַמאָל אונטערטראָגן די ברייטע שיכטן, פון די אַרבעטנדיקע א „ספּעקטאַקל‟. דאָס איז ווינציק, פלעגט לענין דערווידערן. ספּעקטאַקלען זענען נאָר אַ שיינע פאַרוויילונג. די אַרבעטנדיקע מאַסן פאַרדינען „עפּעס מער, ווי ספּעקטאַקלען. זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט אויף אמתע גרויסע קונסט‟. און דער רעאַליסטישער, פּראַקטישער אויספיר, וואָס איז אוממיטלבאַר אַרויסגעפלאָסן פאַר לענינען פון דאָזיקן טעזיס, איז געווען: „דעריבער רוקן מיר אַרויס קודם כּל די פּראָגראַם פון דער ברייטסטער פאָלקס-בילדונג און דערציאונג. דאָס שאַפט אַ באָדן פאַר קולטור, ביים באַדינג, פאַרשטייט זיך, אַז די פראַגע וועגן ברויט איז געלייזט. אויפן דאָזיקן באָדן דאַרף אויסוואַקסן אַ באמת נייע גרויסע קאָמוניסטישע קונסט, וואָס שאַפט אַ פאָרם אַנטשפּרעכנדיק צו איר אינהאַלט‟.

לענין האָט צוגעגעבן דער קונסט אַזאַ גרויסע באַדייטונג, אַז ווען עס איז איינמאָל געקומען צו רייד וועגן דעם, מיט וואָס צו פאַרבייטן די רעליגיע, וועלכע מוז אומפאַרמיידלעך פאַרשווינדן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט ער באַמערקט, אַז אַחוצן טעאַטער, ד. ה. דער קונסט, איז נישטאָ קיין איין אינסטיטוט, „קיין איין אָרגאַן, מיט וועלכן מיר וואָלטן געקענט פאַרבייטן די רעליגיע‟. וועגן דעם האָט מ. אי. קאַלינין דערציילט אין זיין רעדע אויפן V אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די קונסט-אַרבעטער, דעם 25 מאַי 1925.

לענין האָט באַטראַכט דעם גרויסן טעאַטער אַלס שטיק פון דער „פּריצים-קולטור‟ און איינמאָל, אין דער שרעקלעכער הונגער-[illegible], האָט ער אפילו אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן פאַרמאַכן אים. דאָס האָט אָבער לענינען נישט געשטערט צו געבן אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג אפילו דערדאָזיקער שטיק „פּרי-

בים-קולטור״. ווען אין „באַקעטן 1919-טן יאָר״ אין ווינטער האָט ח׳ גאַלקין געשטעלט אין סאָוונאַרקאָם די פראַגע וועגן פאַרמאַכן דעם גרויסן טעאַטער, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט נויטיקט זיך נישט אין דעמדאָזיקן „ברוק-טייל פון דער פריצ׳ישער קולטור״, וואָס האָט געשטעלט דיזעלבע „בורזשואַזע אָפּערעס״ און „גאָרנישט פאַר די אַרבע-טער, גאָרנישט פאַר די רויטאַרמייער״, האָט גראָד לענין גע-ראַטעוועט דעם גרויסן טעאַטער פון דער סכנה פאַרמאַכט צו ווערן.

פאַרן אָפּשטימען האָט ער אגב אורחא אַרייַנגעוואָרפן עטלעכע כלומרשט אומבאַדייטנדיקע פראַזעס, וועלכע האָבן באַ-שלאָסן דעם גורל פון דער אָפּערע-קונסט אין אונזער לאַנד:

״מיר דאַכט זיך נאָר, — האָט לענין געזאָגט, — אַז ח׳ גאַלקין האָט אַביסל אַ נאַאיווע פאָרשטעלונג וועגן דער ראָלע און די באַדייטונג פון די טעאַטערס. אַ טעאַטער איז נויטיק נישט אַזוי צוליב פּראָפּאַגאַנדע, ווי פאַרן אָפּרו פון די אַר-בעטער פון דער טאָג-טעגלעכער אַרבעט. און ס׳איז נאָך צו פרי פאַר אונז איבערצוגעבן אין אַרכיוו די ירושה פון דער בורזשואַזער קונסט...״

דער גרויסער טעאַטער איז געבליבן.

און ווידער אַמאָל: אויב מ׳זאָל אויפדעקן דעם זין פון דערדאָזיקער באַמערקונג, וועלן מיר געפינען פעדים, וואָס פאַרבינדן זי מיט לענינס אַנדערע באַמערקונגען וועגן קונסט. קונסט איז נ י ש ט נ אָ ר פּראָפּאַגאַנדע און נישט נאָר אַגי-טאַציע. „אָפּרו״ באַדייט דעם מענטשנס אָפּרייסן זיך פון גע-וויסע איינדרוקן און איבערגיין צו איכותדיק-אַנדערע איינדרוקן. דער אָפּרו, וועלכן עס גיט די קונסט, איז ווי צוזאַמענגעפּרעסט, טעטיק, ער רייסט מיט דעם באַוווסטזיין אין אַ גאַנץ אַנדער זייט, אין אַ אַנדער וועלט. דאָס איז דער אָפּרו, אין וועלכן עס ווערט אָפּגעפרישט, באַרייכערט און העלער דער באַוווסט-זיין. ווי אָפט איז דידאָזיקע פונקציע פון דער קונסט — איי-נע פון די וויכטיקסטע — פאַרגעסן געוואָרן סיי אין אונזערע טעאָרעטישע אַמפערייען סיי אין אונזער פּראַקטיק! ס׳קען זיין, אַז די אַרבעטער-קלובן פלעגן אַזוי שוואַך באַזוכט ווערן

צוליב דעם, ווייל דער באַפליגלטער פערד פון דער קונסט פלעגט דאָ איינגעשפּאַנט ווערן אין וואָגן פון אַ שלעכט פּאַר־שטאַנענער אַגיטאַציע.

לענין האָט ליב געהאַט צוצוקוקן זיך, ווי עס רוען און פרייען זיך די אַרבעטער. נ. ק. קרופּסקאַיאַ דערציילט וועגן זיינע וואָגלענישן איבער די טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען אין די אַרבעטער - פאָרשטעט פון פּאַריז פאַר דער מלחמה. דאָרט פלעגט אַרויסטרעטן דער רעוואָלוציאָנערער פאָלקס-זינגער מאָנ־טעגיוס, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג צווישן די אַר־בעטער. דאָ איז די קונסט געקומען אין באַרירונג מיט דער אַרבעטנדיקער מאַסע, דאָס האָט לענינען צוגעצויגן. ער, וועל־כער האָט זיך געקענט באַגייסטערן מיט בעטהאָווענס סאָנאַטעס, פאַרגיסן טרערן איבערן שפּיל פון סאַראַ בערנאַר, — ער האָט מיט באַגייסטערונג זיך צוגעהערט צו די מאָטיוון און ווערטער פון די פּשוטע לידלעך פון גאַסן-זינגער. סאַראַ סך שטאַרקער עס וואָלט געווען בעטהאָווען אדער סאַראַ בערנאַר, ווען אָנשטאָט מאָנטעגיוסן, וואָלטן זיי געקענט אויפרודערן און דערשיטערן די הערצער פון דער מענטשלעכער מערהייט.

III

מיט לענינס אָנשויאונגען אויף דער פאָלקסטימלעכקייט און דער אַלגעמיין-פאַרשטענדלעכקייט פון דער קונסט זענען פאַרבונדן אויך זיינע ליטעראַרישע געשמאַקן. ער האָט, למשל, נישט ליב געהאַט די פוטוריסטן. ער האָט נישט ליב געהאַט די אַזויגערופענע „נייע“ קונסט. ער פלעגט אָפט מיט בייסיקער איראָניע ריידן וועגן מאַיאַקאָווסקין און די אַנדערע „איסטן“. מאַיאַקאָווסקיס בוך „150,000,000“ האָט ער באַטראַכט אַלס „גע־מאַכט און געדרעקסלט“. פאַרוואָס? לענין אַליין האָט אויף דעם געגעבן אַ קלאָרן ענטפער: „מאַיאַקאָווסקין האָב איך עטלעכע מאָל פּרובירט לייענען, אָבער מער ווי דריי שורות האָב איך בשום אופן נישט געקענט, כ'שלאָף איין“.

„דריי שורות“ — דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי, וואָרום ווו האָט איר ביי מאַיאַקאָווסקין „שורות“! אָבער דער געדאַנק

איז אַזאַ: מאַיאַקאָווסקין איז שווער צו פאַרשטיין, ווען מען לייענט אים. „פּושקינען פאַרשטיי איך און כ׳נעם אָן, — האָט לענין געזאָגט ביי די וכוטעמאַסאָווצעס, — נעקראַסאָוון אָנערקען איך, אָבער מאַיאַקאָווסקין, זייט מוחל, פאַרשטיי איך נישט״.

וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָ? פאַרוואָס אָנערקענט לענין פּושקינען, און מאַיאַקאָווסקין וואַרפט ער אָפּ? טאַקע צוליב דעם, ווייל פּושקין איז פאַרן גאַנצן פאָלק. ביי דער גאַנצער הויך פון זיין געניאַלער קונסט איז פּושקין קלאָר, פּשוט, לייכט־פאַרשטענדלעך, אָנציענדיק, אַ דיכטער פאַר דער מערהייט. אָבער מאַיאַקאָווסקי איז אַ פירער פון אַן ענגער שולע, אַ דיכטער פאַר ווייניקע, שווער־פאַרשטענדלעך, ווייל ער האָט נישט געקענט גובר זיין אין זיך זיין קרייזלדיקן אָפּשטאַם. דעריבער האָט זיך מאַיאַקאָווסקין נישט איינגעגעבן צו פאַרברייטערן דעם קרייז פון זיינע לייענער. ווען פאַר די לייענער טרעט אַרויס דער דיכטער אַליין, מיט אַ בכּבודיקער אויסערלעכקייט, מיט אַ מעכטיקן קול און פערזענלעכן צויבער, קענען די מאַסן זיך צוהערן מיט אינטערעס צו זיין קלאָרער און אייגנאַרטיקער דעקלאַמאַציע. אין אַזעלכע מאָמענטן קען זיך מאַיאַקאָווסקי באמת באַטראַכטן אַלס פאָלקס־דיכטער, וואָס איז צוטריטלעך פאַר די מאַסן. אָבער ווי נאָר דער לייענער בלייבט אויג־אויף־אויג מיט זיינע ביכער, מיט זיין געבראָכענער שורה, מיטן אייגנאַרטיקן גראַם, מיט אַלע בייסטע לאַבאָראַטאָרישע דעראָבערונגען פון דער וואָרט־אינסטרומענטירונג, הויבט דער דורכשניטלעכער לייענער אָן צו שפּירן אַן אומעט: מאַיאַקאָווסקיס קונסט איז שווער אויפצונעמען, דאָס גיט אויס די אינטעליגענטישע אָפּשטאַמונג פון זיין דיכטונג, איר באַשטימטקייט פאַר ווייניקע.

מאַיאַקאָווסקין פעלט אויס גאוניאַליטעט, כּדי גובר צו זיין דידאַקטיקע אייגנאַרטיקייטן פון זיין קונסט. ער וויל ליידנשאַפטלעך זיין פאָלקסטימלעך, ער וויל אין היינטיקער צייט פאַרנעמען פונקט אַזאַ אָרט, וועלכעס ד ע מ י אַ ן ב ע ד נ י האָט פאַרנומען אין דער עפּאָכע פון בירגער־קריג. אָבער מאַיאַקאָווסקין פעלן יענע שטריכן פון פּשוטקייט, וועלכע בעדני

באַזיצט אין אַזאַ שפע. און דאָס טאַקע האָט לענין אויסגעדריקט. און ער האָט דאָס אויסגעדריקט דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די דרייסטקייט דאָס צו זאָגן. לענינען האָט מען נישט געקענט אָפּשרעקן מיט די ווערטער „ליִנקע" קונסט. „לינקע" — הייסט גוטע. אויב דיר געפעלט נישט דאָס „לינקע", הייסט דאָס, אַז דו ביסט אַ רעאַקציאָנער, אַ קאָנסערוואַטאָר, הייסט עס, אַז דו הויבסט זיך נישט אָן צו פאַרשטיין אויף קונסט. אַנדערע לייט נוצן פלינק אויס דעם טערמין „לינק". די גאַנצע קראַפט פון „לינקן" פליגל נעמט זיך דערפון, וואָס אין קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע איז ער תמיד באַטראַכט געוואָרן אַלס מער רעוואָלוציאָנער. ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס מען פּרובירט זיך צו באַנוצן מיטן בכבודיקן טערמין „לינקער", כּדי זיך צו פאַרזיכערן פון דער קריטיק בכלל — „מיר זענען לינקע, אונז טאָר מען נישט אָנרירן", הגם אין דער ווירקלעכקייט קענען זיך דידאָזיקע „לינקע" זיין אמתע רעכטע. ביי אונז איז צו באַמערקן אין אַ גרויסער מאָס די דערשיינונג פון „פעטישיזירן" דאָס לינקע, באַזונדערס צווישן דער יוגנט.

עס איז נויטיק דרייסטקייט, כּדי צו צעשטערן דידאָזיקע פעטישיזאַציע. לענין האָט קיין מורא נישט געהאַט און ער האָט אָפן דערקלערט: מאַיאַקאָווסקין איז שווער צו פאַרשטיין, פושקין און נעקראַסאָוו זענען נישט דער ערך לייכטער. און „לייכטער" האָט באַדייט — פאָלקסטימלעכער, נענטער צו די מאַסן, פאַרשטענדלעכער פאַר די מאַסן. אַן עכטע, הויכע קונסט קען נישט זיין פאַרשטענדלעך בלויז קרייזלעך ספּעציאַליסטן. אין דער אָנציענדיקער פּשוטקייט איז איר קראַפט. די עקספּערימענטן פון דער קונסט, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אין ענגן קרייז פון דער אינטעליגענץ און זענען באַשטימט געווען פאַר דערדאָזיקער אינטעליגענץ (אין דער לאַבאָראַטאָרישער באַדייטונג פון אַ סך ריכטונגען פון דער נייער קונסט, אָנהויבנדיק פון קוביזם און ענדיקנדיק מיטן דאַדאַאיזם, קען קיין ספק נישט זיין), האָבן לענינען נישט באַגייסטערט. די פאָן פון „נייקייט" פאַר זיך אַליין האָט אים לחלוטין נישט אונטערגעקויפט.

„פאַרוואָס דאַרף מען זיך בוקן פאַר דאָס נייע — האָט לענין געזאָגט קלאַראַ צעטקינען — ווי פאַר אַ גאָט, וועלכן מ׳דאַרף זיך אונטערוואַרפן בלויז דערפאַר, ווייל דאָס איז „ניי״? אַן אומזין, אַ גאָלער אומזין! דאָ איז דאָ אַ סך קינסטלערישע צביעות און, פאַרשטייט זיך, אומבאַוווסטזיניקע אַכטונג צו דער קינסטלערישער מאָדע, וואָס הערשט אויפן מערב. מיר זענען גוטע רעוואָלוציאָנערן, אָבער מיר האַלטן זיך עפּעס פאַר מחויב צו באַווייזן, אַז אויך מיר שטייען „אויף דער הויך״ פון דער היינטיקער קולטור. איך האָב אָבער די דרייסטקייט צו דערקלערן זיך אַלס „באַרבאַר״. איך בין נישט בכח צו האַלטן די ווערק פון עקספּרעסיאָניזם, פוטוריזם, קוביזם און פון די אַנדערע „איזמען״ אַלס העכסטע דערשיינונג פון קינסטלערישן זשעני. איך פאַרשטיי זיי נישט. זיי פאַרשאַפן מיר נישט קיין שום פרייד״.

דאָס איז שטאַרק, ווייל דרייסט. צי וואָלטן דען אַ סך פון אונזערע צייט־מענטשן זיך דערוועגט אַזוי אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן „דאָס נייע״, קעגן „דאָס לינקע״, וואָס באַהערשט היפּנאָטיש דורך דער קראַפט פון די ווערטער גופא: „נייע״, „לינקע״? אָבער לענין האָט זיך דערוועגט. אין לענינס דאָזיקער דערקלערונג ליגט אַ גרויסער טעאָרעטישער זין: ער האָט אָפּגעוואָרפן דאָס לינקע נישט דערפאַר, ווייל עס איז געווען „ניי״, ער האָט געהאַט ליבער די אַלטע קונסט נישט דערפאַר, ווייל זי איז געווען „אַלט״ — אַזאַ פּרינציפּיעלן קאָנסערוואַטיזם האָט לענין נישט פאַרמאָגט און נישט געקענט פאַרמאָגן. ער האָט אָפּגעוואָרפן די „נייע״ קונסט דערפאַר, ווייל זי איז געווען שלעכט אין פאַרגלייך מיט דער אַלטער, וועלכע איז געווען „בעסער״. אָבער פאַרוואָס איז דאָס נייע געווען שלעכט? ווייל זי איז געווען ווינציקער פאַרשטענדלעך, ווי די אַלטע. מיט אַנדערע ווערטער: זי האָט אין זינען געהאַט אַ קלענערן קרייז מענטשן, זי איז געווען מער אינדיווידואַליסטיש, און במילא — מער בורזשואַז, ווי די העכסטע שפּיצן פון דער אַלטער קונסט, וואָס זענען פאַרשטאַנען געוואָרן דורכן גאַנצן פאָלק.

אין לענינס דאָזיקער פאַרנייגונג פון דער שלעכטער־

„נייער" קונסט איז אין געהיים פֿאַרבאָרגן געווען דער טעזיס וועגן דער פעאיקייט פון דער קונסט צו זיין צוטריטלעך פֿאַר דער מאַסע. און דערפון קען מען מאַכן פֿאָלגנדיקן אויספיר: לענין האָט נישט נעגירט די „נייע" קונסט בכלל. ער האָט מער נישט געפאָדערט, אַז זי זאָל, גלייך מיט אַלע נייסטע דעראָבערונגען און פֿאַרפולקאָמונגען אין געביט פון וואָרט, פֿאַרב און קלאַנג, קענען זיין נישט ווינציקער פֿאָלקסטימלעך, ד. ה. צוטריטלעך פֿאַר די ברייטע מאַסן, ווי די בעסטע ווערק פון דער אַלטער קונסט.

„דאָס נייע", וואָס איז צוגעגנגלעך פֿאַר ווייניקע, איז פון זיין שטאַנדפונקט, געווען שלעכט אין פֿאַרגלייך מיט יענץ „אַלטע", וואָס האָט באַוויזן צו ווערן צוטריטלעך פֿאַר מיליאָנען. ווען עס האַנדלט זיך וועגן די לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן, וועגן אויסשמידן נייע פֿאָרמען, דאַן דאַרף מען פֿאַר „דאָס נייע" עפענען אַלע טירן, און „דאָס נייע", דאָס עכטע „נייע" דאַרף אָנטרעפן אויף אַ פולע אונטערשטיצונג און סימפּאַטיע. אָבער דאָס דאָזיקע „נייע", כּל זמן עס געפינט זיך נאָך אין דער סטאַדיע פון „אויסשמידן", אין דער צוגרייטונגס-סטאַדיע, אין דער לאַבאָראַטאָרישער סטאַדיע פון שוואַרצאַרבעט, זאָל עס נישט פּרעטענדירן צו פֿאַרבייטן מיט זיך די גאַנצע אַלטע קונסט. זי איז נאָך נישט דערוואַקסן צו דעם, זי זאָל קענען אַריינדרינגען אין באַוווסטזיין פון די ברייטע מאַסן. אָט דאָס זענען די אויספירן, וועלכע מען וואָלט געקענט מאַכן פון לענינס אויבנגעבראַכטע באַמערקונגען.

דורך דער ברייטער און אָנצייענדיקער פֿאַרשטענדלעכקייט פון דער אַלטער ליטעראַטור דערקלערט זיך לענינס צוגעבונדנקייט צו די קלאַסיקער. כמעט אַלע, ווער עס האָט זיך דערמאָנט וועגן לענינען און זיין באַציאונג צו ליטעראַטור, שטרייכט אונטער זיין ליבע צו די קלאַסיקער. אַוועקפֿאָרנדיק קיין אויסלאַנד האָט לענין מיטגענומען מיט זיך, אַ חוץ עקאָנאָמישע ביכער, אויך נעקראַסאָווס לידער און געטעס „פֿאַוסט" (נ. מעשטשעריאַקאָווס דערינערונגען). ל. ב. קאַמענעוו רעכנט אויס די רוסישע קלאַסיקער, וועלכע לענין האָט באַזונדערס ליב געהאַט. דאָס זענען געווען טאָלסטאָי, פּושקין, נעקראַסאָוו,

טשעכאָוו... פּ. נ. לעפּעשינסקי גיט צו צו דערדאָזיקער רשימה שעקספּירן, שילערן, בייראָנען. לענין פּלעגט אפילו אַריינקוקן אין באַראַטינסקין און טיוטשעוון, און גראָד טיוטשעוו, וועלכער האָט אַזוי פיין „אָרגאַניזירט" — ווי א. באָגדאַנאָוו האָט דאָס אויפגעוויזן — די פּסיכיק פון לייענער אין אַ זייט, וואָס איז קעגנזעצלעך די צילן און שטרעבונגען פון פּראָלעטאַריאַט, גראָד טיוטשעוו האָט, לויט די ווערטער פון פּ. לעפּעשינסקין, געגאָסן „זיין באַזונדערע סימפּאַטיע". נ. ק. קרופּסקאַיאַ רעדט וועגן לערמאָנטאָוון, פּושקינען און נעקראַסאָוון, וועלכע לענין האָט געלייענט אין מאָמענטן פון שטאַרקער פאַרמאַטערטקייט. לויט נ. ק. קרופּסקאַיאַס רייד האָט לענין נישט נאָר געלייענט די קלאַסיקער, נאָר ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט אינגאַנצן טורגעניעוון, טאָלסטאָיען, טשערנישעווסקיס „וואָס טאָן". קרופּסקאַיאַ דערמאָנט, אַז נאָכן שאַפן דעם „גאָסאיזדאַט", האָט גראָד לענין געשטעלט פאַר אים די אויפגאַבע אַרויסצוגעבן אַ ביליקע אויסגאַבע פון די רוסישע קלאַסיקער. דיזעלבע נעמען טרעפן מיר אויך אין די דערינערונגען פון ג. קרזשיזשאַנאָווסקי, לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי, ל. סאָסנאָווסקי.

אַזוי אַרום שטייט אויף פאַר אונז לענינס געשטאַלט, וואָס איז ווייט נישט ענלעך אויף אַן אָפּגעשלאָסענעם עקאָנאָמיסט, וואָס וואַרפט זיך אָפּ פון די פראַגן פון קונסט און קינסטלערישער ליטעראַטור. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז לענין איז גאָרנישט געווען אַזוי ווייט פון ליטעראַטור און קונסט. דאָס באַדייט, אַז די מיינונגען פון געניאַלן מענטשן וועגן די פראַגעס, וועלכע אינטערעסירן אונז איצט, האָבן אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג.

IV

אין די אַרטיקלען, וואָס זענען געווידמעט לעוו טאָלסטאָיען, מערקט לענין אָן צוויי זייטן אין זיינע ווערק: 1) דער געניאַלער קינסטלער האָט געגעבן נישט נאָר אומפאַרגלייכלעכע בילדער פון רוסישן לעבן, נאָר 2) אויך ערשטקלאַסיקע ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור. דאָסדאָזיקע

„נאָר אויך" באַדייט, אַז די קינסטלערישע ליטעראַטור „שפּיגלט" נישט נאָר אָפּ דאָס לעבן, נאָר זי באַזיצט נאָך עפּעס אַזעלכע אייגנאַרטיקייטן, וועלכע גיבן צו דידאָזיקע אָפּשפּיגלונגען אַ ספּעציפישן כאַראַקטער, וועלכע זענען פעאיק צו שטיין אין איין ריי מיט די „ערשטקלאַסיקע ווערק" פון דער וועלט-ליטעראַטור. די בילדער קענען זיין ערשטקלאַסיקע און נישט קיין ערשטקלאַסיקע. ווי ס׳ווייזט אויס, הענגט אָפּ די הויך פון דער קונסט נישט נאָר פון איר מ אַ ט ע ר י אַ ל (שילדערונגען, אָפּשפּיגלונגען), נאָר אויך פון דער באַאַרבעטונג, פון די קינסטלערישע מיטלען, פון דער קינסטלערישקייט.

אין אַרטיקל „ל. נ. טאָלסטאָי", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1910-טן יאָר, אַנאַליזירט לענין טאָלסטאָיס ווערק. „לעוו טאָלסטאָי, וואָס שילדערט דער עיקר דאָס אַלטע פאַררעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד, — שרייבט לענין, — האָט באַוויזן אַוועקצושטעלן אין זיינע אַרבעטן אַזויפיל גרויסע פּראַגעס, ער האָט באַוויזן צו דערהויבן זיך ביז אַזאַ ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע ר קראַפט (אונטערגעשטראָכן דורך אונז. וויאטש פּ.), אַז זיינע ווערק האָבן פאַרנומען איינס דורך די ערשטע ערטער אין דער אַלוועלטלעכער קינסטלערישער ליטעראַטור". דאָ געפינט מען ווידער צוויי זייטן: 1) די טיפקייט פון די פּראַגעס, די שאַרפקייט פון אַרומכאַפּן דעם מאַטעריאַל און 2) „די קינסטלערישע קראַפט", ד. ה. אַ געוויסע באַזונדערקייט, וועלכע עס באַזיצט דער מאַטעריאַל, וואָס דער קינסטלער שילדערט. „ער האָט געגעבן אין זיינע קינסטלערישע ווערק אַזעלכע שילדערונגען פון דאָזיקן שטייגער, וועלכע געהערן צו די בעסטע ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור", — לייענען מיר אין אַרטיקל „ל. נ. טאָלסטאָי און די היינטיקע אַרבעטער-באַוועגונג". אויב מיר וועלן זיך דערמאָנען אַלץ, וואָס איז אויבן גערעדט געוואָרן וועגן לענינס קוקן אויף דער קונסט, וועט אונז קלאָר ווערן, וואָס ער האָט געמיינט, ווען ער האָט גערעדט וועגן דער „געניאַלער קינסטלערישקייט", וועגן דער וווּנדערבאַרער קראַפט פון טאָלסטאָיען אַלס קינסטלער. דאָס איז דיזעלבע צוטריטלעכקייט פאַר די ברייטסטע מאַסן, נישט געקוקט אויף דעם טיפן צוגאַנג צו דער טעמע, דאָס איז די פעאיקייט צו פאַרשאַפן

קינסטלערישן געגוס, די פשוטקייט, די קלאָרקייט, די שיינ־קייט. אָן דידאָזיקע אייגנשאַפטן וואָלט ער נישט געווען קיין גע־ניאַלער קינסטלער, און עס וואָלט בכלל נישט געווען קיין קינסט־לער. בלויז די עקזיסטענץ פון באַשטימטע אייגנשאַפטן, אומ־אָפּהענגיק פון מאַטעריאַל, וועלכן מען נעמט פאַר דער אַרבעט, מאַכט דעם שרייבער פאַר אַ קינסטלער, ד. ה. פאַר אַ שעפער פון קונסט־שאַפונגען. דאָס איז איינער פון די אויספירן, צו וועלכע עס פירט דער שטודיום פון לענינס מיינונגען וועגן קונסט.

מיט וואָס זענען פון לענינס שטאַנדפּונקט מערקווירדיק ל. טאָלסטאָיס ווערק? מיט דעם, וואָס ער איז געווען אַ פּרעכ־טיקער שפּיגל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ד. ה. פון אַ גאַנצער היסטאָרישער עפּאָכע.

„טאָלסטאָי איז גרויס — האָט לענין געשריבן אין אַר־טיקל פון 1908־טן יאָר, ווי אַ אויסדריקער פון יענע אידייען און שטימונגען, וועלכע האָבן זיך אויסגעאַרבעט ביי מיליאָ־נען רוסישע פּויערים צו דער התחלה פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד״.

לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלויבן אין דערדאָזיקער באַהויפּ־טונג. לויט לענינס באַהויפּטונג איז טאָלסטאָי אַ „גוטבאַזיצער, וואָס איז יוראָדיווע אין נאָמען פון קריסטוס״, דאָס הייסט, אַ פּריץ, אַ פאָרשטייער פון עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס ווערט „דער אויסדריקער פון די שטימונגען פון מיליאָניקן פּויערטום״. אַ געדאַנק, וואָס זיין באַגרינדונג קען מען ווידמענען אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג. צי איז ער סותר דעם מאַרקסיזם? לחלוטין נישט. אָבער ער לייקנט אָפּ די עלעמענטאַרע ריידערייען וועגן אַ שרייבער, וואָס זיין שאַפן איז פ א ר ב ו נ ד ן מיט זיין קלאַסן־אָפּשטאַם. דעם שרייבערס סאָציאַלער אָפּשטאַם, אַב־סטראַקט גענומען, זאָגט נאָך פאַר זיך אַליין גאָרנישט וועגן דעם, די אידייען און שטימונגען פון וואָסער קלאַס — פון אייגענעם אָדער פון פרעמדן — דער שרייבער וועט אָפּשפּיג־לען, אַלץ איז אָפּהענגיק פון קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינ־גונגען, אין וועלכע עס אַנטוויקלט זיך דאָס שאַפן פון שריי־בער, און פון אייניקע באַזונדערקייטן פון זיין פּערזענלעכער

אַנטוויקלונג. דעריבער איז אַן אַריסטאָקראַט, אַ גוטסבאַזיצער גובר די גייסטיקע ירושה פון זיין קלאַס, ער רייסט אפילו אי־בער מיט אים, ער טרעט אפילו אַרויס קעגן אים. דערדאָ־זיקער פּראָצעס איז אַנאַלאָגיש צו דעם, וואָס האָט פאַר די אידעאָלאָגן און פירער פון פּראָלעטאַריאַט געמאַכט קאַרל מאַרקסן — אַ זון פון אַ אַדוואָקאַט, פר. ענגעלס — אַ זון פון אַ פאַבריקאַנט, ג. פּלעכאַנאָוון און וו. לענינען — אָפּשטאַמי־קע פון די רוסישע פּריווילעגירטע שטאַנדן, און אַז. וו. אמת, דאָס טאָר מען נישט אָננעמען ווי אַ כּלל. מען קען דערפון נישט מאַכן קיין אויספיר, אַז די קלאַסן־אָפּשטאַמונג איז גאָר־נישט און זי פאַרפליכטעט צו גאָרנישט. דאָס וואָלט געווען אַן אַבסורד, אַ פאַרקריפּלונג פון מאַרקסיזם. די זאַך איז די, וואָס מאַרקס און ענגעלס, לענין און פּלעכאַנאָוו און נאָך אַ ריי נע־מען — דאָס זענען יחידים, אויסנאַמען פון כּלל, געשטאַלטן, וואָס האָבן אַ דאַנק אויסערגעוויינלעכע אינטעלעק־טועלע אייגנשאַפטן, אין גינסטיקע היסטאָרישע באַדינגונגען, געקענט גובר זיין אין זיך די גייסטיקע השפעות פון זייער קלאַס. די אַלגעמיינע אַקסיאָמע פון מאַרקסיזם וועגן דער וויר־קונג פון קלאַס אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, וועגן דער קלאַסן־ירושה, בלייבט אין קראַפט, אָבער אין געביט פון אי־דעאָלאָגישן שאַפן ווייזט אויף דידאַקטיקע אַקסיאָמע אַ גאַנצע ריי אויסנאַמען, וועלכע פאָדערן אַ בויגזאַמען, און דער עיקר — נישט קיין בלינדן אומגאַנג מיטן כּלל.

וואָסער זין האָבן די „אויסנאַמען" פאַר אונזער אַנאַליז פון די קונסט־ווערק? זייער אַ גרויסן. ביים צוגאַנג צו קונסט־ווערק וועט אַ שלעכטער מאַרקסיסט זיין דער, וואָס עס וועט זיך באַמיען צו אַנאַליזירן דידאַקטיקע ווערק, אָנוועגדנדיק מעכאַ־ניש דעם „כּלל", איגנאָרירנדיק די מעגלעכקייט פון די „אויס־נאַמען", מיט אַנדערע ווערטער: אין געביט פון קונסט, ביים אַנאַליזירן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון ווערק און די ראָלע פון באַזונדערע שרייבער, דאַרף דער מאַרקסיסטישער מעטאָד זיין בויגזאַם, ברייט און טיף, ער זאָל דערלאָזן די פאַרשיידנאַר־טיקסטע מעגלעכקייטן פון אָפּווייכונגען פון קינסטלערס קינסט־לערישער אידעאָלאָגיע פון די אינטערעסן פון זיין אָפּשטאַמ־

קלאַס — ביז צו אַן אָפענעם קאַמף קעגן אים. אָבער דידאַזיקע אָפּווייכונגען דאַרף מען — ערשטנס — אין יעדן באַזונדערן פאַל געפינען, און — צווייטנס — דערקלערן זייער אָפּשטאַמונג, ד. ה. אויפדעקן יענעם מעכאַניזם פון סאָציאַלע השפּעות אויפן שרייבער, וועלכע פירן אים איבער פון שטאַנדפונקט פון זיין קלאַס צום שטאַנדפונקט פון פרעמדע קלאַסן.

ס'איז קלאָר, אַז אַזאַ אויסטייטשונג פון מאַרקסיסטישן מעטאָד צעשטערט די עלעמענטאַרע, פלאַכע, וווּלגאַרע סיסטעם פון „מאַרקסיסטישער" קריטיק, מיט דער הילף פון וועלכער דער כאַראַקטער פון קינסטלערישן שאַפן ווערט פון פאָראויס באַשטימט דורך דער קלאַסן-אָפּשטאַמונג פון קינסטלער. אין דאָזיקן פאַל ווערט דער מאַרקסיזם נישט אַזוי „אָנגעווענדט", ווי „פאַרקריפּלט". דער מאַרקסיסטישער טעזיס, וועלכער רעדט וועגן די מעגלעכקייטן פון אַ ריס צווישן קינסטלער און דעם קלאַס — און אַזאַ בילד זעען מיר טאַקע אָפטער פאַר אַלץ ביים אַנאַליזירן די גרעסטע קונסט-ווערק, — צעשטערט באַגדאַנאָווס קאָנסטרוקציעס וועגן דער אָרגאַניזירנדיקער השפּעה פון די קינסטלערישע נישט-פּראָלעטאַרישע ווערק אומבאַדינגט אין דער זייט, וואָס איז קעגנזעצלעך די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט. אין וועלכער זייט עס אָרגאַניזירט די פּסיכיק פון פּראָלעטאַריאַט אַ קלאַסיש ווערק — דאָס קען מען באַשליסן אין יעדן פאַל באַזונדער בלויז מיט דער הילף פון אַ קאָנקרעטן שטודיום. אָבער פאַרזיכערן, אַז די גאַנצע וועלט-ליטעראַטור, וואָס איז אָנגעשריבן נישט פון דעם קאָלעקטיוו-אַרבעטנדיקן שטאַנדפונקט, „אָרגאַניזירט" די פּסיכיק פון פּראָלעטאַרישן לייענער אין אַ ריכטונג, וואָס איז קעגנזעצלעך זיינע אינטערעסן — הייסט אַריינפאַלן אין אַ טרוקענעם און טויטן סכעמאַטיזם, מיט וועלכן מען קען גאָרנישט מאַכן נישט נאָר אין דער קונסט, נאָר אויך אין מדבר.

דער אַנאַליז, וועלכן לענין גיט פון טאָלסטאָיען, צעשטערט די פלאַכע און הילצערנע אָנווענדונג פון מאַרקסיזם. יאָ, טאָלסטאָי איז אַ גוט-באַזיצער, „וואָס איז יוראָדיווע אין נאָמען פון קריסטוס". אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט ער באַוויזן איבער-

צוגעבן מיט אַ וווּנדערלעכער קראַפט די שטימונג פון די ברייטע מאַסן, וועלכע זענען אונטערדריקט דורך דער היינטיקער אָרדנונג, צו שילדערן זייער לאַגע, אויסדריקן זייער געפיל פון סטיכישן פּראָטעסט און צאָרן" (אַרטיקל פון 1910 יאָר).

טאָלסטאָי איז געווען אַ פּריץ, אַן אַריסטאָקראַט, גראַף טאָלסטאָי, פונדעסטוועגן געפינען מיר אין זיין שאַפן „אַ הייסן, ליידנשאַפטלעכן, אָפטמאָל אַן אומבּרחמנותדיק שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער מלוכה און דער פּאָליצייאיש-„קאַזיאָנער" צערקווע", מיר געפינען ווייטער „אַ איבערצייגטע אָפּלייקענונג פון פּריוואַטן ערד-אייגנטום" און אפילו „אַ דעמאַסקירונג פון קאַפּיטאַליזם, וואָס איז פול מיטן טיפסטן געפיל און דער בּרענענדיקסטער אויפגעבּראַכטקייט"... דאָס אַלץ שטרייכט לענין אונטער אינם שאַפן פון דעם גוטבּאַזיצער, דעם פּריץ, דעם אַריסטאָקראַט. אָבער צוזאַמען מיט די דאָזיקע שטריכן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דאָס אומשטערבּלעכע אין טאָלסטאָיס ירושה, ווייזט לענין אָן אויף דעם, אַז דער דאָזיקער פייערדיקער פּראָטעסטאַנט, דער ליידנשאַפטלעכער דעמאַסקירער, דער גרויסער קריטיקער „האָט צוזאַמען מיט דעם אַרויסגעוויזן אין זיינע ווערק אַזאַ אומפאַרשטענדעניש פאַר די סיבּות פון קריזיס און פאַר די מיטלען, וואָס זאָלן אַרויספירן פון קריזיס, וועלכער האָט זיך אָנגערוקט אויף רוסלאַנד, וועלכע איז אייגן בלויז אַ פּאַטריאַרכאַלן, נאַאיוון פּויער, אָבער נישט אַן אייראָפּעאיש-געבילדעטן שרייבער. די דאָזיקע אָפּהענגיקייט פון דער היסטאָריש-נישט-אַנטוויקלטער סביבה, פון די נישט-אַנטוויקלטע ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען בילדעט די צווייטע זייט פון טאָלסטאָי דעם קינסטלער. אפילו גענישאַליטעט קען נישט יעדעסמאָל גובר זיין די היסטאָרישע באַדינגונגען פון איר תּקופה: זי דרינגט אַריין מיט אירע סתּירהדיקע און נישט-אַנטוויקלטע שטריכן אין זיין פּערזענלעכער דערפאַרונג. און דערפון שילדערט לענין טאָלסטאָיס צווייטע זייט — זיינע סתּירות, זיין רעליגיעזע פּרעדיק. אַ גענישאַלער קינסטלער, אַ גרויסער שרייבער, „איז טאָלסטאָי קאָמיש אַלס נביא, וואָס האָט אַנטדעקט נייע רעצעפּטן אויף מציל צו זיין די מענטשהייט".

„פון איין זייט אַן אומבּרחמנותדיקע קריטיק פון דער

קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, די דעמאַסקירונג פון דער רעגירונגס גוואַלד-מעשים, די קאָמעדיעס פון געריכט און פון דער מלוכה-אַדמיניסטראַציע, דאָס אויפדעקן די גאַנצע טיפקייט פון די סתירות צווישן דעם ווּקס פון רייכטום און די דערנידעריקונג? ... בערונגען פון דער ציוויליזאַציע און דעם ווּקס פון דער אָרימקייט, פון דער פאַרווילדונג און די ליידן פון די אַרבעטער-מאַסן, און פון דער צווייטער זייט — אַ „יוראָדיווע" פּרעדיק פון „נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דער שלעכטס מיט געוואַלט. פון איין זייט, דער ניכטערסטער רעאַליזם, דאָס אַראָפּרייסן אַלע און אַלערליי מאַסקעס, פון דער צווייטער זייט — די פּרעדיק פון איינער פון די עקלהאַפטסטע זאַכן, וועלכע זענען בכלל דאָ אויף דער וועלט — פון דער רעליגיע — די שטרעבונג אַוועקצושטעלן אויפן אָרט פון די פּאָפּעס אויף דעם מלוכהשן אַמט פּאָפּעס לויט דער מאָראַלישער איבערצייגונג, ד. ה. קולטיווירן די סאַמע ראַפינירטסטע און במילא אַ באַזונדערס עקלהאַפטע פּאָפּאָווטשינע". באמת — רופט אויס לענין —

דו ביסט אי אָרים, דו ביסט אי שפּעדיק,
דו ביסט אי מעכטיק, דו ביסט אי הילפלאָז —
מוטערל רוסלאַנד.

אין קורצע ווערטער דעקט לענין אויף די סיבה פון דערדאָזיקער סתירה אין טאָלסטאָיס אָנשויאונגען און אין זיין לערע. דידאָזיקע סתירות זענען נישט קיין צופעליקע — זאָגט ער. אין זיי האָבן געפונען אַן אויסדרוק די סתירהדיקע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דאָס רוסישע לעבן אין דער לעצטער דריטל 19-טן יאָרהונדערט. דאָס בילד פון טאָלסטאָיס גייסטיקע מעטאַמאָרפאָזעס באַקומט אַ באַגרינדונג. אין טאָלסטאָיס סתירות, אין די שוואַכע זייטן פון זיינע ווערק האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די זכרונות און די נישט-אַנטוויקלטע זייטן פון אונזער רוסישן לעבנס-שטייגער. דעריבער איז טאָלסטאָי אַ שפּיגל נישט נאָר פון דער קראַפט, נאָר אויך פון דער שוואַכקייט, נישט נאָר פון רעוואָלוציאָנערן דראַנג, פון פּראָטעסט, שנאה, עמפּערונג, נאָר אויך פון ווייכלייביקייט, פון

נישט-רייפער טרוימערישקייט און ענלעכע אייגנשאַפטן. אין זיינע ווערק האָבן זיך רעליעף אָפּגעשפּיגלט די שטריכן פון דער היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט פון דער גאַנצער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, — איר קראַפט און איר שוואַכקייט".

ווי דאַרף זיין די באַציאונג פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט און רוסישן פּויערטום צו טאָלסטאָיס ווערק? יענץ רוסלאַנד, וואָס זיין קראַפט און מאַכטלאָזיקייט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין שאַפן, איז אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט און וועט זיך שוין מער נישט אומקערן. וואָס-זשע בלייבט פון טאָלסטאָיס ירושה פאַר אונזער דור קעמפער?

„אין טאָלסטאָיס ירושה, — ענטפערט אויף דערדאָזיקער פראַגע לענין, — איז דאָ דאָס, וואָס איז אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס געהער דער צוקונפט. אָט דידאָזיקע ירושה נעמט אָן און איבער דערדאָזיקער ירושה אַרבעט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט". דער פּראָלעטאַריאַט וועט דערקלערן די מאַסן אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע „די באַדייטונג פון טאָלסטאָיס קריטיק פון דער מלוכה, פון דער קירכע, פון פּריוואַטן ערד-אייגנטום" נישט צוליב דעם, כדי די מאַסן, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, זאָלן זיך באַרויִקן, נאָר צוליב דעם, כדי דידאָזיקע דערקענטעניש, וואָס איז געשעפּט פון די ווערק פון גרויסן קינסטלער, זאָל נאָך מער הויבן די ענערגיע פון קאַמף. דאָס שאַפן פון „גוטבאַזיצער, וואס איז יוראָדיווע אין נאָמען פון קריסטוס", וואָס זיין לערע איז „אומבאַדינגט אוּטאָפּיש און לויט איר אינהאַלט רעאַקציאָנער אין דער געוויסטער און טיפסטער באַדייטונג פון דאָזיקן וואָרט" (אַרטיקל פון 1911), — דאָס שאַפן פון דאָזיקן קינסטלער לייגט לענין פאַר אָן אַ חשש דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס גייסטיקע שפּייז, נישט מורא האָבנדיק, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך פאַרסמען מיט זיין גיפט, מיט זיין אוטאָפּיזם, מיט זיין רעאַקציאָנערן אינהאַלט, מיט זיינע סתירות.

לויט לענינס געדאַנק זענען געפערלעך נישט דער אוּטאָפּיזם און די רעאַקציאָנערישקייט גופא — שעדלעך איז די אידעאַליזאַציע פון דאָזיקן אוטאָפּיזם און דערדאָזיקער רעאַקציאָנערישקייט, די אידעאַליזאַציע פון טאָלסטאָיס לערע,

די פּרוּוון זי צו באַרעכטיקן און מילדער מאַכן. אָבער דען פאַרניכטעט נישט דעם פּראָלעטאַריאַט סאָציאַלער מהות זיין קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע? דעריבער טאַקע פאַרשטעלן נישט פאַר לענינען טאָלסטאָיס רעאַקציאָנערע שטריכן דעם גרויסן קינסטלערישן ווערט, וואָס זיינע ווערק האָבן פאַרן פּראָלעטאַריאַט. דעריבער, אויסשטודירנדיק טאָלסטאָיען ביזן גרונט, זעענדיק דורך און דורך זיינע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, האָט לענין געשריבן וועגן דער נויטווענדיקייט צו מאַכן די גרויסע ווערק פון דאָזיקן „גוטבאַזיצער" פאַר אַן אמתן אייגנטום פון אַ ל ע מ ע ן, און וועגן דעם, אַז זיינע קינסטלערישע ווערק וועלן „תמידוו ערן געשעצט און געלייענט דורך די מאַסן, ווען זיי וועלן זיך שאַפן מענטשלעכע לעבנס-באַדינגונגען, אַראָפּוואַרפנדיק דעם יאָך פון די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן".

•

•

אָט דאָס זענען די אויספירן, צו וועלכע מען קען קומען פון לענינס עטלעכע קליינע אַרטיקלען וועגן ל. טאָלסטאָיען. מען דאַרף בלויז באַדויערן, וואָס זיי זענען נישט געוואָרן דאָס אייגנטום פון די ברייטערע מאַסן, וואָס וועגן זיי אין ווינציק געשריבן געוואָרן, וואָס אַ סך חברים, „אָנשפּאַרנדיק זיך" אויף לענינען, האָבן זיך נישט געגעבן די מי אויפמערקזאַם אויסצושטודירן דאָס, וואָס לענין האָט גערעדט וועגן קונסט. ווען דאָס אַלץ וואָלט געטאָן געוואָרן רעכטצייטיק און אין דער געהעריקער מאָס בעתן ליטעראַרישן קאַמף, וועלכער האָט באַשעפטיקט אונזער אויפמערקזאַמקייט אין משך פון די פאַרגאַנגענע יאָרן, וואָלטן געמאַכט געוואָרן ווינציקער גראָבע פעלערן, דער ריכטיקער וועג וואָלט געקויפט געוואָרן פאַר אַ קלענערן פּרייז פון טעותן.

לענין איז דער ריכטיקסטער פירער נישט נאָר אין געביט פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיק, נאָר אויך אין די פראַגעס פון ליטעראַטור און קולטור. אָבער די גאַנצע ריכטונג פון קאַמף אונטערן לאָזונג פון „פּראָלעטאַרישער קולטור" און

„פראָלעטאַרישער ליטעראַטור" איז אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָרצענדליק דורכגעגאַנגען נישט אונטער דער השפעה פון לענינס מיינונגען וועגן קונסט און קולטור, נאָר אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אונטער דער השפעה פון אַ. אַ. באָגדאַנאָווס אָנשויאונגען. דורך דער גרינדונג פון פּראָלעטקולט, דורך דער גרופּע „נאַ פּאָסטו" האָבן באָגדאַנאָווס אידייען געלאָזן וואָרצלען. דאָס הייסט — מ'האָט געשענקט צו ווייניק אויפמערקזאַמקייט לענינס אָנשויאונגען אויף יענע פראַגעס, וועלכע זענען דורך באָגדאַנאָווס לייכטער האַנט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר היום פון אונזערע דיסקוסיעס. דעריבער איז וויכטיק קלאָר צו מאַכן לענינס אָנשויאונגען נישט נאָר אויף ליטעראַטור, נאָר אויך אויף פּראָלעטאַרישער קולטור.

V

פּונקט אַזוי, ווי וועגן די פראַגן פון קונסט און ליטעראַטור, איז לענינען אויך נישט אויסגעקומען אַרויסצוזאָגן זיך ספּעציעל און גענוי וועגן דער פּראָלעטאַרישער קולטור. פונדעסטוועגן באַזיצן מיר אַ גאַנצע ריי לענינס מיינונגען וועגן פּראָלעטאַרישער קולטור, אָנהויבנדיק פון די נאָטיצן פון אַ פּובליציסט, וואָס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָך אין 1910-טן יאָר אין ערשטן נומער פון „דיסקוסיאָנני ליסטאָק" פון $^{6}/_{19}$ מערץ, 17) און ענדיקנדיק מיט זיינע אַרויסטרעטונגען אויף צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן, אַפילו אויף מיטינגען, אויף די באַראַטונגען פון די פּאָליטפּראָסוועטן, אויף די צוזאַמענפאָרן פון קאָמסאָמאָל, און אויך אין די אַרטיקלען: „וועגן קאָאָפּעראַציע", „בעסער ווינציקער, אָבער בעסער" און אין פאַרשיידענע אַנדערע ערטער. מיר האָבן, צולעצט, אַ ווערטפולן און אַ פולן דאָקומענט, וואָס זאָגט עדות וועגן לענינס אָנשויאונגען אויף די שטרייט-פראַגן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור — זיינע בלייפעדער-נאָטיצן אויף וו. פּלעטניאָווס אַרטיקל „אויפן אידעאָלאָגישן פראָנט", וואָס איז אָפּגעדרוקט געווען אין „פּראַוודאַ" № 217 פון 27 סעפּטעמבער 1922-טן יאָר. חוצדעם האָבן מיר צו פאַרדאַנקען יאַ. יאַקאָוולעוון אַ לפי-

ערך געווייעם באריכט פון לענינס מיינונגען, וועלכע זענען געווענדט קעגן די טעאריעס פון פראלעטקולט, ווי אזוי זיי זענען ארויסגעזאגט געווארן דורך באגדאנאוון און פלעטניאוון. יא. יאקאוולעווס ארטיקל „וועגן דער פראלעטארישער קולטור און דעם פראלעטקולט", וואס איז אפגעדרוקט געווען אין „פראוודא" דעם 25-טן אקטאבער 1922 איז בכלל אינספירירט געווען דורך לענינען (ווי דאס האט דערציילט נ. אי. בוכארין אויף דער ליטעראַרישער באראטונג פון צ. ק. אין פעברואר 1925-טן יאר), ער האט אים פריער דורכגעלייענט און מסכים געווען מיט אים. דאס באדייט: די מיינונגען פון יא. יאקאוולעוון און זיין קריטיק פון „פראלעטקולט" זענען לגמרי צו-נויפגעפאלן מיט לענינס שטאנדפונקט אויף דערדאזיקער פראגע. חוצדעם האבן מיר גביות-עדות פון נ. אי. בוכארין (אין זיין אויבנדערמאנטער רעדע) און א. וו. לונאטשארסקי, וועל-כע דערגאנצן מיט געוויסע שטריכן אונזערע ידיעות וועגן ע-נינס אנשויאונגען. מ'קען, אזוי ארום, זאגן, אז די פראגע וועגן דער „פראלעטארישער קולטור" האט גענוג מאטעריאל, כדי לענינס שטאנדפונקט זאל פארגעשטעלט ווערן מיט דער מעגלעכסטער קלארקייט.

אין קאפיטל „א. א. באגדאנאוו און די פראלעטארישע קולטור" האבן מיר דערציילט וועגן דעם, ווען און ביי וועל-כע באדינגונגען זענען אויפגעקומען ביי א. א. באגדאנאוון די ערשטע קאנטורן פון זיין פראלעטקולטישער טעאריע. די „פראלעטארישע קולטור", ווי אזוי עס האט זי פארשטאנען און אנטוויקלט א. א. באגדאנאוו, איז געשטאנען אין א ענ-גער פארבינדונג סיי מיט זיינע פילאזאפישע אנשויאונגען, וואס האבן אנגעטראפן אויף א שארפע קריטיק מצד לענינען, ווי אויך מיט זיין פאליטישער ליניע. אין די נאטיצן פון א פובליציסט דערקלערט לענין קאטעגאריש, אז באגדאנאווס „פראלעטארישע פילאזאפיע" איז נישט עפעס אנדערש, ווי דער „מאכיזם". *) „פ א ק ט י ש פארדעקן אלע פראזעס וועגן דער „פראלעטארישער קולטור" דעם ק א מ ף מ י ט ן מ א ר ק ס י ז ם".

---

*) מאך — א עסטרייכישער פילאזאף. צוזאמען מיט אווענאריוסן געשאפן דעם עמפיריא-קריטיציזם. (איב.)

דאָס אַלץ איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט 17 יאָר צוריק, אין דער הייסער מינוט פון די קאַמפן מיט די „וופּעריאָדאָווצעס", „מאַכיסטן" „אָטזאָוויסטן". צי האָט לענין געביטן זיין באַציאונג צו דער טעאָריע פון דער „פּראָלעטאַרישער קולטור" — ווי אַזוי אַ. אַ. באָגדאַנאָוו האָט זי פאַרשטאַנען — אין די יאָרן נאָכן זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע?

לאָמיר זיך ווענדן צו לענינס נאָטיצן אויף וו. פּלעטניאָווס אַרטיקל.

ס'איז גענוג אויבנאויפיק דורכצוקוקן אַלע אונטערגעשטראָכענע ערטער, די „נאָטאַבענעס", לענינס אויסרוף-צייכנס אין שייכות מיט פּלעטניאָווס די אָדער יענע „טעאָרעטישע" פאָרמולעס, כדי עס זאָל קלאָר ווערן די איראָנישע חוזקדיקע באַציאונג צו פּלעטניאָווס אַרבעט. דערביי האָט לענין אויסגעלאַכט נישט פּלעטניאָוון, וועלכן ער האָט, ווי מיר ווייסן, געשעצט אַלס טאַלאַנטירטן אַרבעטער. זיין איראָנישע בייסיקייט האָט אַרויסגערופן די טעאָרעטישע נישט-דורכגעטראַכטקייט פון די אורטיילן, די פאַרפלאָנטערטקייט פון די באַגריפן, מיט וועלכע עס איז פול געווען דער אַרטיקל פון פאָרזיצער פון צ. ק. פון פּראָלעטקולט.

„דאָס שאַפן אַ נייע פּראָלעטאַרישע ק ל אַ ס ן-קולטור איז דער עיקרדיקער ציל פון פּראָלעטקולט" — האָט פּלעטניאָוו געשריבן. „כאַ-כאַ!" — שטעלט ביים זייט לענין און שטרייכט אונטער מיט צוויי שטריכן די ווערטער „דאָס שאַפן אַ נייע" און דער „עיקרדיקער"... אין ווייטערדיקן זאַץ — „ברענגען צום אויסדרוק און קאָנצענטרירן די שעפערישע כחות פון פּראָלעטאַריאַט אין די געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט איז זיין עיקרדיקע פּראַקטישע אויפגאַבע" — שטרייכט לענין אונטער מיט איין ליניע די ווערטער „ברענגען צום אויסדרוק און קאָנצענטרירן" און „זיין עיקרדיקע אויפגאַבע", און מיט צוויי ליניעס די ווערטער „וויסנשאַפט" און „פּראַקטישע". און בלויז דורך דידאָזיקע אונטערשטרייכונגען דאָ מיט איינעם דאָ מיט צוויי שטריכן און דורך די פיר אותיות „כאַ-כאַ" האָט לענין אויפגעדעקט די גאַנצע איבערפלעכלעכקייט פון דאָזיקן צוגאַנג צו דערדאָזיקער אומגעהייער ברייטער אויפגאַבע. פון די אונ-

טערגעשטראָכענע ערטער און די איראָנישע באַמערקונגען, ווי, למשל, „המ! אָ ט אַ ק אַ ש ע !" און אַנד. ווערט קלאָר די לחלוטין נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פון די באַהויפּטונגען פון פּאַרזיצער פון פּראָלעטקולטישן צ.ק. זיין פּראַזע „די אויפגאַבע פון אויפבויען אַ פּראָלעטאַרישע קולטור קען געלייזט ווערן דורך די כחות ב ל ו י ז (אונטערגעשטראָכן דורך לענינען) פון פּראָלעטאַריאַט אַליין, דורך די געלערנטע, קינסטלער, אינזשיניערן און אַז. וו. וואָס זענען אַרויסגעקומען פון ז יי ן (אונטערגעשטראָכן דורך לענינען) סביבה" רופט אַרויס לענינס צושריפט: „אַ ר כ י - פּ י ק צ י ע". אין צווייטער ערטער שרייבט ער: „נ אַ ר י ש ק יי ט ן": 1) דאָרט, ווו פּלעטניאָוו פּאַרזיכערט דעם לייענער, אַז די „ערשטע טריט" אויפן וועג צו שאַפן אַ נייע מעטאָדאָלאָגיע פון וויסנשאַפטלעכן שאַפן „אויפן דאָזיקן וועג דאַרף מאַכן דער פּראָלעטאַריאַט אַליין און 2) לעבן דער פּראַזע „דער פּראָלעטאַרישער קינסטלער וועט גלייכצייטיק זיין אי אַ קינסט-לער, אי אַן אַרבעטער". און ווען מיר זאָלן אפילו נישט האָבן צו דידאָזיקע באַמערקונגען אַזאַ גענויעם קאָמענטאַר, ווי דער אַרטיקל פון יאַ. יאַקאָוולעוו, וואָלטן זיי אַליין גענוג געווען, כּדי איינמאָל-פאַר-אַלעמאָל אַ סוף צו מאַכן צו אַלע פּרוּוון פון די אָנהענגער פון אַ. אַ. באָגדאַנאָוס און פּלעטניאָווס טע-אָריע צו באַשיצן זיך אויפן געביט פון בויען די פּראָלעטאַ-רישע קולטור מיט לענינס נאָמען אָדער זיך פּאַררופן אויפן דאָזיקן נאָמען. נ. אי. בוכאַרין איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אין זיין רעדע (אויף דער אויבנאָנגעוויזענער זיצונג) גע-וואָרפן אויפן אַדרעס פון ח. וואַרדינען די באַשולדיקונג, אַז ער מיסברויכט מיטן נאָמען פון „אַלטן". אָבער צי דען נאָר איין וואַרדינען קען מען אויפוואַרפן דידאָזיקע זינד?

דידאָזיקע נאָטיצן קענען אַרויסרופן אַ גאַנצע ריי שטוי-נענדיקע פראַגעס. ווי זשע שיקט זיך דאָס, קען פרעגן אַ תמימותדיקער לייענער, הייסט עס, אַז דער פירער און אידעאָ-לאָג פון פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַ קעגנער פון בויען אַ פּראָלעטאַרישע קולטור? הייסט עס, אַז ער איז געווען אַן אָנ-הענגער פון דער בורזשואַזער קולטור? קומט דאָך אויס, אַז

אויב לענין איז נישט מיט באָגדאַנאָוון, איז ער — מיט דער בורזשואַזיע?

ניין, דאָס איז נישט אַזוי. קעגן דער טעאָריע פון פּראָלעטקולט הייסט טאַקע זיין פאַר אַן אמתע שאַפונג פון פּראָלעטאַרישער קולטור. ווייל די פראַגע ווערט נישט געלייזט מיט דער הילף פון יענעם קאַבינעט-סכעמאַטיזם, מיט וועלכן באָגדאַנאָוו האָט זי פּרובירט לייזן, און אויך נישט מיט דער הילף פון יענער שעמעוודיקער און געהיימער באָגדאַנאָווטשטשינע, מיט וועלכער דאָס האָט געטאָן וו. פּלעטניאָוו.

דאָס שאַפן די „פּראָלעטאַרישע קולטור“ איז פאַר באָגדאַנאָוון פאַרבונדן געווען מיט דער עקזיסטענץ פון פּראָלעטקולט אַלס אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט זיך פאַר אַ הויפּט-אויפגאַבע צו שאַפן אַ פּראָלעטאַרישע קולטור. אָבער קולטור, אין אמתן זינען פון דאָזיקן וואָרט, — איז דאָך דער כּלל ידיעות און קענטעניש אין אַלע געביטן. „קולטור“ איז נישט נאָר דאָס שרייבן לידעלעך, דערציילונגען און דאָס מאָלן בילדלעך, נישט נאָר דאָס שרייבן דראַמעס און שטעלן זיי אויף דער סצענע, דאָס איז אויך דאָס פּאָליטישע שאַפן און דאָס עקאָנאָמישע שאַפן, דאָס וויסנשאַפטלעכע און קינסטלערישע, דאָס טעכנישע און יעדעס אַנדערע. די געביטן פון קולטור זענען פאַרשיידנאַרטיק, ווי עס איז פאַרשיידנאַרטיק און ברייט דער קאַמף פאַרן לעבן. און ריידן וועגן דעם, אַז די „אויפגאַבע“, „דער הויפּט-ציל פון פּראָלעטקולט“ בילדעט דאָס שאַפן אַ נייע פּראָלעטאַרישע קלאַסן-קולטור, הייסט אַרויסזאָגן אַ הומאָריסטישן געדאַנק, וועלכער קען נישט אַרויסרופן קיין אַנדער זאַך ווי „כאַ-כאַ“. בלויז מיט אויבערפלעכלעכקייט און אַ לייכטזיניקער באַציאונג צו דער „נייער קלאַסן-קולטור“ און צו דעם, וואָס עס איז בכּח צו טאָן אַ קליינע קולטור- און בילדונגס-אָרגאַניזאַציע ווי דער פּראָלעטקולט — בלויז מיט דידאָזיקע אייגנשאַפטן קען מען דערקלערן די ערנסטע מינע, מיט וועלכער ס'איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער עיקרדיקער פּרינציפּ פון דער פּראָלעטקולטישער פילאָזאָפיע. איין קלייניקייט — שאַפן אַ נייע קולטור אין אונזער לאַנד מיט אַ הונדערטפּופציק מיליאָניקער באַפעלקערונג, אין אַ לאַנד, וואָס איז אַנאַלפאַבעטיש,

וועלכן עס פעלן די עלעמענטאַרע דערגרייכונגען פון דער פשוטסטער קולטור, אין אַ לאַנד מיט אַן איבערוויגנדיקער מערהייט פויערים, וואָס איז נאָך באַהערשט פון זאַבאָבאָנעס און אַז. וו., אין אַ לאַנד, ווו מען דאַרף נאָך אַ סך אַרבעטן, כדי אַרויפצושטייגן אויף יענער מדרגה פון טעכנישן וווילשטאַנד, אויף וועלכער עס געפינען זיך די בורזשואַזע לענדער. עס פעלן אונז וועגן, שולעס, שפּיטאָלן, מיר קענען נישט גוט אַרבעטן, אונזער פאַבריק-אַרבעט און אונזער לאַנדווירטשאַפט זענען ווינציק פּראָדוקטיוו, מיר זענען קולטורעל אָפּגעשטאַנען, דער אַרבעטערקלאַס אַליין איז פאַרשידנאַרטיק — און ביי די דאָזיקע אַלע באַדינגונגען (וואָס מ׳מוז זיי גובר זיין אויב מען וויל זיך באַוועגן פאָראויס), שטעלט באָגדאַנאָוו, און נאָך אים פּלעטניאָוו, פאַר זיין אָרגאַניזאַציע די שטאָלצע אויפגאַבע צו „שאַפן“ אין סטודיעס און לאַבאָראַטאָריעס אַ „נייע“, זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע „קולטור“.

אַ. באָגדאַנאָוו האָט דאָס בדעה געהאַט צו טאָן אָן דער הילף פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נעבן איר, פּאַראַלעל צו דער פּאַרטיי. וו. פּלעטניאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן אוטאָפּיסטישן געדאַנק, אָננעמענדיק, אַז גראָד אין אים ליגן סיי די זינד סיי די שוואַכקייט פון דער באָגדאַנאָווישער קאָנסטרוקציע. ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז גענוג זיך אָפּצוזאָגן פון באָגדאַנאָווס פאַנטאַזיעס וועגן אַ „זעלבשטענדיקער“ דריטער אַרבעטער-באַוועגונג, כדי די אויפגאַבעס, וואָס די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך געשטעלט,—אוטאָפּיסטישע לויט זייער מהות,—זאָלן אויפהערן צו זיין אוטאָפּיסטיש און זאָלן פאַרלירן זייער גראַנדיעז-פּרעטענציעזן כאַראַקטער.

דער אוטאָפּיסטישער, נאַאיווער פאָרשטעלונג וועגן די וועגן, וואָס פירן צו שאַפן אַ „נייע פּראָלעטאַרישע קולטור“ האָט לענין אַנטקעגנגעשטעלט אַ רעאַלע און רעאַליסטישע באַציאונג צו דער דאָזיקער פּראַגע. אַביסל העכער האָבן מיר גערעדט וועגן זיין וווּנדערבאַרער פעאיקייט אַרומצונעמען אַ זאַך פון די שטאַנדפּונקטן פון „וואָס עס דאַרף זיין“ און פון „וואָס עס איז“. פון שטאַנדפּונקט פון דעם, „וואָס עס דאַרף זיין“ האָט לענין נישט גע-

לייקנט אין דער וויכטיקייט פון בויען אַ זעלבשטענדיקע פּראָ־לעטאַרישע קולטור.

ער האָט אָבער געלאַכט פון די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די פּראָלעטאַרישע קולטור קען פּרינציפּיעל איבעררייסן מיט דער פאַר־גאַנגענהייט און אומקערנדיק זיך מיט דער פלייצע צו די אַזוי־גערו־פענע ווערטן פון דער אַלטער קולטור, שאַפן פון זיך אַליין אויף אַ ליידיקן אָרט עפּעס נייע, אומגעזעענע ווערטן. דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס האָט לענין געזען, אַז דאָס שאַפן די נייע, זעלב־שטענדיקע פּראָלעטאַרישע קולטור וועט פאַרקומען, און פּאַקטיש קומט זי טאַקע פאָר, נישט אין די פּראָלעטקולטישע סטודיעס, לאַבאָראַטאָריעס און קיבעצאַרניעס, נאָר דאָרט, ווו עס קומט פאָר די פּאַקטישע און שווארצע אַרבעט פון קעמפן מיטן אָפּ־געשטאַנענעם לעבנס־שטייגער, מיט דער שמוץ און עם־הארצות, מיט אַנאַלפאַבעטיזם, מיט די אָפּגעשטאַנענע פאָרמען פון דער לאַנדאַרבעט, מיט שכרות, מיט דער קנאַפּער פּראָדוקטיוויקייט פון דער אַרבעט, מיט דער נישט־דיסציפּלינירטקייט און אַז. וו.

דעם 13 מערץ 1919־טן יאָר האָט לענין אויף אַ מיטינג אין לענינגראַד גערעדט וועגן דעם, אַז צעשמעטערנדיק דעם אַלטן מלוכה־אַפּאַראַט, האָבן נאָך דערמיט די אַרבעטנדיקע נישט פאַרענדיקט זייער אַרבעט. „פון צעטראָטענעם קאַפּיטאַליזם וועס־טו נישט זאַט ווערן. מ׳דאַרף נעמען די גאַנצע קולטור, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך, און פון איר אויפבויען דעם סאָציאַליזם. מען דאַרף נעמען די גאַנצע וויסנ־שאַפט, די טעכניק, דאָס גאַנצע וויסן, די קונסט. אָן דעם קע־נען מיר נישט אויסבויען דאָס לעבן פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. און דידאַזיקע וויסנשאַפט, די טעכניק, די קונסט געפינען זיך אין די הענט פון פּעציאַליסטן און אין זייערע קעפּ״.

און אויפן דריטן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון ר ק ס מ. דעם 4 אָקטאָבער 1920, האָט ער ספּעציעל געווידמעט עטלע־כע ווערטער די „שמועסן וועגן אַ פּראָלעטאַרישער קולטור״.

„אָן דער קלאָרער פאַרשטענדעניש, אַז נאָר דורך דער גענויער באַקאַנטשאַפט מיט דער קולטור, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אַז נאָר דורך איבעראַרבעטן זי קען מען בויען די פּראָלע־

טאַרישע קולטור — אָן דערדאָזיקער פאַרשטענדעניש וועלן מיר דידאָזיקע אויפגאַבע נישט לייזן".

מיר זעען, אַז וו. אי. לענין האָט נישט געלייקנט אין דער נויטווענדיקייט צו שאַפן די „פּראָלעטאַרישע קולטור". ער האָט אָבער אונטערגעשטראָכן, אַז זי קען געבויט ווערן אויפן יסוד פון דער דערפאַרונג פון דער גאַנצער פריערדיקער וויסנשאַפט און טעכניק, אויפן פונדאַמענט פון דער אַלטער בורזשואַזער קולטור, אַ קריטיש-איבערגעאַרבעטער. אין דער זעלבער רעדע האָט לענין אָנגעוויזן אויפן מאַרקסיזם, וועלכער איז אַרויסגעוואַקסן פון גרויסן וויסן פון דער פריערדיקער בורזשואַזער וויסנשאַפט, פון אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביז מאַרקסן דורך דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דידאָזיקע גרויסע קענטעענישן האָט מאַרקס נישט פשוט גענומען, נאָר „אונטערגעוואָרפן אַ קריטיק", „נישט אַרויסלאָזנדיק פון אויג קיין איין פונקט".

„די פּראָלעטאַרישע קולטור איז נישט אַרויסגעשפּרונגען אומבאַוווּסט פון וואַנעט, זי איז נישט קיין אויסטראַכטעניש פון מענטשן, וועלכע האַלטן זיך פאַר ספּעציאַליסטן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור. דאָס אַלץ איז הוילע נאַרישקייט. די פּראָלעטאַרישע קולטור דאַרף קומען אַלס געזעצמעסיקע אַנטוויקלונג פון יענע זאַפּאַסן וויסן, וועלכע די געזעלשאַפט האָט אויסגעאַרבעט אונטערן דרוק פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, פון דער פּריצישער געזעלשאַפט, פון דער ביוראָקראַטישער געזעלשאַפט".

„דידאָזיקע אַלע וועגן און שטעגן האָבן געפירט און פירן און האַלטן כסדר אין פירן צו דער פּראָלעטאַרישער קולטור פונקט אַזוי, ווי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וואָס איז איבערגעאַרבעט געוואָרן דורך מאַרקסן, האָט אונז געוויזן דאָס, צו וואָס עס מוז קומען די מענטשלעכע געזעלשאַפט, זי האָט אָנגעוויזן דעם איבערגאַנג צום קלאַסן-קאַמף, צום אָנהויב פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע".

עס איז גענוג צו פאַרגלייכן דידאָזיקע קורצע ווערטער מיט דעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער „זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-קולטור און וועגן דער

בורזשואַזער קולטור", כּדי צו זען, אויף וויפל דער לעניִנשער צוגאַנג צו דער פראַגע איז דורכזיכטיק קלאָר.

„אין דער צייט, וואָס מיר האָבן געפּלוידערט וועגן פּראָלעטאַרישער קולטור, — האָט לענין געשריבן אין יאַנואַר 1923 אין „אַ בלעטל פון טאָגבוך", — און וועגן איר באַציאונג צו דער בורזשואַזער קולטור, ליגן אונז פאָר די פאַקטן אַזעלכע ציפערן, וואָס ווייזן, אַז אַפילו מיט דער בורזשואַזער קולטור האַלט ביי אונז גאַנץ שמאָל. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, — ווי מען האָט זיך געמעגט ריכטן, — אַז פון אַלגעמיינעם קענען לייענען־שרייבן זענען מיר נאָך גאַנץ שטאַרק אָפּגעשטאַנען, און אַפילו אונזער פּראָגרעס האָט זיך אין פאַרגלייך מיט די צאַרישע צייטן (1897) אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ לאַנגזאַמען. דאָס איז אַ דראָענדיקע וואָרנונג און אַ פּאָרוואָרף אויפן אַדרעס פון די, וואָס האָבן געשוועבט און שוועבן אין די הימלען פון דער „פּראָלעטאַרישע קולטור". דאָס ווייזט, סאַראַ סך עקשנותדיקע שוואַרץ־אַרבעט עס שטייט אונז נאָך פאָר צו טאָן, כּדי צו דערגרייכן דעם ניוואָ פון אַ געוויינלעכער ציוויליזירטער מלוכה פון מערב־אייראָפּע. דאָס באַווייזט ווידער, סאַראַ מאַסע אַרבעט עס שטייט אונז נאָך פאָר, כּדי אויפן באָדן פון אונזערע פּראָלעטאַרישע דעראָבערונגען צו דערגרייכן אַ מער־ווייניקער עכטן קולטור־צושטאַנד". 18)

די ריידערייען וועגן אַ פּראָלעטאַרישער קולטור האָט לענין אַנטקעגנגעשטעלט אַן עכטע בוי־אַרבעט פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור, אָבער דידאַקטיקע בוי־אַרבעט האָט ער פאַרשטאַנען נישט אַלס דערפינדן „טעאָריעס" וועגן קולטור, נישט אַלס לערנען יונגע פּראָלעטאַריער און פּויערים טעאַטער־קונסט, די קונסט צו שרייבן לידער, צו מאָלן בילדער און אַז. וו. די שאַפונגס־אַרבעט פון אַ פּראָלעטאַרישער קולטור האָט לענין פאַרשטאַנען אין ברייטן, פּראַקטישן זין: פאַרשפּרייטן די קענטשאַפט פון לייענען־שרייבן, פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די מאַסן, הויבן די טעכניק פון דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, פאַרבעסערן די אַרבעטס־מעטאָדן, הויבן די טעכנישע און אַלע אַנדערע קוואַליפיקאַציעס, באַהערשן — אַחוץ דעם לייענען־שרייבן — די עקזיסטירנדיקע וויסנשאַפטלעכע בילדונג —

ד נידעריקערע, מיטעלע, העכערע, די ספּעציעלע, די אַלגעמיינע, — קריטיש פאַראייגענען און איבעראַרבעטן די עקזיסטירנדיקע ווערטן פון דער קונסט און קולטור, שאַפן זאַכן, וואָס וועלן ענדערן צום בעסערן די שטייגער-באַדינגונגען פון לעבן, פאַרניכטן די פינסטערניש, אַבערגלויבנס, גראָבע זיטן — מיט איין וואָרט, ער האָט זי פאַרשטאַנען ווי אַ ברייטסטע באַוועגונג, אין וועלכער עס דאַרפן אַריינגעצויגן ווערן די פאָלקס-מאַסן אין אַלע ווינקעלעך פון אונזער אומגעהייערן לאַנד.

אין פאַרגלייך מיט די וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע דערפאָלגן פון דער מאָדערנער בורזשואַזער ציוויליזאַציע איז אונזער אָפּגעשטאַנענקייט באמת פאַרגעקומען שרעקלעך. און פנים אל פנים מיט דערדאָזיקער מוראדיקער אָפּגעשטאַנענקייט האָבן באמת געקענט פאָרקומען קאָמיש די שיינגייסטיקע ריידערייען וועגן שאַפן אויף אַ לאַבאָראַטאָרישן אופן אַ נייע זעלבשטענדיקע קלאַסן-קולטור, בעת יעדן טאָג, אויף יעדער טריט און שריט שטויסן מיר זיך צונויף מיט הימלשרייענדיקע חסרונות פון אונזער וויניק קולטורעלן לעבנס-שטייגער. און יאַ. יאַקאָוולעוו האָט מיט פולער רעכט, און אין פולן הסכם מיט דעם, וואָס מיר ווייסן פון לענינס אַנדערע מיינונגען וועגן ליטעראַטור און קונסט, פאָרמולירט דעם עיקרדיקן קעגנזאַץ צווישן דעם אמת-פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט אויף דעם אויפבוי-פּראָצעס פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור און דעם „פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט” אין גענזנפיסלעך, אָדער ריכטיקער דעם „פּראָלעטקולטישן”.

„1) נישט דער איינצלנער פּראָלעטקולטישער אָפּטיילונג נאָר דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט שטייט פאָר אַזאַ קאַמף פאַר קולטור, אין וועלכן די פויערישע מאַסן וועלן האַנדלען צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט.

2) נישט די דילעטאַנטישע, אין זיך פאַרליבטע, פּראָלעטקולטישע (כמו) וויסנשאַפט, נישט קיין ריידעלעך וועגן „סאָציאַליזאַציע”, וועלכע עס וועט נישט פאַרשטיין קיין איין אַרבעטער, נאָר אַן ערנסטע אויסבילדונג אין משך פון אַ סך און אַ סך יאָרן פון אַלץ נייע און נייע הונדערטער טויזנטער אַרבעטער און פויערים”.

אין זיין באַרימטן אַרטיקל „וועגן קאָאָפּעראַציע’’ האָט לענין געשריבן:

„אייגנטלעך איז אונז געבליבן „בלויז’’ (עס זענען כאַראַקטעריסטיש די אונטערשטרייכונג און די גענזנפּיסלעך. וויאַטש. פּ.) איינס: מאַכן אונזער באַפעלקערונג אויף אַזוי ווייט „ציוויליזירט’’, זי זאָל פאַרשטיין דעם גאַנצן נוצן פון דער אַלגעמיינער באַטייליקונג אין דער קאָאָפּעראַציע און זי זאָל איינאָרדנען דידאָזיקע באַטייליקונג. „בלויז’’ דאָס. קיין שום אַנדערע חכמהס זענען אונז איצט נישט נויטיק דערצו, כּדי איבערצוגיין צום סאָציאַליזם. אָבער כּדי דורכצופירן דעמדאָזיקן „בלויז’’, איז נויטיק אַ גאַנצע איבערקערעניש, אַ שטיק צייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער פּאָלקס־מאַסע’’.

„אונזערע קעגנער האָבן אונז נישט איינמאָל געזאָגט, אַז מיר נעמען אונטער אַן אומזיניקע אַרבעט: איינצופלאַנצן דעם סאָציאַליזם אין אַ נישט־גענוג קולטורעלן לאַנד. אָבער זיי האָבן אַ טעות געהאַט אין דעם, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן נישט פון דעם עק, ווי דאָס האָט געדאַרפט פאָרקומען לויט דער טעאָריע פון אַלערליי פּעדאַנטן, און וואָס די פּאָליטישע און סאָציאַלע איבערקערעניש איז ביי אונז געקומען פריער פאַר יענער קולטורעלער איבערקערעניש, פאַר יענער קולטורעלער רעוואָלוציע, פאַר וועלכער מיר שטייען איצט.

פאַר אונז איז איצט גענוג דידאָזיקע קולטורעלע רעוואָלוציע כּדי צו זיין אַ לחלוטין סאָציאַליסטיש לאַנד, אָבער דידאָזיקע קולטורעלע רעוואָלוציע שטעלט פאָר פאַר אונז אומגעהייער שוועריקייטן סיי פון ריין־קולטורעלער נאַטור (ווייל מיר זענען אַנאַלפאַבעטן), סיי פון מאַטעריעלער נאַטור, ווייל כּדי צו זיין קולטורעל, איז נויטיק אַ געוויסע אַנטוויקלונג פון די מאַטעריעלע פּראָדוקציע־מיטלען, איז נויטיק אַ געוויסע מאַטעריעלע באַזע.’’

די „קולטורעלע רעוואָלוציע’’, ד. ה. אַ דויערהאַפטער פּעריאָד פון אומדערמידלעכער אַרבעט אויף אַלע געביטן, פון אלף־בית — ביז אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען, פון איינאָרדנען בעדער — ביז לופט־קאָמוניקאַציע, פון פּראָפעסיאָנעלע שולעס — ביז אַן אַקאַדעמיע פון דערפינדער, פון ליקווידירן

די אָפּגעשטאַנענע פאָרמען פון ערד-אַרבעט — ביז אויפבויען פאַבריקן פון קינסטלעכער באַמיסטיקונג — פון אונטן ביז אַרויף, אויף אַלע געביטן, נידעריקע און הויכע, דאַרף אָנגיין אַן אומאויפהערלעכע, אומדערמידלעכע אַרבעט נישט נאָר אין די קולטורעלע אַנשטאַלטן, שולעס און אוניווערזיטעטן, ביבליאָטעקן און אויף די באַטריבן, נאָר אין גאַנצן לאַנד — אין די פאַרוואָרפנסטע העקן, אין יעדער כאַטע, אין וואַרשטאַט, אין יעדער דירהלע פון אַרבעטער, אַנדערש וועט די אַרבעט נישט זיין דערפאָלגרייך, ווייל נאָר דאַן, ווען זי וועט טראָגן אַ קאָלעקטיוון כאַראַקטער, ווען עס וועלן אָנטיילנעמען אין איר די מאַסן, מיטן אַרבעטערקלאַס אין דער שפּיץ, — נאָר אַזאַ אַרבעט וועט קענען טראָגן דעם שטאָלצן נאָמען פון אַ קולטורעלער רעוואָלוציע, דורך וועלכער מיר דאַרפן קומען צום סאָציאַליזם.

און מיר פרעגן ווידער דעם לייענער: אויב מיר פאַרגלייכן די געדאַנקען וועגן אַ „זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-קולטור”, וועלכע מיר האָבן געהערט פון באָגדאַנאָוון און די אַנדערע אָנהענגער פון פּראָלעטקולט, מיט יענע נישט-סיסטעמאַטישע געדאַנקען, וועלכע לענין האָט אונז איבערגעלאָזן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, צי דען זעען מיר נישט צווישן זיי אַ תהום און צי דען זעען מיר נישט זיין גאַנצע רעאַלע און טיפע גערעכטקייט, וואָס האָט גלייכצייטיק געקענט ווייזן סיי דעם ענדציל סיי די קאָנקרעטע וועגן „דורך דער קולטורעלער רעוואָלוציע”, מיט וועלכע מיר וועלן זיך סוף-כּל-סוף דערקלייבן צום דאָזיקן ציל, הגם נישט אַזוי-גיך, נישט תּיכּף, פאַרן פּרייז פון גרויסע אָנשטרענגונגען!

לענינס געדאַנקען וועגן דער פּראָלעטאַרישער קולטור לייזן אויך די פראַגע וועגן דעם, צי לענין איז געווען מיט די „נאַפּאָסטאָווצעס”, ווי עס האָט פאַרזיכערט וואַרדין, אָדער ער איז געווען קעגן די נאַפּאָסטאָווצעס. אָבער אויך וו. פּלעטניאָוו האָט זיך פאַררופן אויפן אויטאָריטעט פון פאַרשטאָרבענעם פירער, ביז מען האָט אָפּגעדרוקט אין „פּראַוודאַ” זיין אַרטיקל מיט לענינס הגהות. עס קענען נישט זיין קיין שום ספקות: לענין און זיין לערע — לעניניזם — זענען געווען קעגן די „נאַפּאָסטאָווצעס”. אין דער לערע פון די „נאַפּאָס.

טאָהצעס″ איז געווען מער באָגדאַנאָווטשינע, ווי לעניניזם. „נאַפּאָסטאָווסטוואָ″ איז באָגדאַנאָווס אַן אומלעגאַל קינד.

יאַ. יאַקאָוולעוו איז דעריבער געווען גערעכט, ווען ער האָט אין זיין אַרטיקל „וועגן דער דיאַלעקטיק פון דער קולטור-אַנטוויקלונג און דער וואַרדינשער אויסטייטשונג פון א. באָגדאַנאָוון″, וועלכער איז אָפּגעדרוקט געווען אין זאַמלבוך „די פראַגן פון קולטור אונטער דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַ-ריאַט″, פעסטגעשטעלט די שייכות צווישן באָגדאַנאָווס טעאָריע פון פּראָלעטאַרישער קולטור און וואַרדינס טעזיסן, וועלכע די אַלפאַרבאַנדישע קאָנפערענץ פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער האָט אָנגענומען.

VI

ס'איז נאָך וויכטיק צו באַרירן לענינס אַרטיקל „די פּאַר-טייאישע אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטייאישע ליטעראַטור″.

כדי מ'זאָל פאַרשטיין די אָדער יענע פון לענינס מיינונגען, אַרויסגעזאָגטע אין דער ווייטער אָדער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, דאַרף מען זיך קלאָר פאָרשטעלן די קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען, ביי וועלכע ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט. דאָס איז אַן אַקסיאָמע פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם.

און ווי האָט אויסגעזען די צייט, ווען דער אַרטיקל איז אָנגעשריבן געוואָרן? דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1905-טן יאָר. אונזער פּאַרטיי איז צום ערשטן מאָל אַרויס פון אומלע-גאַלן צושטאַנד. פאַר איר זענען געשטאַנען די אויפגאַבעס: צונויפצוזאַמלען די עכטע רעוואָלוציאָנערע כחות, קעמפן מיט יעדער אַרט אומפּאַרטייאישקייט, מיט די אַלטע מעטאָדן פון לעגאַלן מאַרקסיזם. גלייך אין דער ערשטער שורה פון אַר-טיקל רעדט לענין וועגן „די נייע באַדינגונגען פון דער סאָ-ציאַל-דעמאָקראַטישער (אין דער צייט פון 1905 האָט זיך אונ-זער פּאַרטיי אָנגערופן „סאָציאַל-דעמאָקראַטישע″. וויאַטש. פּ.) אַרבעט, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע″. דידאָזיקע נייע באַדינגונגען האָבן

אַרויסגערוקט די פראַגע וועגן פּאַרטייאישער ליטע־ראַטור.

ביזן 1905־טן יאָר איז די גאַנצע נישט־לעגאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע געווען פּאַרטייאיש, און די לעגאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אומפּאַרטייאיש, ד. ה. זי איז נישט איינגעשלאָסן געווען אין דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, זי איז געשטאַנען מחוץ פון אירע רייען, און במילא איז זי אָרגאַניזאַציאָנעל געווען אומאָפּהענגיק, און דאָס האָט זיך, נאַטירלעך, אָפּגעשפּיגלט אויף איר טעטיקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון רעוואָלוציאָנערן וועג. דערביי האָט לענין בלויז גערעדט וועגן דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראטור", און נישט וועגן דער עסערישער, וועלכע איז אין יענער צייט אויך געווען געשפּאָלטן אויף אַ לעגאַלער און נישט־לעגאַלער. די לעגאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע, פאָרמעל אַן אומפּאַרטייאישע, האָט, הייסט עס, געקענט זייט ביי זייט מיט דער פּאַרטייאישער, נישט־לעגאַלער ליטעראטור פירן איר אייגענע ליניע אין פראַגעס, אין וועלכע עס האָט זיך געפאָדערט אַן איינהייטלעכער ווילן. און לענין איז טאַקע אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, אַז אַ ליטעראטור, וואָס באַטראַכט זיך אַלס פּאַרטייאישע, ד. ה. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליטעראטור זאָל קענען בלייבן אויסער די ראַמען פון דער פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע — ד. ה. נישט פּאַרטייאיש. די נייע לאַגע, וועלכע עס האָט מיט זיך געבראַכט דער זיג פון דער רעוואָלוציע אין 1905־טן יאָר האָט געפאָדערט, הגם מיט גרויסע באַוואָרענישן, צו ענדערן די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע.

„ווי עס זאָל נישט זיין, — האָט לענין געשריבן, — צווינגט אונז די לאַגע פון דער רעוואָלוציע צו נעמען תיכף אָרגאַניזירן די אַרבעט פונסניי. די ליטעראַטור קען איצט אפילו „לעגאַל" זיין אויף ניין צענטל פּאַרטייאיש. די ליטעראַטור מוז זיין פּאַרטייאיש".

„נידער מיט די אומפּאַרטייאישע ליטעראַטן! — האָט לענין אויסגערופן. — נידער מיט די ליטעראַטן־אויבערמענטשן! די ליטעראַרישע אַרבעט דאַרף ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישער אַרבעט, אַ „רעדעלע" און אַ „שרייפּע־

לע" פון איינהייטלעכן, גרויסן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן מעכאַניזם, וואָס ווערט געבראַכט אין באַוועגונג דורכן גאַנצן באַוווסטזיניקן אַוואַנגאַרד פון גאַנצן אַרבעטער-קלאַס. די ליטעראַרישע אַרבעט דאַרף ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון דער אָרגאַניזירטער, פּלאַנמעסיקער, פאַראייניקטער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי-אַרבעט".

לענין שטרייכט אונטער, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער „ליטעראַרישער טייל פון פּרעלעטאַריאַטס פּ אַ ר ט י י - אַרבעט". אַלס ענטפער אויף די דערווידערונגען, וועלכע מען וואָלט אים געקענט מאַכן, זאָגט ער אַרויס אַ טעזיס. אַז וואָס אמת, דידאָזיקע טייל „קען נישט שאַבלאָניש פאַרגליכן ווערן מיט די אַנדערע טיילן פון פּראָלעטאַריאַטס פּאַרטיי-אַרבעט". און ווייטער דעקט לענין אויף יענע עלעמענטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די ליטעראַרישע אַרבעט, וועלכע איז געווען „אומפּאַרטייאיש", און וועלכע ער האַלט פאַר נויטיק צוצוציען צו דער פּאַרטיי:

„די צייטונגען דאַרפן אומבאַדינגט אַריינגענומען ווערן אין די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס. די פאַרלאַגן און ביכער-לאַגערס, לייען-זאַלן און ביבליאָטעקן און פאַרשיידענע בוך-האַנדלונגען — דאָס אַלץ דאַרף ווערן פּאַרטייאיש, אונטערגעוואָרפן אַ קאָנטראָל". פאַרשטייט זיך, אַז פּאַרטייאיש דאַרפן ווערן אויך די זשורנאַלן, וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט פון דער פּאַרטיי און אין וועלכע עס האָבן זיך געקענט דרוקן די פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע שרייבער-קינסטלער.

פאָראויסזעענדיק די דערווידערונג: „ווי אַזוי? איר ווילט אונטערוואַרפן דער קאָלעקטיווער קאָנטראָל אַזאַ פיינע, אינדיווידועלע אַרבעט, ווי דאָס ליטעראַרישע שאַפן און אַז. וו.", האָט לענין געענטפערט אויף די אויספּאַנטאַזירטע דערווידערונגען:

„באַרואיקט זיך, מיינע הערן. ערשטנס א י ז ד י רייד וועגן דער פּאַרטייאישער ליטעראַטור און וועגן איר אונטערוואַרפן זיך דער פּאַרטיי-קאָנטראָל!"

און אַלס צונאָב צו דערדאָזיקער באַגרעניצנדיקער באַמערקונג האָט ער צוגעגעבן זיינע בייסיקע, דעמאַסקירנדיקע

און געדעכטע באַמערקונגען בנוגע דער אַזוי־גערופענער „פריי־הייט" פון שאַפן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

פאַרענדיקנדיק דעם אַרטיקל, פאָרמולירט לענין נאָך אַמאָל:

„די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליטעראַטור דאַרף ווערן פּאַרטייאיש. אַלע צייטונגען, זשורנאַלן, פאַרלאַגן און אַז. וו. דאַרפן תּיכּף צוטרעטן צו רעאָרגאַניזירן די אַרבעט", און אַזוי וו. עס רעדט זיך דאָ וועגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, און לענינס געדאַנק, וואָס איז תּמיד קריסטאַל־קלאָר און בולט, איז קלאָר אויך אין דאָזיקן פאַל. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרוואַנדלען אין אַ „פּאַרטייאישער" אַזאַ „ס אָ צ י אַ ל ־ ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע ליטעראַטור, וואָס, זייענדיק לעגאַל, האָט זי געטאָן די אַרבעט פון דער פּאַרטיי.

לענין איז זעלטן אַריינגעפאַלן אין סתּירה מיט זיך אַליין, באַזונדערס אויב מ׳נעמט אין אַכט, אין יעדן באַזונדערן פאַל, איינצלנע צייט־אָפּשניטן. און אויב מ׳זאָל אַ זוך טאָן, ווי אַזוי לענין האָט געקוקט אויף דעם קינסטלערישן שאַפן, וועלן מיר געפינען אין דעמזעלבן אַרטיקל, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1905־טן יאָר, און אין קלאַראַ צעטקינס דערינערונגען וועגן די שמועסן מיט לענינען, וועלכע זי האָט געפירט מיט אים שוין נאָכן 1917־טן יאָר, ד. ה. מער ווי אין 12 אַרום—איין־און־דעמזעלבן געדאַנק וועגן דער „פ ר י י ה י י ט פ ו ן ש אַ פ ן", וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן כּמעט מיט דיזעלבע ווערטער.

„יעדער איז פריי צו שרייבן און רעדן אַלץ, וואָס אים ווילט זיך, אָן די קלענסטע באַגרעניצונגען", האָט לענין געשריבן אין 1905־טן יאָר אין דעמזעלבן אַרטיקל. „אָבער,—האָט ער צוגעגעבן,—יעדער פרייער פאַרבאַנד (אויך אַ פּאַרטיי) איז אויך פריי צו פאַרטרייבן אַזעלכע מיטגלידער, וועלכע באַנוצן די פירמע פון דער פּאַרטיי אויף צו פּרעדיקן אַנטי־פּאַרטייאישע אָנשויאונגען".

אויב לענין האָט אָנערקענט די „פרייהייט" פון אַ פּאָליטישן שרייבער צו שרייבן וועגן וואָס ער וויל (דערביי דאַרף דער שרייבער געדענקען, אַז אויב זיין „פרייער" שאַפן וועט שטיין אין סתּירה מיט די אָנשויאונגען פון דער פּאַרטיי, וועט

זי אים פשוט אַרויסוואַרפן פון איר סביבה), האָט ער אַ פשיטאַ שוין דערלאָזן אַזאַ „פרייהייט פון שאַפן" פאַר די קינסטלער. און באמת, אין די שמועסן מיט קלאַראַ צעטקין האָט לענין גערעדט וועגן דעם, אַז גראָד אונזער רעוואָלוציע האָט די „קינסטלער באַפרייט פון יאָך", אונטער וועלכן די קונסט האָט עקזיסטירט ביי דער בורזשואַזער אָרדנונג, אין פולער אָפּהענגיקייט פון די קאַפּריזן פון צאַרישן הויף, פון די אַריסטאָקראַטן און דער בורזשואַזיע. „יעדער קינסטלער, יעדער איינער, וואָס האַלט זיך פאַר אַזאַ, האָט דאָס רעכט צו שאַפן פריי, אין הסכם מיט זיין אידעאַל, „אומאָפּהענגיק פון אַלץ", גיט איבער ח׳טע צעטקין לענינס ווערטער. געוויס, האָט ער צוגעגעבן, מיר, קאָמוניסטן, „מיר דאַרפן נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און לאָזן דעם כאַאָס זיך אַנטוויקלען, ווי אַזוי אים ווילט זיך. מיר דאַרפן פּלאַנמעסיק אָנפירן מיטן דאָזיקן פּראָצעס און פאָרמירן זיינע רעזולטאַטן", אָבער אָנפירן, אָנערקענענדיק פאַר יעדן קינסטלער די פרייהייט פון שאַפן, נעמענדיק אין אַכט די קאָנקרעטע באַזונדערקייטן פון דערדאָזיקער טייל ליטעראַרישער אַרבעט, נישט צומאַכנדיק די אויגן אויף איר גאַנצער קאָמפּליצירטקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט. (19

דאָס פינפטע קאַפּיטל.

ל. ד. טראָצקיס ליטעראַרישע אָנשויאונגען

I. ל. טראָצקיס „ליטעראַטור און רעוואָלוציע". טראָצקי און באָגדאַנאָוו. וועגן דער „אַנטוויקלטער" פּראָלעטאַרישער קולטור. קולטור און קולטורטרעגעריי. — II. דערווידערונגען די קעגנער. — III. די „אַנטוויקלטע" פּראָלעטאַרישע קולטור און אירע עלעמענטן אין אַנטוויקלונגס-פּראָצעס. דער „שטעמפּל", וועלכן דער אַרבעטערקלאַס וועט לייגן אויף דער קולטור. — IV. וועגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטן. די נייע, רעוואָלוציאָנערע קונסט אין דער איבערגאַנגס-עפּאָכע. וועגן דער אָנפירערשאַפט אויפן געביט פון קונסט.

I

א. וו. לונאַטשאַרסקי איז געווען גערעכט, ווען ער האָט טראָצקיס בוך „ליטעראַטור און רעוואָלוציע" באַטראַכט אַלס אויסגעצייכנטן, סיי מצד דעם צוגאַנג צו דער טעמע, דער אויס-געצייכנטער באַקאַנטשאַפט מיטן געגנשטאַנד, מיט וועלכן דאָס בוך באַשעפטיקט זיך, סיי מצד די פאָרמעלע מעלות איז עס בכלל איינס פון די באַדייטנדיקסטע ביכער אין דער רוסישער קריטישער ליטעראַטור. און ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז דער מאַרקסיזם האָט געשענקט ווינציק צייט דער ליטעראַטור, מוז מען מודה זיין, אז די דערשיינונג פון א קריטישן בוך, וואָס

עהער אַ גלענצנדיקן שרייבער, איז אַ וויכטיקע געשעעניש. קיין צווייט בוך וועגן דער ליטעראַטור פאַר די לעצטע צען יאָר, וואָס זאָל איבערלאָזן נאָך זיך אַזאַ טיפע שפור, איז אונז נישט באַקאַנט. די טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס, וועלכע טראָצקי האָט געגעבן פון איינצלנע שרייבערס און גאַנצע גרופּירונגען, זענען אָנגענומען געוואָרן אַלס אומבאַשטריטענע אמתן. די יאָרן, וואָס זענען אַדורך נאָכן דערשיינען פון דאָזיקן בוך, האָבן צו זיי גאָרנישט צוגעגעבן. טראָצקיס קריטישע העלזעעוודיקייט איז אין פולן זינען פון וואָרט ממש מקנא צו זיין.

דעם צענטראַלן אָרט אין בוך פאַרנעמען, באַטירלעך, די פראַגעס וועגן דער ראָלע פון פּראָלעטאַריאַט אין שאַפונגס-פּראָצעס פון דער קונסט, וועגן דער פּראָלעטאַרישער קולטור, וועגן די ליטעראַרישע אויפגאַבעס פון דעם נאָגטסטן רעוואָלוציאָנערן פעריאָד. אַלע פראַגעס, וואָס זענען געשטאַנען צו דיסקוסיע אין פאַרפלאָסענעם פעריאָד, האָבן געפונען אין בוך זייער אָפּשפּיגלונג.

ל. טראָצקי טרעט בכלל אַרויס קעגן עצם קעגנאיבערשטעלן די פּראָלעטאַרישע קולטור אָדער די פּראָלעטאַרישע קונסט דער בורזשואַזער קולטור און דער בורזשואַזער קונסט... דאָס קען פאַרקומען פאַראַדאָקסאַל. לאָמיר פּרובירן קלאָר מאַכן דעם מהות פון דאָזיקן פאַראַדאָקס.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן ביים לייענען אַ. באָגדאַנאָווס אַרבעטן, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דער פּראָלעטאַרישער קולטור, איז דאָס, וואָס די דאָזיקע אַרבעטן באַטראַכטן די פראַגע אַזוי, ריכטיק ווי עס וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט קיין פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. אין באָגדאַנאָווס אַרבעטן איז נישטאָ גאָרנישט, וואָס זאָל באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דעם איצטיקן קאַמף, וועלכן דער אַרבעטער-קלאַס הערט נישט אויף צו פירן מיט דער גאַנצער וועלט. אַ. באָגדאַנאָווס אויספירן איגנאָרירן דאַכט זיך דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף מיטן אָנגרייפנדיקן וועלט-אימפּעריאַליזם, מיט דער אויסערלעכער און אינערלעכער קאָנטררעוואָלוציע. ער לייזט אַ קולטור-פּראָבלעם, זיך נישט רעכענענדיק מיט דער דינאַמיק פון די באַדינגונגען, אין וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט

געפינט זיך אין אונזער עפּאָכע. די רויטע אַרמיי, די פאַרשווערונגען פון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן, די אינטערווענץ, וואָס איז געווען און וואָס איז מעגלעך אין דער צוקונפט, די צאָלרייכע שטערונגען און אַז. וו. — דאָס אַלץ ווערט אַראָפּגעוואָרפן פון דער וואָגשאָל, דאָס אַלץ געפינט נישט קיין אָרט אין באָגדאַנאָווס סכעמעס.

נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, ד. ה. ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַן אונטערדריקטער קלאַס אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אין דעם אַלטן צאַרישן רוסלאַנד, האָט אַ. באָגדאַנאָוו אָנגעוואָרפן די יסודות פון זיין לערע, וואָס זענען דיקטירט געוואָרן דורך דער דעמאָלטיקער לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט. זינט יענער צייט האָבן זיך די באַדינגונגען שאַרף געענדערט. דער פּראָלעטאַריאַט איז געוואָרן אַ הערשנדיקער קלאַס. ער האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט צו באַהערשן מיט דער הילף פון דער מלוכה די קולטורעלע ווערטן. צי זענען אָבער פאָרגעקומען וועלכע-נישט-איז ענדערונגען אין באָגדאַנאָווס סכעמעס? ס'הויבט זיך נישט אָן. אַלץ איז געבליבן אויף די פריערדיקע ערטער, ווי עס וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט קיין זיגרייכע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. באָגדאַנאָוו האָט פּשוט געגנומען פאַרענדיקן אַ נישט-פאַרענדיקטן אַרטיקל, ריכטיק ווי עס וואָלט קיין זאַך נישט פאָרגעקומען. דאָס נישט נעמען אין אַכט די רעוואָלוציאָנערע באַדינגונגען און די טאָג-טעגלעכע קאַמפּסאויפגאַבעס כאַראַקטעריזירן באָגדאַנאָווס שטאַנדפּונקט, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ מוסטער פון עקסטרעמער דאָקטרינערישקייט. אין דער אָפּגעריסנקייט פון לעבן זענען באַשטאַנען זיינע שטאַרקע און שוואַכע זייטן. די שטאַרקע זייטן דערפאַר, ווייל אין דער טעאָריע איז אַלץ געווען אָנגעצייכנט, ווי אויף אַ פּלאַן, צעשטעלט אויף די ריכטיקע ערטער. די שוואַכע דערפאַר — וואָס דידאָקטישע פּלענער זענען צעפאַלן געוואָרן חי וקיים ביי דער באַרירונג מיט דער ווירקלעכקייט. זיי זענען געמאַכט געוואָרן נישט נעמענדיק אין אַכט די רעאַלע לאַגע. די רעכענונג איז געמאַכט געוואָרן אָן באַלעבאָס. מיט דעם לאָזט זיך דערקלערן דער דורכפאַל פון באָגדאַנאָווס „סיסטעם“, וואָס איז דורכגעטראַכט געווען ביז די קלענסטע פּרטים, ביז

דער צאָל לערנשעהן, וועלכע מ׳דאַרף אָפּגעבן די אָדער יענע געגנ־שטאַנדן אין פּראָלעטאַרישן אוניווערזיטעט״. דער סכעמאַטיזם איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַרן מחבר פון די אוטאָפּיעס „רויטער שטערן״, „אינזשיניער מעני״ און באַזונדערס פון דער „אַלגעמיינער אָרגאַניזירטער וויסנשאַפט״. מיר דאַכט זיך אַפילו, אַז אויך דידאַקטיקע לעצטע וויסנשאַפט שטעלט מיט זיך פּאָר אַ מוסטער פון אַן אוטאָפּיע, אַן ענלעכער צו „אינזשיניער מעני״, מער נישט אין דער פאָרם פון אַ אַבסטראַקטן טראַק־טאַט. דיזעלבע אוטאָפּיע איז אויך געווען אַ. באָגדאַנאָווס לערע וועגן דער „זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער קולטור״. זי האָט נישט גענומען אין אַכט נישט די רעאַלע באַדינגונגען פון דער צייט און דעם אָרט, אין וועלכע מען האָט געדאַרפט בויען דידאַקטיקע זעלבשטענדיקע קולטור, נישט די לאַגע פון פּראָ־לעטאַריאַט אַלס קאַמפּס־אַוואַנגאַרד אין דער תּקופה פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, נישט די קאָנקרעטע באמת־קולטורע־לע אויפגאַבעס, וואָס זענען געשטאַנען פאַר אים.

ל. ד. טראָצקי איז אין זיינע באַטראַכטונגען אַרויסגעגאַנ־גען פון קאָנקרעטע מאָמענטן. די קאַמפּס־אויפגאַבעס פון איצ־טיקן פּעריאָד — אָט וואָס עס איז געשטאַנען פאַרן מחברס אויגן, ווען ער האָט געשריבן זיינע אַרטיקלען וועגן „ליטע־ראַטור און רעוואָלוציע״. נישט צופעליק זענען זיי געשריבן געוואָרן אין דער צייט, ווען ער איז געווען פאָלקס־קאָמיסאַר איבער קריגס־ און פלאָט־ענינים און פאָרזיצער פון רעוואָ־לוציאָנערן קריגס־ראַט פון דער רעפּובליק. פאַר טראָצקין, וועל־כער האָט דורכגעמאַכט דעם ערשטן פּעריאָד פון דער פּראָלע־טאַרישער רעוואָלוציע אויף די אָנפירנדיקע קאַמפּס־פּאָסטנס, איז די ערשטע און עיקרדיקע פראַגע געווען די פראַגע פון קאַמף. די רעוואָלוציע האָט ער באַטראַכט ווי אַ פּראָצעס, וואָס איז נישט נאָר נישט פאַרענדיקט, נאָר וואָס האָט זיך ערשט קוים אָנגעהויבן. די לאַגע, אין וועלכער עס האָט עקזיסטירט און געהאַלטן די מלוכה־מאַכט דער פּראָלעטאַריאַט, איז אים פאַר־געקומען ווי אַ קורצע אָטעם־פּויזע, אַן אָפּרו־טאָג, וואָס קען שוין גלייך מאָרגן פאָדערן נייע קאַמפּס־אָנשטרענגונגען.

ס׳איז נויטיק צו באַמערקן, אַז ריידנדיק וועגן דער פּראָ־

לעטאַרישער קולטור, האָט זי טראָצקי פאַרשטאַנען נישט אין זינען פון סתם באַהערשן די אַלטע קולטור פון עבר און ווי־ווייט מעגלעך אָנטיילנעמען אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס ביים שאַפן נייע קולטורעלע ווערטן. ער האָט זי זיך פאָר־געשטעלט, ווי אַן „אַנטוויקלטע און אינערלעך־האַרמאָניזירטע סיסטעם פון וויסן און קענען אויף אַלע געביטן פון מאַטע־ריעלן און גייסטיקן שאַפן". אויב עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרבייטן די פּאַרפּראָלעטאַרישע קולטור דורך אַ נייער, זעלב־שטענדיקער, פּראָלעטאַרישער, טאָ רעדט ער ערנסט וועגן אַזאַ ברייט־אַנטוויקלטער קולטור, ד. ה. וועגן דעם סכום ידיעות און קענטענישן אויף אַלע געביטן וועלכע וואָלטן געקענט פאַרבייטן די אַלטע קולטור, ערשטנס, זיך נישט אָפּזאָגנדיק פון קיין איין נוציקן צווייג אירן און צווייטנס, נישט אַראָפּדריקנדיק אויף קיין האָר דעם ניוואָ פון אירע דערגרייכונגען. נעמענדיק דערביי אין אַכט די קאַמפּס־באַדינגונגען, האָט ער נישט פאַרמאַכט די אויגן אויף יענעם ניוואָ פון וויסן און קענען, וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט האָט באַזעסן אין דער תקופה פון דיקטאַטור.

„די בורזשואַזיע איז געקומען צו דער מאַכט באַוואָפנט מיט דער גאַנצער קולטור פון איר צייט; דער פּראָלעטאַריאַט אָבער קומט צו דער מאַכט באַוואָפנט מיט דער שאַרפער באַ־דערפעניש צו באַהערשן די קולטור". „די אויפגאַבע פון פּראָ־לעטאַריאַט, וואָס האָט דעראָבערט די מאַכט, באַשטייט דער עיקר אין דעם, כּדי אַריינצונעמען אין די הענט דעם קולטור־אַפּאַ־ראַט, וואָס האָט פריער געדינט נישט אים — די אינדוסטריע, די שולעס, די פאַרלאַגן, די פּרעסע, די טעאַטערס א. אז. וו. — און דורכדעם עפענען פאַר זיך אַ וועג צו דער קולטור".

„איר שטעלט זיך פאָר, — האָט טראָצקי געזאָגט זיינע קעגנער אויף דער באַראַטונג פון צ. ק., — צו פּלאַנמעסיק, צו עוואָלוציאָנער די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער קולטור: עס וועלן, הייסט עס, וואַקסן און זיך אַנטוויקלען די היינטיקע שפּראָצלעך פון פּראָלעטאַרישער קולטור, זיך כּסדר באַרייכערנ־דיק, עס וועט געשאַפן ווערן אַן עכטע פּראָלעטאַרישע ליטע־ראַטור, דערנאָך וועט זי זיך אַריינגיסן אין דער סאָציאַליסטי־

שער ליטעראַטור. ניין, די אַנטוויקלונג וועט נישט פּאָרקומען אַזוי. נאָך דער איצטיקער אָטעם-פּויזע, ווען ביי אונז, — נישט אין דער פּאַרטיי, נאָר אין דער מלוכה,—ווערט געשאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס איז שטאַרק באַפּאַרבט דורך די „מיטלויפער", וועט קומען אַ פּעריאָד פון נייע אכזריותדיקע קראַמפּן פון בירגער-קריג. מיר וועלן אומפּאַרמיידלעך אַריינגעצויגן ווערן אין אים. עס איז זייער מעגלעך, אַז די רעוואָלוציאָנערע דיכטער וועלן אונז געבן גוטע קאַמפּס-לידער, אָבער די קאָנטינואיטעט פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג וועט ראַפּטום איבערגעריסן ווערן. אַלע כחות וועלן גיין פאַרן דירעקטן קאַמף".

דערדאָזיקער „קאַמפּס"-שטאַנדפּונקט, וואָס איז קעגנזעצלעך דעם שטאַנדפּונקט פון אַ. באָגדאַנאָוו, האָט פון פאָראויס באַשטימט אין די עיקרדיקע שטריכן יענע לייזונגען, וועלכע טראָצקי האָט געגעבן אויף די דורך באָגדאַנאָוו אַרויסגערוקטע פראַגעס.

„אַלע אַקטיווע כחות, — אַזוי האָט טראָצקי אַנטוויקלט זיין שטאַנדפּונקט, — קאָנצענטרירן זיך אין דער פּאָליטיק, אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אַלדאָס איבעריקע ווערט אָפּגערוקט אויפן צווייטן פּלאַן, און דאָס, וואָס שטערט, ווערט אומברחמנותדיק דערשטיקט. אין דאָזיקן פּראָצעס זענען, נאַטירלעך, דאָ טיילווייזע צופּלוסן און אָפּפלוסן: דער מיליטערישער קאָמוניזם ווערט פאַרביטן דורכן נעפּ, וועלכער מאַכט פון זיין זייט דורך פאַרשיידענע סטאַדיעס. אָבער אין תוך גענומען איז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט נישט קיין אינדוסטריעל-קולטורעלע אָרגאַניזאַציע פון אַ נייער געזעלשאַפט, נאָר אַ רעוואָלוציאָנערע קאַמפּס-אָרדנונג צו קעמפן פאַר איר, דאָס טאָר מען נישט פאַרגעסן" (אונטערגעשטראָכן דורכן מחבר).

„מיר האָבן אַ רו-טאָג, — גיט ער צו. — מען דאַרף אויסוואַשן דאָס העמד, אונטערשערן און צוקעמען די האָר און דער עיקר—אויסרייניקן און אויסשמירן די ביקס. אונזער גאַנצעווירטשאַפטלעך-קולטורעלע אַרבעט פון היינט איז נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס ברענגען זיך אין אַ געוויסער אָרד-

בונג צווישן צוויי שלאַכטן און קריגסמאַרשן. די הויפּט-שלאַכטן זענען נאָך פאַר אונז — און, מעגלעך, אַז שוין נישט אַזוי ווייט.

כדי ריכטיק צו פאַרשטיין ל. ד. טראָצקיס אָנשויאונגען דאַרף מען נישט פאַרגעסן זיין דאָזיקע קאָנקרעטע קאַמפּס-שטעלונג.

טראַכטנדיק טאַקע וועגן אַ הונדערט-פּראָצענטיקער, „בריית-אַנטוויקלטער" פּראָלעטאַרישער קולטור, האָט טראָצקי אַרויסגעשטעלט פאָלגנדיקע מאָטיוון, וועלכע האָבן אָפּגעלייקנט די מעגלעכקייט צו בויען אַזאַ קולטור אין איבערגאַנגס-פּע-ריאָד פון קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם.

„צי וועט ביים פּראָלעטאַריאַט פּשוט סטייען צייט אויף צו שאַפן אַ „פּראָלעטאַרישע" קולטור? — האָט ער גע-פרעגט. — אין קעגנזאַץ צום רעזשים פון די קנעכטהאַלטער, פעאָדאַלן, בורזשויען, שטעלט זיך דער פּראָלעטאַריאַט פאַר זיין דיקטאַטור, ווי אַ צייטווייליקע איבערגאַנגס-עפּאָכע". וויפל קען דויערן דידאָזיקע עפּאָכע? אין וועלט-מאָסשטאַב קען זי דויערן נישט קיין חדשים, נאָר יאָרן און יאָרצענדליקער — יאָרצענדליקער, אָבער נישט קיין יאָרהונ-דערטער און נאָך ווינציקער יאָרטויזנטער! צי קען דען דער פּראָ-לעטאַריאַט אויסבויען אין אַזאַ פּעריאָד אַ בריית-אַנטוויקלטע קולטור, וועגן וועלכער עס איז געווען די רייד אויבן? טראָצ-קי ספקט אין דעם.

„די ספקות אין דאָזיקן פּרט זענען נאָך מער באַרעכטיקט דערפאַר, ווייל די יאָרן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועלן זיין יאָרן פון אַ פאַרביטערטן קאַמף פון די קלאַסן, אין וועלכן די צעשטערונגען וועלן פאַרנעמען מער אָרט, ווי דאָס בויען נייעס. יעדנפאַלס, די הויפּט-ענערגיע פון פּראָלעטאַריאַט גופא וועט זיין געווענדט אויף פאַרכאַפּן די מאַכט, זי איינהאַלטן, זי פאַרפעסטיקן און אָנווענדן לטובת די נויטווענדיקסטע באַ-דערפענישן פון דער עקזיסטענץ און דעם ווייטערדיקן קאַמף".

„אין דער תקופה פון דיקטאַטור קען קיין רייד נישט זיין וועגן שאַפן אַ נייע קולטור, ד. ה. וועגן אַ בוי-אַרבעט פון גרעסטן היסטאָרישן מאָסשטאַב, און יענע קולטורעלע, מיט

קיין איין זאך פון דער פאַרגאַנגענהייט נישט פאַרגלייכעכע בוי-אַרבעט, וועלכע וועט אָנקומען, ווען עס וועט אָפּפאַל, דאָס נויטיקן זיך אין אייזערנע קלאַמרעס פון דער דיקטאַטור, וועט שוין נישט טראָגן קיין קלאַסן-כאַראַקטער. דערפון דאַרף מען מאַכן יענעם אַלגעמיינעם אויספיר, אַז קיין פּראָלעטאַרישע קולטור איז נישט נאָר נישטאָ, נאָר זי וועט אויך נישט זיין, און באַדויערן דאָס איז באמת נישטאָ קיין גרונט: דער פּראָלעטאַריאַט האָט גענומען די מאַכט טאַקע צוליב דעם, כדי אויף אייביק צו מאַכן אַ סוף מיט דער קלאַסן-קולטור און אויספלאַסטערן אַ וועג פאַר אַ מענטשלעכער קולטור".

„יענע 20—30—50 יאָר, וועלכע עס וועט דויערן די אַלוועלטלעכע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, וועלן אַריינגיין אין דער געשיכטע ווי דער שווערסטער עטאַפּ פון איין אָרדנונג צו דער צווייטער, אָבער בשום אופן נישט ווי אַ זעלבשטענדיקע עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור".

די בורזשואַזיע איז געקומען צו דער מאַכט באַוואָפנט מיט דער גאַנצער קולטור פון איר צייט, דערביי האָט די תקופה, אין וועלכער זי האָט פאַראייגנט דידאָזיקע קולטור, געדויערט נישט ווינציקער ווי פינף יאָרהונדערטער. דער פּראָלעטאַריאַט איז געקומען צו דער מאַכט „באַוואָפנט מיט דער שאַרפער באַדערפעניש צו באַהערשן די קולטור", און דערייבער, אַריינגעמענדיק אין די אייגענע הענט דעם קולטור-אַפּאַראַט, וואָס האָט פריער באַדינט נישט אים — די אינדוסטריע, די שולעס, די פאַרלאַגן, די פּרעסע, די טעאַטערס און אַז. וו. — און דורכדעם עפענענדיק פאַר זיך אַ וועג צו דער קולטור, גייט ער נישט דורך דעם וועג פון שאַפן אַ זעלבשטענדיקע, נייע, הונדערט-פּראָצענטיקע פּראָלעטאַרישע קולטור, נאָר דעם וועג פון „לערנען זיך", און איידער ער וועט דערגיין צום סוף פון דאָזיקן וועג, „וועט ער אויפהערן צו זיין אַ פּראָלעטאַריאַט".

„לאָמיר דערמאָנען נאָך אַ מאָל, — האָט טראָצקי געזאָגט, — אַז די בורזשואַזע אויבער-שיכטן פון דריטן שטאַנד האָבן דורכגעמאַכט זייער קולטורעלן לער-פּעריאָד אונטערן צודעק פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט; שוין אין די טיפע-

נישן פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט האָבן זיי קולטורעל אי־בערגעשטיגן די אַלטע הערשנדיקע שטאַנדן און זיי זענען געוואָרן די אָנפירער פון דער קולטור נאָך איידער זיי זענען געקומען צו דער מאַכט. אָבער מיטן פּראָלעטאַריאַט בכלל, און מיטן רוסישן בפרט, איז גאַנץ אַנדערש: ער איז געצוווּנגען צו נעמען די מאַכט פריער, איידער ער וועט פאַרא־ייגענען די עיקרדיקע עלעמענטן פון דער בורזשואַזער קולטור, ער איז געצוווּנגען אומצוואַרפן די בורזשואַזע געזעלשאַפט דורך אַ רעוואָלוציאָנערער אָנשטרענגונג גראָד דערפאַר, ווייל זי גיט אים נישט קיין צוטריט צו דער קולטור. זיין מלוכה־אַפּאַראַט וויל דער אַרבעטערקלאַס פאַרוואַנדלען אין אַ מעכ־טיקער פּאָמפּע אויף צו שטילן דעם קולטור־דאָרשט פון די פאָלקס־מאַסן. דאָס איז אַן אַרבעט פון אַ אומגעהייערער היסטאָרישער וויכטיקייט. אָבער אין דעם איז נאָך נישטאָ קיין שאַפן פון אַ באַזונדערער פּראָלעטאַרישער קולטור, אויב מען וויל נישט שפּילן לייכט מיט קיין ווערטער".

וועלכע אויפגאַבן שטייען אָבער פאַרן פּראָלעטאַריאַט?

מיט וואָס וועט אויסגעפילט ווערן די קולטור־אַרבעט פון פּראָלעטאַריאַט אין דאָזיקן פּעריאָד, און וואָס וועט זיך דידאָ־זיקע אַרבעט אויסדריקן?

„די עיקרדיקע פּערספּעקטיוו, — ענטפערט טראָצקי, — איז דער וווּקס פון שריפטקענען, בילדונג, ראַבקאָרן, קינאָ, דער בהדרגהדיקער איבערבוי פון לעבנס־שטייגער, די ווייטערדיקע הויבונג פון קולטור־צושטאַנד".

„די הויפּט־אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער אינטעלי־גענץ אין די נאָנטסטע יאָרן איז נישט די אַבסטראַקציע פון אַ נייער קולטור, — פאַר וועלכער עס פעלט נאָך דערווייל דער פונדאַמענט, — נאָר די קאָנקרעטסטע קולטורטרעגעריי, ד. ה. סיסטעמאַטיש, פּלאַנמעסיק און, פאַרשטייט זיך, קריטיש איבער־געבן די אָפּגעשטאַנענע מאַסן די נויטווענדיקסטע עלעמענטן פון דער קולטור, וועלכע איז שוין דאָ".

„ער קען נישט צוטרעטן צו בויען אַ קולטור פון אַ נייעם סטיל, נישט אַריינבנעמענדיק פריער אין זיך און נישט אַסימי־לירנדיק די עלעמענטן פון די אַלטע קולטורן".

II

ווי מיר זעען גייען דורך דידאָזיקע אַלע מאָטיוון אונטערן צייכן פון אַ הונדערטפּראָצענטיקער „פּראָלעטאַרישער קולטור". נו, און אויב עמיץ וועט דערווידערן קעגן אַזאַ „ברייטן" באַגריף פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור? טראָצקי זעט פאָראויס דידאָזיקע דערווידערונג. ער הערט די פראַגע: „קיין פולע, ברייט-פאַרצווייגטע פּראָלעטאַרישע קולטור וועט טאַקי נישט זיין, אָבער איידער דער אַרבעטערקלאַס וועט פאַרשווינדן אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וועט ער פונדעסטוועגן באַוויזן אַרויפצודריקן זיין שטעמפּל אויף דער קולטור".

אָט וואָסער ענטפער עס גיט אויף דעם טראָצקי:

„אַזאַ מין דערווידערונג מוז מען קודם כל פאַררעגיסטרירן ווי אַן ערנסטע אָפּווייכונג פון דער פּאָזיציע פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור. אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט פאַר דער צייט פון דער דיקטאַטור אַרויפדריקן זיין שטעמפּל אויף דער קולטור, דאָס איז זיכער. אָבער פונדאַנעט איז נאָך זייער וויט ביז אַ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, אויב מען זאָל זי פאַרשטיין ווי אַ ברייט-פאַרצווייגטע און אינערלעך-האַרמאָנישע סיסטעם פון וויסן און קענען אויף אַלע געביטן פון מאַטעריעלן און גייסטיקן שאַפן".

„אָבער די אויבערשטע שיכטן פון קלאַס? זיין אידעאישער אַוואַנגאַרד? צי דען קען מען נישט זאָגן, אַז אין דערדאָזיקער, זאָל זיין ענגער סביבה קומט שוין איצט פאָר די אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור? צי דען האָבן מיר נישט קיין סאָציאַליסטישע אַקאַדעמיע? קיין רויטע פּראָפעסאָרן? אייניקע זינדיקן דורך דעמדאָזיקן אַבסטראַקטן אופן פון אַוועקשטעלן די פראַגע. דער ענין ווערט אַזוי פאַרשטאַנען, ריכטיק ווי די פּראָלעטאַרישע קולטור וואָלט מען געקענט שאַפן אויף אַ לאַבאָראַטאָרישן אופן. אינדעראמתן אָבער ווערט דער עיקרדיקער געוועב פון דער קולטור פאָרמירט לויט די ליניעס פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען און ווירקונגען צווישן דער אינטעליגענץ פון קלאַס און דעם קלאַס גופא. מען קען נישט בויען די קלאַסן-קולטור הינטער דער פּלייצע פון קלאַס".

.III

אָט דאָס איז ל. טראָצקיס געדאַנקענגאַנג. טראָצקיס מאָטיוון קענען נישט צעקלאַפּט ווערן, אויב מען גייט אַרויס פון זיין באַגריף וועגן אַ „הונדערט־פּראָצענטיקער“ ברייט־פּאַרצווייגטער קולטור, פון די קאַמפּס־באַדינגונגען און דעם קולטור־ניוואָ פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן. אָבער די סיבה פון די שאַרפע אַמפּערייען איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס די שטרייטנדיקע צדדים האָבן געמאַכט אויספירן פון פאַרשיידענע הנחות. דער טעזיס וועגן דער אוממעגלעכקייט צו בויען אין באַדינגונגען פון קאַמף אַ ברייט־פּאַרצווייגטע הונדערט־פּראָצענטיקע פּראָלעטאַרישע קולטור איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער אָנווייזונג, אַז די „פּראָלעטאַרישע קולטור“ עקזיסטירט שוין. איין צד האָט זיך פאָרגעשטעלט די „פּראָלעטאַרישע קולטור“ ווי אַ סיסטעם פון וויסן און קענען, וואָס נעמט אַרום אַלע געביטן פון מאַטעריעלן און גייסטיקן שאַפן. דער צווייטער צד האָט אָנגערופן מיטן נאָמען „פּראָלעטאַרישע קולטור“ יענע אָנהויבעלעמענטן פון פּראָלעטאַריאַטס קולטורעלע דעראָבערונגען, וועלכע ער באַזיצט שוין אין אונזער תקופה. דאָס זענען דאָך אָבער גאַנץ פאַרשיידענע זאַכן.

צי דען לייקנט ל. ד. טראָצקי, אַז עס זענען דאָ „נייע“ עלעמענטן, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט ברענגט אַריין אין דער היינטיקער צייט? ניין. ער זאָגט, אַז „איידער דער אַרבעטער־קלאַס וועט פאַרשווינדן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועט ער באַוויזן אַרויפצולייגן זיין שטעמפּל אויף דער קולטור“. וואָס הייסט דאָס „אַרויפלייגן זיין שטעמפּל“? דאָס באַדייט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט אַריינטראָגן אין דער קולטור געוויסע אויסבעסערונגען, ער וועט אין געוויסע פונקטן גיין ווייטער ווי די בורזשואַזיע. ער וועט אָנצייכענען נייע שטריכן. ל. ד. טראָצקי האַלט דאָס פאַר „זיכער“.

אין אייניקע פון זיינע אַרויסטרעטונגען האָט זיך טראָצקי אומגעקערט צו דער פראַגע וועגן קולטור, מאַכנדיק גענויער און פולער זיינע אָנשויאונגען. אַזוי, למשל, האָט ער גע-

שריבן אין בריוו צום „צוזאַמענפאָר פון די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער":

„מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אַן אַרבעטער-מלוכה, לכל הפּחות אין די גרעניצן, אין וועלכע מען לאָזט זי צורו, איז אַן אָרגאַניזירטער קאַמף פאַר קולטור, און, במילא, אויך פאַר וויסנשאַפט, אַלס דעם וויכטיקסטן הויפּ-שטאַנג פון דער קולטור. אָט פאַרוואָס איך מיין, אַז נישט געקוקט אויף אונזער גאַנצער אָפּגעשטאַנענקייט, איז נישטאָ קיין שום אוטאָפּיסטישעס אין דער פאָרמולירונג פון אונזער הויפּט-ציל — שאַפן אַ נייע, סאָציאַליסטישע קולטור".

און אין זיין רעפעראַט אויפן צוזאַמענפאָר פון די קלוב-אַרבעטער אין יולי 1924 האָט ער מוסיף געווען:

„מיר בויען מיט אַלע מיטלען — אויך דורך קלובן — די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, און במילא — אַ סאָציאַליסטישע, קלאַסנלאָזע קולטור. ביזן פאַרענדיקן דאָס אַלץ איז נאָך דאָ אַ לאַנגער איבערגאַנגס-פּעריאָד, וועלכער וועט אויך האָבן זיין קולטור. דערווייל נאָך נישט זייער קיין האַרמאָנישע, זייער אַ סתּירותדיקע". 20).

IV.

לייקענענדיק אין דער מעגלעכקייט צו שאַפן אין דער איבערגאַנגס-תּקופה אַ ברייט-פאַרצווייגטע גראָלעטאַרישע קולטור, לייקנט טראָצקי אויך אין דער מעגלעכקייט צו שאַפן אַ „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור", וואָס זאָל זיין אַזוי ברייט און טיף לויטן אינהאַלט, אַזוי הויך לויט דער מייסטערשאַפט, אַז זי זאָל נישט נאָר איבערשטייגן, נאָר מיט דער קראַפט פון איר אידעאָלאָגישער און פאָרמעלער העכערקייט זאָל זי אויך קענען פאַקטיש אַרויסשטויסן די איבעריקע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור. אָבער גלייכצייטיק רעדט ער וועגן אַ „נייער" ליטעראַטור, וואָס איז נישט ענלעך אויף דער אַלטער, און וועגן באַזונדערע פּראָלעטאַרישע שרייבער, וואָס דעם פאַקט פון זייער עקזיסטענץ קען מען נישט פאַרלייקענען. 21)

זיך פאָרשטעלנדיק די „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור", פּונקט

ווי די קולטור, אין „אנטוויקלטן" צושטאנד, לייקנט טראָצקי אין איר עקזיסטענץ, הגם ער איז מודה, אז שוין אין פע־ריאָד פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאטור קענען ארויסקומען פון די פּראָלעטארישע רייען אויסגעצייכנטע געלערנטע, דער־פינדער, דראמאטורגן, דיכטער. אָבער דעם שאפן פון דידאָזיקע „איינצלנע" פּאָרשטייער קען מען נישט, לויט זיין מיינונג, באַ־צייכענען אלס „פּראָלעטארישע קולטור", אלס „פּראָלעטארישע ליטעראטור" גראָד דערפאר, ווייל מיר האָבן דאָ דערוויל פאר זיך דאָס שאפן פון יחידים, אָבער נישט דאָס שאפן פון א קלאס.

„צי איז דען דאָ אן אָרגאנישע קעגנזייטיקע באציאונג צווישן אונזער היינטיקער פּראָלעטארישער דיכטונג און דעם קולטורעלן שאפן פון ארבעטער־קלאס אלס גאנצן?" פרעגט טראָצקי און ענטפערט: „עס איז קלאָר, אז נישט".

„דאָס זענען ליטעראַרישע שאפונגען פון באגאבטע אָדער טאלאנטירטע פּראָלעטאריער, דאָס איז אָבער נישט קיין פּראָ־לעטארישע ליטעראטור". דאָ באהעפטן זיך צו דער בורזשואזער קונסט איינצלנע פּאָרשטייער פון ארבעטער־קלאס, אָבער דער קלאס אליין אלס גאנצער נעמט נאָך נישט קיין אָנטייל אין דער שעפערישער קולטור־ארבעט. דעריבער, האלט טראָצקי, פעלט דעם שאפן פון די פּראָלעטארישע דיכטער דער אָרגאני־שער מאָמענט, וועלכער הערשט אין דער קונסט נאָר א דאנק א „טיפער קעגנזייטיקער פארבונדנקייט פון דער קונסט מיטן צושטאנד און דער אנטוויקלונג פון דער קולטור בכלל".

ווייטער באמערקט ער, אז דאָס שאפן פון די באטריב־דיכטער, וועלכע שרייבן אין די וואנט־צייטונגען און אז. וו. איז א סך אָרגאנישער אין זין פון זייער פארבונדנקייט מיטן לעבן, מיטן שטייגער און די אינטערעסן פון דער ארבעטער־מאסע. אָבער אויך דאָס איז פונדעסטוועגן נישט קיין פּראָלע־טארישע ל י ט ע ר א ט ו ר, נאָר בלויז א שריפטלעכער אויסדרוק פונם מאָלעקולארן פּראָצעס פון דעם פּראָלעטאריאטס קולטורע־לער דערהויבונג.

די עקזיסטענץ פון גרופּירונגען „ארבעטער־דיכטער" באַ־דייט נאָך נישט, אז זיי וועלן שאפן „אומדערשיטערלעכע יסודות פון א נייער גרויסער דיכטונג".

די קולטור-היסטאָרישע באַדייטונג פון די ווערק פון די אַרבעטער-דיכטער קען זיך זיין נישט קלענער, ווי די ווערק פון שעקספיר, פושקין און מאָליער, אָבער אויך דידאָזיקע ווערק באַדייטן נישט די אַנטשטייאונג פון אַ „נייער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור". רעוואָלוציאָנערע לידער, וועלכע די אַרבעטער האָבן געשריבן נאָך אין דער תּקופה וואָס פאַר אָקטאָבער, זע-נען געווען אַ פּאָליטישער פאַקט, אָבער נישט קיין ליטע-ראַרישער: זיי האָבן מיטגעהאָלפן נישט דעם וווקס פון דער ליטעראַטור, נאָר דעם וווקס פון דער רעוואָלוציע.

טראָצקי שטרייכט אונטער, אַז אַ ריכטיקע פאַרשטענדעניש פון די קונסט-פּראָבלעמען פאָדערט, מ'זאָל פאַרשטיין מיט וואָס אונטערשיידט זיך די קונסט פון דער פּאָליטיק. ס'איז נישט גענוג אַריבערצוטראָגן די מעטאָדן פון פּאָליטישן אַנאַליז אין דער קונסט און ליטעראַטור, ווייל די קונסט, אַלס אַ באַזונדער פּראָצעס, באַזיצט נאָך אירע אייגענע מיטלען און מעטאָדן, וועלכע מ'טאָר נישט איגנאָרירן. ווייטער האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די שאַפונגס-פּראָצעסן זענען אונטערבאַוווסטזיניק, וואָס דאָס קאָמפּליצירט זיי און פאַרשווערט אָנצופירן מיט זיי 22).

קריטיקירנדיק די נאַפּאָסטאָווצעס האָט טראָצקי באַמערקט, אַז זיי האַלטן דעם קורס אויף אַ פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אויף אַ קרייזלדיקן, לאַבאָראַטאָרישן אופן.

און ער שטעלט אַרויס אַקעגן די באַשיצער פון דער „פּראָלע-טאַרישער קולטור" נישט קיין לאַבאָראַטאָרישע, נישט קיין קרייזלדיקע פּערספּעקטיוו. אָבער, לויט זיין איבערצייגונג, איז דידאָזיקע פּערספּעקטיוו פאַרן נאָענטסטן פּעריאָד אַ לער-תּקופה, אַ קולטור-טרעגערישע אַרבעט, אַ פּראָצעס פון אַלזייטיקן און סיסטעמאַטישן לערנען זיך. דאָס שטערט נישט קיין איינצלנע פּראָלעטאַריער צו שאַפן, אָבער דאָס באַדייט, אַז ס'איז אומ-באַדינגט נויטיק אַריינצוציען אין דער קולטור-אַרבעט דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס. אָבער לייקענענדיק אין דער זעלבשטענ-דיקער פּראָלעטאַרישער קונסט, וואָס זאָל זיין פעאיק צו הערשן אין אונזער צייט, האַלט פונדעסטוועגן טראָצקי, אַז די איבער-גאַנגס-צייט פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם וועט אויך שאַפן אַן „איבערגאַנגס"-קונסט, אַ „נייע" קונסט, וועלכע וועט זיך אינגאַנצן געפינען אונטערן צייכן פון דער רעוואָלוציע".

דידאָזיקע נייע קונסט וועט זיין אַ קאָלעקטיווע שאַפונג: נישט נאָר פון די פאָרשטייער פון אַרבעטער-קלאַס, נאָר אויך פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ און פון פויערטום. יעדער קלאַס, — לויט זיינע כחות, זיינע באַגאַבונגען, זיין קולטורעלישקייט, — וועט אַריינטראָגן זיין חלק אינם שאַפן פון דערדאָזיקער „נייער" קונסט. אָבער נישט דער „אַרבעטערקלאַס" אַליין וועט זיין דער שעפער פון דערדאָזיקער „נייער קונסט". דידאָזיקע „קונסט פון דער רעוואָלוציע" וועט אָפּשפּיגלען אין זיך אַלע סתירות פון דער איבערגאַנגס-געזעלשאַפטלעכקייט. דאָס איז נאָך נישט קיין „סאָציאַליסטישע" קונסט; די סאָציאַליסטישע קונסט וועט אַרויסוואַקסן פון דער קונסט פון דער איבערגאַנגס-צייט.

אויף וויפל דידאָזיקע נייע ליטעראַטור וועט מיטהעלפן צו פאַראייניקן די אַרבעטנדיקע אין קאַמף קעגן די עקספּלואַטאַטאָרן, וועט זי זיין פּראָגרעסיוו; זי וועט אָבער ווערן שעדלעך און רעאַקציאָנער, אויב זי וועט שטערן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. טראָצקיס דאָזיקער קריטעריום האָט, לויט זיין מיינונג, געגעבן די מעגלעכקייט צו שאַפן אַזאַ נייע, רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, אין וועלכער עס וועלן אָנטיילנעמען אַלע כחות פון אונזער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט מיט אירע אָפּצווייגונגען, אויף וויפל זיי העלפן דער רעוואָלוציע און שטערן איר נישט. פון דידאָזיקע באַטראַכטונגען איז טראָצקי געקומען צו פּראַקטישע אויספירן וועגן אָנפירן מיט דער ליטעראַרישער באַוועגונג.

דער געביט פון קונסט געהער נישט צו די, וווּ די פּאַרטיי איז באַרופן צו באַפעלן. זי דאַרף און זי קען אָפּצוימען, מיטהעלפן און בלויז אומדירעקט אָנפירן. זי דאַרף און קען געבן דעם על-תנאי-קרעדיט פון איר צוטרוי פאַרשיידענע קינסטלערישע גרופּירונגען, וואָס שטרעבן אויפריכטיק צו דערנעענטערן זיך צו דער רעוואָלוציע, כדי מיטצוהעלפן אין איר קינסטלערישער פאָרמירונג. אָבער די פּאַרטיי קען נישט און וועט זיך נישט שטעלן אויפן צד פון אַ ליטעראַרישן קרייזל, וואָס באַקעמפט אַנדערע ליטעראַרישע קרייזלעך און קאָנקורירט פּשוט מיט זיי. די פּאַרטיי שטייט אויף דער וואַך פון די היסטאָרי-

שע אינטערעסן פון קלאַס אַלס גאַנצן. באַוווסטזיניק, און טריט נאָך טריט צוגרייטנדיק די פאָרבאַדינגונגען פאַר אַ נייער קול־טור און דערמיט אַליין אויך פאַר אַ נייער קונסט, באַציט זי זיך צו די ליטעראַרישע „מיטלויפער" נישט ווי צו קאָנקורענטן פון די אַרבעטער-שרייבער, נאָר ווי צו מיטהעלפער פון אַרבעטער־קלאַס, ווי צו אמתע אָדער מעגלעכע מיטהעלפער אין דער בוי-אַרבעט פון גרעסטן פאַרנעם".

דאָס באַדייט אָבער נישט, אַז אויפן געביט פון דער קונסט דאַרף די פאַרטיי זיך האַלטן ביים ליבעראַלן פּרינציפּ „לאָזן אַלץ גיין מיטן אייגענעם גאַנג". „די גאַנצע פראַגע באַשטייט בלויז אין דעם, פון וועלכן פונקט עס הויבט זיך אָן דאָס אַריינמישן זיך און ווו זענען זיינע גרעניצן". מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז אַחוץ דער בויגעוודיקער און ווייטזעעוודיקער פּאָליטיק אויפן געביט פון קינסטלערישן שאַפן „איז נויטיק אַ אַנטשלאָסענע און שטרענגע, אָבער פאַר־שטייט זיך, אַז נישט קיין קליינלעכע צענזור, דאָס באַדייט: נעבן דעם כסדרדיקן אידייאישן קאַמף פאַר דער השפּעה אויף די בעסטע שעפערישע עלעמענטן פון דער קליינ־בירגערלעכער, פויערשער אָדער דער פויעריזירנדיקער אינטע־ליגענץ, איז אונז נויטיק אַ שטרענגער פּאָליטישער קאַמף מיט אַלע פּרווון פון די רעסטאַווראַטאָרן אונטערצוּוואַרפן דער בורזשואַזער ווירקונג די נייע ראַטנקונסט".

דאָס זענען אין אַלגעמיינע שטריכן די אָנשויאונגען, וועלכע טראָצקי האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין בוך „ליטעראַטור און רעוואָלוציע." מיר האָבן זיי נישט צוגעגעבן קיין סיסטע־מאַטישן כאַראַקטער. מיר האָבן זיי אויך נישט רעפערירט אויסשעפנדיק, מיר האָבן זיך אָבער באַמיט קלאָר צו מאַכן יענע לייזונגען, וועלכע דער מחבר האָט געגעבן אויף די עיקרדיקסטע פראַגעס פון ליטעראַרישן קאַמף, וועלכער האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט טאַקע אין שייכות מיטן בוך „לי־טעראַטור און רעוואָלוציע".

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער ראַטנליטעראַטור

I. די ליטעראַרישע לאַגע נאָכן פאַרענדיקן דעם בירגער־קריג. די פּרוּוון צו שאַפן אַ ראַטן־זשורנאַל. וו. בריוסאָוו און „כודאָזשעסטוועננאַע סלאָוואָ". — II. „קראַסנאַיאַ נאָוו" זאַמלט צונויף די קינסטלערישע כחות. די קאָמפּליצירונג פון דער ליטעראַרישער לאַגע. דער וווּקס פון דער ראַטן־זשורנאַליסטיק. די נייע ליטעראַרישע גרופּירונגען. — III. אויפן רעכטן אָפּשניט פון ליטעראַרישן פראָנט. „שיפּאָווניק". — IV. „סמענאַ וועך". „נאָוואַיאַ ראָססיאַ". — V. „רוססקי סאָוורעמעננ׳יק". — VI. „לעף." — VII. אַ. וואָראָנסקיס ליטעראַרישע אָנשויאונגען. די באַציאונג צו די „אַלטע". די הויפּט־מאָטיוון פון וואָראָנסקיס קריטישע אַרטיקלען. די אָריענטאַציע אויף אַ קינסטלערישער קוואַליפיקאַציע. — VIII. די קונסט אַלס דערקענטעניש פון לעבן. וואָראָנסקי און די „מיטלויפער". וועגן ירושה. — IX. וואָראָנסקי און די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. — X. „פּערעוואַל". —

I

אַ. באָגדאַנאָוו מיט זיין טעאָריע פון „פּראָלעטקולטור" איז געווען איין פּאָליוס פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג

אין רעוואָלוציאָנערן יאָרצענדליק. ל. ד. טראָצקי מיט דער טעאָריע פון „קולטורטרעגעריי" אַלס פּראַקטישע אויפגאַבע פון טאָג — איז געווען דער צווייטער פּאָליוס. צווישן די דאָזיקע פּאָליוסן, ווי אויף אַ מאַגניט-פעלד, האָבן זיך פונאַנדערגעלייגט די שטרייטנדיקע צדדים. בלויז טראָצקי און באָגדאַנאָוו האָבן געשאַפן האַרמאָנישע סיסטעמען פון זייערע אָנשויאונגען אויף קולטור און ליטעראַטור. אַפילו אַ. וו. לונאַטשאַרסקי, וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון דער קולטור-אַרבעט פון אונזער צייט, — ווייטער ווידמען מיר אים אַ באַזונדער קאַפּיטל — אַפילו ער האָט נישט געגעבן קיין סיסטעמאַטישע באַשרייבונג פון זיינע אָנשויאונגען אויף די שטרייט-פּראַגעס. צולעצט האָט געדינט אַלס מאַטעריאַל פון שטרייט אַ. ק. וואָראָנסקיס טעטיקייט אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער ליטעראַטור נאָך איר צייטווייליקן נישט-עקזיסטירן.

איידער מיר וועלן איבערגיין צו אַ. וואָראָנסקין, לאָמיר זיך באַקענען מיט דער אַלגעמיינער לאַגע פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, ווי זי האָט אויסגעזען ביזן דערשיינען פון זשורנאַל „קראַסנאַיאַ נאָוו".

* *
*

אין יענע יאָרן, ווען דער פּראָלעטקולט האָט געשאַפן טעאַטראַלע, ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע און אַנדערע סטודיעס און האָט בדעה געהאַט אַריינצונעמען אין זיינע הענט אַלע געביטן פון דעם פּראָלעטאַריאַטס קולטורעלער זעלבסטבאַשטימונג, איז די ליטעראַרישע באַוועגונג געקומען צו זיך פון די חורבנות, וועלכע עס האָט אין איר אָנגעמאַכט די רעוואָלוציע און דער בירגער-קריג. די גרעניץ-ליניע איז געווען דער 1921-טער יאָר, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע ביכלעך פון צוויי דיקע זשורנאַלן, וועלכע האָבן אויפגעעפנט מיט זיך אַ נייעם פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער ליטעראַטור. „קראַסנאַיאַ נאָוו" און „פּעטשאַט אי רעוואָלוציאַ", וואָס זענען גלייכצייטיק דערשינען אין מיטן 1921-טן יאָר, האָבן אָפּגעשלאָסן מיט זיך דעם פּעריאָד (וואָס איז אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט) פון

דערפאָלגלאָזע פּרווון צו שאַפן גרויסע און לאַנגלעבנדיקע לי־טעראַרישע אויסגאַבעס. ביז „קראַסנאַיאַ נאָוו" און „פּעטשאַט' אי רעוואָלוציאַ" האָבן מיר געהאַט אַ סך פּרווון צו באַנייען אַ „דיקן" אָדער אַ „דינעם" זשורנאַל, אָבער קיין דערפאָלג האָבן דידאָזיקע פּרווון נישט געהאַט. זיי האָבן געהאַט קורצע יאָרן: דער אַלטער לייענער איז אָפּגעגאַנגען פון דער ליטע־ראַטור און קיין נייער האָט זיך נאָך נישט באַוויזן. דער אַל־טער שרייבער, מיט וויניקע אויסנאַמען, האָט אויפגעהערט שרייבן און די נייע קאַדרען זענען נאָך געווען נישט צאָל־רייך. דעריבער זענען איינער נאָכן צווייטן אומגעקומען די פּיאָנערן פון דער ראַטן־זשורנאַליסטיק — „וועסטניק זשיזני", „טוואָרטשעסטוואָ", „כודאָזשעסטווענאָיע סלאָוואָ" און אַנדערע ווינציקער באַדייטנדיקע, וואָס זענען אויפגעקומען נישט נאָר אין צענטער נאָר אויך אויף די ערטער. מיר האָבן נאָך נישט אַפילו קיין פולע רשימה און קיין באַשרייבונגען פון דידאָזיקע ערשטע ליטעראַרישע פּרווון פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע.

נאָכן פאַרענדיקן דעם בירגער־קריג איז אין ראַטנפּעריאָד צום ערשטן מאָל אַנטשטאַנען אַ גינסטיקע לאַגע אויף צו באַנייען די ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. דעריבער זענען אין גרעניץ־יאָר — 1921, — דער איבערגאַנגס־יאָר צום אויפבוי־פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, אַנטשטאַנען מיטאַמאָל צוויי גרויסע אָרגאַנען, וואָס קענען זיך גרויסן נישט נאָר מיט דעם, וואָס זייערע זייטן זע־נען די לעבעדיקע געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענער ליטעראַ־רישער תּקופה; נאָר אויך דערמיט, וואָס זיי איז געלונגען אויסצוהאַלטן אַ גאַנצע ריי שווערע פּרוווּנגען. די אַנטוויקלונג פון דער ראַטן־ליטעראַטור און קולטור איז אומצערייסלעך פאַר־בונדן מיט דידאָזיקעביידע זשורנאַלן.

דער באַדייטנדיקסטער ליטעראַרישער פּרווו, וואָס איז פאַר־אויסגעגאַנגען דער דערשיינונג פון „קראַסנאַיאַ נאָוו" און „פּעטשאַט' אי רעוואָלוציאַ", איז געווען דער זשורנאַל „כודאָ־זשעסטווענאָיע סלאָוואָ", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין דער אויסגאַבע פון נאַרקאָמפּראָס אונטער דער רעדאַקציע פון וואַ־לערי בריוסאָוו. דאָס איז געווען אַן „איבערגאַנגס"־אויסגאַבע סיי לויט איר כאַראַקטער, סיי לויט אירע אויפגאַבעס. דער

— „אַלטע" דאָס געווען אין אים איז עלעמענט פערשנדיקער
עס האָבן געקלונגען נישט-דערזונגענע לידער. אָבער אויך די יוגנט האָט זיך געלאָזט מערקן — די ערשטע וויכאָוואַנקעס פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. דאָס „נייע" האָט אין „כודאָזשעסטווענאָע סלאָוואָ" פאַרנומען אַ צווייטראַנגיק אָרט, הגם די רעדאַקציע האָט זיך באַמיט דוקא דאָסדאָזיקע נייע אַוועקצושטעלן אויפן ערשטן אָרט. צו וואַלערי בריוסאָווס מעלות דאַרף מען אויך צורעכענען זיין פילבאַרקייט צו די יונגע, די אויפמערקזאַמע באַציאונג צו מענטשן, וואָס שטייען נאָך אויף דער שוועל פון דער ליטעראַטור. ער האָט צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט אין „כודאָזשעסטווענאָע סלאָוואָ" נעמען, וועלכע זענען שפּעטער אַריינגעגאַנגען אין דער ליטעראַטור, כדי דאָרט צו פאַרבלייבן.

אָבער אין דער קריטישער טייל פון „כודאָזשעסטווענאָע סלאָוואָ" זענען שוין געזאָגט געוואָרן ווערטער, וואָס האָבן אָנגעצייכנט די באַדערפענישן פון מאָרגנדיקן ליטעראַרישן טאָג.

„אַלץ, וואָס איז געבאָרן געוואָרן דורך אונזער רעוואָלוציע, — איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דעם רעדאַקציאָנעלן אַרטיקל אין ערשטן נומער — אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן קאָמוניסטישן לעבנס-אידעאַל, איז באַזונדערס נאָנט דער רעדאַקציע פון זשורנאַל".

אמת, דידאָזיקע דעקלאַראַציע איז געבליבן אַ „טעאָרעטישע". די פּראַקטיק פון „כודאָזשעסטווענאָע סלאָוואָ" האָט על-פּי-רוב נישט אַנטשפּראָכן זיין „טעאָריע", אָבער דאָס איז דאָך נישט געווען זיין שולד, נאָר זיין אומגליק. גלייך אין ערשטן נומער, למשל, איז אָפּגעדרוקט געווען ק. באַלמאָנטס אַ ליד, אַ קנאַקעדיק-פאַלשס פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער:

איך בין — בונט, איך בין — אויפרייס, איך בין דער,
וואָס האָט דורך געלעכטער פאַרניכטעט די בלינדקייט,
איך שפּין באַצירונגען פון הימל-רויטקייט,
איך כאַפּ די שטערנס אין פלי און אַז. וו.

"שמירטע נאַרישקייטן, שפּילערישע גראַמען, וואָס זייער דערשיינען אין זשורנאַל נאָך דער אויבנגעבראַכטער דעקלאַראַציע קען דערקלערט ווערן בלויז מיט דער שווערער נויטווענדיקייט צו נעמען דאָס, וואָס עס איז דאָ.

אַחוץ באַלמאָנטן האָבן זיך אין זשורנאַל געדרוקט ב. פּאַסטערנאַק, וו. בריוסאָוו, וויאַטש. איוואַנאָוו, וו. מאַיאַקאָווסקי, און נעבן זיי — מ. געראַסימאָוו, וו. אַלעקסאַנדראָווסקי, ס. אָבראַדאָוויטש, וו. קאַזין, פון די פּראָזאאיקער זענען געווען ניי בלויז באָריס פּילניאַק און ס. בודאַנצעוו. צווישן די מחברים פון די אַרטיקלען האָט מען אָנגעטראָפן א. לונאַטשאַרסקין, וו. פריטשען, וואַלערי בריוסאָוון.

וועלכע טעמעס האָט באַאַרבעט „כודאָזשעסטווענאָיע סלאָוואָ"? א. לונאַטשאַרסקי האָט געשריבן וועגן „ליטעראַטור און רעוואָלוציע", וו. פריטשע — וועגן „אָקטאָבער אין דער דיכטונג", וו. בריוסאָוו — וועגן „פּראָלעטאַרישער דיכטונג". דער לעצטער אַרטיקל איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַלס עדות פון יענע איינדרוקן, וועלכע דער טערמין גופא — צו יענער צייט אַ נייער — האָט אַרויסגערופן ביים מחבר.

פאַר בריוסאָוון איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די רעוואָלוציאָנערע תקופה, וואָס האָט אַרויסגערוקט אַ נייעם הערשנדיקן קלאַס, דאַרף אויך שאַפן אַ קולטור, וואָס איז איכותדיק אַנדערש פון דער פריערדיקער.

„אָבער וואָס דאַרף מען פאַרשטיין אונטער דער נייער פּראָלעטאַרישער קולטור? — האָט בריוסאָוו געפרעגט. — אַ וואַריאַציע פון דער אַלטער קולטור פון דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע אָדער עפּעס לגמרי אַנדערש? צי איז די דאָזיקע נייע קולטור געקומען, זאָל זיין אַז נאָר אין אירע יסודות, אַלס דירעקטער רעזולטאַט פון דער גרויסער, דורך אונדז איבערגעלעבטער איבערקערעניש צוזאַמען מיטן איינשטעלן די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין ראַטנרוסלאַנד, אָדער די דאָזיקע קולטור איז אַ האָפענונג, וועלכע וועט זיך ערשט פאַרווירקלעכן אין אַ מער אָדער ווייניקער ווייטער צוקונפט? ווער איז דער טרעגער און בויער פון דער דאָזיקער קולטור? אויסשליסלעך פאַרזאָנען, וועלכע זענען אַרויסגעקומען פון די רייען פון יענעם קלאַס,

וועלכער איז געווען דער פּראָלעטאַרישער ביים אַלטן רעזשים, אָדער אַלע טוער, לכל הפּחות די ערלעכע טוער פון אונזער נייער געזעלשאַפט, וואָס שטרעבט צו ווערן קלאַסנלאָז? באַזונדערס, ווער זענען דאָס פּראָלעטאַרישע דיכטער? דיכטער, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון די פּראָלעטאַרישע רייען, הגם היינט גיבן זיי זיך לחלוטין אָפּ דער קולטור-אַרבעט? בלויז דיכטער, וועלכע טוען נאָך אויך היינט יענע אַרבעט, וועלכע איז פריער געווען טיפּיש פאַרן פּראָלעטאַריאַט, למשל, אין דער פאַבריק? דיכטער, וועלכע גיבן אָפּ זייער מוזע דעם לעבן און דער אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט, הגם זיי גופא זענען אַרויס פון אַן אַנדער קלאַס? דיכטער, וועלכע זוכן באַוווסטזיניק די יסודות פון דער נייער קולטור, אָדער דיכטער, וועלכע זענען פרעמד דידאָזיקע אויפגאַבעס", און אַז. וו.?

בריוסאָוו איז געקומען צום אויספיר, אַז די פּראָלעטאַרישע קולטור דאַרף זיין אַ ראַדיקאַלע איבערבויאונג פון גאַנצן קולטורעלן סדר פון דער מענטשהייט פאַר די לעצטע יאָרהונדערטן. דאָס וועט אָבער זיין אַ דויערהאַפטיקער פּראָצעס. בויען די נייע קולטור וועלן אין דער ערשטער ריי די פּראָלעטאַריער, אָבער נישט זיי אַליין. אַלע דעראָבערונגען פון דער אַלטער קולטור דאַרפן פאַראייגנט ווערן דורכן נייעם קלאַס, ווייל די נייע קולטור וועט זיין אַ סינטעז פון דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אין דער אַלטער, און פון נייעם, וואָס דער נייער קלאַס וועט ברענגען מיט זיך. אָבער אַזאַ סינטעז איז מעגלעך נאָר ביי אַ צוזאַמענאַרבעט, ביי אַ קעגנזייטיקער הילף און אַ האַרמאָנישער אַרבעט פון נייעם קלאַס מיט די פאָרשטייער פון דער אַלטער קולטור.

„דעריבער איז נישט אַזוי וויכטיק, — האָט ער געשריבן, — ווער עס טרעט אַרויס אַלס ערשטער בויער פון דער נייער קולטור — פּראָלעטאַריער, וואָס לעבן נאָך ווייטער אין דיזעלבע באַדינגונגען, וועלכע זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּראָלעטאַריאַט ביים אַלטן לעבנס-שטייגער (למשל, פאַבריק-אַרבעטער), אָדער פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן זיך שוין באַפרייט פון דידאָזיקע באַדינגונגען און האָבן זיך שוין אינגאַנצן געווידמעט דער קולטור-אַרבעט (למשל, אייניקע פון אונזערע

פראָלעטאַרישע דיכטער), אָדער, צולעצט, מענטשן, וועלכע קומען אַרויס פון אַן אַנדער קלאַס, אָבער זיי גיבן אָפ זייער וויסן און פעאיקייטן דער זאַך פון דער נייער קולטור. נאָר מיט געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פון דידאָזיקע אַלע טוער, אומבאַדינגט סיי פּראָלעטאַרישע און סיי נישט-פּראָלעטאַרישע, קענען געלייגט ווערן די ערשטע ווינקלשטיינער פון אַ נייער, געזוכטער קולטור".

אין וו. בריוסאָווס באַטראַכטונגען זענען געווען אַ סך קלוגע און ווערטפולע געדאַנקען, וועלכע האָבן עדות געזאָגט וועגן דער טיפער אַרבעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים גופא. זיין איבערגאַנג אויף דער זייט פון פּראָלעטאַריאַט און זיין אַריינטריט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען באַגלייט געווען דורך ערנסטע פּרוון איבערצופאָרמירן זיין אינערלעכע וועלט.

אָנשטעלנדיק זי לויטן נייעם קאַמערטאָן האָט בריוסאָוו גערופן נאָך זיך אויך די אַנדערע טוער פון דער אַלטער קולטור. ער האָט גערעכנט, אַז אַ סך פון זיי וועלן געפינען אין זיך „אַ לעבעדיקע פעאיקייט אויפצונעמען די נייע אויפגאַבעס, זיי וועלן אָפּשאַצן די דערהויבנקייט און די שיינקייט פון אָנגעהויבענעם ווערק". דערביי האָט ער זיך פאַררופן אויף באַקאַנטע ביישפילן, ווען „ענטוזיאַסטן", גובר זייענדיק די באַדינגונגען פון זייער פערזענלעכער עקזיסטענץ, פלעגן דורכגעדרונגען ווערן מיט דער וועלטאָנשויאונג פון אַ פרעמדער עפּאָכע, פון פרעמדע סאָציאַלע גרופּעס און פלעגן אַליין ווערן די טרעגער פון דערדאָזיקער צוערשט פרעמדער וועלט-אָנשויאונג". אַ „בורזשוא" לויט דער אָפּשטאַמונג,—האָט בריוסאָוו געשריבן,— וועט אין די באַדינגונגען פון אונזער קאָמוניסטישער רעפּובליק קענען פאַראייגענען די וועלטאָנשויאונג פון פּראָלעטאַריאַט. אַזאַ מענטש, האָט ער צוגעגעבן, איז באַרופן אָנטיילצונעמען אין דער בוי-אַרבעט פון דער נייער פּראָלעטאַרישער קולטור צוגלייך מיטן פּראָלעטאַריער. וואָס אַרבעט היינט אין דער פאַבריק אָדער וואָס האָט געאַרבעט אין איר מיט צען יאָר צוריק.

בריוסאָוו איז געקומען צום אויספיר, אַז די „פּראָלעטאַרישע קולטור קען און דאַרף זיין. צוזאַמען מיט איר וועט זיך באַווייזן די פּראָלעטאַרישע דיכטונג. היינט איז נאָך קיין אייגס

פון דיביידע נישטאָ און ס'האָט נישט געקענט זיין, עס זענען נאָר דאָ פּרוּוון, שטרעבונגען, די ערשטע זוכענישן".

אָט דאָס איז די שטימע פון רוסישן בורזשואַזן אינטע־ליגענט, איינעם פון יענע „ענטוזיאַסטן", וועלכע האָבן זיך באַמיט גובר צו זיין אין זיך די גייסטיקע ירושה פון עבר און זיך שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַריאַט. די עקזיס־טענץ פון אַזעלכע מענטשן, זייער איבערגאַנג אויף דער זייט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע האָט אין די יאָרן 1918—1921 געהאַט אַ ריזיקע סימפּטאָמאַטישע באַדייטונג: אויב מענטשן מיט אַזאַ גרויסן שכל און אויסערגעוויינלעכן וויסן, מיט אַזאַ גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט, ווי וו. בריוסאָוו, זענען דורכגע־דרונגען געוואָרן מיט די אויפגאַבעס פון דער נייער צייט, האָבן זיך באַגייסטערט מיט די האָריזאָנטן, וועלכע די פּראָלע־טאַרישע רעוואָלוציע האָט פאַנאַנדערגעעפנט, — האָט דאָס באַ־דייט, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז שטאַרק נישט נאָר מיט די פּחות פון איר קלאַס, נאָר אויך מיט די כּחות פון די ערלעכסטע און אויפריכטיקסטע פאָרשטייער פון פרעמדע קלאַסן, וועלכע זענען פעאיק געווען צו דערשפּירן דעם צויבער פון פרייהייטס־קאַמף און איבערגיין אויף זיין זייט. און דאָס האָט דאָך באַדייט, אַז וואָס ווייטער דער פּראָלעטאַריאַט וועט גיין אויפן וועג פון שאַפן אַ נייע קולטור און אַ נייעם לעבנס־שטיי־גער, אַלץ אַ גרעסערע צאָל פריינט און אָנהענגער וועט ער צוציען פון דער אַרומיקער נישט־פּראָלעטאַרישער סביבה.

אין דאָזיקן זין איז בריוסאָוו געשטאַלט סימבאָליש און פאַרדינט צו בלייבן אין זכרון פון די קומענדיקע דורות. אַ בורזשואַזער דיכטער מיט אַ וועלט־נאָמען, אַ ראש פון אַ דיכ־טערישער שולע, אַ ענג־פאַרבונדענער מיט דער בורזשואַזער ליטעראַטור און דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, צעבייסט ער די בלוטיקע פעדים, צערייסט ער די פריינטשאַפטלעכע פאַר־בינדונגען, פאַרלייקנט ער די געזעלשאַפט, וועלכע האָט אים אויפ־געהאָדעוועט און דערצויגן, שליסט ער זיך מוטיק אָן צום פּראָלע־טאַריאַט, גייט אפילו אַריין אין זיין פּאַרטיי, אַרויסרופנדיק דורכן דאָזיקן טריט ביי זיינע אַלטע פריינט, אָנהענגער און פאַרערער אַ שטורעם פון שנאה, רכילות, באַליידיקונגען.

בריוסאָווס בירגערלעכער מוט איז נאָך נישט גענוג אָפּ־
געשאַצט געוואָרן. איך באַנוץ די געלעגנהייט אונטערצושטרייכן
דעמדאָזיקן שטריך אין דער געשטאַלט פון אויסגעצייכנטן דיכ־
טער און גרויסן מענטשן.

II

„כודאָזשעסטווענאָע סלאָוואָ" האָט אויפגעהערט צו דער־
שיינען נאָכן צווייטן נומער. ער איז אַנטשטאַנען פריער, איי־
דער עס זענען געשאַפן געוואָרן די אָביעקטיווע פאָרבאַדינ־
גונגען פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן
זשורנאַל. „קראַסנאַיאַ נאָוו" איז געווען גליקלעכער. זיין דער־
שיינען איז אָפּגעטיילט פון טויט פון „כודאָזשעסטווענאָע סלאָ־
וואָ" מיט אַ קליין שטיקל צייט, אָבער אין דערדאָזיקער קור־
צער צייט זענען פאָרגעקומען די גרעסטע ענדערונגען. די וויכ־
טיקסטע פון זיי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיטן פאַרענ־
דיקן די מלחמה איז פריי געוואָרן דער יונגער דור, וואָס האָט
מיט זיך געבראַכט אַ אינטערעס צו ליטעראַטור און נייע שעַ־
פערישע כּחות פאַר איר אַנטוויקלונג. אַ. ק. וואָראָנסקי אַליין,
דער שעפער פון „קראַסנאַיאַ נאָוו," איז אין דאָזיקן זין גע־
ווען אַ כאַראַקטעריסטישע פיגור. ער האָט זיך געקענט נעמען
פאַר דער פעדער ערשט נאָכדעם, ווי די רעוואָלוציע, וואָס
האָט זיך פאַרפעסטיקט אויף די איינגענומענע פּאָזיציעס, האָט
אים באַפרייט פון דער פליכט צו קעמפן אויפן מיליטערישן פראָנט.
דער פאַקט גופא, וואָס די זשורנאַל־העפטן פלעגן דערשיינען
רעגולער — האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך מונטערנדיקן
איינדרוק. אויף די חורבות פון דאָס אַלטע האָט געגומען אויס־
וואַקסן אַ ניי הויז פון דער ליטעראַטור.

„קראַסנאַיאַ נאָוו" איז געוואָרן אַ צענטער, אַרום וועלכן
עס האָבן זיך געזאַמלט די ערשטע קאַדרען פון דער ראַטנ־
ליטעראַטור. דורכן דאָזיקן זשורנאַל זענען אין דער ראַטנלי־
טעראַטור אַריין כּמעט אַלע גרויסע נעמען. דורכקוקן די ביכ־
לעך פון „קראַסנאַיאַ נאָוו" פון ערשטן ביזן לעצטן — הייסט

באַכפּאַלגן די ערשטע עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פון דער ראַטנליטעראַטור.

דאָס דערשיינען פון אַ דיקן זשורנאַל האָט געדינט ווי אַ סיגנאַל. די יוגנט, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די פראָנטן, פול מיט כּוחות און בונטע איינדרוקן, האָט צוערשט גענומען די פּעדער אין האַנט אַריין. עס זענען געשאַפן געוואָרן באַדינגונגען, וואָס האָבן זייער באַגינסטיקט דעם קינסטלערישן שאַפן. און באמת, אין משך פון אַ צוויי דריי יאָר — אַן אויסערגעוויינלעך קורצער טערמין — האָט דער גאָרטן פון דער רוסישער ליטעראַטור, דורך און דורך אַ באַדעקטער מיט צעבראָכענע צווייגן, גענומען בליען ווי אינם מעשהלע, מיט יונגע שפּראָצונגען. נאָכן זשורנאַל, וואָס האָט דערוואָרבן אַי אַ שרייבער, אַי אַ לייענער, האָבן זיך פעסט געשטעלט אויף די פיס דאָס ליטעראַרישע בוך, די זאַמלונג לידער, דער ראָמאַן, אַ בענדל דערציילונגען.

דער ליטעראַרישער פּעריאָד, וועלכן „קראַסנאַיאַ נאָוו" האָט מיט זיך געעפנט, איז באַצייכנט געוואָרן דורך דעם דערשיינען פון אַ גרויסער צאָל טאַלאַנטירטע יונגע שרייבער, וועלכע זענען דורך ל. ד. טראָצקיס לייכטער האַנט געטויפט געוואָרן מיטן נאָמען „מיטלויפער": (23 וסעוואָלאָד איוואַנאָוו און ל. סייפולינאַ, אי. באַבעל, ב. פּילניאַק און ק. פעדין, אַ. מאַלישקין, נ. טיכאָנאָוו און נ. ניקיטין, אַ. אַראָסעעוו און ל. לעאָנאָוו, ס. סעמיאָנאָוו, ס. בודאַנצעוו און אַ סך אַנדערע האָבן געבילדעט יענע מחנה, וואָס איז לויטן כּמות און איכות פון איר ליטעראַרישער פּראָדוקציע געגאַנגען אין דער שפּיץ פון דער רוסישער ליטעראַטור. צו זיי זענען צוגעשטאַנען די שרייבער, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן נאָך פאַר דער רעוואָלוציע: אַל. טאָלסטאָי, אי. ערענבורג, וו. ווערעסאַיעוו, וו. לידין, מ. פּרישווין.

„קראַסנאַיאַ נאָוו" איז געוואָרן דער אָרגאַן פון דער „מיטלויפערישער" ליטעראַטור — ווייל קיין אַנדערע איז נישט געווען. פאַר דער רעדאַקציע פון זשורנאַל איז געשטאַנען די אויפגאַבע פון צונויפזאַמלען די צעשטויבטע שרייבערישע כּחות און אויפהיטן די אַלטע מייסטערס, וועלכע ווען קענען איבערגיין אויף אַ

ראַטנפלאַטפאָרם, ווי אויך צוציען נייע פון צווישן דער ליטע-ראַרישער יוגנט. „קראַסנאַיאַ נאָווי" האָט פאַרנומען פאָלגנדיקע פּאָזיציע: די ווערק דאַרפן באַזיצן אַ גרויסע טעכנישע קוואַליפי-קאַציע און באַזירן אויף דער אידעאָלאָגישער ראַטנפלאַטפאָרם.

די ליטעראַרישע לאַגע, וואָס איז געווען נישט-קאָמפּלי-צירט אין ערשטן עקזיסטענץ-יאָר פון „קראַסנאַיאַ נאָווי", איז מיט יעדן יאָר געוואָרן קאָמפּליצירטער. עס איז גרעסער גע-וואָרן די ליטעראַרישע דיפערענציאַציע. דער וווּקס פון פּראָ-לעטאַריאַטס קולטורעלע באַדערפענישן, וואָס האָט געפונען זיין ערשטע אָפּשפּיגלונג אין פּראָלעטקולט, האָט ספּעציעל אויפן ליטעראַרישן געביט געשאַפן אָרגאַניזאַציעס פון שרייבערס, וואָס זענען טיילווייז אַרויסגעקומען פון די פּראָלעטאַרישע רייען, און טיילווייז זענען זיי אַרויסגעטראָטן אונטער דער פאָן פון אַ זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וואָס שטעלט זיך אין קעגנזאַץ צו דער ליטעראַטור פון די מיטלויפערס.

די ליטעראַרישע מיטלויפערשאַפט, וואָס האָט נישט עק-זיסטירט אַלס אָרגאַניזאַציע, איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אָרגאַניזירטע ליטעראַרישע גרופּעס. אַזוי, למשל, האָט זיך פון פּראָלעטקולט אויסגעטיילט די „קוזניצאַ", דערנאָך די גרופּע פּראָלעטאַרישע שרייבערס „אָקטאָבער", וואָס האָט שפּעטער אָר-גאַניזירט די אַלפאַרבאַנדישע אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרייבערס, עס האָט זיך באַוויזן אַ פאַרבאַנד פון פּויערישע שרייבערס, די געוועזענע פוטוריסטן האָבן זיך פונסניי אָרגאַני-זירט אין דער גרופּע „לעף". אַ טייל מיטלויפער האָבן צוזאַ-מען מיט אייניקע פּראָלעטאַרישע שרייבערס געגרינדעט די גרופּע „פּערעוואַל".

יעדע ליטעראַרישע גרופּירונג האָט געהאַט אַן אידעאָלאָ-גישע פּלאַטפאָרם, אייגענע קריטישע אָנשויאונגען, איר אייגענע ליטעראַרישע פּאָליטיק. כּמעט יעדע גרופּע האָט באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן איר אייגענעם אָרגאַן, און נעבן „קראַסנאַיאַ נאָווי" זענען אַנטשטאַנען ליטעראַריש-קינסטלערישע אויסגאַבעס — „ראַבאָטשי זשורנאַל", „אָקטיאַבר", „זוויאָזדאַ", „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ", די זאַמלונגען „פּערעוואַל", „לעף". פאַר-שיידענע צילן, גרופּן-אינטערעסן און טיפע פּרינציפּיעלע חלוקי-

דעות, וואָס זענען אויפגעקומען צוזאַמען מיטן וווקס און דער דיפערענציאַציע פון דער ראַטן-ליטעראַטור, האָבן שוין אַרום מיטן 1923 געשאַפן אַ לאַגע, וואָס איז לגמרי נישט ענלעך געווען צו דער, וואָס האָט געהערשט מיט צוויי-דריי יאָר צוריק.

מיט דער פּאָזיציע פון דער „קוזניצאַ", וואָס איר אָרגאַן איז געווען „ראַבאָטשי זשורנאַל" זענען מיר אין אַלגעמיינע שטריכן באַקאַנט. „זוויאָזדאַ" און „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ" האָבן נישט געהאַט קיין באַזונדערע פּרינציפּיעלע פּלאַטפאָרם. פּרינציפּיעל פאַרשיידענע פּאָזיציעס האָבן פאַרנומען „לעף", „קראַסנאַיאַ נאָוו", „נאַ פּאָסטו".

ווייטער וועלן מיר זיך טאַקע פאַרנעמען מיט זייער כאַראַקטעריסטיק. דאָ וועלן מיר אָבער אַביסל אָפּגיין אין אַ זייט און באַטראַכטן די געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אויפן „רעכטן" אָפּשניט פון ליטעראַרישן פראָנט. דעם באַריכט וועגן גורל פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור האָבן מיר איבערגעריסן אויפן בוך פון יו. אי. אייכענוואַלד.

III

יו. אייכענוואַלדס בוך איז געווען אַן אָפענער אויסדרוק פון קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. אויב מיר זאָלן זוכן אין דער ליטעראַטור ווייטערדיקע פאַרשלייערטע אויסדרוקן פון דערזעלבער ליניע, וועלן מיר קומען צום אַלמאַנאַך „שיפּאָווניק", וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע אין 1922-טן יאָר אונטער דער רעדאַקציע פון פּ. סטעפּון. 24) עס איז זייער לייכט צו געפינען די אידעאישע פעדים, וואָס האָבן פאַרבונדן דיזיקע אונטערנעמונג מיטן בוך „אונזער רעוואָלוציע".

אין זיין קינסטלעריש-ליטעראַרישער טייל איז דער „שיפּאָווניק" געווען אַ מין המשך פון „זאַפּיסקי מעטשטאַטעלעי" אָדער „דאָם איסקוסטוו" — דיזעלבע מ. קוזמין, וו. כאָדאַסעוויטש, פ. סאָלאָגוב. אמת, זייט ביי זייט האָבן זיך געפונען אויך ל. לעאָנאָוו און ב. פּאַסטערנאַק, דאָס איז אָבער געווען — אַ צינז דער צייט: זיי זענען נישט געווען כאַראַקטעריסטיש

פאַרן „שיפּאָווניק". גראַד ו. כאַדאַסעוויטש האָט איינגעשטעלט אַן ענגע פאַרבינדונג מיט די „זאַפּיסקי מעטשטאַטעליי":

מיר איז אַלץ אומדערטרעגלעך!
טאָ שנעלער, לייכטער פון רויך,
פליט פאַרביי, פאַרביי
איר שלעכטע חלומות פון דער ערד!

דאָס איז דאָך נאָר געווען אַ וואַריאַציע אויפן מאָטיוו, וועלכער איז אונז שוין באַקאַנט:

אָ ווי שרעקלעך הינטערן פענסטער
רייסט און בושעוועט דער בייזער שטורעם...
די נאַכט איז שרעקלעך...

אָבער דער „שיפּאָווניק" איז געגאַנגען ווייטער פאַר די „טרוימער". די „טרוימערישע" פּראָזע האָט זיך נאָר באַגרע-ניצט מיט קינסטלערישע פּחדים, דער „שיפּאָווניק" אָבער האָט אַרויסגערוקט די שווערע אַרטילעריע אין דער פאָרם פון פי-לאָזאָפישע און עסטעטישע באַטראַכטונגען פון פּ. סטעפּון, ג. בערדיאַעוו, אַבראַם עפראָס. דער סטיל פון זייערע רייד איז געווען ענלעך אויף אייכענוואַלדס סטיל. אָבער די רע-אַקציאָנערע מוזיק פון דער געשיכטס-און קונסט-פילאָזאָפיע, וואָס האָט געקלונגען אין „שיפּאָווניק", האָט האַרמאָנירט מיט יו. אייכענוואַלדס מוזיק. דער חלוק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אייכענוואַלד האָט גערעדט מיט דער שפּראַך פון אַ פּובליציסט, אָפּדעקנדיק די באַגריפן. „שיפּאָווניק", וועלכער איז געווען אָנגעלערנט דורך דער ביטערער ערפאַרונג, איז אַרויס אין גרים.

עס וואָלט געווען אַן אומעטיקע און ווינציק נוצלעכע אַרבעט איבערצוגעבן די רעליגיעז-מיסטישע פילאָזאָפיע, וועל-כע עס האָט דאָ אַנטוויקלט נ. בערדיאַעוו. געזונגענע און אי-בערגעזונגענע אַלטע לידער וועגן דער „ארעליגיעזער בירגער-לעכער ציוויליזאַציע", וואָס האָט אין אייראָפּע באַזיגט די „אַל-טע הייליקע קולטור". זיי, די בערדיאַעווצעס, האָט זיך געדוכט, אַז דער קאַמף צווישן „רוסלאַנד" און "אייראָפּע", „מזרח" און

„מערב" באַשטייט אין קאַמף פון „גייסט" מיט דער „נשמהלאָזי־קייט", פון דער „רעליגיעזער קולטור" מיט דער „אַרעליגיע־זער ציוויליזאַציע". זיי, זעט איר, „האָבן געוואָלט גלויבן, אַז רוסלאַנד וועט נישט גיין מיטן וועג פון דער ציוויליזאַציע, אַז עס וועט האָבן זיין אייגענעם וועג, זיין אייגענעם גורל, אַז בלויז אין רוסלאַנד איז נאָך מעגלעך אַ קולטור אויפן רעליג־יעזן יסוד, אַן עכטע גייסטיקע קולטור".

אָבער ווי! די רוסישע רעוואָלוציע האָט באַוויזן, אַז רוסלאַנד, פון וועלכן די רעליגיעזע טרוימער האָבן דערוואַרט די דערלייזונג פון דער וועלט, האָט נישט געקענט ראַטעווען זיך אַליין. אויך אין רוסלאַנד האָט די „אַרעליגיעזע ציוויליזאַציע" גובר געווען די רעליגיעזע קולטור. צי דען דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז לויט דער מיינונג פון אונזער פילאָזאָף איז די כאַראַקטעריסטישע און טיפּישע פילאָזאָפיע פון דער „ציוויליזאַציע־עפּאָכע" איז דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם.

„די ציוויליזאַציע,—אין קעגנזאַץ צו דער קולטור, — איז נישט רעליגיעז לויט איר עצם מהות. אין איר איז גובר דער פאַרשטאַנד פון „אויפקלערונג", אָבער דערדאָזיקער פאַרשטאַנד איז שוין נישט קיין אַבסטראַקטער, נאָר אַ פּראַגמאַטישער פאַר־שטאַנד. די ציוויליזאַציע — אין קעגנזאַץ צו דער קולטור — איז נישט סימבאָליש, נישט יעראַרכיש, נישט אָרגאַניש. זי איז רע־אַליסטיש, דעמאָקראַטיש, מעכאַניש. זי זוכט נישט קיין סימ־באָלישע, נאָר „רעאַליסטישע" לעבנס־דערגרייכונגען, זי וויל דאָס פּשוטע רעאַלע לעבן, און נישט קיין אָפּשפּיגלונגען און צייכנס, נישט קיין סימבאָלן פון „אַנדערע וועלטן" און אַזוי ווייטער, און ענלעכעס — הונדערט פּראָצענטיקע פילאָזאָפיע פון דער ערגסטער רעאַקציע, עכטע פינסטערניש, אָנגעקליידט אין פילאָ־זאָפישע קליידער. נ. בערדיאַעווס אַרטיקל האָט גערופן אויפן וועג פון „רעליגיעזער לעבנס־ענדערונג", פון „דערגרייכן די אמתע עקזיסטענץ".

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַן אויפשטאַנד קעגן דער רע־וואָלוציע, אַ מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזיטעט — קעגן וויסנ־שאַפטלעכן וויסן, אַריסטאָקראַטיזם („יעראַרכיע") — קעגן דע־

מאָקראָבּיע, נישט-גלייכקייט — קעגן גלייכקייט, עבר — קעגן הווה, דער באַזיגטער קלאַס — קעגן זיגערישן קלאַס.

דערדאָזיקער אַרטיקל איז געווען דער ערשטער לויט דער ריי אין „שיפּאָווניק". ער האָט באַשטימט דעם פינסטערן פּנים פון זאַמלבוך, ער האָט געגעבן דעם לייטמאָטיוו. אין פולן הסכּם מיט דער פילאָזאָפיע פון „רעליגיעזער פאַרענדערונג" האָט פ. סטעפּון אַנטוויקלט דעם לייטמאָטיוו פון זיין אַרטיקל „טראַגעדיע און די היינטיקע צייט": דאָס לעבן, וועלכעס מיר לעבן פון טאָג צו טאָג איז בכלל קיין לעבן נישט. עס הערשט אין אים אַ בלינדער צופאַל, עס הערשט אין אים אַן אָפּנאַרעריי". פאַר סטעפּונען, ווי פאַר כאָדאַסעוויטשן, זענען אומדערטרעגלעך געווען „די שלעכטע חלומות פון דער ערד." דעמזעלבן מאָטיוו געפינען מיר אין אַרטיקל פון סטאַנ. וואָלסקי: „שוין עטלעכע יאָר, ווי מיר דאַכט זיך, אַז די וואָר איז פאַרשוווּנדן — און ס'זענען געבליבן חלומות"... „מיראַזשן", „כינעזישע שאָטנס", „צייכנט אויף דער וואַנט עמיץ אַן אומגעזעענער", „קאָמישע מאַסקעס, וואָס פאַרדעקן טרויעריקע געשטאַלטן", און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער — אַ מיסטיש-רעאַקציאָנערע פּלוידעריי, וואָס ווערט אַרויסגערעדט מיט אַ טרויעריקן קאָפּ, אַ באַשאָטענעם מיט אַש.

אין דערדאָזיקער רעליגיעזער מורמלעריי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט בולטער, ווי אין וועלכע-נישט-איז אַנדערע ליטעראַרישע דענקמעלער, דער הילפלאָזער באַוווּסטזיין פון דער קאַטאַסטראָפע. די מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט נישט נאָר אָננעמען די רעוואָלוציע, נאָר זיי האָבן זי נישט געקענט באַגרייפן — פאָרשטעלנדיק מיט זיך אַ גלענצנדיקן ביישפּיל צום טעזיס: חעמען די געשיכטע וויל באַשטראָפן, ביי דעם נעמט זי אָפּ דעם שכל.

„די איינציקע מעגלעכע רעטונג פון דעם באמת טראַגישן זין פון אונזער קאַטאַסטראָפאַלער עפּאָכע, — האָט געשריבן סטעפּון, — וואָלט געדאַרפט גיין מיטן וועג פון פולן אָפּזאָג צו קאָנקרעטיזירן אין עמפּירישע פּערספּעקטיוון די פּסיכאָלאָגישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע זינען.

דאָס טראַגישע באַגרייפן פון אונזער תקופה וואָלט גע-

דאַרפט גיין מיטן וועג פון ראַדיקאַלסטן אָפּזאָג פון יעדער מין טעאָרעטישן אויפדעקן אַלע זינען פון מלחמה און רעוואָלוציע".

אַזוי האָט פילאָזאָפירט אַ מענטש, וואָס איז באַטויבט פון די געשעענישן. זיין פילאָזאָפיע איז נישט געווען קיין פילאָזאָפיע פון ריינעם פאַרשטאַנד, זי איז אויך נישט געווען קיין פילאָזאָפיע פון פראַקטישן פאַרשטאַנד. מיר האָבן פאַר זיך אַ פילאָזאָפיע פון אַ דערשיטערטן פאַרשטאַנד.

דאָס אויבנגעבראַכטע איז גענוג אויף צו כאַראַקטעריזירן די ריכטונג, וועלכע דער „שיפּאָווניק" האָט רעפּרעזענטירט. צום אויבנגעזאָגטן וועט גאַנץ ווינציק צוגעבן עפּראָסעס אַרטיקל, וואָס איז געווידמעט דער קונסט.

מיר דערוויסן זיך פון אונזער מחבר, אַז דער „אַלוועלטלעכער מאַסקאַראַד איז נאָך נישט געענדיקט. די ווירקלעכקייט גייט נאָך אַרום אין אַ מאַסקע, נישט דערוועגנדיק זיך צו אַנטפּלעקן זיך". אָבער די רוסישע קונסט, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ טיילכל פון אַלוועלטלעכן מאַסקאַראַד, — טראָגט אַ דאָפּלטע מאַסקע: „איינע איז אָנגעטאָן געוואָרן אין אָנהויב רעוואָלוציע, די צווייטע — איצט".

לויט עפּראָסעס ווערטער האָט זיך געשאַפן אַ לעגענדע וועגן דער רעוואָלוציע, וואָס האָט דערשטיקט די קונסט. די־דאָזיקע לעגענדע וויל ער פאַרבייטן „מיטן אמת וועגן דער קונסט, וואָס האָט נישט אַריינגענומען אין זיך די רעוואָלוציע". עס האַנדלט זיך נישט וועגן רעוואָלוציע, נאָר וועגן קונסט: נישט די רעוואָלוציע האָט אָפּגעוואָרפן („נישט אַריינגענומען") די קונסט, נאָר פאַרקערט: די קונסט האָט אָפּגעוואָרפן („נישט אַריינגענומען") די רעוואָלוציע. דעריבער קען נישט די רעוואָלוציע אַריינטראָגן אין אַרכיוו פון דער געשיכטע איר אייגענע קונסט. זי האָט זי נישט פאַרמאָגט". נאָך מער: „און דער צוקונפט גיט די רעוואָלוציע נישט איבער קיין שום אייגענע קינסטלערישע שפּראָצונגען". אויפן געביט פון קונסט איז די עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע געווען אַן עפּאָכע פון „סופן אָן אָנהויבן". אָט דאָס

איז דער אורטייל, וואָס פאַלט לגמרי צונויף מיט סטעפּונס „טראַג שן״ אָפּ אָג פון זינען.

אַזאַ אָפּשאַצונג פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט האָט זיך, נאַטירלעך, נישט געקענט איינלעבן מיט דער ווירקלעכקייט. דער „שיפּאָווניק״ האָט אַ קלונג געטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. פיאָדאָר סטעפּון, נ. בערדיאַעוו, וולאַדיסלאַוו כאָדאַסעוויטש — די בולטסטע פאָרשטייער פון דער „אינגערלעכער עמיגראַציע״, האָבן זיך צוזאַמען מיט יו. אייכענוואַלדן באַלד געפונען מחוצן סאָוועטישן „קרייז״. זייער טעטיקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין פּאַריז, פּראַגע, בערלין — מיט אַנדערע ווערטער, אין געביט פון דער עמיגראַנטישער ליטעראַרישער באַוועגונג, וואָס גייט נישט אַריין אין די ראַמען פון אונזערע עטיודן.

IV.

בלויז אַ טייל פון דער אינטעליגענץ האָט גענומען דעם קורס אין דער ריכטונג פון אַ פאַרביסענער רעאַקציע. אין דער־זעלבער צייט, ווען נ. בערדיאַעוו האָט גערופן צו אַ רעליגי־יעזער ענדערונג פון לעבן, און פ. סטעפּון האָט זיך פייערלעך אָפּגעזאָגט פון „זין״ — איז אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן לאַגער אַנטשטאַנען אַ טומלדיקע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו ראַטנרוסלאַנד.

„אהיים! אין דעם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, לאָמיר שליסן אַ בונד מיט די באָלשעוויקעס, לאָמיר זיי העלפן איבערבויען דאָס הויז וואָס ברייטער און ליכטיקער!״

„סמענאַ וועך״ איז פאָרגעקומען אונטער דער ווירקונג, ערשטנס, פון דעם קלאָר־געוואָרענעם ענטגילטיקן חורבן פון דער רעאַקציע, און, צווייטנס — פון די קליינבירגערלעכע אי־לוזיעס, וועלכע דער נעפּ האָט גאַלוואַניזירט. די נעכטיקע שונאים, וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין די האָפנונגען אויפן דורכפאַל פון ראַטנרוסלאַנד (ענדלעך!), האָבן עס אָנערקענט. און נישט נאָר אָנערקענט, נאָר זיך דערקלערט אַלס זיינע הייסע אָנהענגער.

„אָדער די ראַטנמאַכט וועט שאַפן אַ נייע אָרדנונג אין

רוסלאַנד, אָדער קיינער וועט זי נישט שאַפן״; „דער טאָג ווען די ראַטנמאַכט וועט אומקומען, וועט זיין אַ טאָג פון רוסלאַנדס חורבן, ווייל קיין שום מאַכט איז זי נישט בכח צו פאַרבייטן״. אָט וואָס עס האָט געשריבן וו. נ. לוואָוו, דער געוועזענער מיטגליד פון דער צייטווייליקער רעגירונג און דער געוועזענער אויבער-פּראָקוראָר פון סינאָד.

ס׳וואָלט אָבער געווען אַ גרויסע נאַאיווקייט צו באַטראַכטן די נייע פריינט אַלס „אָנפּניותדיקע״. די געהיימע „גייציקייט״ פון דאָזיקן „לינקסטן״ פון די „סמענאָוועכאָווצעס״ איז געוואָרן בולט, ווי נאָר ער איז צוגעטראָטן צו מאָטיווירן זיין גייסטיקע פאַרוואַנדלונג. „דער קאָמוניזם פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי האָט געראַטעוועט רוסלאַנד, און דער נאַציאָנאַליזם פון דער רעאַקציע האָט רוסלאַנד צעגלידערט״ — האָט פאַרזיכערט וו. נ. לוואָוו.

דידאָזיקע כאַראַקטעריסטיק פון קאָמוניזם האָט וו. נ. לוואָוון פונדעסטוועגן נישט געשטערט אויסצוקראַצן מיט דער גרעסטער זאָרגעוודיקייט דעם קאָמוניזם פון דער ראַטנמאַכט. פונקט ווי נ. אוסטריאַלאָוו, פונקט ווי די אַנדערע סמענאָוועכאָווצעס, איז וו. נ. לוואָוו געווען איבערצייגט, אַז מיטן איינפירן דעם „נעפּ״ מאַכט די רעוואָלוציע אַ „ויסוג אחור״, עס הויבט זיך אָן אַן „אַראָפּלאָז אויף אַ טאָרמאַז״. דידאָזיקע זעלבסטטוישונג האָט זיך בולט אָפּגעשפּיגלט אין לוואָווס בראָשור. די ראַטנמאַכט בויט זיך איבער, ווערט באַפרייט פון פאַרהאַסטן „קאָמוניזם״ (כאָטש דער קאָמוניזם האָט מציל געווען רוסלאַנד), פאַרוואַנדלט זיך אין אַ נאַציאָנאַלע מלוכה-מאַכט, שטרעקט אפילו אויס אַ האַנט דעם אַלטן סלאַוויאַנאָפיליזם, און אין איר נייקייט הערט ער אַרויס די קדמונימדיקע רוסישע אַלטקייט. אָן ער איז מספּים דערמיט, אַז די ראַטנמאַכט פאַרמאָגט אַ „גרויסע אידייע״, זאָל אָבער דידאָזיקע „גרויסע אידייע בלייבן איבער די וואָלקנס און זאָל לייכטן ווי אַ לויכט-טורעם פאַר די קומענדיקע דורות״ (די ק ו מ ע נ ד י ק ע דורות!), שרייבט ער; אָבער לטובת דעם איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט, פאַר די פּראַקטישע נויטן פון רוסלאַנד מוז מען דידאָזיקע „אידייע״ פאַרשמעלערן „ביז דער מעגלעכקייט צו דערגרייכן קאָנקרעטע רע-

זולטאַטן״. אויב דו ביסט א „גרויסע אידייע״ — טאָ לויכט, אָבער נאָר פאַר די קומענדיקע דורות, אונז אָבער שטער נישט צו „פאַרשמעלערן״ זיך ביז די לעצטע גרעניצן! אין וו. נ. לוואָווס דאָזיקער פרעכטיקייט איז געווען עפּעס וואָס דערמאָנט דעם אומפאַרגעסלעכן שטשאָדרין.

מיר וועלן, פאַרשטייט זיך, נישט איבערגעבן גענוי אַלע פאַזיסן פון דער סמענאָוועכאָווישער באַוועגונג. אַ באַדייטנדיקער עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער אינ-טעליגענץ, איז דידאָזיקע באַוועגונג דורכגעגאַנגען אונטערן לאָ-זונג: „די רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען, מען מוז אָננעמען די רעוואָלוציע״.

די סמענאָוועכאָווצעס האָבן אָבער נישט פאַרשטאַנען דעם באָלשעוויזם. די טיפקייט פון דערדאָזיקער אומפאַרשטענדעניש קען מען זען אין אַרטיקל פון יו. וו. קליוטשניקאָוו. זיך אָפּ-שטויסנדיק פון רעאַקציאָנערן זאַמלבוך „וועכי״, 25) וואָס איז אין 1909-טן יאָר אַרויסגעטראָטן קעגן מאַקסימאַליזם פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, האָט זיך קליוטשניקאָוו אַרויס-געזאָגט פאַרן באָלשעוויסטישן מאַקסימאַליזם. די רוסישע אינ-טעליגענץ איז, לויט זיין מיינונג, תמיד געווען מאַקסימאַליס-טיש, ניהיליסטיש, רעוואָלוציאָנער. דידאָזיקע דריי באַצייכענונ-גען פאַרבייט ער מיט איין וואָרט: „באָלשעוויזם״. יו. וו. קליוטש-ניקאָוו רופט די „באַזיגטע״ פריינט צו פאַרשטיין זייער מפּלה און די נישט-ריכטיקייט פון אַלטן וועג. אָבער ווי נאָר אונזער אָנהענגער פון „באָלשעוויזם״ באַמיט זיך צו פאָרמולירן זיין פּאָזיטיווע פּראָגראַם, באַקומט זיך אַזאַ בילד:

„די רוסישע אינטעליגענץ וועט אויפנעמען דעם מ י ס-ט י ש ן יסוד אין דער מלוכה, זי וועט דורכגעדרונגען ווערן מיט דער „מיסטיק פון דער מלוכה״. דאַן וועט זי פון אַ מלוכהשע און אַן אַנטימלוכהשע ווערן אַ מלוכהשע און דורך איר פאַר-מיטלונג וועט די מלוכה — די רוסישע מלוכה — ענדלעך ווערן דאָס, וואָס זי דאַרף זיין: — „גאָטס וועג אויף דער ערד״.

דאָס איז אַזוי אויסדרוקספול, אַז עס איז נישט נויטיק קיין שום פּירוש. פּונקט אַזוי דורכזיכטיק איז דער אונטער-

שלאק פון „סמענאָוועכאווסטוואָ" אין די אַרטיקלען פון אירע אַנדערע אָנהענגער, און באַזונדערס — אין די אַרטיקלען פון פּראָפ. נ. וו. אוסטריאַלאָוו, וועמען עס געהער, לויטן יושר, די ראָלע פון אַ פּירער. נ. וו. אוסטריאַלאָוון געהערן די אָפנהאַר־ציקסטע און באַגרינדעטסטע פאָרמולעס פון דער באַוועגונג „סמענאַ וועך".

ער נעמט אָן די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע ווי אַ ווערקצייג פון אַ נאַציאָנאַלן גרויסן רוסלאַנד. ער רופט די „רוסישע פּאַטריאָטן" צו קעמפן אונטער די פענער פון דער ראַטנמאַכט, — אָבער אין נאָמען פון זייענע אייגענע צילן. „ביי דער גאַנצער אומענדלעכער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די אידעאָלאָגיעס אין דער פּראַקטישער וועג איינער", האָט אוסטריאַלאָוו געשריבן. ער איז געװען איבערצייגט, אַז שפּעטער וועט דער זיגרייכער באָלשעוויזם ברעכן האַלז און נאַקן, — עס וועלן זיגן די רוסישע פּאַטריאָטן, און דאַן וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די „וועלט-רעוואָלוציע" איז געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ אַרבעטס־פערד, וואָס האָט געשלעפּט פון זומפּ דאָס „גרויסע רוסלאַנד", מיט אַ נאַציאָנאַלער מלוכה-מאַכט, מיט דער בור־זשואַזיע, מיטן קאַפּיטאַליזם און די איבעריקע אַנטיקן. גייענ־דיק אין קאַנאָססאַ, מיט אַ שטריק אויפן האַלז, האָבן די „סמענאָוועכאָוצעס" פאַרבאָרגן אין זיך אַ שטאָלצן צווייפל: מען ווייס נאָך נישט, ווער עס וועט זיגן: דאָס גרויסמאַכטיקע רוסלאַנד אָדער יענע „וועלט-קאָמונע", פאַר וועלכער זיי האָבן זיך געשראָקן און וועלכער זיי האָבן נישט געגלויבט.

די „סמענאָוועכאָווסטוואָ" האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע ליטעראַטור. אַ גלענצנדיקע און, אפשר, די בעסטע כאַראַקטע-ריסטיק האָט פון איר געגעבן מ. נ. פּאָקראָווסקי אין אַרטיקל „די בעל-תשובהדיקע אינטעליגענץ". אין דער געשטאַלט פון די „סמענאָוועכאָוצעס" האָבן אינדעראמתן תשובה געטאָן געוועזענע ווייסגוואַרדייער. אָבער שוין נאָכן תשובה טאָן האָבן זיי זיך פון סאַוולאָוס נישט פאַרוואַנדלט אין פּאַוולאָוס.

סוף-כל-סוף איז אין דערדאָזיקער באַוועגונג געווען, לויט מ. נ. פּאָקראָווסקיס אויסדרוק, אַ דריטע פּאַזע פון די ווייסגוואַרדייאישע האָפנונגען. „די ערשטע האָט זיך אויסגעדריקט

אינם לאָזונג: „אומוואַרפן״! האָט זיך נישט איינגעגעבן: אַלייך זענען זיי אומגעפאַלן און זיך פאַנאַנדערגעשאָטן. האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער לאָזונג — „צעפרעסן פון אינעווייניק״. און ענדלעך וואַקסט אויס „ביים פּראָפ. אוסטריאַלאָוון אויפן אָרט פון אַנטימלוכהשן לאָזונג „צעפרעסן״ דער לאָזונג № 3 און, דערוויל, דער לעצטער: „איבערבויען״. זאָל די ראַטנמאַכט בלייבן אויפן אָרט מיט אירע אַלע אַטריבוטן. זאָל אַפילו הענגען דער שילד רקפ, דאָרט, ווו מען דאַרף. אַבי די „קאָנקרעטע באַזע״ זאָל זיין אַ נייע—נישט די אַרבעט און דער קליינאייגנטום, נאָר לאָמיר, צום ביישפּיל, זאָגן, דער קאַפּיטאַל און דער גרויסאייגנטום״.

מיר וועלן זיך באַנוגענען מיטן געזאָגטן וועגן „סמענאָוועכאָווסטוואָ״. זי איז נישט געווען קיין ליטעראַרישע ריכטונג, הגם זי האָט געהאַט אַ השפּעה אויף דער ליטעראַרישער באַוועגונג. דורך דער „סמענאָוועכאָווער״ אויסלענדישער צייטונג „נאַקאַנונע״ זענען אַריין אין דער ראַטן-ליטעראַטור אַזעלכע נעמען, ווי אַ. נ. טאָלסטאָי, אַ. סאָקאָלאָוו-מיקיטאָוו און אַ סך אַנדערע. אין די גרעניצן פון פאַרבאַנד האָט זי זיך באַמיט צו פאַרפעסטיקן זיך אין דער זשורנאַליסטיק, גרופּירנדיק אַרום זיך ליטעראַרישע כּחות, אָבער אָן אַ גרויסן דערפאָלג. מיר מיינען דאָ דעם זשורנאַל „ראַססיאַ״, וואָס האָט זיך שפּעטער משנה שם געווען אויף „נאָוואַיאַ ראַססיאַ״.

קיין באַזונדערע ליטעראַרישע שטרעמונג האָט דער זשורנאַל נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך. אָבער זיין „אָריענטאַציע״ אויף דער „אַלטער״, בורזשואַזער ליטעראַטור האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן פון די ערשטע זייטלעך. ווען עס פלעגט זיך באַווייזן אין אים אַ „יונגער״, איז דאָס געווען בולגאַקאָוו. דעם ליטעראַרישן קערן פון זשורנאַל האָבן געבילדעט אַנדרעי בעלי, מ. בולגאַקאָוו, יעוו. זאַמיאַטין. עס זענען דאָ אָבער אויך געווען וול. לידין, ב. פּילניאַק, וו. כאָדאַסעוויטש, וו. בריוסאָוו. פאַר אַ סך פון די מיטלויפער איז דער סמענאָוועכאָווער זשורנאַל געווען אַ מין באַרעכטיקונג פון זייער פריער גענומענעם „מיטלויפערישן״ קורס. די לאָזונגען פון „ראָססי אַ״ האָבן געג.עט דעם געהער פון אַ סך רעכטע מיטלוי-

פער, נישט געקוקט אויף דער אָפּטמאָל אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך-רייכקייט פון זשורנאַל-רעדאַקטאָר א. ג. לעזשניאָוו, פאַר זיינע אַרטיקלען, וואָס פלעגן אויף פאַרשיידענע טענער איבערזינגען דערעיקר אוסטריאַלאָווס „דירעקטיוון", איז כאַראַקטעריסטיש די מליצהדיק-דעקלאַמאַטאָרישע פייערלעכקייט, די איבערגעטריבענע אונטערשטרייכונג פון דער גרויסער ראָלע צו וועלכער די געשיכטע האָט אויסגעקליבן זיי, די „סמענאָוועכאָווצעס", וועלכע האָבן שיר נישט מציל געווען ראַטן-רוסלאַנד פון אונטערגאַנג. „איראָפּע און מיר" — „מיר און דאָס אַלטע רוסלאַנד", „מיר און די רעוואָלוציע", „מיר און די וועלט קולטור", „מיר און די גאַנצע מענטשהייט" — דאָס אַלץ האָט געקלונגען „פּרעכטיק און רייך".

איצט איז אוממעגלעך צו לייענען דידאַזיקע אַרטיקלען אָן אַ געוויסן הומאָריסטישן געפיל: די מאַיעסטעטישע אָנגעקראָכמאַלעוועטקייט פון דער שפּראַך האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער שלעכט מאָטיווירט. אין לעצטן סך-הכל האָט „ראָססיאַ" (אין געגנזנפּיסלעך) זיך געשטעלט אַלס ציל אַנטיילצונעמען אין „קולטורעלן אוןווירטשאַפטלעכן" ווידערגעבורט פון רוסלאַנד (אָן געגנזנפּיסלעך), וואָס דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער פיין. ווינציקער שיין איז געווען דאָס, וואָס האָט אומגעבראַכט דעם זשורנאַל; אונטער דער פייערלעכער פירמע פון אַ „קולטורעלן און ווירטשאַפטלעכן ווידערגעבורט" האָט זיך באַהאַלטן די פּראָגראַם פון „אומקער" אויפן אַלטן, קאַפּיטאַליסטישן וועג. די „נאָוואַיאַ ראָססיאַ" (נייע רוסלאַנד), וועגן וועלכער עס האָט דעקלאַמירט א. לעזשניאָוו, איז געווען נישט קיין סאָציאַליסטישע, נאָר אַ אַמעריקאַניזירטע, קאַפּיטאַליסטיש רוסלאַנד פון „כּאַסיקע" מענטשן, קאָמבינאַטאָרישע אוטיליטאַריסטן, ליבהאָבער פון אַ פּריוואַטער ווירטשאַפט. דאָס איז געווען די „נאָוואַיאַ ראָססיאַ" פון פּערמערס, יוסטע בעלי-גופים, פּלייסיקע דערווערבער — דאָסזעלבע, וועגן וועלכן מיר האָבן געלייענט אין דער בערלינער-פּראַגער „רוססקאַיאַ מיסל". דאָס „סטאָליפּינשע פויערל", דער „נוציקער מענטש" פון פּיאָטר סטרוווע האָט נאָך דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אויפגעלעבט אין די אידעאַלן פון „סמענאָוועכאָווסטוואָ", וועלכע ל. טראָצקי

האָט באַצייכנט אַלס אַזוינס, וואָס „גנבעט זיך אריין". „זיך אריינגנבענענדיק" — האָט עס געוואָלט עמיצן אָפּנאַרן. ס'איז אָבער נישטאָ קיין שום „פאַרבאָרגנס", וואָס זאָל נישט ווערן באַקאַנט". ס'האָט נישט גענומען קיין סך צייט, כדי צו דער־ווייזן, סאַראַ סך „אַלטס" עס איז געווען אין „ראָססיאַ", וואָס האָט זיך אָנגערופן „נאָוואַיאַ".

„ראָססיאַ" איז געווען אַ פּרוּוו צו גרופּירן אַרום זיך די ליטעראַרישע כּחות, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן באָדן פון אָנערקענען די רעוואָלוציע. אָבער מיט אַ באַוואָרעניש, וואָס האָט אין דער פּראַקטיק געבראַכט צו אַ „ויסוג אחור". דערי־בער האָט דער זשורנאַל געטיילט דעם גורל פון דער פּאָליטי־שער שטרעמונג, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן. די „סמענאָוועכאָווסטוואָ" האָט זיך גיך אויסגעשעפּט. דער צוג פון דער רעוואָלוציע איז פאַרבייגעפלויגן די סטאַציע, אויף וועל־כער די „סמענאָוועכאָווצעס" האָבן געטרוימט זיך אָפּצושטעלן. און סיי די שטרעמונג נופא און סיי דער זשורנאַל „נאָוואַיאַ ראָססיאַ" זענען געוואָרן אַן אייגנטום פון דער געשיכטע.

V

כדי אונזער קורצער איבערזיכט זאָל זיין פול, וועלן מיר נאָך דערמאָנען דעם „רוססקי סאָוורעמעננִיק" — אַ ליטע־ראַרישע התחלה, וואָס איז אויך פאַרשלונגען געוואָרן דורך דער פאַרגאַנגענהייט.

דערדאָזיקער זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין 1924־טן יאָר, האָט צוגעצויגן צו זיך די צעשאָטענע פאַר־שטייער פון כמעט אַלע ליטעראַרישע התחלות פון פאָריקן פעריאָד. מיר טרעפן דאָ יעווגעני זאַמיאַטינען פון די „זאַ־פּיסקי מעטשטאַטעליִי", ק. טשוקאָווסקין פון „דאָם איסקוססטוו", אַבראַם עפראָסן פון „שיפּאָווניק". אַ נאָענטן אָנטייל אין זשור־נאַל האָט גענומען מ. גאָרקי. „רוססקי סאָוורעמעננִיק" האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פּאָליטיק. דער זשורנאַל האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען די „ריינע ליטעראַטור", די ליטעראַטור אַלס אַזעלכע. ער האָט נישט געוואָלט לייזן די־

פּראָגעס, וווהין רוסלאַנד גייט און וואָס עס דערוואַרט אונז בכלל מאָרגן. „לאָמיר עוסק זיין אין ליטעראַטור“, האָבן זיך געזאָגט צו זיך די שרייבער, וועלכע האָבן זיך אָנגערופן „סאָווורעמעננִיקי“, (היינטצייטיקע).

צי דען איז אָבער דער אָפּזאָג פון פּאָליטיק נישט געווען קיין „פּאָליטיק“? אַמאָל האָט פּיטירים סאָראָקין אויף די זייטלעך פון „וועסטניק ליטעראַטורי“ געפּרעדיקט זיין אַנגלאָ-סאַקסאָנישן שטאַנדפּונקט. ס'איז אַרויסגעקומען אומגעפער אַזוי: „די מאַכט איז פאַר זיך, און „מיר“ — אויך פאַר זיך. מיר שטערן איר נישט, אָבער מיר העלפן אויך נישט. מיר דרייען זיך פּראָסט-פּשוט אויס צו איר מיט דער פּלייצע“. אין דער פּאָזיציע, וועלכע דער זשורנאַל האָט אויסגעוויילט, איז געווען אַ געוויסע ענלעכקייט מיט סאָראָקינס דאָזיקער אַנגלאָ-סאַקסאָנישער טאַקטיק. אָבער... טרייב די נאַטור דורך דער טיר, וועט זי אַריינפליען דורכן פענסטער. דער אַפּאָליטיזם פון „רוסקי סאָווורעמעננִיק“ האָט געמאַכט פּאָליטיש זיין ליטעראַרישע פּאָזיציע. מען דאַרף באַמערקן, אַז דערקלערנדיק זיך אַלס אַפּאָליטיש, האָט דער „רוסקי סאָווורעמעננִיק“ געוואָלט זיין אַ זשורנאַל פון דער „ראַטן“-ליטעראַטור, אַריינגעמענדיק אין איר די רעכטע, וועלכע זענען געשטאַנען מיט איין פוס אויף דער גרעניץ פון דער ראַטן-לעגאַליטעט, די לינקע, וואָס האָבן זיך מיטביידע פיס פאַרפעסטיקט אויף דער ראַטנפּלאַטפאָרם, און אַפילו די פּראָלעטאַריער. נעבן וו. כאָדאַסעוויטשן זעען מיר נ. אַסעעוון, לעאָניד אַנדרעיעוו איז לעאָניד לעאָנאָוואַ שכן, ניקאָלאַי טיכאָנאָוו מיט מאַרינאַ צוועטאַיעוואַ, יעוו. זאַמיאַטין מיט מ. גערשענזאָן, אָ. מאַנדעלשטאַם מיט וו. קיריליאָוון.

איינלאַדנדיק „סיי די סיי יענע“ האָט זיך דער זשורנאַל באַמיט צו פאַרנעמען אַ געוויסע נייטראַלע פּאָזיציע, „נישט דאָס, נישט יענץ“, נישט קיין פיש, נישט קיין פלייש, פון יעדער זאַך צו ביסל. פונדעסטוועגן איז די סימפּאַטיע צו דעם עבר קענטיק געווען אַפילו אַ בלינדן. דאָס האָט דעם „סאָווורעמעננִיק“ געמאַכט נישט „היינטצייטיק“—ווי דאָס איז באַמערקט געוואָרן בשעתו אין „באָלשעוויק“. צוליבן דאָזיקן

טעם איז די רייכסטע אָפּטיילונג אין זשורנאַל געווען דער „ליטעראַרישער אַרכיוו״: מיט אַ ריינעם געוויסן האָט ער גע־מעגט אַרויסגיין אונטערן דאָזיקן קעפּל.

וועגן „רוסקי סאָווּרעמעננִיק״ קען מען זאָגן, אַז ער האָט זיך באַמיט צו גיין פאָראויס מיטן הינטן פאָראויס. זיין פּנים איז געווענדעט געווען צו דער פאַרגאַנגענהייט. ווען ער פלעגט זיך אָבער ווענדן צו דער היינטיקער צייט — איז זיין קול געווען גערייצט און שטרענג. אין דער בעלעטריסטיק פון זשור־נאַל האָט געגעבן דעם טאָן יעווגעני זאַמיאַטין, אין דער קרי־טיק — ק. טשוקאָווסקי און די פאָרמאַליסטן, אין פראַגן פון קונסטטווען האָט דערזעלבער אַבראַם עפראָס מליצהדיק מבשר געווען דאָס אָנקומען פון דער „קלאַסישער שנעקע״. „זי גייט זייער פּאַמעלעך, האָט ער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל „דער אויפשטאַנד פון צוקוקער״ אין ערשטן בוך פון „רוסקי סאָווּרעמעננִיק״ — מיר זענען אָבער זייער איינגעשפּאַרט. און דעריבער וועט זי פאָרט זיין״. אין זעלבן גייסט פון איינגע־שפּאַרטן דערוואַרטן די „קלאַסישע שנעקע״ האָבן באַהאַנדלט די „ליטעראַטור״ די קריטיקער פון „רוסקי סאָווּרעמעננִיק״.

די שנעקע, ווי ס'איז פּאַסיק פאַר איר, האָט זיך נישט געאיילט. און די „היינטיקע צייט״ האָט דערווייל געמאַכט אַ דרוק אויפן „סאָווּרעמעננִיק״. אין דער צייט, וואָס מען האָט געוואַרט אויף דער „שנעקע,״ האָט מען זי — די „היינטיקע צייט״ — געמוזט „האַלטן אין צוים״. און דער זשורנאַל האָט טאַקע פאָרגעשטעלט אַ זעלטענעם בילד: אַ „סאָווּרעמעננִיק״, וועלכער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט צופרידן מיט דער „היינטצייטיקייט״. אויב אָבער דעם „רוסקי סאָווּרעמעננִיק״ האָט געערגערט די „רוסישע היינטצייטיקייט״ — איז ערגער פאַר דערהיינטצייטיקייט! דער „סאָווּרעמעננִיק״ האָט צייט, ער וועט אונטערוואַרטן! ער וועט זיך זעצן אויף אַ שטיין, און ווי דער ריכטער גרינוואַלוס וועט ער אונטערזיצן „אויף דער זעלבער פּאָזיציע״, ביז עס וועט נישט אָנקומען די קלאַסישע „שנעקע״.

און די טעאָרעטיקער פון „רוסקי סאָווּרעמעננִיק״ — ב. מ. אייכענבאַום אין אַרטיקל „אין דערוואַרטונג פון דער

ליטעראַטור״ און יו. טיניאַנאָוו, וואָס האָט אָנגעשריבן אַן אַר־טיקל וועגן „ליטעראַריש הײנט״ (אין דעמזעלבן ערשטן ביכל פון זשורנאַל) — האָבן טאַקע אָנגענומען דידאַזיקע פּאָזע. זיך דורכשפּאַצירנדיק איבערן „הײנט״, שטעלט טיניאַנאָוו אין סופצנטן קאַפּיטעלע די פראַגעס:

און וואָס איז ווײטער?

וווּהין וועט גײן די ליטעראַטור?

און ער ענטפערט, אַז דאָס אַלץ איז נישט אַזוי פּשוט, אַז די ליטעראַטור האָט אַ סך וועגן, — די ליטעראַטור איז „נישט קײן צוג״, און דער קריטיקער — „נישט קײן סטאַ־ציע־אויפזעער״ — נו, מיט אײן וואָרט, טשעפּעט זיך אָפּ, קריכט נישט מיט קײן פראַגעס „וואָס־זשע״ און „וווּהין״. אָבער, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער ענין וועט אָננעמען אַזאַ ווענ־דונג: בײ דער ליטעראַטור וועט מען באַשטעלן „אינדיע״, און זי וועט אַנטדעקן „אַמעריקע״. מיט אַנדערע ווערטער: מען שטויסט די ליטעראַטור „פאָראויס״ און זי וועט נעמען און וועט אַ קער טאָן ערגיץ אין אַ זײט.

וואָס האָט דער „רוסקי סאָווערעמענניק״ געוואָלט? אין עפּראָסעס אַרטיקל איז געווען געזאָגט: „מײַסטערשאַפט״. אַן אויסגעצײכנט וואָרט! ווער־זשע וועט זיך אונטערנעמען צו דערווײַזן, אַז די רעוואָלוציע דאַרף נישט האָבן קײן מײַס־טערשאַפט. אָבער ווען איז „מײַסטערשאַפט״ געווען אַ זעלב־שטענדיקע קראַפט? וואָס וועט בילדן דעם „מאַטעריאַל״ פון דער מײַסטערשאַפט? די אַמפּעריי איז דאָך נישט געפירט, גע־וואָרן אַרום דער פראַגע: ווער איז פ א ר מײַסטערשאַפט און ווער ק ע ג ן. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט, ווו די „מײַסטערשאַפט״ איז געווען אַ מאַסקע, אונטער וועלכער עס האָט זיך באַהאַלטן אַפּאָליטיזם — אין בעסטן פאַל, רעאַקציע — אין ערגסטן. און צי דען איז נויטיק צו דערווײַזן, אַז אין דער רעוואָלוציע־עפּאָכע האָט זיך בײ אַ רעוויזיע אויך אַפּאָלי־טיזם אַרויסגעוויזן אַלס רעאַקציע?

דער „רוסקי סאָווערעמענניק״ איז געווען אַ פּרוּוו צו שאַפן אַ געוויסן „נאַציאָנאַלן בלאָק״ אין דער ליטעראַטור. אין בלאָק זענען טאַקע אַרײַן סײַ די „לעפן״ (אַסעעוו, פּאַס־

טערנאַק, וויקטאָר שקלאָווסקי) סיי די מיטלויפער, — באַבעל, לעאָנאָוו, פּילניאַק, סיי די רעאַקציאָנערע פריערשע דיכטער — קליועוו, סיי די רעוואָלוציאָנערן — יעסענין, און אַפילו די פּראָלעטאַריער פון „קוזניצא״ — מ. געראַסימאָוו, וו. קירילאָוו נעבן וו. כאָדאַסעוויטש און מאַרינאַ צוועטאַיעוואַ. אָבער אין דאָזיקן „בלאָק״ איז געווען פאַרדאָרבן זיין עצם צושטאַנד-קומען. דער בלאָק איז צונויפגעקלייעט געוואָרן מעכאַניש. דער זשורנאַל האָט נישט געהאַט קיין „געמיינזאַמע אידייען״, קיין שום אָנפירנדיקע פּרינציפּן, וועלכע וואָלטן געקענט אַרויסגעשטעלט ווערן אַלס פּלאַטפאָרם פון זשורנאַל. „מייסטערשאַפט״ — אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַטפאָרם: צי קען מען זיך בכלל פאָרשטעלן די עקזיסטענץ פון אַ וועלכער נישט איז אויסגאַבע מיט שעפערישע אויפגאַבעס אָן די פּרינציפּן פון מייסטערשאַפט? דער אומגליק פון זשורנאַל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט „מייסטערשאַפט״, אָבער נישט קיין „רעוואָלוציע״, און די עפּאָכע האָט, ווי אויף צו להכעיס, געפאָדערט: גיב אַהער מייסטערשאַפט, אָבער אומבאַדינגט אַ רעוואָלוציאָנערע! אין קאָנפליקט מיט דער עפּאָכע האָט דעם „רוסקי סאָווערעמענניק״ נישט אָפגעראַטעוועט זיין אָפּנקייט פאַר אַלעמען — פון כאָדאַסעוויטש ביז געראַסימאָוון. דער „באַשיצנדיקער״ כאַראַקטער פון דערדאָזיקער „כאַקי״-פאַרב האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן.

דאָס נישט אָננעמען די רעוואָלוציע איז אין רעוואָלוציאָנערע עפּאָכעס — קאָנטער-רעוואָלוציע. קיין שום מאַסקע פון „נייטראַליטעט״ וועט נישט אויסבאַהאַלטן דעמדאָזיקן פאַטאַלן זין, דער „רוסקי סאָווערעמענניק״ האָט געוואָלט זיין נייטראַל. דערמיט האָט ער געטויט זיין צוקונפט. און דער זשורנאַל איז אָפּגעשטאָרבן — אַראָפּ פון דער סצענע אומבאַמערקט, — און ווער, אַחוץ די מיטאַרבעטער, האָט געפילט די ביטערקייט פון פאַרלוסט? דער טויט פון זשורנאַל האָט גאָרנישט געענדערט אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור. עס וואָלט זיך אין איר אויך גאָרנישט געענדערט ווען דער זשורנאַל זאָל ווייטער עקזיסטירן.

פאַרלאָזנדיק דעם רעכטן פליגל, לאָמיר זיך איצט אי-

בערוואָרפן אויפן לינקן אָפּשניט פון פראָנט, וועלכער איז פאַרנומען געווען דורך די פוטוריסטן. אין 1923-טן יאָר זענען זיי ווידער אַרויסגעטראָטן אָרגאַניזירט אונטערן נאָמען „לעף״.

VI

אין דער צייט פון זייער שטיין ביי דער מאַכט האָבן די פוטוריסטן נישט אָרגאַניזירט די ליטעראַטור. זיי איז אַפילו נישט געלונגען צונויפצוזאַמלען אַרום זיך אַ באַדייטנדיקע גרופּע סימפּאַטיקער.

דער „אַוועקגיין״ פון די פוטוריסטן האָט עדות געזאָגט וועגן פּראַקטישן דורכפאַל פון דערדאָזיקער גרופּע. זי איז צעפאַלן געוואָרן; אַ טייל פון אירע אָנטיילנעמער האָט זיך באַוויזן אויפן ווייטן מזרח: נ. אַסעעוו, ס. טרעטיאַקאָוו. די צווייטע — נאָך ווייטער, ווי, למשל, ד. בורליוק, וועלכער ווײַלט נאָך אויך איצט די אַמעריקאַנער מיט די מיטלען פון מאָסקווער „עפּאַטאַזש״. מאַיאַקאָווסקי האָט גענומען אַרבעטן אין „ראָסטאַ״, שרייבן פּלאַקאַטן, אַגיטאַציע-לידלעך, אַגיטאַציע-פּאָעמעס, בלויז פון צייט צו צייט אַרויסטרעטנדיק מיט זאַכן פון דויערנדיקער קראַפט. אָ. בריק האָט געאַרבעט אויפן געריכטס-געביט, ב. קושנער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין אמתער ספּעציאַליטעט — מיט אינזשינערעריי, ס. טרעטיאַקאָוו האָט געלערנט רוסיש די כינעזישע סטודענטן. ערשט אין פרילינג פון 1923-טן יאָר, מיטן דערשיינען פון ערשטן נומער „לעף״ — „דעם זשורנאַל פון לינקן פראָנט פון די קונסטן״, מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר אין דער פּערזאָן פון וו. מאַיאַקאָווסקי, טרעט דער פוטוריזם ווידער אַרויס אַלס אָרגאַניזירטע שטרעמונג.

די אָרגאַניזאַציע פון „לעף״ איז געווען אין דער גרעסטער מאָס אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צו די אידעאָלאָגישע פעלערן און פּרעטענזיעס פון די „לעפן״, קען מען פונדעסטוועגן נישט אָפּלייקענען, אַז אין דער מאָדערנער רוסישער ליטעראַרישער באַוועגונג שטעלן איינציקע „לעפן״ פאָר מיט זיך אַ הויכע דערגרייכונג פון וואָרט-מייסטערשאַפט. מאַיאַקאָווסקי איז קודם-כּל אַ שפּראַך-ווירטואָז, וואָס

קען זיך באַגיין מיט איר, ווי מיטן פיינסטן אינסטרומענט און ווי מיט אַ מאַלער-פּינזל. איך רייד נישט וועגן ב. פּאַסטערנאַק — אַ דיכטער, וואָס זיין באַדייטונג איז נאָך ווייט נישט אָפּגעשאַצט, מיט וועלכן עס וואָלט שטאָלצירט איעדע פון די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן, — וואָס איז אין יענע יאָרן נאָנט געווען צו די „לעפן”.

דער הויך פון זייער דיכטערישער מייסטערשאַפט האָבן טאַקע די „לעפן” צו פאַרדאַנקען זייער השפּעה, וועלכע מ׳קען נישט פאַרלייקענען און וועלכע איז נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען זייער באַדייטנדיק. זיי האָבן פעסטגעשטעלט רעקאָרדן, וועלכע מען האָט געדאַרפט איבערשטייגן..

אָט דאָס איז געווען די „רעכטע האַנט” פון די לעפן, זיי האָבן אָבער אויך געהאַט אַ „לינקע”. גרויסע מייסטערס אויפן געביט פון דער דיכטערישער מלאכה, זענען זיי געווען גרויסע פּלאָנטערער אויפן געביט פון דער „פילאָזאָפיע” פון קונסט. זיי האָבן געוואָלט זיין נישט נאָר אָנטיילנעמער פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג, נאָר אירע פירער-טעאָרעטיקער. מיט אַנדערע ווערטער, די פּרעטענזיעס פון די „לעפן” האָבן נישט אַנטשפּראָכן זייער ספּעציפישער געוויכט. די טעאָריע פון די „לעפן” איז געבליבן הינטערשטעליק לגבי דער פּראַקטיק און אויף וויפל זיי האָבן געוואָלט זיין דוקא טעאָרעטיקער — איז די באַדייטונג פון די „לעפן” געוואָרן אַלץ שוואַכער, וואָס מער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט זייער נישט-צוגעגרייטקייט צו דער ראָלע, אויף וועלכער זיי האָבן פּרעטענדירט.

דאָס נישט וועלן באַנוגענען זיך מיט דער ראָלע פון אַ פּאָעטישער מחנה פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, וואָס באַזיצט אַ הויכע ניוואָ פון מייסטערשאַפט, איז טאַקע געוואָרן די אַכילעס-פּיענטע פונם „לעף”.

די פּרעטענזיעס פון „לעף”, וואָס זענען באַגלייט געוואָרן דורך אַ גרינגשעציקע באַציִאונג צו אַנדערע מחנות פון דער ליטעראַרישער קונסט, די אַלטע באָהעמע-מיטלען, אַריבערגעטראָגענע אין אַ נייער סביבה, דער רעקלאַמע-גייסט, אָפטמאָל אַן אומדערטרעגלעכער, דאָס אונטערוואַרפן די אינטערעסן פון דער ליטעראַטור די אינטערעסן פון זייער קליין הייפל, דאָס פאַרריסענע איבער-

טרייבן זייערע דערפאָלגן און זייער היסטאָרישע באַדייטונג — דאָס אַלץ האָט געשאַפן ארום „לעף" אַן אַטמאָספער פון אַ קליינלעך-שנאה.

דעריבער איז פאַרן „לעף", אוממעגלעך געווען אויסצופירן די אַקטועלע און פאָזיטיווע אויפגאַבע, וועלכע ער האָט פּראָקלאַמירט אין דעם לייט-ארטיקל פון ערשטן נומער פון זיין זשורנאַל, — „צונויפּנעמען אינאיינעם די ל י נ ק ע כ ח ו ת", ד. ה. די מייסטערס, וועלכע אַרבעטן כמעט אין אַלע געביטן פון קונסט. 26)

די ווייטערדיקע געשיכטע פון „לעף" איז געווען די געשיכטע פון כסדרדיקן פאַרקלענערן דעם שוווּנג, וועלכער האָט זיך סוף-כל-סוף פאַרקלענערט ביז דער פּאָעטישער אַרבעט פון אַ פיר-פינף דיכטער. פון דעם ברייטן פּרווו צו שטויסן פאָר-אויס די ג אַ נ צ ע „לינקע" קונסט האָט זיך דער „לעף" געמוזט אָפּזאָגן.

דעם „לעפס" פּרווו צו פאַרשיטן דעם תהום צווישן זיך און דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער הילף פון דער טעאָריע וועגן אַ „סאָציאַלער" באַשטעלונג, איז נישט געווען קיין געלונגענער. נישט מער פּרוכטבאַר איז געווען אויך די צווייטע טעאָריע פון „לעף", וועלכע עס האָט געשאַפן דער ח. טשוזשאַק, — די טעאָריע פון קונסט אַלס לעבנבויערין. חוצדעם קען מען וועגן מחבר פון דערדאָזיקער טעאָריע געווי נישט זאָגן, צי טשוזשאַק איז אַ „לעף", אָדער ער איז אַ „טשוזשאַק" צווישן די לעפן *).

און די גאַנצע פּראַקטישע אַרבעט — די פּרווון צו באַגרינדן מיט „זאַכן" זייערע אָנשויאונגען אויף דער קונסט, ווי אויף אַ פאַבריקאַציע פון צוועקמעסיקע זאַכן, זענען נישט געגאַנגען ווייטער פון דעמאָנסטרירן אַ. לאַווינסקיס קאָנסטרוקטיווע סכעמעס, אַ. ראָדטשענקאָס פאָטאָמאָנטאַזש און נאָך עטלעכע פּרווון, וועלכע פאַרשווינדן פון זכרון. אָ. בריקס פּרווון צו מאַכן געוויסע „אַלגעמיינע" און „טעאָרעטישע" אויספירן פון די דאָזיקע אין תוך-גענומען נעבעכדיקע עקספּערימענטן, זענען,

---

*) אַ ווערט-שפּיל: טשוזשאַק איז אויף רוסיש — אַ פרעמדער. (איב.)

פאַרשטייט זיך, קאָמיש. צי די „פּראַקטישקייט" דינט אויף צו פאַרשענערן אַ זאַך, און דער „קאָנסטרוקטיוויזם"—פאַר איר פאָרמירונג, — איז אָבער די זאַך די, וואָס סיי די „פּראַקטישקייט" סיי דער „קאָנסטרוקטיוויזם", וועלכע ווערן דורך בריקן אַנטקעגנגעשטעלט דער „באַצירונג", ווערן שוין פון גאָר לאַנג אויסגענוצט דורכן בורזשואַזן קאַפּיטאַליסטישן מערב ווי איינער פון די מיטלען צו שאַפן זאַכן, און אויב מאַיאַקאָווסקי האָט אין גאָר דער לעצטער צייט אַקעגנגעשטעלט דער וועגנוס פון מילאָס אַ שפּילצייג, וועלכע איז צוגענגלעך נאָר די מיליאַרדערן און געקרוינטע פּערזאָנען — דעם אויטאָמאָביל ראָלס-ראָיס, איז דאָך אָבער אין דעמדאָזיקן קעגנשטעלן דער וועגנוס פון מילאָס אַ ראָלס-ראָיס נישטאָ קיין טראָפּן „רעוואָלוציע". דאָס איז גראָד דאָס, וואָס עס האָט געשאַפן די ראַפינירטע באַדערפעניש פון דער בורזשואַזיע צו געפינען „רו" אפילו אין „באַוועגונג". ראָלס-ראָיס איז אַזאַ מין „טרוימערישער וויגשטול"—אַזאַ מין שנעל-זיך-באַוועגנדיק וויגעלע, ווו עס צערטלט זיך דער געכאָלעטער קערפּער פון אַ מאָדערנעם מיליאַרדער. יעדנפאַלס, דער לויב-געזאַנג פאַר דעם סאַמען בורזשואַזן שפּילצייג זאָגט לחלוטין נישט עדות וועגן דער טיפקייט פון די פּראָלעטאַרישע געפילן, וועלכע באַוועגן וו. מאַיאַקאָווסקין.

דער פּרווו פון „לעף" צו שאַפן אַ נייע עסטעטיק, וואָס גיט אַ ריכטיקן בליק אויף דער קונסט, האָט זיך אויך נישט איינגעגעבן. ס. טרעטיאַקאָוו האָט געשריבן וועגן „קונסט" „ווי וועגן אַ מיטל פון אַ עמאָציאָנעל-אָרגאַניזירנדיקער ווירקונג אויף דער פּסיכיק אין פאַרבינדונג מיט דער אויפגאַבע פון קלאַסן-קאַמף". 27) דאָס איז געווען די צווייטע, אַזוי צו זאָגן אָפיציעלע טעאָריע פון „לעף", נעבן דער „קונסט פון לעבנבוי", וועגן וועלכער עס האָט געשריבן נ. טשוזשאַק. 28) די דאָזיקע לעצטע איז געווען נענטער צו דער פּראָדוקציע-טעאָריע, וועלכע האָט גערעדט נישט וועגן דער פילאָזאָפיע פון קונסט, נאָר וועגן פּראַקטיש אָנווענדן די הויכע טעכנישע מיטלען פאַר די פּראָדוקציע-פּראָצעסן. אגב, סיי די טעאָריע פון ס. טרעטיאַקאָוון און סיי זיין נייע עסטעטיק זענען סוף-כּל-סוף באַשטאַנען אין דעם, אַז דאָס „פאַנאַנדערטיילן און קעגנשטעלן

די באַגריפן „פאָרם" און „אינהאַלט" דאַרפן פאַרביטן ווערן דורך אַ לערע וועגן די מיטלען צו באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל אין אַ נויטיקע זאַך, וועגן דער באַשטימונג פון דערדאָזיקער זאַך און וועגן די מיטלען ווי אַזוי זי צו פאַראייגענען".

פון ס. טרעטיאַקאָווס שטאַנדפונקט איז די קונסט נישט מער ווי אַ פראָצעס פון פראָדוצירן און פאַרברויכן עמאָציאָנעל-אָרגאַניזירנדיקע זאַכן. „דער מהות פון דער טעאָריע פון דער פראָדוציר-קונסט, — האָט ער געשריבן, — באַשטייט אין דעם, וואָס דעם קינסטלערס דערפינדערישקייט דאַרף דינען נישט די אויפגאַבעס פון אַלערליי באַצירונגען, נאָר זי דאַרף אָנגעווענדעט ווערן צו אַלע פראָדוקציע-פראָצעסן. מייסטערהאַפט אויסאַרבעטן אַ נוציקע און צוועקמעסיקע זאַך — אָט אין דעם איז די באַשטימונג פון קינסטלער, וועלכער פאַלט דורכדעם גופא אַרויס פון דער קאַסטע פון די שעפער און פאַלט אַריין אין געהעריקן פראָדוציר-פאַראיין".

וואָס שייך די אויפגאַבעס, וועלכע אונזערע פוטוריסטן האָבן געשטעלט צו דער קונסט, — איז זייער זין באַשטאַנען אין דעם, אַז דער פערז „זאָל זיך אויפרייסן ווי פיראָקסילן אין מאָגן פון פאַרברויכער". אָט דאָ איז טאַקע מעגלעך אָנצוטאַפּן דעם עיקרדיקן פונקט פון פסיכאָלאָגישן — נישט לאָגישן — חילוק צווישן די „לעפן" און אונזער איבעריקער רעוואָלוציאָנער-ליטעראַרישער וועלט. אין דער צייט, וואָס די-דאָזיקע גאַנצע וועלט (אין איר גרעסטער מערהייט) האָט אָנגעווענדעט אירע גאַנצע כחות — ביים קומען אין באַרירונג מיט דער קונסט — כדי צו בויען *נייעס*, דורך פאַראייגענען דאָס אַלטע, איז דער פאַרבאָרגענער לייט-מאָטיוו ביי די פוטוריסטן געווען נישט דאָס בויען, נאָר דער *חורבן*, די צעשטערונג פון דער קונסט. דער אַלטער, „פוטוריסטישער" לאָזונג: „אַראָפּוואַרפן פושקינען פון היינטצייטיקן דאַמפער", איז געבליבן אין קראַפט. „*עס קען נישט און עס טאָר נישט זיין קיין שום קאָאַליציע צווישן „לעף" און דער אַלטער קונסט אין היינטיקער שעדלעכער אָנווענדונג* — אַזוי האָט געזאָגט „לעף". דעם ציל, וועלכן די פוטוריסטן האָבן פאַרפאָלגט אין די באַ-

דינגונגען פון געוועזענעם „ברייט־מחילהדיקן קליינבירגערלעך־בורזשואַזן לעבנס־שטייגער — די צעשטערונג פון דער קליינבירגערלעכער עסטעטיק, — האָבן זיי היינט, לויט די רייד פון ס. טרעטיאַקאָוון, פאַרברייטערט ביז די גרעניצן פון אַ קאַמף פאַרן חורבן פון דער קונסט בכלל. דער וועג, אויף וועלכן דער פוטוריזם האָט גערופן אונזער תקופה, — איז דער וועג פון צעשטערן די קונסט. אָבער גראָד מיט דעם האָט נישט געקענט מסכים זיין דער פּראָלעטאַריאַט. זיין טעטיקייט אין די רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונג זענען געווענדט געווען אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג.

שטעלנדיק זיך אַזעלכע „צעשטערערישע" אויפגאַבעס, ענג פאַרבונדן מיט דער פאָרמעלער טעאָריע, — וועגן איר רעאַקציאָנערע שטריכן ריידן מיר אויף אַ צווייטן אָרט,—אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער צעפוילטער בורזשואַזער קונסט און אַליין אויך נישט פריי פון די בורזשואַזע שטריכן, איז דער נעאָפוטוריזם אַרויסגעטראָטן מיט אַ שטאָלצער פּרעטענזיע צו זיין דער עסטעטישער אידעאָלאָג פון פּראָלעטאַריאַט. ער האָט זיך אַפילו דערוועגט צו פאַרזיכערן, אַז ער—דער „לעף" — „איז דער פאָרמירער פון דעם קאָמוניסטישן וועלטגעפיל".

אין די נייע באַדינגונגען, שוין נאָכן צעשטערן די בורזשואַזיע, פּנים אל פּנים מיט די אומגעהייער-גרויסע אויפגאַבעס, וועלכע עס האָט אַרויסגעשטעלט די עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, האָבן די „לעפן" מיט זעלבסט־צופרידנקייט ווייטער געפּרעדיקט די אַלטע אַקסיאָמעס פון באָהעמישן ניהיליזם, ריכטיק ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען און זיי וואָלטן ווי פריער דערדריקט געווען דורכן ברייט־מחילהדיקן קליינבירגערלעך-בורזשואַזן לעבנס-שטייגער.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן: דידאָזיקע דעפיניציע פון זייערע אויפגאַבעס האָט פעסטגעשטעלט, אַז אונזערע „מייסטערס" האָבן גישט פאַרשטאַנען די „סאָציאַלע באַשטעלונג" און זיי האָבן געטאָן נישט דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט. צום גליק פאַר די „לעפן" איז די באַדייטונג און דער זין פון זייער גייסטער אַרבעט באַשטאַנען נישט אין זייער טעאָריע, נאָר אין דער

פּראַקטיק. נישט טשוזשאַק, נישט בריק און, פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט מיכאַאיל לעווידאָוו — נישט דידאָזיקע מענטשן האָבן געבראַכט אַ צושטייער אין דער געשיכטע פֿון דער ליטעראַרישער באַוועגונג. בלויז מאַיאַקאָווסקי מיט אַסעעוון האָבן אַרבעטזאַם געדרייט די מילשטיינער פֿון דער דיכטונג, אָפּווישנדיק פֿון פּנים דעם שווייס. דעריבער קענען מאַיאַקאָווסקי און אַסעעוו זאָגן: „דער פֿוטוריזם — דאָס זענען מיר‟. אָבער דידאָזיקע גערעכטע פֿאַרזיכערונג וועט זיין אַ פֿאַראורטיילונג פֿאַרן פֿוטוריזם אַלס ליטעראַרישע גרופּירונג: פֿאַרמאָגנדיק אַ סך שאַנסן צו ווערן אַ מיטלפּונקט פֿון דער ליטעראַרישער באַוועגונג פֿון אונזער עפּאָכע, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אומפֿעאיק פֿאַר דערדאָזיקער ראָלע.

דערפֿון נעמט זיך דעם „לעפֿס‟ איינזאַמקייט. זיין פֿאַרבונדנקייט מיטן קאָלעקטיוו איז תּמיד געווען בלויז אויף ווערטער. פֿאַרן גאַנצן משך פֿון די רעוואָלוציע-יאָרן קען דער „לעף‟ זיך נישט רימען מיט קיין גרויסע דעראָבערונגען. איינצלנע פֿלעגן צום „לעף‟ קומען — און אַוועקגיין. וועמען האָבן די „לעפֿן‟ אַרויסגערוקט פֿון די יונגע? עס האָבן זיך אַ ווייַז געטאָן צוויי-דריי נעמען — און גאָר. אָבער די גאַנצע ליטעראַרישע באַוועגונג פֿון דער יוגנט, וואָס איז רייך מיט טאַלאַנטן, איז דורכגעגאַנגען פֿאַרביי דעם „לעף‟.

אין סך-הכּל איז די פּראָדוקציע פֿון „לעף‟ נישט רייך. קיין פּראָזע האָט ער נישט געהאַט. „לעף‟ האָט געהאַט בלויז איין פּראָזאַאיק, און דערצו איז דאָס נאָך בריק. קונסט? אָ, געוויס, אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז מייערכאָלד איז אַ פּסעוודאָנים פֿון „לעף‟, און אייזנשטיין — זיין צווייטער פּסעוודאָנים, אויב מען זאָל פֿאַרזיכערן, אַז באַבעלן האָט אַנטדעקט דער „לעף‟ און אויף וויפֿל באַבעל איז נישט אין „לעף‟, אויף אַזוי פֿיל איז נישטאָ קיין באַבעל, אויב ראָדטשענקאָ האַלטן פֿאַר אַ „מייסטער‟, און די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿאַר אַ גרויסער קונסט, אויב מ׳זאָל אין לאַווינסקיס קאָנסטרוקטיוויזם זען די צוקונפֿט פֿון דער וועלט-אַרכיטעקטור, דאַן, פֿאַרשטייט זיך, איז אין „לעף‟ אַלץ גוט. דאָס איז אָבער נישט קיין גוטע גוטס-

קייט. דעריבער האָט זיך דעם „לעף״ נישט איינגעגעבן צו דעראָבערן קיין אייגענעם לייענער-קרייז.

דאָס באַדייט נישט, אַז דער גורל פון דער לינקער קונסט אין ראַטנפאַרבאַנד איז טרויעריק. דאָס באַדייט בלויז, אַז דער „לעף״ איז פאַקטיש נישט דער אמתער „לינקער פראָנט״. ל.ד. טראָצקי האָט אַרויסגעזאָגט אַ גאַנצע ריי זייער טרעפלעכע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון פוטוריזם. אין דעם גייט עס טאַקע, וואָס אין דער „פוטוריסטישער איבערגעטריבענער נע-גאַציע פון עבר ליגט אַ באהעמישער ניהיליזם, אָבער נישט קיין פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערישקייט״. דאָס איז איינע פון די הויפּט-סיבות, פאַרוואָס דער פוטוריזם איז נישט אין הסכם מיט אונזער עפּאָכע.

אין היינטיקן פוטוריזם איז, אמת, צו באַמערקן אַ קאַמף צווישן באהעמישן עבר מיט קאָמוניסטישע שטרעבונגען. אָבער זיינע אַלע פּרוּוון צו דערנענטערן זיין וועלטגעפיל צו דעם פּראָלע-טאַרישן זענען אָנגעשטרענגט און קינסטלעך.

דאָס אַלץ זאָגט עדות וועגן „לעף״ ווי וועגן אַ שטרע-מונג, וואָס האָט איבערגעלעבט איר אַפּאָגיי. קיין פוטוריזם איז נישטאָ. דער פוטוריזם איז נאָך געשטאָרבן אין 1918-טן יאָר צוזאַמען מיטן וווקס פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. ער האָט אויפגעלעבט אונטער נאָמען „לעף״ אין נייע בגדים, אָבער אונטער דער נייער „הויט״ האָט געשלאָגן אַן אַלט האַרץ פון אַ בורזשואַזן באהעמע-מענטש. פאַר די „לעפן״ איז גע-שטאַנען אַן אויפגאַבע גובר צו זיין דעמדאָזיקן עבר, אַראָפּ-וואַרפן פון זיך די שלעכטע ירושה פון זייער אַלטן פוטוריזם. זיי האָבן דידאָזיקע אויפגאַבע נישט געלייזט. אין סך-הכל — דער פוטוריזם ווערט פאַרוואַנדלט אין פּאַססעאיזם. דאָס לעבן גייט פאַרויס, און מיט יעדן שריט זיינעם שטייט דער פוטוריזם אָפּ פון לעבן. מ׳קען, פאַרשטייט זיך, נישט לייי-קענען זיינע פאַרדינסטן. ער האָט אריינגעבראַכט אַ סך ווערט-פולס אין אונזער ליטעראַטור. אַ גאַנצע ריי ליטעראַרישע פּראָבלעמען, זייער היינטצייטיקע, זענען אַרויסגערוקט געוואָרן דורכן „לעף״. די אַנטוויקלונג פון נייעם טעאַטער איז פאַר-בונדן מיט די זוכענישן פון די פוטוריסטן. אַ סך פּראַגעס,

וואָס האָבן געהאָלפן קלאָרער צו פאַרשטיין די קונסט, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט. און צולעצט: די אַרבעט פון די „לעפן" אויפן געביט פון דער שפּראַך איז געווען באַזונדערס פּרוכטבאַר. אויף וויפל מיטן פוטוריזם איז פאַרבונדן אַ פאָרמעלע שולע, קען מען נישט אָפּלייקענען דעם באַדייטנדיקן אינטערעס צו דער אַרבעט מצד אַ סך פאָרמאַליסטן, ביי דער אַלגעמיין-נישט-ריכטיקער הנחה וועגן דער אימאַנענטער אַנטוויקלונג פון די קינסטלערישע פאָרמען. דאָס אַלץ זענען פאַרדינסטן, וועלכע מען קען נישט אויסמעקן און וועלכע מען טאָר בכלל נישט פאַרגעסן. אָבער די קונסט, ווי בכלל געשיכטע, לעבט נישט מיט די פאַרדינסטן פון עבר, נאָר מיט דער באַוועגונג צו דער צוקונפט. וואָס מער מען רעכנט אויס די פאַרדינסטן פון פוטוריזם, אַלץ מער זעט מען איין, סאַראַ סך ער האָט געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט! וועגן פוטוריזם קען מען ריידן, ווי וועגן אַ „ירושה פון נעכטן", וועלכע דער בורזשואַזער פעריאָד האָט אונז איבערגעלאָזט.

לאָמיר איצט איבערגיין צו דער טעטיקייט און די אָנשויאונגען פון א. ק. וואָראָנסקי.

VII

ק. וואָראָנסקי דאַרף אין דער געשיכטע פון דער ראַטן-ליטעראַטור באַקומען דעם נאָמען פון אַ איוואַן קאַליטאַ, וואָס האָט צונויפגענומען די ליטעראַטור ברעקלעכווייז, ווען זי האָט נאָך נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך יענע רייכקייט, וועלכע מיר פאַרמאָגן היינט. די לאַגע פון אַ „צונויפזאַמלער" איז נאַטירלעך נישט געווען קיין לייכטע.

די שווערקייט פון דער רעדאַקטאָרשער אַרבעט איז באַשטאַנען נישט נאָר אין דעם, וואָס דער אויסוואַל איז געווען אַ קליינער. ביי דער קליינער צאָל ליטעראַרישע כחות, וועלכע מיר האָבן פאַרמאָגט אין 1921-טן יאָר, איז אויך זייער איכות נישט געווען הויך. די טאַלאַנטן, וואָס האָבן באַצירט דעם רעוואָלוציאָנערן יאָרצענדליק, זענען געקומען שפּעטער. וואָראָנסקי האָט חוצדעם צונויפגענומען נישט סתם קיין „לי-

טעראַטור״, נאָר אַ „ליטעראַטור״, וואָס האָט קינסטלעריש געקענט אָפּשפּיגלען די רעוואָלוציע. עס איז נויטיק געווען אַ נייע, יונגע קונסט, אַ געבוירענע און אויפגעהאָדעוועטע דורך דער רעוואָלוציע, אַ שטאַרק מיט איר פאַרבונדענע. און אַזאַ קונסט איז נישט געווען, אָדער זי איז געווען אין גאָר אַ קליינער מאָס.

די סעראַפּיאָנער ברידער, למשל, זענען ביי די ערשטע טריט געווען פיינטלעך צו דער רעוואָלוציע, מאַסקירנדיק דידאָזיקע פיינטלעכקייט מיטן פּסעוודאָנים פון נייטראַליטעט, אַפּאָליטיזם און אז. וו. דער פּראָלעטאַרישער פליגל פון דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיינע רייען עטלעכע עכטע דיכטער, איז פונדעסטוועגן נישט געווען אויף אַזוי וויט רייך, כּדי צו שאַפן אַ מעכטיקע ליטעראַרישע באַוועגונג פון הויכן ווערט. און די פראַגע פון „איכות״ איז נעבן דער „רעוואָלוציאָנערישקייט״ געווען עיקרדיק. מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער באַשולדיקונג, וועלכע מען האָט פאָרגעוואָרפן דער רעוואָלוציע, אַז זי האָט כּלומרשט געטייט די אמתע קונסט, אַז די עכטע ליטעראַטור איז כּלומרשט פאַרשוווּנדן פון דער סצענע אויף תּמיד, און איר אָרט האָבן פאַרנומען דאָס אַגיטאַציע-בלעטל, די פּראָקלאַמאַציע, די פּראָפּאַגאַנדיסטישע בעלעטריסטיק.

דידאָזיקע באַשולדיקונג האָט מען געדאַרפט אָפּלייקענען דורך דער פּראַקטיק. מען האָט געדאַרפט וויזן דער גאַנצער וועלט, אַז די רעוואָלוציע וועט שאַפן אַ קונסט, נאָך פּרעכטיקער פאַר דער, וועלכע איז אוועק מיט איר קומען! זיך באַגרעניצן מיטן אַפאָריזם, „ווען עס רײדן די האַרמאַטן, שווייגן די מוזעס״ איז שוין נישט מעגלעך געווען — די האַרמאַטן האָבן אויפגעהערט צו דונערן אַרום 1921-טן יאָר. עס איז געקומען די צייט פאַר די „מוזעס״ ווידער אָנצוהויבן ריידן. אָנפילן דידאָזיקע זשורנאַלן מיט ווייניק-טאַלאַנטירטע זאַכן, הגם פולע מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס — האָט געהייסן טאָן אַ בערישע טובה דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געפאָדערט אַ הויכע, אָנשטעקנדיקע, יענע „עכטע״ קונסט, וועגן וועלכער עס האָט געשריבן לענין.

אָט דאָס איז געווען די לאַגע, ביי וועלכער עס האָט אָנגעהויבן זיין רעדאַקטאָרישע אַרבעט א. ק. וואָראָנסקי.

אין זיינע ערשטע אַרטיקלען, געדרוקטע אין „קראַסנאַיאַ נאָוו״, האָט זיך א. ק. וואָראָנסקי אָפּגעגרעניצט פון דער „אַלטער״ ליטעראַטור. צוזאַמען מיט דער עפּאָכע פון „נעפּ״ האָבן גענומען אויפלעבן די קליינבירגערלעכע, בירגערלעכע ליטעראַרישע עלעמענטן, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען. ער האָט נעגאַטיוו אָפּגעשאַצט די פּרוּוון פון די „טרוימער״ צו פאַרלאָזן די וועלט פון דער האַרטער ווירקלעכקייט, אויפדעקנדיק די קאָנטררעוואָלוציאָנערע אונטערשלאַק פון דאָזיקן „אַוועקגיין״. ער האָט אָנגעוויזן אויף די רעאַקציאָנערע שטימונגען, וואָס האָבן באַהערשט אַנדרעי בעלין, יעווגעני זאַמיאַטינען, ער האָט געשטעמפּלט די ליטעראַרישע צעפּוילטקייט פון די עמיגראַנטן, מאַכנדיק איבער עטלעכע „אַלטע״ אַ הספד.

ער האָט נישט געגלויבט אין תחית המתים פון די טויטע. „עס דאַכט זיך, — האָט ער געשריבן, — אַז אַ סך זענען ענטגילטיק געשטאָרבן פאַר אונזער צייט״. ער האָט אָבער געגלויבט פונדעסטוועגן, אַז אַ געוויסע טייל פון די אַלטע שרייבער וועט זיך קענען צופּאַסן צו די „נייע לעבנס-באַדינגונגען״, „זייער שטים וועט געהערט ווערן, זיי וועלן נאָך זאָגן זייער וואָרט״. „יעדנפאַלס, מספּיד זיין די „אַלטע״ אַנגראָ, דורך און דורך, איז נישט ריכטיק און נישט פאַרשטאַנדיק״. דאָס האָט עדות געזאָגט וועגן דער גרויסער פאָרזיכטיקייט, מיט וועלכער א. ק. וואָראָנסקי איז צוגעגאַנגען צו דער פראַגע וועגן די אַלטע שוין ביי די ערשטע טריט פון זיין קריטישער אַרבעט. ער האָט געהאַלטן, אַז ווען אַלע „אַלטע״, אָן אויסנאַם, וואָלטן אַרויסגעפאַלן פון ליטעראַרישן אומגאַנג — „וואָלט דאָס באַדייט, אַז אין נייעם לעבן איז נישטאָ קיין שום קולטורעלע קאָנטינויִטעט און דער נייער שרייבער וואָלט געדאַרפט האַנדלען אָן דער הילף פון דערפאַרענע מענטשן״.

די הויפּט-מאָטיוון פון וואָראָנסקיס ערשטע אַרטיקלען פון דאָזיקן פּעריאָד זענען געווען מאָטיוון פון קאַמף קעגן מיסטיק, רעליגיע, קליינבירגערלעכקייט, וואָס האָבן דורכגעדרונגען אַ סך

ווערק נישט נאָר פון די אַלטע, נאָר אויך פון יונגע שרייבער. ער האָט געקעמפּט קעגן אויסלעשן דעם קלאַסן־האַס און דער פאַרמינערונג פון די קאַמפּס־געפילן. „עס איז נויטיק, — האָט ער געשריבן, — אַז דער פּראָלעטאַריאַט און אַלע, וואָס שטייען אויף זיין זייט, זאָלן זען אין בורזשואַ זיין געפערלעכסטן דם־שונא און אין די, מיט וועלכע מען קעמפּט, נישט סתם קיין מענטשן, נישט קיין קליינבירגער, נאָר פאָרשטייער פון קעגנערישן קלאַס". ער האָט געוואָרנט די יוגנט קעגן דער פאַרמינערונג פון די געזעלשאַפטלעכע שטימונגען, ער האָט געוואָרנט פאַר דער טאָלסטאַיאָנישער רעזיגנאַציע און עגאָצענטריזם. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן פּעסימיזם און צעקראָכנקייט, וואָס האָבן גענומען קלינגען אין דער דיכטונג פון די פּראָלעטאַרישע דיכטער מ. געראַסימאָוו, נ. פּאָלעטאַעוו, וו. אַלעקסאַנדראָווסקי, אַ פּעסימיזם, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן דערשיינען פון נעפּ. ער האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט קעגן דער אומבאַשטימטקייט פון שרייבערס פּאָליטישן פּרצוף. „די זאָרגלאָזיקייט אין געביט פון אַלגעמיינער וועלטאָנשויאונג, אַ באַוווּסטזיניקער אַפּאָליטיזם, וועלכער ווערט דערהויבן צו אַן אָפּגאָט און פּרינציפּ — איז אַ טויט פאַרן שרייבער אין אונזערע צייטן, וואָס סערע מעגלעכקייטן ער זאָל נישט פאַרמאָגן". ער האָט גערופן די שרייבער אָנצונעמען אַקטיוו און קלאָר די רעוואָלוציע, גובר צו זיין די פּאַסיוויקייט, די אינערלעכע פּוסט־און־פּאַסקייט, אָנצושטרענגען די אינערלעכע וועלט. „מען דאַרף האָבן אַ „ראָזשינקע", „דעם גאָט פון אַ לעבעדיקן מענטשן", אַ גוטע און פעסטע אינערלעכקייט, און וויסן, מיט וועמען דו גייסט און אין נאָמען פון וואָס, — האָט ער געשריבן. — אָן אַ מינימום פון מאָראַלישע און סאָציאַל־פּאָליטישע יסודות וועט דער שרייבער אומפאַרמיידלעך אַריינפאַלן אין לאַגער פון די פאַרביסענע שונאים פון אַרבעט".

מיר זעען די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַקס פון וואָראָנסקיס ערשטע קריטישע אַרויסטרעטונגען. ער אַליין האָט קורץ פאָרמולירט דעם שטאַנדפּונקט, פון וועלכן ער האָט באַטראַכט און אָפּגעשאַצט די ליטעראַרישע באַוועגונג פון זיין צייט:

„קעמפן מיט דער נייער קליינבירגערלעכקייט, וואָס פאַר־פעסטעט די ראַטנלופט, — מיט דער קליינבירגערלעכקייט, ווי זי זאָל זיך נישט געפינען. קעמפן אין נאָמען פון די אַלטע הערלעכע געבאָטן, אין נאָמען פון די אויסגעפּרוּווטע לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז דער עיקר. דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פון זיך אַליין. דאָס איז אַ גענוג־ברייטע פּלאַט־פאָרם פאַר אַ שרייבערישער טעטיקייט".

א. וואָראָנסקי האָט געוואָלט אַריבערוואַרפן אַ בריק צו דער צוקונפט, כדי נישט איבערצולאָזן אויף דעם „אַלטן ברעג", קיין איין זאַך, וואָס האָט אַ ווערט. די פאַרגאַנגענהייט דאַרף דינען דער צוקונפט. און דידאָזיקע צוקונפט האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון יענער ליטעראַרישער יוגנט וועלכע האָט זיך ווי אַ שטראָם אַריינגעריסן אין דער ליטעראַ־טור נאָכן פאַרענדיקן דעם בירגער־קריג.

„דער נייער שרייבער קריכט פון אַלע שפּאַרונעס, — האָט א. וואָראָנסקי געשריבן אין אַרטיקל „פון די היינטצייטיקע ליטעראַרישע שטימונגען". — ער קריכט אַרויס פון די קע־לערס, פון די שטאָט־עקן, פון ווינקעלעך, פון די פאַרוואָרפּנ־סטע עקן, פון דער פּראָווינץ, פונם וואַלד־געדיכטעניש. אָפט טראָגט ער אויף זיך דעם רויטאַרמייאישן שטערן — אַ כאַראַק־טעריסטישע דערשיינונג, אָפט איז ער ענלעך אויף אַזאַ איי־נעם, וועלכן מען פלעגט אויך פריער רופן „ראַזנאָטשינעץ", *) דאָס איז אָבער אַ נייער, אַ ראַטן־„ראַזנאָטשינעץ" פון די נידע־ריקסטע שיכטן, דער עכטער המון פון די שטעט און דערפער".

און ער האָט באַגעגנט דידאָזיקע יוגנט מיטן ווונטש זי זאָל זיך אידעאָלאָגיש זעלבסטבאַשטימען און פאַרשטיין דעם פשוטן אמת פון היינטיקן טאָג.

„מיר טרעטן אַריין, — האָט ער געשריבן, — אין גע־ביט פון אידעאָלאָגישע בירגער־שלאַכטן. אין מלחמה איז ווי אויף מלחמה — זיך געפינען צווישן צוויי לאַגערן קען מען נישט. דאָס איז גוט פאַר די, וועד עס חזרט נאָך איבער די נישטיקע ווערטער וועגן איינהייטלעכן ליטעראַרישן פראָנט, וועגן דער אַפּאָליטישער ליטעראַטור און די איבעריקע מעלה־גירהדי־

*) פון המונישער אָפּשטאַמונג.

קע זאַכן, די ראָלע פון דער קינסטלערישער פּראָזע וועט אין דערדאָזיקער מלחמה זיין קאָלאָסאַל — אַזאַ צייט איז שוין אָנגעקומען".

און מען דאַרף אָפּגעבן רעכט וואָראָנסקין, ער האָט, נישט מיד ווערנדיק, באַצייכנט און באַגריסט נייע נעמען, וואָס פלעגן אַריינדרינגען אין דער ליטעראַטור. ווס. איוואַנאָוו און ל. סייפולינא, ב. פּילניאַק און די „סעראַפּיאָנער", ל. לעאָנאָוו, אַרט. וועסיאָלי, א. בעזימענסקי גייען דורך אויף די זייטלעך פון זיין ערשטן בוך אַרטיקלען.

ער האָט באַגריסט די ערשטע זאַך פון יו. ליבעדינסקי, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַלמאַנאַך „קראַסנאַיאַ נאָוו". „די דערציילונג, — האָט ער געשריבן, — איז נישט געקוקט אויף אַ ריי קינסטלערישע פעלערן, אַ פריידיקע מתנה, באַזונדערס פאַר קאָמוניסטן". און דער פאַקט גופא, וואָס גלייך נאָך דעם קאָמוניסט א. אַראָסעוו האָט זיך באַוויזן אין דער ליטעראַטור. יו. ליבעדינסקי פילט אים אָן מיט אַ מונטערער זיכערקייט, אַז אויך אויפן אידעאָלאָגישן פראָנט פאַרנעמען ביסלעכווייז די קאָמוניסטן די וויכטיקסטע פּאָזיציעס ביי די שונאים. אָבער געבנדיק אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון דערדאָזיקער דערציילונג האָט א. וואָראָנסקי גלייכצייטיק אָנגעמערקט אירע קינסטלערישע דעפעקטן.

וואָס מער עס האָט זיך אַנטוויקלט וואָראָנסקיס קריטישע טעטיקייט און עס האָט זיך אויפגעהויבן העכער די קוואַליטעט פון דער נייער ליטעראַטור, אַלץ אַ מער חשובן אָרט האָבן פאַרנומען אין זיינע קריטישע אַרטיקלען די מייסטערשאַפט, די קינסטלערישע מעגלעכקייטן, די איכותדיקע זייט פון דעם ווערק.

דער צוגאַנג פון וואָראָנסקיס ערשטע אַרטיקלען איז געווען אַ פּובליציסטישער. זיינע ליטעראַרישע אָנשויאונגען זענען נאָך נישט געווען אַנטוויקלט. אין צענטער פון זיין אויפמערקזאַמקייט איז געשטאַנען די פּאָליטישע שטעלונג פון דער ליטעראַטור. די פראַגעס פון קינסטלערישקייט, מייסטערשאַפט פון פאָרם האָבן פאַרנומען דעם הינטערשטן פּלאַן. וואָס ווייטער הויבן זיך אָן דערנענטערן צום צענטער פון דער אויפמערקזאַם-

זאַמקייט די ספּעציפֿישע שטריכן פֿון דער קונסט. צוזאַמען מיטן ווּקס פֿון דער ליטעראַטור זענען אויסגעוואַקסן די ריין-קינסטלערישע פֿאָדערונגען. גלייכצייטיק מיט דער אידעאָלאָגי-שער שטעלונג טרעט אַרויס, ווי אַ גלייכבארעכטיקטע טייל, די באַציאונג צו דער קינסטלערישער קוואַליפֿיקאַציע. די אינ-טערעסן פֿון מייסטערשאַפֿט באַקומען אין זיין קריטיק אַ גרע-סערע באַדייטונג. אין דערדאָזיקער קאָמפּליצירונג אין פֿאַרטי-פֿונג פֿון זיינע קריטישע אָנשויאונגען האָבן געפֿונען זייער אָפּ-שפּיגלונג די וואַקסנדיקע פֿאָדערונגען פֿון דער תּקופֿה. פּונקט ווי אין אַנדערע צווייגן פֿון דער ראַט-ווירקלעכקייט, ווו מיטן ווּקס פֿון אויפֿבוי-פּראָצעס איז געשטעלט געוואָרן אויפֿן סדר היום דער קאַמף „פֿאַרן איכות", האָט זיך אויך אַרויסגערוקט אויף אַן אָנזעעוודיקן אָרט די „איכות"-פֿראַגע פֿון דער קינסט-לערישער ליטעראַטור.

די געהעכערטע קריטישע פֿאָדערונג פֿון א. וואָראָנסקי איז באַשטימט געוואָרן דורכדעם, וואָס ער איז נישט געווען קיין קריטיקער, נאָר אַ רעדאַקטאָר. ער האָט געדאַרפֿט נישט נאָר אָפּשאַצן די ליטעראַרישע ווערק, נאָר זיי אויך אָפּקלייבן פֿאַרן זשורנאַל. אָבער די לאַגע פֿון אַ רעדאַקטאָר, אין פֿאַר-גלייך מיט אַ קריטיקער, איז אַ סך שווערער, ווייל דער טעות פֿון אַ קריטיקער קען דורכגיין אומבאַמערקט און ער ברענגט ווינציק שאָדן. דער טעות פֿון אַ רעדאַקטאָר, וואָס שטעלט אין דעם קינסטלערישן ניוואָ פֿון דער ליטעראַטור אין זייער אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע צייט, קען ברענגען צו זייער ערנסטע פֿאָלגן.

די פֿאָדערונג פֿון הויכן „איכות", האָט א. וואָראָנסקין אַמאָל געצוווּנגען אָפּצוזאָגן זיך פֿון „רעוואָלוציאָנערן" אינ-האַלט, ווען ער איז נישט געווען אָנגעקליידט אין אַ קינסטלע-רישער פֿאָרם. די קינסטלערישע ליטעראַטור איז א ליטעראַ-טור אַ ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע. אָט דאָס איז דער נ ע ס, וואָס האָט אים געצוווּנגען צו פֿאָדערן פֿון די יונגע שרייבער נישט נאָר אַ רעוואָלוציאָנערן מאַטעריאַל, נאָר אויך אַ קינסטלערישע באַאַרבעטונג. אַ דאַנק דעמדאָזיקן קינסטלערישן קריטעריום האָבן אין „קראַסנאַיאַ נאָוו" באַקומען די אויבערהאַנט די שריי-

בער - מיטלויפער. זייערע ווערק האָבן, חוץ דעם מאַטעריאַל, וואָס איז געשעפּט געוועז פון דער רעוואָלוציע, פאַרמאָגט אויך די איינגנשאַפטן פון אַ גרויסער קינסטלערישער מייסטערשאַפט.

עס זענען, פאַרשטייט זיך, געווען פעלערן, מען האָט צו הויך געשאַצט איינצלנע מיטלויפער און איינצלנע ווערק, אָבער די אַלגעמיינע אָריענטירונג אויפן מיטלויפער איז געווען אַ ריכטיקע און רעכטפאַרטיקע. דורך דער „קראַסנאַיאַ נאָווי" זענען אַריין אין דער ראַטן-ליטעראַטור די גרעסטע ווערק פון וס. איוואַנאָוו, ל. סייפולינאַ, ב. פּילניאַק, ל. לעאָנאָוו, אַ. מאַלאַשקין, אי. באַבעל, ס. יעסענין, נ. טיכאָנאָוו און אַנד. דאָס זענען געווען קוואַליפיצירטע מייסטערס, גוט באַקאַנטע מיט די פיינקייטן פון דער ליטעראַרישער מלאכה, וואָס האָבן באַזעסן רעוואָלוציאָנערן מאַטעריאַל און דערוואָרבן אָנערקענונג נישט נאָר אין די גרעניצן פון ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. אומגעפער אַרום 1923-טן יאָר האָבן די מיטלויפער אויסגעמאַכט די איבערוויגנדיקע לויט דער צאָל און די אויסגעצייכנטסטע לויטן איכות אָפּטיילונג פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס אירע איינצלנע ווערק האָבן מיט דערפאָלג געקענט קאָנקורירן מיט די גרעסטע ווערק פון די „אַלטע" פונם פאַר-רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד.

VIII

ווי אַזוי האָט אַ. ק. וואָראָנסקי באַגרינדעט זיין קריטישע און רעדאַקטאָרשע פּאָזיציע?

צום פולסטן און סיסטעמאַטישסטן האָט וואָראָנסקי אַנטוויקלט זיינע אָנשויאונגען אויף קונסט און קריטיק אין אַרטיקל „די קונסט אַלס לעבנס-דערקענטניש און די היינטצייטיקייט". דאָס איז זיין צענטראַלע אַרבעט, די איבעריקע אַרטיקלען האָבן בלויז דערגאַנצט און בולטער געמאַכט, אַנטוויקלט אָדער באַגרעניצט די אָדער יענע פּרטים.

צווישן זיינע לערער-קריטיקער האָט וואָראָנסקי וו. ג. בעלינסקין און ג. וו. פּלעכאַנאָוון. וואָראָנסקיס ליטעראַרישע

אָנשויאונגען זענען אַ המשך פון יענער קריטישער אַרבעט, וועלכע איז אָנגעהויבן געוואָרן דורכן מחבר פון די „עיקרדיקע פראַגעס פון מאַרקסיזם". דאָס הייסט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז וואָראָנסקי איז דער טרייסטער שילער פון פּלעכאַנאָוון. איך ווייז נאָר אָן אויף זיין גענעאַלאָגיע. אַגב, ס'איז נישטאָ קיין איין קריטיק-מאַרקסיסט, מיטן אויסנאַם, אפשר, פון איין נ. טשוזשאַקן, וועלכער זאָל זיך נישט פּרוּוון אָנשפּאַרן אָדער לכל הפחות מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער „שפּאַרט זיך אָן" אויף ג. וו. פּלעכאַנאָוון. אַגב, אין דער פּלעיאַדע פון די קריטיקער-מאַרקסיסטן איז נ. טשוזשאַקס געשטאַלט אַרומגענומען מיטן געדיכטסטן נעפּל.

אין יסוד פון א. ק. וואָראָנסקיס אָנשויאונגען ליגט דער טעזיס וועגן דער קונסט, ווי אַ ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש פון לעבן. די קונסט איז קודם-כּל אַ ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש פון לעבן, — זאָגט ער. די קונסט, ווי די וויסנשאַפט, האָבן איין-און-דעמזעלבן געגנשטאַנד: דאָס לעבן, דיווירקלעכקייט. אָבער די וויסנשאַפט אַנאַליזירט, די קונסט סינטעזירט; די וויסנשאַפט איז אַבסטראַקט, די קונסט איז קאָנקרעט; די וויסנשאַפט ווענדט זיך צום מענטשנס שכל, די קונסט — צו זיין זינלעכער נאַטור, די וויסנשאַפט דערקענט דאָס לעבן מיט דער הילף פון באַגריפן, די קונסט — מיט דער הילף פון בילדער, אין דער פאָרם פון אַ לעבעדיקער, זינלעכער אָנשויאונג. דאָ גייט א. וואָראָנסקי אַרויס פון פּרינציפּן, וועלכע בעלינסקי האָט אַנט-וויקלט אין זיין אַרטיקל וועגן „צרות פון שכל".

„די קונסט איז אַ דערקענטעניש פון לעבן אין דער פאָרם פון אַ זינלעכן, בילדלעכן באַטראַכטן אים. פּונקט ווי די וויסנשאַפט גיט די קונסט אָביעקטיווע אמתן; עכטע קינסט-לערישקייט פאָדערט געניויקייט, ווייל זי האָט צו טאָן מיט אַן אָביעקט, זי איז אונטערגעוואָרפן דער דערפאַרונג".

אָבער די דערקענטעניש, דערווייזט א. וואָראָנסקי, איז נישט ווילנלאָז, נישט פּאַסיוו. „דערקענטעניש איז אין אַ געוויסן זין אויך אַ ווילנס-אַקט". „דער ווילן קומט אַריין אַלס אומבאַ-דינגטער עלעמענט אין דערקענטעניש-אַקט". „גובר זיין די מאַטעריע אין דאָזיקן זין איז דער מהות פון וויסנשאַפטלעכן

אָדער קינסטלערישן שאַפן". אין דעם ליגט די סיבה דערפון, וואָס אויך די אַלטע קונסט האָט געשטויסן די מענטשן צו האַנדלונגען. דערפון נעמט זיך וואָראָנסקיס קעגנערשאַפט צו דער טעאָריע פון קונסט אַלס לעבנסבויאונג. דערפון נעמט זיך זיין — מ'קען נישט זאָגן אַז נעגאַטיווע, אָבער גרינגשעציקע באַציאונג צום „אַגיטאַציע-בלעטל" ווי אַ באַזונדער מין קינסטלעריש ווערק. דאָס „אַגיטאַציע-בלעטל" איז אויבערפלעכלעך, פאַריבער־גייענדיק, נישט טיף. עס באַמיט זיך נישט צו דערקענען דאָס לעבן, עס באַפרידיקט בלויז אַ וואסער־נישט־איז אקטועלע, זאָל זיין אַז וויכטיקע באַדערפעניש פון מאָמענט. דאָס אַגיטאַציע-בלעטל שטעלט זיך נישט קיין טיפע דערקענטעניש־צילן.

נאָר דאַן, ווען מען לייגט אַוועק אין יסוד פון קונסט־פאַרשטענדעניש איר דערקענערישן ווערן — פאַרזיכערט אַ. וואָראָנסקי, — קען מען ריידן וועגן איר קלאַסן-כאַראַקטער. אָנערקענען אָבער דעם קלאַסן-מאָמענט פון דער קונסט, נישט אָנערקענענדיק זי גלייכצייטיק אַלס דערקענטעניש-ווערקצייג, הייסט, לויט זיינע ווערטער, אַריבערוואַרפן איבערן באָרט איי־נעם פון די וויכטיקסטע עלעמענטן, וואָס מאַכן אויס די „נשמה" פון דער קונסט.

„באַוווסטזיניק צי אומבאַוווסטזיניק פירן אויס סיי דער געלערנטער סיי דער קינסטלער די אויפגאַבעס פון זייער קלאַס. די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט דינען קודם כל אויף צו באַ־פרידיקן די אינטערעסן פון זייער קלאַס. די דערפאָלגן, דער כאַראַקטער, די ריכטונג, די מעטאָדן פון דער ווויסנשאַפטלעכער און קינסטלערישער טעטיקייט ווערן באַשטימט דורך דער הערשנ־דיקער פּסיכאָלאָגיע פון דעם אָדער יענעם קלאַס, דורך דער פּסיכאָלאָגיע, וואָס הענגט אָפּ אין לעצטן סך-הכל פון צושטאַנד פון די פּראָדוקציע-כחות פון דער געגעבענער געזעלשאַפט, און דאָס באַדייט, אַז ווייזנדיק די ווירקלעכקייט, באַטראַכטן זי סיי דער קינסטלער, סיי דער געלערנטער דורך דער פּסיכאָלאָגישער קלאַסן-פּריזמע. אָבער צווישן די אויפגאַבעס, וועלכע דער קלאַס פאַרפליכטעט אויסצופירן דעם געלערנטן און דעם קינסטלער, באַשטייט די עיקרדיקע אין אַ גענויער דערפאַרונגס-מעסיקער דערקענטעניש פון לעבן, אויף וויפל דאָס איז נויטווענדיק פאַרן

דאָזיקן קלאַס. אמאָל ווערט דידאָזיקע אויפגאַבע געשטעלט — באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק — אין דעם זין, אַז דער קינסטלער אָדער דער געלערנטער זאָלן זיך פאַרנעמען מיט פאַרקריפּלען דיווירקלעכקייט. דאַן באַקומט זיך אַ פּסוידאָ-ווּיסנשאַפט, אַ פּסוידאָקונסט. געוויינלעך קומט פאָר די פאַר-קריפּלונג דאַן, ווען דער אָביעקטיווער אמת איז איבער עפּעס אומבאַקוועם פאַרן דאָזיקן קלאַס. ווייטער. אומעטום, באַזונדערס אין דער קונסט, טייטשט דער קינסטלער אויס דאָס לעבן „דערקענענדיק עס, באַצירנדיק עס מיט זיינע שטימונגען, מיט זיין „אידעאָלאָגיע”, אויף וועלכע עס ליגט אַ קלאַסן-שטעמפּל”.

צו די פּרינציפּן, לויט וועלכע עס האָט זיך נאָך גע-ריכטעוועט בעלינסקי קומען דאָ צו די פּרינציפּן וועגן דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון דער קונסט, וועלכע ג. פּלעכאַנאָוו האָט פיין אויסגעאַרבעט. אָט פון דידאָזיקע פּרינציפּן האָט טאַקע וואָראָנסקי געמאַכט דעם אויספיר, אַז די קלאַסן-אָפּ-שטאַמונג פון קינסטלער קען אים אין דער אָדער אַן אַנדערער מאָס דערווייטערן פון אָביעקטיוון אמת. אָבער דידאָזיקע קלאַסן-אָפּשטאַמונג באַשטימט נישט איינמאָל-פאַר-אַלעמאָל דעם אומ-פאַרמיידלעכן קלאַסן-סוביעקטיוויזם.

אומאָפּהענגיק פון די קלאַסנשטריכן, וועלכע עס דאַרף זוכן און אַנטדעקן דער מאַרקסיסטישער אַנאַליז, זענען אינם שאַפן פון יעדן עכטן קינסטלער — אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס — דאָ עלעמענטן פון אָביעקטיוון אמת. אָבער דאָס טאַקע דאַרף דער קריטיקער-מאַרקסיסט געפינען, אָבער נישט באַגרינדן דורכן פאַררופן זיך אויף דער קלאַסן-אָפּשטא-מונג פון שרייבער.

דורך דידאָזיקע פּרינציפּן איז באַשטימט געווען וואָראָנ-סקיס באַציאונג צו דער גאַנצער נישט-פּראָלעטאַרישער, קלאַ-סישער בורזשואַזער און דער הייגטצייטיקער מיטלויפערישער ליטעראַטור. יעדע קונסט — אומאָפּהענגיק פון איר קלאַסן-אָפּשטאַמונג — אויב זי איז אַן עכטע, נעמט זי אַריין אין זיך אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אָביעקטיווע דערפאַ-רונגס-עלעמענטן. דעריבער קען מען נישט אָפּוואַרפן די גאַנ-צע אַלטע קונסט, ווייל זי איז געווען „בורזשואַז”. די וויר

קונג פון אייניקע בורזשואַזע קינסטלער קען זיין זייער פרוכטבאַר, אויב אין דערדאָזיקער ווירקונג קומען צום אויסדרוק אָביעקטיוו-דענקנדיקע שטריכן, און נישט קיין סוביעקטיווע קלאַסן-שטריכן. די אויפגאַבע פון מאַרקסיסטישן קריטיקער באַשטייט טאַקע אין אויפזוכן די אָדער די אַנדערע עלעמענטן.

דער אייגנשאַפט פון דער קונסט „צו זיין אַ אָרגאַניזירנדיק ווערקצייג, אַ ווערקצייג אויף צו אָרגאַניזירן די פסיכיק" שטעלט וואָראָנסקי אַנטקעגן דעם אָביעקטיוו-דערקענענדיקן מאָמענט. זיין באַטאָנען דעם דערקענענדיקן מאָמענט, אין קעגנזאַץ צום אָרגאַניזירנדיקן מאָמענט, ווי דאָס האָבן געטאָן באָגדאַנאָוו און די „נאַפּאָסטאָווצעס", האָט אים דערלויבט צו באַציען זיך טאָלעראַנטער צו געוויסע שטריכן פון די מיטלויפער, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ אויפרעגונג צווישן זייערע קעגנער. אויף וויפל דאָס שאַפן פון די מיטלויפער, — נישט געקוקט אויף דער קליינבירגערלעכער קלאַסן-אָפּשטאַמונג, — האָט פאַרמאָגט עלעמענטן פון אָביעקטיוון אמת, אויף וויפל זייערע ווערק זענען געווען אַ מוסטער פון דערקענען דאָס לעבן אין קינסטלערישע בילדער, הגם מיט אַ סוביעקטיווער באַפאַרבונג, אויף אַזוי ווייט האָט וואָראָנסקי גענומען אונטער זיין שוץ דידאָזיקע ליטעראַטור, באַטראַכטנדיק זי אַלס אַ גוטע ראַטן-ליטעראַטור, אַ נוצלעכע פאַרן פּראָלעטאַריאַט.

עס וואָלט נאַטירלעך, געווען בעסער, — האָט ער געהאַלטן — ווען עס זאָל עקזיסטירן אַ פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור פון דערזעלבער גרויסער קינסטלערישער קראַפט און אויסדרוק-פעאיקייט. אָבער אויף וויפל דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך נישט געשאַפן קיין ברייטע קינסטלעריש-ליטעראַרישע שטרעמונג — האָט געטראַכט אַ. ק. וואָראָנסקי — אויף וויפל די גרעסערע קראַפט פון קינסטלערישער בילדלעכקייט געפינט זיך אין די הענט פון די מיטלויפער, אויף אַזויפיל פאַרנעמט היינט מיט רעכט די מיטלויפערישע קינסטלערישע ליטעראַטור דעם צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט. עס זענען דאָ צווישן די מיטלויפער אַזעלכע, וועלכע נעמען אויף די רעוואָלוציע ווי אַ אַנאַרכיסטישן, בלינדן, פויערשן בונט — דאָס איז ריכטיק. זיי זענען אָבער אויסגעוואַקסן אין אונזער

רעוואָלוציע, זיי האָבן געקעמפט פאַר דער ראַטנערד, זיי קענען אונזער פויער, זייערע סימפּאַטיעס געהערן דער שטאָט, די אַרבעטער, די קאָמוניסטן. זיי זענען קינסטלעריש ערלעך, זיי גיבן שטיקער עכטן לעבן און אַז. וו.

„שילדערנדיק און אָפּשפּיגלענדיק דאָס אמתע לעבן, העלפנ־דיק עס צו דערקענען, זענען זיי אין דאָזיקן זין אויך ביכולת צו אָרגאַניזירן די פּסיכיק פון לייענער אין דער נויטיקער פאַרן קאָמוניזם ריכטונג, געבנדיק אַזאַ אַלגעמיינע באַלויכטונג דער רעוואָלוציע, וואָס איז אָנגעמבאַר פאַר דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי. נישט געקוקט אויף דעם פאַרשיידנאַרטיקן צו־זאַמענשטעל איז דער קערן פון די מיטלויפער אַ סאָוועטי־שער, אויסגעהאָדעוועט דורך דער רעוואָלוציע, הגם זיי פאַרמאָגן אויך פעלערן און איינציקע קינסטלער, מיט וועלכע די קרי־טיקער־קאָמוניסטן וועלן דאַרפן האָבן אַ סך אַמפּערייען און שמועסן".

„נאָך נישט איינמאָל און נישט צוויי, — האָט געשריבן וואָראָנסקי — וועט די קריטיקער־קאָמוניסטן אויסקומען אַרויס־פירן „אויף דער ליכטיקער שיין" אַלדאָס צעפוילטע, קליינ־בירגערלעכע, יורדישע. מיר וועלן אָבער נישט פאַרגעסן דאָס פּאָזיטיווע, וואָס זיי גיבן, מיר וועלן זיך נישט פאַרנעמען מיט אַרויספישן איינצלנע פראַזעס און שורות, לאָזנדיק אין אַ זייט דעם גאַנצן אינהאַלט, אַזוי אַז דער קינסטלערישער תּוך פון חערק וועט בלייבן אומבאַקאַנט פאַרן שרייבער".

אַ. וואָראָנסקין האָט מען אויפגעוואָרפן דאָס פּראָטעזשירן די מיטלויפער לרעה פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אָט וואָס ער האָט געענטפערט אויפן דאָזיקן פאָרוואורף:

„אונזערע זשורנאַלן עפענען ברייט אויף די טירן פאַר די מיטלויפער נישט דערפאַר, ווייל צוליבן „נעפּ" האָבן זיי צו זיי אַ באַזונדערע נייגונג, נאָר דערפאַר, ווייל מיט דעמיאַן בעדני און ליבעדינסקיס דערציילונג „אַ וואָך" קען זיך די היינטיקע רוסישע ליטעראַטור נישט באַגרעניצן. ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז די גרעסטע באַגאַבונגען געפינען מיר ביי איוואַ־נאָוון, טיכאָנאָוון און אַנדערע מיטלויפער, אַז זיי האָבן די ערשטע געזאָגט לעבעדיקע ווערטער וועגן די לעבעדיקע מענטשן

פון אונזער רעוואָלוציע, אויב מען זאָל נישט אַריינרעכענען די „צוועלף" פון בלאָקן (אויך אַ מיטלויפער), דעמיאַן בעדנין און נאָך גאַנץ ווייניקס. כבוד און אַ אָרט פאַר שרייבער-קאָמוניסטן, פּראָלעטאַרישע שרייבער, אָבער לויט דער מאָס פון זייער שע-פערישער פעאיקייט".

צי קען מען דען פאָרוואַרפן וואָראָנסקין אַ פּרינציפּיעלע פאַרלייקענונג פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור בכלל? נאָר וואָס האָבן מיר איבערגעלייענט: ער האָט אָנערקענט די ווערק פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער לויט דער מאָס פון זייער טאַלאַנטירטקייט, אין דער מאָס אויף וויפל זיי אַנטשפּרעכן אַ געוויסן קינסטלערישן מינימום. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז יו. ליבעדינסקיס „וואָך" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך וואָ-ראָנסקין פּונקט אַזוי ווי א. טוועריאַקס „אין אַ עק", אַז פ. גלאַדקאָווס „צעמענט" איז אויך געדרוקט געוואָרן דורך אים, אַז אין „קראַסנאַיאַ נאָוו" זענען געדרוקט געוואָרן די ערשטע ווערק פון אַרטעם וועסיאָלי, די לידער פון וו. קאַזין, אַ. בעזימענסקי און אַנד.

שפּעטער, ווען דער קאַמף צווישן אַ. וואָראָנסקין און די „נאַפּאָסטאָווצעס" האָט דערגרייכט די גרעסטע אָנגעשטרענגט-קייט און ער האָט פאַרשאַרפט די פערזענלעכע באַציאונגען צווישן אים און אייניקע פּראָלעטאַרישע שרייבער, האָט אויף זיין טעטיקייט אַלס רעדאַקטאָר געוומען ווירקן, ווי אונז דאַכט זיך, זיין פּאָלעמישע פאַרביסנקייט. דאָס האָט באמת געשאַפן אַ געוויסע פאַרפרעמדקייט צווישן אַ. וואָראָנסקין און דער פּראָ-לעטאַרישער ליטעראַטור, וואָס איז געוואַקסן מיט יעדן יאָר. די יונגע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז אין אייניקע פאַלן, ווי, למשל, פאַדעעווס „דער חורבן" — אַ מער באַדייטנדיק ווערק, ווי די „וואָך" פון יו. ליבעדינסקי, — פאַרבייגעגאַנגען א. ק. וואָראָנסקיס זשורנאַל.

די אויבנאָנגעמערקטע אָנשויאונגען פון אַ. ק. וואָראָנסקי האָבן אים, פאַרשטייט זיך, דערלויבט סיסטעמאַטיש צו לייזן די פראַגע וועגן דער ירושה פון עבר. פאַר אים איז נישט געווען קיין ספק, אַז די ירושה דאַרף אָנגענומען ווערן. די פּריצים-שרייבער — גריבאַיעדאָוו, פּושקין, לערמאַנטאָוו, טאָל-

סטאָי, גאָגאָל, טורגענעוו און אַז. וו. — זענען געווען קינסטלער, און דאָס באַדייט, אַז אין זייער שאַפן איז געווען אַ געוויסער, אַ גרעסערער אָדער קלענערער, אָביעקטיווער ווערט, פון וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך נישט געדאַרפט אָפּזאָגן. דערפון איז אויך אַרויסגעפלאָסן דער אויספיר: „לערנען זיך ביי די קלאַסיקער ווי צו דערקענען דאָס לעבן, ווי אויך זייער מעגלעכקייט צו שאַפן לעבעדיקע, קינסטלערישע געשטאַלטן.

די בורזשואַזע ליטעראַטור קען מען נישט איינשפּאַרן אין אַלגעמיינע קלאַמערן, — האָט ער געשריבן, — די בורזשואַזע ליטעראַטור פאַרמאָגט אַ ריזיקן אינווענטאַר פון קינסטלערישע, אָביעקטיווע אמתן, אַנטדעקונגען, באַאָבאַכטונגען. דעריבער האַלט וואָראָנסקי פאַר ריכטיק צוצורעכענען צו די מיטלויפער פון אַרבעטערקלאַס אויך די רוסישע און אייראָפּעאישע קלאַסיקער, וועלכע האָבן געטאָן דיזעלבע אַרבעט, וואָס די היינטיקע מיטלויפער, נאָר מיט אַן אומפאַרגלייכלעך גרעסערן טאַלאַנט, און אַמאָל אויך מיט געניאַלישקייט. אָבער דאָ ברענגט ער אַריין אַ וועזנטלעכע באַגרעניצונג. נישט די גאַנצע בורזשואַזע ליטעראַטור דאַרף איינגעשלאָסן ווערן צווישן די מיטלויפער. מיטלויפער קענען זיין בורזשואַזע קלאַסיקער, ד. ה. שרייבערס פון אויפשטייג-פּעריאָד פון בורזשואַזן קלאַס; אָבער שעדלעך זענען די שרייבער פון דער ירידה- און צעפאַלונגס-עפּאָכע פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

IX

אין זיין קאַמף מיט די „נאַפּאָסטאָווצעס“, אָפּשטויסנדיק זייערע אָנגריפן, האָט וואָראָנסקי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און פאַרשאַרפט זיינע ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע אָנשויאונגען. אין זיינע אַרטיקלען, פּאָלעמישע און קריטישע, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורכן קאַמף, זענען אַ סך טעזיסן וועגן די פראַגן פון אַ זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער קולטור און פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווי אויך וועגן די פראַגן פון אַ פּאַרטיי-פּאָליטיק אין דער קונסט, אין די עיקרדיקע שטריכן

צונויפגעפאַלן מיט די טעזיסן, וועלכע טראָצקי האָט אַנטוויקלט אין זיין בוך, וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן גערעדט. ס׳איז דעריבער נישט נויטיק געגנוי צו ברענגען וואָראָנסקיס אַרגומענ-טאַציע קעגן די איבערטרייבונגען אין די זינד פון די נאַפּאָס-טאָווצעס. פונדעסטוועגן וועלן מיר קורץ באַרירן די ענטפערס, וועלכע ער האָט געגעבן אויף די פראַגן וועגן דער פּראָלעטאַ-רישער קולטור און ליטעראַטור.

צי האָבן מיר אַ פּראָלעטאַרישן שרייבער? — האָט אַ. וואָראָנסקי געפרעגט, און געענטפערט: „מיר האָבן, אויב מיר זאָלן אונטערן דאָזיקן נאָמען פאַרשטיין די שרייבער-קאָמוניסטן און אָפּשטאַמיקע פון די אַרבעטער-קרייזן״. אָבער, אָנערקענענ-דיק די עקזיסטענץ פון „פּראָלעטאַרישן שרייבער״, טראָגט ער אַריין אַ גאַנצע ריי באַוואָרענישן אין דאָזיקן באַגריף, וועלכע ברענגען אים צו טראָצקיס פאָרמולע: „קיין פּראָלעטאַרישע קונסט איז איצט נישטאָ און ס׳קען נישט זיין, כּל-זמן עס שטייט פאַר אונז די אויפגאַבע צו פאַראייגענען די אַלטע קול-טור און די אַלטע קונסט״. אין דער ווירקלעכקייט איז דאָ אַ בורזשואַזע קולטור און קונסט, צו וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט האָט צום ערשטן מאָל באַקומען אַ צוטריט. די אויפגאַבע פון די שרייבער-קאָמוניסטן איז צו באַהערשן די קונסט פון עבר, און פון דער בורזשואַזיעס ווערקצייג קעגן פּראָלעטאַריאַט מאַכן דעם פּראָלעטאַריאַטס ווערקצייג קעגן דער בורזשואַזיע.

„דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן „פּראָלעטאַרישע קונסט״, איז די פריערדיקע קונסט, וועלכע האָט אָבער אַן אייגנאַרטיקע אָריענטאַציע: זיין נוציק נישט דער בורזשואַזיע, נאָר דעם פּראָלעטאַריאַט״.

„מיט איין וואָרט, קיין שום פּראָלעטאַרישע קונסט אין דעם זין, אין וועלכן עס עקזיסטירט די בורזשואַזע קונסט, האָבן מיר נישט; דער פּרווו פאַרצושטעלן די הייַנטצייטיקע קונסט פון די שרייבער-פּראָלעטאַריער און קאָמוניסטן אַלס פּראָלעטאַרישע קונסט, — וואָס איז קעגנזעצלעך צו דער בור-זשואַזער קונסט און איז זעלבשטענדיק לגבי איר, — בלויז אויף דעם גרונט, וואָס דידאָזיקע שרייבער און דיכטער שפּיג-

לען אָפּ אין זייערע ווערק די אידייען פֿון קאָמוניזם, דערדאָזיקער פּרווו איז נאַאיוו און ער באַזירט אויף אַ מיספאַרשטענדעניש, ווייל א -דערראמתן האָבן מיר, אין בעסטן פאַל, אַ קונסט, וואָס איז אינגאַנצן, אָרגאַניש און קאָנטינואירלעך פאַרבונדן מיט דאָס אַלטע, אַ קונסט, וועלכע מען באַמיט זיך צוצופאַסן צו די נייע באַדערפענישן פֿון דער איבערגאַנגס-צייט פֿון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די אידעאָלאָגישע באַפאַרבונג ענדערט לחלוטין נישט די לאַגע און זי גיט נישט דאָס רעכט פּרינציפּיעל אַנטקעגנצושטעלן דידאָזיקע קונסט דער קונסט פֿון עבר, אַלס אָריגינעלן, אַנדערשאַרטיקן קולטורעלן ווערט און אַ קראַפט; עס האַנדלט זיך בלויז וועגן אַן אייגנאַרטיקער צופאַסונג. פאַרשטייט זיך, דער פּראָלעטאַריאַט, דער בורזשואַ, דער קליינבירגער באַנוצן די קונסט צו פאַרשיידענע און אָפט קעגנזעצלעכע צילן, אָבער דערפֿון איז נאָך לחלוטין נישט געדרונגען, אַז מען דאַרף טיילן די קונסט, די וויסנשאַפט, די קולטור אויף דריי קאַטעגאָריעס — אויף אַ בורזשואַזע, פּראָלעטאַרישע, קליינבירגערלעכע, ווייל פאַקטיש איז דערווייל נאָך דאָ די קולטור, די וויסנשאַפט, די קונסט פֿון די פריערדיקע תקופות. אַן אייגענע וויסנשאַפט, אַן אייגענע קונסט, אַן אייגענע קולטור וועט שאַפן דער מענטש פֿון דער קומענדיקער סאָציאַלער אָרדנונג אויפן יסוד פֿון דער נייער מאַטעריעלער באַזע.

אָבער דערווייל, אין דער איבערגאַנגס-צייט, און באַזונדערס אין רוסלאַנד, איז נאָך גענוג פאַר אונז אַלס התחלה די עכטע בורזשואַזע קולטור".

אָנערקענענדיק, אַז שוין איצט האָבן די שרייבער-קאָמוניסטן און די אַרבעטער געגעבן עפּעס ווערטפולס, אויסרעכענענדיק די נעמען פֿון קאַזינען, אָבראַדאָוויטשן, אַלעקסאַנדראָווסקין, אַראָסעוון, ליבעדינסקין, נעוועראָוון, בעזימענסקין, סוועטלאָוון, מאַלאַכאָוון און אַנד., זאָגט ער, אַז זייערע דערפאָלגן „זענען די דערפאָלגן פֿון דערזעלבער אַלטער קונסט, פֿון וועלכער עס גרעניצט זיך אַזוי שטאַרק אָפּ אַ באַדייטנדיקע טייל פֿון די פּראָלעטאַרישע שרייבער".

אָבער ווייטער מאַכט וואָראָנסקי עטלעכע באַוואָרענישן,

וועלכע מאַכן מילדער זייַן נעגאַטיווע באַציאונג צו דער פּראָ-לעטאַרישער ליטעראַטור.

ער ווייזט אָן אויף דעם, אַז דער „רעוואָלוציאָנערער קאַמפּס-סדר" וועט אויך האָבן זייַנע סטאַדיעס.

„עס איז אויך זיכער, אַז די עלעמענטן פון דער פּראָ-דוציר-קולטורעלער אָרגאַניזאַציע פון דער נייער געזעלשאַפט געפינען זיך שוין ערגיץ-ווו, אין וואָס נישט איז שוין אויך איצט, אַפילו אין אַזאַ אָפּגעשטאַנען לאַנד, ווי רוסלאַנד. עס איז גאַנץ מעגלעך, און אַזוי וועט עס טאַקע זייַן, אַז אין אַ גע-וויסן מאָמענט, אויפן יסוד פון די עלעמענטן פון דער נייער מאַטעריע-לער באַזע (סאָציאַליזירטע פּראָדוקציע, קאָאָפּעראַציע און אַז.וו.) וועט געשאַפן ווערן און וואַקסן אַ אַנטשפּרעכנדיקער קולטורעלער לעבנס-שטייגער, און דערדאָזיקער שטייגער, פון זייַן זייט, וועט געבן די מעגלעכקייט דער נייער קונסט פון דער איבערגאַנגס-צייט צו פאַרנעמען אַ זעלבשטענדיקע פּאָזיציע לגבי דער קונסט פון די פאַרגאַנגענע תקופות, אַרייַנזאַפּנדיק אין זיך אַלע עיקרדיקע, נויטווענדיקע דערגרייכונגען פון דאָזיקן עבר".

דאָ זעען מיר, אַז וואָראָנסקי לאָזט צו דעם געדאַנק, דאָס אין דער צוקונפט וועט די נייע קונסט פאַרנעמען אַ „זעלב-שטענדיקע פּאָזיציע" לגבי דער קונסט פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן. אָבער די אויבערהאַנט פון וועלכע עלעמענטן וועט צוגעבן „זעלבשטענדיקייט" דערדאָזיקער „נייער" פּאָזי-ציע? וועלן זיי אַמאָל נישט זייַן טאַקע „פּראָלעטאַרישע"?

ביים לייזן דידאָזיקע פראַגע בלייבט ביי אַ.ק. וואָראָנסקין אַ געוויסע אומקלאָרקייט. יעדנפאַלס, זייַן פּאָזיציע אינגאַנצן סיי אַלס רעדאַקטאָר סיי אַלס קריטיקער האָט געהאַט די אָריענטאַציע צו באַהעפטן דעם פּראָלעטאַריאַט מיט יענע קול-טורעלע ווערטן, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן דורך די פאַר-גאַנגענע אַנטוויקלונגס-יאָרהונדערטן. אין יענעם קאַמף צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, וועלכער איז אָנגעגאַנגען אין דידאָזיקע יאָרן, וואָלט געווען שעדלעך פאַרן פּראָלעטאַ-ריאַט, ווען ער זאָל אונטערשעצן די גרויסע ווערטן, וועלכע ער דאַרף פאַראייגענען פון דער בורזשואַזער ירושה. און אַ וואָראָנסקי האָט אַ גרויסן פאַרדינסט ביים באַהעפטן דעם פּראָ-

לעטאַריאַט צו דער קינסטלערישער ירושה פון עבר. איצט שטעלט שוין נישט דאָס לעבן אַזוי שאַרף דידאַקטישע פראַגע, אפילו בלינדע זעען שוין איין, אַז די „ירושה" דאַרף שטאַרק פאַראייגנט ווערן. אָבער אין יענע יאָרן, ווען א. וואָראָנסקי האָט זיך באַוויזן אויף דער ליטעראַרישער וואָך, איז דאָס געווען אומקלאָר אָדער, לכל הפחות, קלאָר נישט פאַר קיין סך.

קיינער פאַרטיידיקט נישט איצט דעם טעזיס וועגן אַ פרינציפּיעלן ברוך מיטן עבר און וועגן אַ נייער שאַפונג אויף אַ ליידיקן אָרט. די קאָנטינויִרלעכקייט פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג רופט שוין היינט נישט אַרויס קיין אַמפּערייען. און דאָס איז זייער אַ גרויסע קולטורעלע דעראָבערונג. די צוקונפט האָט פאַר אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם עבר. און דידאַקטישע פאַרבינדונג פון עבר מיט דער צוקונפט איז טאַקע געווען איינער פון וואָראָנסקיס פּראַקטישע פאַרדינסטן.

אין וואָראָנסקיס ליטעראַרישער טעטיקייט איז דאָ אַ סך ענלעכס צו דער קולטורעלער טעטיקייט פון לונאַטשאַרסקין; זיי ביידע איז אייגן די ליבע צו דער קלאַסישער קונסט; זיי ביידע זענען אירע פאַרטיידיקער און פּראָפּאַגאַנדיסטן. און ווען וואָראָנסקי זאָל פעלן אין דער ליטעראַטור און א. לונאַטשאַרסקי אויפן געביט פון דער אַלגעמיינער קולטור, וואָלט פאַרלאַנגזאַמט געוואָרן דער פּראָצעס פון פּראָלעטאַריאַטס פאַראייגענען די קולטורעלע ווערטן פון עבר. און דאָס הייסט, אַז אויך די שאַפונג פון „מאָרגנדיקן" טאָג וואָלט אָפּגעלייגט געוואָרן אויף „איבערמאָרגן".

X

וואָראָנסקיס ליטעראַרישע אָנשויאונגען זענען אָנגענומען געוואָרן אַלס פּלאַטפאָרם דורך דער גרופּע „פּערעוואַל", וואָס איז אַנטשטאַנען גלייך נאָך דער גרופּע „אָקטיאַבר" און האָט געשפּילט די ראָל פון אַ געוויסן קעגנגעוויכט צום „וואַפּפּ". ווען די טעזיסן פון „אָקטיאַבר" האָבן באַקומען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק אין „וואַפּפּ", איז אויסער די גרעניצן פון „וואַפּפּ" געבליבן אַ גרויסע צאָל יונגע שרייבערס,

וועלכע האָבן זיך מיט רעכט געקענט באַטראַכטן אַלס רעוואָלוציאָנערע אַ סך פון זיי זענען געווען פויערים און פּראָלעטאַריער. דערדאָזיקער נאָכוווקס, אָפט זייער טאַלאַנטירט, האָט נישט געטיילט די קוקן און מיטלען פון זשורנאַל „נאַ פּאָסטו", און דעריבער איז ער אין „וואַפּפּ" נישט אַריינגעטראָטן און האָט זיך געגנויטיקט אין אַ אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַראייניקונג. און דאַן איז אַנטשטאַנען „פּערעוואַל", טאַקע אַלס פּרווו צונויפצוזאַמלען צום קאַמף פאַר דער ליטעראַטור די יונגע כּחות פון די פויערישע און אַרבעטער-שיכטן.

אין „פּערעוואַל" טרעפן מיר די פויערישע שרייבער — פ. זאַוואַדאָווסקי, אי. קאַסאַטקין, וו. נאַסעדקין, ר. אַקולשין, פּ. דרוזשינין, די שרייבער-פּראָלעטאַריער — אַננאַ קאַראַוואַיעווא, מ. סוועטלאָוו, מ. גאָלאָדני, אַרטעם וועסיאָלי, איוו. קאַטאַיעוו, נ. דעמענטיעוו, אַ. מאַלאַשקין. עס זענען דאָרט אויך געווען שרייבער פון קליינבירגערלעכער אָפּשטאַמונג — וו. ע. באַגריצקי, אי. יעוודאָקימאָוו, נ. אָגניעוו, ב. גובער. אַ גרויסע טייל „פּערעוואַלצעס" זענען געווען קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס. דער „פּערעוואַל" האָט געהאַט יונגע, אָבער גאַנץ קוואַליפיצירטע קריטיקער אין דער געשטאַלט פון א. לעזשניאָוו און ד. גאָרבאָוו.

שוין דאָס בלויזע אויסרעכענען די נעמען זאָגט עדות וועגן דער פאַרשידנאַרטיקייט פון דער גרופּע. דאָס האָט צוגעגעבן דעם פּערעוואַל" אַ געוויסע „צעקראָכנקייט". אין דעם ווייטערדיקן קאַמף, אונטער די שווערע אָנגריפן פון די „נאַפּאָסטאָווצעס", האָט דער „פּערעוואַל" גענומען שיטער ווערן, עס זענען אַוועק פון אים א. וועסיאָלי און מ. סוועטלאָוו, אַננאַ קאַראַוואַיעוואַ, אי. יעוודאָקימאָוו און נאָך אייניקע אַנדערע. איינע זענען אַוועק אין „וואַפּפּ", ווי אַ. קאַראַוואַיעווא, וועלכע האָט מודיע געווען דורך א ספּעציעלן בריוו אין דער רעדאַקציע „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו" (אויף דער ליטעראַרישער וואַך), אַז אַלס פּראָלעטאַרישע שרייבערקע קען זי נישט פאַרבלייבן אין „פּערעוואַל". אַנדערע — צו די קאָנסטרוקטיוויסטן, ווי ע. באַגריצקי. די דריטע, ווי אַרטעם וועסיאָלי, זענען געבליבן מחוץ פון אַלע גרופּעס. אָבער אויך נאָכן אַוועקגיין

פון די אויסגערעכנטע שרייבער איז „פערעוואל״ געבליבן ביי א טייל פראלעטארישן און פויערישן נאכוואקס.

צו שאפן דעם „פערעוואל״ האט געשטויסן דער פרווו צו באשיצן זיך פון „וואפפישן״ אימפעריאליזם און זיינע פע־לערן. די „פערעוואלצעס״ זענען געווען אזויצוזאגן „אנטי־נאפאסטאָווצעס״. די טעזיסן פון די „נאפאסטאָווצעס״ האבן ארויס־גערופן די אנטי־טעזיסן פון „פערעוואל״.

ווען מען באקענט זיך מיט דער דעקלאראציע פון „פערעוואל״, קען מען אין איר אָן מי אנטאפּן דעם „אפשטויס פון קעגנזעצלעכן״, די נעגאציע פון די נאפאסטאָווּשע טעזיסן.

דאס דערצבערן די העגעמאניע האבן די „נאפאסטאָוו־צעס״ דערקלערט אלס פראקטישע אויפגאבע פון היינטיקן טאג. דער „פערעוואל״ האט דערקלערט, אז ער „נעמט זיך נישט דאס רעכט אויף העגעמאניע״. די נאפאסטאָווצעס האבן גענייג־דיקט דורך א סכעמאטישער באציאונג צום לעבעדיקן מענטשן, זיי האט געצויגן צו א גרינגשעצנדיקער בא־ציאונג צו דער ירושה, איבערצזורייסן מיט דער קולטור פון עבר. די דעקלאראציע האט דערקלערט, אז זי זאגט זיך ארויס קעגן אלע פרווון פון דער טויטנדיקער „סכעמאטיזאציע״ פון מענטשן, קעגן דער פאראיינפאכונג, קעגן יעדער ארט אראפּ־דריקונג פון דער שרייבערשער פערזענלעכקייט אין נאמען פון קליינלעכן שטייגער־זשאנר. ווייטער האט „פערעוואל״ דערקלערט, אז אין זיין ארבעט „גייט ער ארויס פון דער רייכסטער ליטע־ראַרישער ירושה פון דער רוסישער און אלוועלטלעכער קלא־סישער ליטעראטור״. די „נאפאסטאָווצעס״ האבן געזינדיקט דורך א פיינטלעכער און טאקטלאזער באציאונג צו די מיט־לויפער — האבן די „פערעוואלצעס״ אויף צו להכעיס די „נאפאסטאָווצעס״ אונטערגעשטראכן, אז זיי „זאגן זיך נישט אפ צו קומען אין בארירונג מיט יענע שרייבערס, וועלכע האבן נאך ענדגילטיק נישט פעסטגעשטעלט זייער וועג, זיי זוכן אים און באמיען זיך צו דערנענטערן זיך שעפעריש צו דער רעוואלוציע״.

צוליב דיזעלבע מאטיוון „פון דאס פארקערטע״ האט זיך דער „פערעוואל״ ארויסגעזאגט קעגן אן „אומפאראנטווארטלעכער קריטיק״, וואס שרעקט איבער דעם שרייבער און וואס העלפט

מיט צו שאַפן פינסטערע שטימונגען אין דער שרייבערשער סביבה. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּראַזאָרישער און דעריבער אויסערלעכער רעוואָלוציאָנערישקייט פון „לעף", פאַר אַן „עכטע רעוואָלוציאָנערישקייט וואָס איז נישט אָפּצושיידן פון קינסטלערס אינערלעכער וועלט".

ווי מיר זעען איז די דעקלאַראַציע פון „פּערעוואל" אַ גאָלע פּאָלעמיק, אַ גאָלע נעגאַציע פון די „נאַפּאָסטאָווסקע" עקסטרעמען.

פון דאָזיקן אַנטקעגנשטעלן זיך די „נאַפּאָסטאָווצעס" ווערט קלאָר דער אָביעקטיווער זין פון דערדאָזיקער ליטעראַרישער גרופּע. זי איז אַנטשטאַנען אין די טיפענישן פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור אַלס פּראָטעסט קעגן די עקסטרעמען פון „נאַפּאָסטאָווסטוואָ" און ווי אַ פּרווו צו באַשיצן אָרגאַניזאַציאָנעל די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור פון די שלעכטע אויסוווקסן פון דערדאָזיקער באַוועגונג.

אָבער די געמישטקייט פון דעם „פּערעוואַלס" צוזאַמענשטעל, די צעשוומענקייט פון עפּיטעט „אַרבעטער-פּויערישער", ווי ער האָט זיך באַצייכנט, און אַ גאַנצע ריי אַנדערע סיבות האָבן אים געשטערט צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער ליטעראַרישער באַוועגונג, הגם מען קען נישט לייקענען, אַז דער „פּערעוואל" האָט געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויפן גאַנג פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג.

נישט געקוקט אויף דער אָנוועזנהייט פון אַזעלכע גרויסע שרייבערס, ווי מ. מ. פּרישווין, איז „פּערעוואל" פאַרבליבן אַן אָרגאַניזאַציע פון ליטעראַרישער יוגנט, וואָס האָט נאָך נישט דעראָבערט קיין פעסטע פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור. אין דער מאָס, וואָס עס פלעגן אָנוואַקסן „פליגלען" ביי די איינצלנע „פּערעוואלצעס" — פלעגן זיי פאַרלאָזן די מוטער-נעסט. ס'איז קלאָר: די פּלאַטפאָרם פון „פּערעוואל" האָט נישט פאַרמאָגט יענע עלעמענטן, וועלכע זאָלן קענען איינהאַלטן דעם יונגן שרייבער „ערנסט און אויף לאַנג". מיר רעדן דאָ בכלל נישט וועגן די, וועלכע האָבן געזוכט אין „פּערעוואל", פּונקט ווי אין אַנדערע ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס, נישט קיין געמיינזאַמע טעטיקייט פאַר שעפערישער ליטעראַרישער אַרבעט, נאָר

אַ געוויסן „שוץ“ פון מעגלעכע לעבנס־שטורעמס. דידאָזיקע לעצטע פלעגן פאַרלאָזן די פּלאַטפאָרם, ווי שטשורעס אַ שיף, גלייך ביי דער ערשטער סכנה. אָבער אויך די, וועלכע האָבן געזוכט אין אַ אָרגאַניזאַציע אַ סביבה, וואָס זאָל באַגינסטיקן דער שעפערישער אַרבעט, זענען געבליבן אומבאַפרידיקט. דאָס איז נוגע, פאַרשטייט זיך, נישט נאָר דעם „פּערעוואַל“. דער „וואפּפּ“ האָט נאָך אין אַ קלענערער מאָס באַפרידיקט די שעפערישע פאָדערונגען פון די יונגע שרייבערס.

אַנטשטאַנען אין דער תקופה פון פאַרביסענע ליטעראַרישע שלאַכטן, האָט זיך דער „פּערעוואַל“, ווי אַ סך אַנדערע ליטעראַרישע גרופּירונגען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דערזעלבער תקופה, געגויטיקט אין אַ רעקאָנסטרוקציע פון דער „פּלאַטפאָרם“. די גרעסערע קאָמפּליצירטקייט פון ליטעראַרישן לעבן, די אָנזאַמלונג פון ידיעות, דער שטורמישער וווּקס פון דער ליטעראַטור און איר דיפערענציאַציע, דער וווּקס פון לייענערס זעלבסטבאַוווסטזיין, די שטייגונג פון זיינע פאָדערונגען צום שרייבער, און, צולעצט, די וואַקסנדיקע קוואַליפיקאַציע פון שרייבער גופא, — דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען שטעלט אַרויס אין אונזער צייט קאָמפּליצירטערע פאָדערונגען צו די שרייבערשע אָרגאַניזאַציעס.

דער עקסטענסיווער אַנטוויקלונגס־פּעריאָד פון דער ראַטנליטעראַטור קען מען באַטראַכטן אַלס פאַרענדיקט. עס קומט אָן זיין אינטענסיווער פּעריאָד.

די ווייטערדיקע דערפאָלגן פון דער ראַטנליטעראַטור וועלן אָפּהענגען דערפון, ווי טיף עס וועט גיין דער אויסבילדונגס־פּראָצעס פון ליטעראַרישע ריכטונגען, פון ליטעראַרישע שולעס. אַלץ אָפטער הערן זיך שטימעס וועגן רעאַליזם בכלל און וועגן פּראָלעטאַרישן רעאַליזם בפרט, וועגן קלאַסישן ראָמאַנטיזם און רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם, וועגן נאַטוראַליזם, אימפּרעסיאָניזם און אַז. וו. עס ווערן געשריבן אַרטיקלען וועגן „פּראָלעטאַרישן“ סטיל. אַרום „סטיל־פּרינציפּ“ וועלן, וואַרשיינלעך, פאָרקומען נייע דיסקוסיעס אין די נאָנטסטע יאָרן, און דאָס באַדייט, אַז די זוכענישן נאָך נייע ליטעראַרישע „שולעס“

װעלן באַשטימען די ליטעראַרישע אַנטוויקלונג פון מאָרגנדיקן טאָג. דער „סטיליסטישער” סימן, די לערע פון דער „שולע” װעלן טאַקע, װאַרשײַנלעך, דינען אַלס נײַער אָרגאַניזירנדיקער פּרינציפּ.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

„נאַ פּאָסטו“. „אָקטיאַבר“.

I. די ליטעראַרישע גרופּירונגען צו דער צייט, ווען עס איז דערשינען דער זשורנאַל „נאַ פּאָסטו“. דער זין און די פאַרדינסטן פון דער „נאַפּאָסטאָווסקער“ באַוועגונג. — II. די „נאַפּאָסטאָווצעס“ און די באַגדאַנאָווטשינע. די נאַפּאָסטאָווצעס וועגן די מיטלויפער און וועגן די אַקטועלע אויפגאַבעס פון דער ליטעראַטור. די נאַפּאָסטאָווצעס און די „נישט-פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור“. — III. די באַראַטונג אין צ. ק. דעם 9-טן מאַי 1924-טן יאָר.

I

נאָכדעם ווי דער פּראָלעטקולט האָט דורכגעמאַכט אַ גאַנצע ריי אינערלעכע ענדערונגען און פונדעסטוועגן זיך אַרויסגעוויזן לחלוטין אומפעאיק אַפילו צוצוטרעטן אויסצופירן די ברייטסטע אויפגאַבעס פון בויען אַ זעלבשטענדיקע קלאַסן-קולטור, איז אַנטשטאַנען אַ פּעריאָד, וועלכער קען אין דער ליטעראַטור כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס פּעריאָד, ווען די מיטלויפער האָבן געהאַט די העגעמאָניע. די ליטעראַרישע באַוועגונג האָט שוין אַרום 1923-טן יאָר פאָרגעשטעלט מיט זיך זייער אַ פאַרשיידנאַרטיק בילד לויט דער צאָל פון אירע באַשטאַנד-טיילן. צו יענער צייט איז די „סמענאָוועכאָווסטוואָ“ שוין געווען אַ דורכגעמאַכטער עטאַפּ. צו די נעמען, וועלכע

די רעוואָלוציע האָט ארויסגערוקט, האָבן זיך באַהעפט נעמען פון שרייבער, וועלכע זענען ווי אַריבערגעשווומען פון „צווייטן ברעג". איינע פון זיי זענען געווען פיינט פון דער רעוואָלוציע און פון פּראָלעטאַריאַט, זיי זענען געווען אין דער אויסערלעכער עמיגראַציע און האָבן תשובה געטאָן. די אַנדערע האָבן געפונען אַן אָרט זאָל זיין אין דער אינערלעכער עמיגראַציע, זאָל זיין ערגיץ אויפן ברעג, אין דעם דינעם צווישנשיכט צווישן איר און דער ראַטן-אינטעליגענץ. אָבער סיי די, סיי די אַנדערע האָבן איבערגעריסן מיטן עבר. דידאָזיקע שרייבערס האָבן געבילדעט דעם רעכטן פליגל פון דער ראַטן-ליטעראַטור. לינקס פון דאָזיקן פליגל האָט זיך געפונען די גרופּע מיטלויפער, די צענטראַלע אָפּטיילונג פון דער ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרמאָגט די גלענצנדיקסטע נעמען, וועלכע האָבן פאַראייניקט צוזאַמען מיטן טאַלאַנט אַ גרעסערע אָדער קלענערע נאָענטקייט צו דער רעוואָלוציע. דאָ געפינען מיר פעדינען, וו.ס. איוואַנאָוון, ניק. טיכאָנאָוון, ניק. ניקיטינען, לידיאַ סייפולינען, באָריס פּילניאַקן, ל. לעאָנאָוון, א. אראָסעוון, וו. בריוסאָוון, סערגיי יעסענינען, פ. אָרעשינען, אי. קאַסאַטקינען, ס. קליטשקאָוון, מ. פּרישווינען, וו. לידינען, א. יאַקאָוולעוון, פּאַנט. ראָמאַנאָוון, ס. בודאַנצעוון און אַנד.

דעם לינקן פליגל פון די מיטלויפער האָבן געבילדעט די געוועזענע פוטוריסטן, וועלכע האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „לעפן": וו. מאַיאַקאָווסקי, נ. אַסעעוו, ב. פּאַסטערנאַק, א. קרוטשעניך, וו. קאַמענסקי. נאָך לינקער זעען מיר די גרופּע אַרבעטער-שרייבער פון „קוזניצאַ": מ. געראַסימאָוון, א. וו. פּיליפּטשענקאָ, וו. אַלעקסאַנדראָווסקין, ס. אָבראַדאָוויטשן, ג. סאַניקאָוון, פ. גלאַדקאָוון, מ. וואָלקאָוון, נ. ליאַשקאָ, פּ. ניזאָוואָון, אי. נאָוויקאָוו-פּריבאָי, א. נעוועראָוון און אַנד. אין אַ זייט איז געשטאַנען דעמיאַן בעדני.

נאָך לינקער זעען מיר די יינגסטע גרופּע פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער און דיכטער, פּראָזאַאיקער און קריטיקער. דאָ טרעפן מיר א. בעזימענסקין, א. וו. דאָראָנינען, ס. מאַלאַכאָוון, דעם פּראָזאַאיקער יו. ליבעדינסקין. צוזאַמען מיט זיי טרעטן אַרויס דער באַיאָרטער א. סעראַפימאָוויטש, די

קריטיקער ג. לעלעוויטש, ס. ראָדאָוו. אי. וואַרדין, ב. וואָלין.

אָט דידאָזיקע עקסטרעמע גרופּע איז אין 1923-טן יאָר אַרויסגעטראָטן מיטן זשורנאַל „נאַ פּאָסטו”. דער זשורנאַל האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער פון ליטעראַרישן קאַמף, ער האָט ווידער אַוועקגעשטעלט און פאַרשאַרפט אַלע פּראַגעס פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, וועלכע זענען פריער אויפגעהויבן געוואָרן דורכן פּראָלעטקולט, ער האָט געמאַכט אַ פּרווו אונטערצוּוואַרפן אַ קריטישע און ראַדיקאַלע איבערשאַצונג נישט נאָר די עקזיסטירנדיקע ליטעראַרישע ריכטונגען און קוקן, נאָר אויך איינצלנע ליטעראַרישע רעפּוטאַציעס, ווי אויך די עיקר-דיקע פּראַגעס פון מאַרקסיסטישער ליטעראַטור-וויסנשאַפט און די טענדענצן פון פּראָלעטאַריאַטס קולטורעלער אַנטוויקלונג אין אַ עפּאָכע, וואָס פירט פון קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם.

הײַנט, דערווײַטערט פון קאַמף, וועלכן מען קען באַטראַכטן אַלס דורכגעמאַכטן עטאַפּ, דאַרף מען ריכטיק אָפּשאַצן די אָביעקטיווע רעזולטאַטן פון טומל, וועלכן די „נאַפּאָסטאָווצעס” האָבן אויפגעהויבן אַרום דער ליטעראַרישער פּאָליטיק און פּראַקטיק. וואָסערע פעלערן דידאָזיקע ריכטונג זאָל נישט האָבן באַגאַנגען, וואָסער שאָדן עס זאָלן נישט האָבן געבראַכט אין איינצלנע פאַלן די אָדער יענע פון אירע פּראָקלאַמירטע פּרינציפּן, וועלכע האָבן געשלאָגן וואָרצלען אין באַוווסטזיין פון די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבערס, — אירע ליידנשאַפטלעכע אָנפאַלן, זייער שאַרפער אופן פון אַוועקשטעלן פּראַגעס, זייערע ענערגישע פאָדערונגען — דאָס אַלץ האָט געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָל אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. גראָד זיי האָבן שאַרף אַוועקגעשטעלט אַ סך וויכטיקסטע פּראַגעס, זיי האָבן געצווונגען איבערצוקוקן פונסניי אייניקע אַלטע פּרינציפּן, וועלכע האָבן געגאָלטן אַלס געלייזטע, זיי האָבן געצווונגען אַ סך מיטלוי-פער איבערצוטרייסלען געוויסע יסודות פון זייער וועלטאָנשויונג, נאָך אַמאָל אַ טראַכט טאָן וועגן די יסודות פון דער מאַרקסיסטישער קריטיק. דער קאַמף, וואָס האָט זיך פאַנאַנדער-געפלאַקערט אַרום דער ליטעראַטור, האָט צוגעצויגן צו איר די אויפמערקזאַמקייט פון אָנפירנדיקן אָרגאַן פון דער רעוואָ-

לוציע, און אין צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען געשטעלט געוואָרן אויפן סדר-היום יענע שטרייט-פראַגעס, וועלכע האָבן צעטיילט די קעמפנדיקע אויף צוויי לאַגערן.

די רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וואָס האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקערט פון די פראָנטן, ווו זי האָט מיט געווער אין האַנט פאַרניכטעט די בורזשואַזע קאָנטער-רעוואָלוציע, האָט דערזען אין דער ליטעראַטור די הערשאַפט פון דער ריכטונג, וועלכע איז נישט געווען קיין פּראָלעטאַרישע. דאָס איז פאָרגעקומען מאָדנע און חשוד. פול מיט רעוואָלוציאָנערן פולווער, — נאָר וואָס האָבן זיי ליקווידירט דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע, — האָבן די „יונגע" געהאַלטן פאַר נויטווענדיק און מעגלעך צו פאַרווירקלעכן תיכּף דאָס שאַפן אַ נייע קונסט — אַ קונסט פון פּראָלעטאַריאַט, תיכּף ומיד אַריבערשפּרינגען פון דער נויטווענדיקייטס-מלוכה אין דער מלוכה פון פרייהייט. זיי זענען, אַזוי צו זאָגן, געווען „תיכּפדיקע סאָציאַליסטן" אויפן געביט פון קולטורעלן שאַפן און אין דאָזיקן זינען זענען זיי נישט געווען פרעמד נישט די בלאָנדזשענישן פון די „תיכּפדיקע סאָציאַליסטן" בכלל, נישט די געלערזאַמע פאַראיינפאַכונג פון א. א. באָגדאַנאָוון.

אָבער אויף וויפל די „באָגדאַנאָווטשינע" איז געווען אַ פּרווו צו עמאַנסיפּירן דעם פּראָלעטאַריאַט אויפן געביט פון דער קולטורעלער אַרבעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אויף אַזויפיל פאַלט די „נאַפּאָסטאָווסטוואָ", נאַטירלעך, נישט צונויף אין דער דאָזיקער ריכטונג מיט דער „באָגדאַנאָווטשינע". די „נאַפּאָסטאָווצעס" האָבן, פאַרקערט, געוואָלט מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי, דורך דער גאַנצער מאַכט פון דער פּאַרטיי-ווירקונג אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער זייערע ליטעראַרישע קעגנער. זיי האָבן בדעה געהאַט צו זיגן נישט דורך דער העכערקייט פון זייער קינסטלערישן שאַפן, נאָר דורך דער העכערקייט פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע מיטלען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין רשות פון דער פּאַרטיי. אין דידאָזיקע פאָדערונגען, — שעדלעכע, פאַרשטייט זיך, פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווען זיי וואָלטן פאַרווירקלעכט געוואָרן, — איז געקומען צום

ויסדרוק די קולטורעלע אומרייפקייט בכלל און די ליטעראַרישע בפרט פון די „יונגע", וועלכע האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון דער ליטעראַטור. בילדלעך זיך אויסגעדריקט, האָבן זיי זי געוואָלט עפענען נישט מיט קיין שליסל, נאָר מיט א ווי־טריך.

מען קען דעריבער זאָגן, אַז די פאַרדינסטן פון די ערשטע „נאַפּאָסטאָווצעס" זענען געווען נישט־ווילנדיקע. די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון זייער קאַמף זענען געשאַפן געוואָרן דורך די נעגאַטיווע זייטן פון דערדאָזיקער ריכטונג. זיי האָבן גענומען ברעכן שויבן (לאָמיר זיך באַנוצן מיטן אויסדרוק פון ג. גאָרבאַטשאָוון), אין דערדאָזיקער פאַקט האָט צוגעצויגן צום באַלאַגערטן אָרט די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. פאַר דאָזיקן „רעש" דאַרף די געשיכטע דאַנקען די נאַפּאָסטאָווצעס.

II.

דער זשורנאַל „נא פּאָסטו" האָט געבראַכט מיט זיך א באַליידיקנדיקע שאַרפקייט פון די אורטיילן, א פאַרביסן־פיינט־לעכע באַהאַנדלונג פון זיינע קעגנער און א אַגרעסיווע פּאָ־ליטיק. דער זשורנאַל פלעגט אָנפאַלן אכזריותדיק, אָן רחמנות און צערעמאָניעס.

די מיטלויפער זענען געווען אַן אָפּטיילונג, וועלכע איז געשטאַנען בראש פון דער ראַטן־ליטעראַטור. אויף איר קאָפּ האָבן אַראָפּגעגנידערט די שרעקלעכסטע דונערן. די מיט־לויפערישע ליטעראַטור האָט מען געהאַלטן פאַר רעוואָלוציאָנער. איז זי דערקלערט געוואָרן אַלס געוויקס פון דער קאָנטער־רע־וואָלוציע. איליאַ ערענבורג איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, ב. פּיל־ניאַק איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, אפילו וופ. איוואַנאָוון איז פרעמד די רעוואָלוציע. וועגן אַלעקסיי טאָלסטאָיען איז דאָך שוין אָפּגערעדט. ביז די „נאַפּאָסטאָווצע" האָבן א סך, און דערעיקר אַ. וואָראָנסקי, געהאַלטן, אַז די מיטלויפער „שפּיג־לען" אָפּ די רעוואָלוציע. „נאַ פּאָסטו" האָט פאַרזיכערט, אַז די „פאַרקריפּלען" זי, ריידן אויף איר רכילות, באַגיסן די רעוואָלוציע מיט שמוץ.

לויט די פאַרזיכערונגען פון די „נאַפּאָסטאָווצעס" האָבן די מיטלויפער נישט געקענט ריכטיק באַגרייפן, ריכ־טיק אָפּשפּיגלען די געשעענישן, — ווייל אַזוי איז בכלל די ליטעראַטור פון די קלאַסן, וואָס זענען פרעמד דעם פּראָ־לעטאַריאַט. ווארדין האָט אין ערשטן נומער פון זשורנאַל קורץ באַמערקט, אַז „די ליטעראַטור פון די פאַרגאַנגענע תּקופות איז געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון די עקס־פּלואַטאַטאָרישע קלאַסן". דערפון איז געמאַכט געוואָרן דער אויספיר, אַז „קודם כל דאַרף די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור ענטגילטיק זיך באַפרייען פון דער ווירקונג פון עבר אויפן געביט פון אידעאָלאָגיע און אויפן געביט פון פאָרם". אפילו די אָפּטיילונג פוטוריסטן, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר די אמתע פאָרשטייער פון דער עכטער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור,—אפילו פון די פוטוריסטן קענען נישט אַלע, נאָר בלויז אייניקע, און דאָס אויך „מיט באַ־דייטנדיקע באַוואָרענישן", אָנגענומען ווערן דורך דער רעוואָ־לוציע", — האָט געהאַלטן „נאַ פּאָסטו". דאָס האָט די „נאַ־פּאָסטאָווצעס" נישט געשטערט גלייך אין ערשטן רעדאַקציאָנעלן אַרטיקל פון ערשטן נומער פון זשורנאַל צו פּראָקלאַמירן אַ ריין־פוטוריסטישן טעזיס:

„מיר וועלן קעמפן מיט יענע פאַרערער פון דאָס אַלטע, וועלכע זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ ערפורכטיקער פּאָזע, אָן אַ גענוגנדיקער קריטישער אָפּשאַצונג פאַרן גראַני־טענעם מאָנומענט פון דער אַלטער בורזשואַז־פריצישער ליטע־ראַטור, און ווילן נישט אַראָפּוואַרפן פון די אַקסלען פון אַרבע־טער־קלאַס איר דריקנדיקע אידעאָלאָגישע משא".

פונדעסטוועגן האָט מען אין זעלבן נומער פון זשורנאַל געקענט דורכלייענען דעם אַרטיקל פון ל. סאָסנאָווסקי, וואָס האָט זיך איראָניש אָפּגערופן וועגן די „פּרא־אדמס", וועל־כע האַלטן, אַז די שפּראַך פון פושקין, גאָגאָל, טאָלסטאָי און טשעכאָוו איז כּלומרשט פאַרעלטערט און אַז דידאָזיקע וואָרט־מייסטערס איז שוין צייט אַרויסצוואַרפן איבערן באָרט פון דער חיינטצייטיקייטס־שיף.

דאָס איז אַ סתּירה, — און ווייט נישט די איינציקע, —

מיט וועלכער עס האָט געגלאַנצט דער אָרגאַן פון די נאַפּאָס־טאָווצעס.

די פּראַקטישע אויספירן און לאָזונגען, וועלכע עס האָט ארויסגעשטעלט „נאַ פּאָסטו״, זענען באַשטאַנען אין פאָלגנ־דיקע טעזיסן:

אויפן געביט פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק האָט דער פּראָלעטאַריאַט פאַרקערפּערט זיין רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטי־שע באַגרייפונג, אָבער אויפן געביט פון קולטור האָט ער דאָס נאָך נישט באַוויזן צו טאָן. דעריבער „שטעלט זיך פאַרן פּראָלעטאַריאַט אין דער ערשטער ריי די אויפגאַבע צו בויען זיין אייגענע קלאַסנקולטור, און, במילא, אויך זיין אייגענע קינסטלערישע ליטעראַטור אַלס מעכטיקן מיטל פון טיפער השפּעה אויף די זינלעכע עמפּינדונגען פון די מאַסן״.

ווי מיר זעען איז דערדאָזיקער טעזיס נישט ניי פאַר אונז. ער איז בשעתו פּראָקלאַמירט געוואָרן אין אַ גאַנץ ענ־לעכער פאָרמולירונג דורך א. א. באָגדאַנאָוון. דאָס פעסטשטעלן דידאָזיקע פאַרבינדונג צווישן באָגדאַנאָווס טעאָריעס און דער „נאַ־פּאָסטאָווסטוואָ״ איז נויטיק, כּדי מען זאָל קענען קלאָר מאַכן די גענעאַלאָגישע ליניעס אין די ליטעראַרישע ריכטונגען פונם היינטיקן טאָג. פּונקט אַזוי „באָגדאַנאָוויש״ איז אויך דער צווייטער טעזיס פון דער „פּלאַטפאָרם״ פון דער גרופּע „אָקטיאַבר״, וועלכן מיר ציטירן דאָ גלייך, און וועלכער איז דירעקט גע־ווידמעט דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

„אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט דינט די קינסטלערישע לי־טעראַטור צוגלייך מיט אַלעם איבעריקן די אויפגאַבן פון אַ באַשטימטן קלאַס און בלויז דורכן קלאַס — דער גאַנצער מענטשהייט. דערפון איז געדרונגען, אַז פּראָלעטאַריש וועט זיין אַזאַ ליטעראַטור, וועלכע אָרגאַניזירט די פּסיכיק און דעם באַוווסטזיין פון ארבעטער־קלאַס און פון די ברייטע אַרבעטנ־דיקע מאַסן אין דער ריכטונג פון די ענד־אויפגאַבן פון פּראָ־לעטאַריאַט אַלס איבערבויער פון דער וועלט און שעפער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט״.

דערדאָזיקער טעזיס האָט געפירט דערצו, אַז מען האָט דער בורזשואַזער ליטעראַטור אַנטשידן אַנטקעגנגעשטעלט די

פּראָלעטאַרישע. און אַזאַ קעגנאיבערשטעלונג האָט געבראַכט צו אַ גאַנצער ריי פּראַקטישע אויספירן.

„אַלס עיקרדיקער קריטעריום אויף אָפּצושאַצן אַ ליטעראַרישע ריכטונג אָדער אַ ליטעראַרישע דערשיינונג — לייענען מיר, — קען דינען בלויז זייער געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. געזעלשאַפטלעך-נוציק איז אין אונזער צייט ב׳ויז אַזאַ ליטעראַטור, וועלכע אָרגאַניזירט די פּסיכיק און דעם באַוווסטזיין פון די לייענער, און אין דער ערשטער ליניע פון די פּראָלעטאַרישע לייענער, אין דער ריכטונג פון די ענד-אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט אַלס שעפער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, ד. ה. אַ פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. *יעדע אַנדערע ליטעראַטור, וואָס ווירקט אַנדערש אויף די לייענער, העלפט צו* אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער מאָס *דער ניי-באַלעבונג פון דער בורזשואַזער* און *קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע*״ (אונטערגעשטראָכן דורך אונז. וויאַטש. פּ.)

ווי מיר זעען, זענען די „נאַפּאָסטאָווצעס״ געווען „באָגדאַנאָווער״ ווי באָגדאַנאָוו אַליין, וועלכער האָט אָנערקענט די נוצלעכע באַדייטונג פון די „שיינקייטס״-עלעמענטן אין דער בורזשואַזער ליטעראַטור. די „נאַפּאָסטאָווצעס״ האָבן געטיילט קלעפּ נישט קוקנדיק אַוווּ: אויב מען זאָל מאַכן אויספירן פון דאָזיקן טעזיס האָט מען די קלאַסישע ליטעראַטור נישט געקענט אָנערקענען פאַר געזעלשאַפטלעך-נוצלעך, ווייל זי איז נישט געווען קיין פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. אָבער מיטהעלפן דער ניי-באַלעבונג פון דער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע אין דער עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, איז, אָן ספק, געווען אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע זאַך. אַזאַ באַציאונג צו די קלאַסיקער, אויב מען זאָל זי נעמען ערנסט, האָט, פאַרשטייט זיך, געהייסן אָפּזאָגן זיך פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, פון דער קינסטלערישער ירושה פון עבר.

אַזאַ באַציאונג צו דער „ירושה״ איז געווען אַ טריט צוריק אין פאַרגלייך מיט די טעזיסן פון אַ. באָגדאַנאָוו, וועלכע

האָבן געדינט אַלס פּראָטאָטיפּן פאַר די טעזיסן פון ג. לע־לעוויטש.

באַזונדערס שעדלעך איז פון נאַפּאָסטאָווישן שטאַנדפּונקט געווען די מחנה מיטלויפער.

„קליינבירגערלעכע גרופּעס שרייבער — לייענען מיר, — וועלכע „נעמען אָן" די רעוואָלוציע, וועלכע האָבן אָבער נישט באַגריפן איר פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער און וועלכע נעמען זי בלויז אָן ווי דעם בלינדסטן אַנאַרכיסטישן פויערשן בונט (די סעראַפּיאָנער און אַז. וו.), שפּיגלען אָפּ די רעוואָלוציע אין אַ קרומען שפּיגל און זיי זענען נישט פעאיק צו אָרגאַניזירן די פּסיכיק און דעם באַוווסטזיין פון לייענער אין דער ריכטונג פון די ענד־אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט. דעריבער קענען זיי נישט האָבן קיין פּאָזיטיווע דערציִערישע באַדייטונג פאַרן „אַר־בעטער־קלאַס".

אמת, זיי האָבן אָנערקענט, אַז די מיטלויפער ברענגען אַ געוויסן נוצן: זיי קענען שפּילן אַ געוויסע ראָלע ביים אָפּ־טעמפּן די שנאה צו דער רעוואָלוציע מצד די וואַקלדיקע קליינבירגערלעכע קרייזן און זיי קענען איינוואָרצלען אין באַ־וווסטזיין פון דידאָזיקע קרייזן דעם געדאַנק וועגן דער נויטי־קייט פון אַ געשעפטלעכער מיטאַרבעט מיטן הערשנדיקן פּראָ־לעטאַריאַט". אָבער נישט מער. אין שפּעטערישן געביט, אַלס קינסטלער פון וואָרט, האָט מען זיי אַנטשיידן פאַרלייקנט. אָבער אויך דאָ האָט מען געהאַט אַ „באַוואָרעניש". אָפּוואַרפנדיק די מיטלויפער אַלס געזעלשאַפטלעך־שעדלעכע שרייבער, האָבן די „נאַפּאָסטאָווצעס" פונדעסטוועגן פעסטגעשטעלט די מעגלעכ־קייט פון אַ „געוויסער צוזאַמענאַרבעט" מיט די מיטלויפער, אָבער נאָר אין דעם פאַל, ווען די מיטלויפער וועלן דינען אויף „אידעאָלאָגיש צו אַנטוואָפענען אונזערע שונאים".

„חוצדעם, — לייענען מיר אין די טעזיסן, — ברענגט מיט זיך מיט די קליינבירגערלעכע נאַטור פון די מיטלויפער, אַז אויך אין דערדאָזיקער הינזיכט קען מען זיך אויף זיי נישט תמיד פאַרלאָזן. הייסט עס, אַז דאָס צוזאַמענאַרבעטן מיט זיי האָט אַ זין בלויז אין דער פאָרם פון אויסניצן זיי אַלס הילפס־אָפּטיילונג, וואָס דעזאָרגאַניזירט דעם קעגנער, דעריבער איז נוי־

טיק כסדר אויפצודעקן זייערע פאַרפּלאָנטערטע קלײנבירגערלעכע שטריכן״.

אַרויסגייענדיק פון דידאָזיקע טעזיסן, האָט די פּלאַטפאָרם פון דער גרופּע „אָקטיאַבר״, — וועלכע איז געוואָרן די אידעאָלאָגישע פּלאַטפאָרם פון די „נאַפּאָסטאָווצעס״, — אַזוי רעזומירט אירע פּראַקטישע אויספירן:

„האַלטנדיק — האָט געזאָגט דער פּונקט 7 פון די טעזיסן — אַז מיט דער צייט וועט די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור זײַן דער איינציקער ערנסטער כח אויפן געביט פון קינסטלערישן וואָרט, דאַרף מען אָננעמען, אַז די אינטערעסן פון אידעאָלאָגישן פראָנט פאָדערן שוין איצט, אַז די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור זאָל באַקומען אַן אָנפירנדיקע השפעה אין די עיקרדיקע ליטעראַרישע פּאַרטייאיש-סאָוועטישע פּרעסע-אָרגאַנען. בלויז ביי דערדאָזיקער באַדינגונג איז מעגלעך אויסצונוצן לטובת דער רעוואָלוציע די הילפס-כחות פון די מיטלויפער פונקט אַזוי, ווי אויפן פּאָליטישן געביט האָט די אָנפירנדיקע לאַגע פון פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד פון רקפּ דערלויבט אויסצונוצן די סמענאָוועכאָוסטוואָ אין די אינטערעסן פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור״.

מען דאַרף פונדעסטוועגן באַמערקן, אַז אָפּוואַרפנדיק די גאַנצע „נישט-פּראָלעטאַרישע״ ליטעראַטור, האָבן זיך די נאַפּאָסטאָווצעס באַמיט אַרויסצוציען פון איר אַ געוויסן נוצן פאַר דער פּראָלעטאַרישער. פּראָקלאַמירנדיק דעם „פּרימאַט פון אינהאַלט״ (§ 10 פון דער „אידעאָלאָגישער און קינסטלערישער פּלאַטפאָרם פון דער פּראָלעטאַרישער שרייבער-גרופּע „אָקטיאַבר״) שטעלט די פּלאַטפאָרם פון „אָקטיאַבר״ פעסט, אַז פאַר אַ פּראָלעטאַרישן שרייבער איז נויטיק „אויסצונוצן אַלזייטיק די קינסטלערישע פאָרמען און מיטלען פון פּראָזע און דיכטונג, וועלכע עס האָט געשאַפן די פריערדיקע ליטעראַטור-געשיכטע.״

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אַלטע ליטעראַטור, און במילא אויך די אַלטע קינסטלערישע פאָרמען, זענען געווען עלעמענטן, וועלכע האָבן נישט געקענט אָרגאַניזירן די פּסיכיק פון פּראָלעטאַריאַט אין דער ריכטונג פון זײַנע ענדצילן, האָבן פונדעסטוועגן די „נאַפּאָסטאָווצעס״ אָנערקענט אַ

געוויסע נוצלעכקייט פֿון דידאָזיקע פֿאָרמען. דאָס איז געווען דער „נאָגעלע״, וועלכער וועט דערנאָך אַריינשלעפּן „דאָס פּוי־געלע״ אין דער אָנערקענונג פֿון דער „קלאַסישער ירושה״.

דעם פֿולקאָמענסטן אויסדרוק האָט די גאַנצע סיסטעם פֿון די „נאַפּאָסטאָווּשע״ אָנשויאונגען פֿון ערשטן פּעריאָד באַקומען אין אַ רעזאָלוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער ערשטער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָנפֿערענץ פֿון די פּראָלעטאַרישע שרייבער לויטן פֿאָרטראָג פֿון אי. וואַרדין. מיר וועלן דידאָזיקע רעזאָלוציע איבערגעבן טיילווייז מיט אייגענע ווערטער, טיילווייז מיט די ווערטער פֿון אי. וואַרדינען. אירע הויפּט־טעזיסן האָבן געזאָגט:

די הערשאַפֿט פֿון פּראָלעטאַריאַט קען נישט גיין האַנט ביי האַנט מיט דער הערשאַפֿט פֿון אַ נישט־פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע, און במילא, אויך נישט פֿון אַ נישט־פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

2) די קינסטלערישע ליטעראַטור אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפֿט איז נישט נאָר נישט נייטראַל, נאָר זי דינט אַקטיוו דעם אָדער יענעם קלאַס.

3) די רייד וועגן דעם, אַז אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור איז מעגלעך אַ פֿרידלעכע צוזאַמענאַרבעט, אַ פֿרידלעכע קאָנקורענץ פֿון פֿאַרשיידענע ליטעראַריש־אידעאָלאָגישע ריכטונגען, איז אַ רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע. דער באָלשעוויזם האָט תמיד באַקעמפֿט דידאָזיקע רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע.

4) ביי היינטיקע באַדינגונגען איז די קינסטלערישע ליטעראַטור איינע פֿון די לעצטע אַרענעס, אויף וועלכער עס קומט פֿאָר אַ פֿאַרביסענער קלאַסנקאַמף צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע פֿאַר דער העגעמאָניע איבער די צווישנשיכטיקע עלעמענטן.

5) די נעגאַטיווע באַציאונג צו דער פּראָלעטאַרישער קולטור און דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז היסטאָריש און פּרינציפּיעל פֿאַרבונדן מיט יענער ליקווידאַטאָרישער פּאָזיציע, וועלכע האָט זיך אין די יאָרן 1922—1925 אויספֿאָרמירט אין דער ראַטנגעזעלשאַפֿט אונטערן נאָמען „אָפּאָזיציע״ אין רקפּ. בופּא.

6) פון דעם מאָמענט אָן, זינט דער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויסגעטראָטן אויף דער היסטאָרישער אַרענע ביז דעם איצטיקן מאָמענט, האָט ער געשאַפן ריזיקע ווערטן פון אַ נייער מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור.

7) דער וועג, אויף וועלכן עס גייט דער פּראָלעטאַריאַט אויפן געביט פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק און עקאָנאָמיק, דאַרף זיין דערזועלבער, וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט וועט נעמען אויפן געביט פון קונסט, דאָס וועט זיין דער וועג פון העגעמאָניע, דער וועג פון פאַרכאַפּן די מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט אויפן געביט פון דער קונסט.

8) אָן זיין אייגענער זעלבשטענדיקער קלאַסן-קולטור, אָן זיין ליטעראַטור וועט דער פּראָלעטאַריאַט נישט איינהאַלטן זיין העגעמאָניע איבערן פויערטום. נישט נאָר אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביטן, נאָר אויך אויפן קולטורעלן געביט וועט דער אַרבעטער-קלאַס מוזן פירן נאָך זיך די נישט-פּראָלעטאַרישע שיכטן.

9) די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור וויס, אַז זי דאַרף נעמען אַלדאָס ווערטפולע, אַלדאָס פּראָגרעסיווע פון דער קלאַסישער און מאָדערנער בורזשואַזער קולטור און קונסט, אָבער די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור וויס אויך דאָס, אַז זי דאַרף גיין נישט דער ערך ווייטער פאַרן פּונקט, אויף וועלכן עס איז געבליבן שטיין די בורזשואַזיע אין דידאָזיקע געביטן, אַז מען דאַרף נישט נאָר אויסנוצן די אַלטע קולטור, נאָר מען דאַרף זי, לויט לענינס אויסדרוק, אומבאַדינגט „איבעראַרבעטן".

10) דער הויפּט-טיפּ פון אַ מיטלויפער איז אַ שרייבער, וועלכער פאַרקריפּלט אין דער ליטעראַטור די רעוואָלוציע רעדט אָפּט רכילות אויף איר, איז דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון נאַציאָנאַליזם, גרויסמאַכטישקייט, מיסטיציזם. די מיטלויפערישע קינסטלערישע ליטעראַטור איז אין איר יסוד אַ ליטעראַטור, וועלכע איז געווענדט קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. מיטן דאָזיקן אַנטי-רעוואָלוציאָנערן עלעמענט פון די מיטלויפערס איז נויטיק צו פירן אַ אַנטשידענעם קאַמף.

11) עס זענען אָבער דאָ עכטע מיטלויפער פון דער רע-

וואָלוציע. זייער פולע אויסנוצונג אויפן ליטעראַרישן פראָנט איז לחלוטין נויטווענדיק. דידאָזיקע אויסנוצונג קען פאַרווירקלעכט ווערן בלויז אין דעם פאַל, אויב אויף די בעסטערע פאָרשטייער פון די מיטלויפער וועט ווירקן די פראָלעטאַרישע ליטעראַטור, אויב דידאָזיקע מיטלויפערס וועלן זיך גרופּירן אַרום דעם פראָלעטאַרישן קערן פון דער ליטעראַטור.

12) אַזאַ קערן דאַרף ווערן—און זי ווערט דאָס שוין—די אַלפאַרבאַנדישע אַסאָציאַציע פון די פראָלעטאַרישע שרייבערס.

13) מיר זענען אַריינגעטראָטן אין אַזאַ מאָמענט פון דער קולטור-אַנטוויקלונג, ווען דאָס בלויזע „אָנערקענען" פון אַ פראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז שוין נישט גענוג, ווען עס איז אומבאַדינגט נויטיק צו אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון דער העגעמאָניע פון דערדאָזיקער ליטעראַטור, דעם פּרינציפּ פון אַ עקשנותדיקן, סיסטעמאַטישן קאַמף פון דערדאָזיקער ליטעראַטור פאַר אַזיג, פאַר איינשלינגען אַלע ארטן און שאַטירונגען פון דער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער ליטעראַטור.

דידאָזיקע טעאָרעטישע פּאָזיציע מיט אירע פראַקטישע אויספירן האָט געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק. און אויף וויפל די נאַפּאָסטאָווצעס זענען אַרויסגעטראָטן נישט ווי רוסישע טעאָרעטיקער, נאָר אַלס ליידנשאַפטלעכע קעמפער, וואָס האָבן געוואָלט דערגרייכן מיט אַלע מיטלען שנעלע און אַנטשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע רעזולטאַטן, איז זייער טעטיקייט אויפגענומען געוואָרן דורך זייערע קעגנערס, ווי אַ סכנה פאַר דער איינגעאָרדנטער פּראָדוקציע פון קינסטלערישער ליטעראַטור. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ גרויסער, פאַרביסענער קאַמף, וואָס אַזאַ האָט די רוסישע ליטעראַטור שוין לאַנג נישט געקענט. פריינט זענען זיך צעגאַנגען צוליב אָנערקענען אָדער נישט אָנערקענען דעם טעזיס וועגן בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, מען האָט איינער אויפן צווייטן געוואָרפן באַשולדיקונגען, וועלכע האָבן נישט דערפירט צו קיין גע-

ריכטן בלויז דערפאַר, ווייל אין ליטעראַרישן קאַמף — האָט מען זיך געטראַכט — איז „אַלץ דערלויבט". פּאַרטיי־חברים האָבן באַהאַנדלט איינער דעם צווייטן, ריכטיק ווי זיי וואָלטן געווען קלאַסן - שונאים. אַלע אָנטיילנעמער פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג האָבן געדאַרפט אויסקלייבן — פאַר אָדער קעגן. דאָס הייסט : מיט די „נאַפּאָסטאָווצעס" אָדער מיט די „קאַפּיטולאַנטן", ווי די „נאַפּאָסטאָווצעס" האָבן אַ נאָמען געגעבן זייערע קעגנער.

אויפן צד פון די „נאַפּאָסטאָווצעס" זענען געווען אַ סך גרויסע ליטעראַטן. לאָמיר אָנרופן די נעמען פון פּ. ס. קאָגאַן, וו. מ. פריטשע, מ. אָלמינסקי, דעמיאַן בעדני, ל. סאָסנאָווסקי, פּ. אי. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקי, וו. קערזשענצאָוו, וו. פּלעטניאָוו. די אַלטע אָנטיילנעמער פון באָגדאַנאָווש ן פּראָלעטקולט האָבן מיט אַ באַזונדער באַפרידיקונג געקענט באַטראַכטן די אויפגעגאַנגענע שפּראָצונגען, פון די זאָמען, וועלכע זיי האָבן אַמאָל פאַנאַנדערגעוואָרפן. פון די איבעריקע וועלן מיר דערמאָנען ס. אינגולאָוון, ל. אווערבאַכן, מ. גאָרבאַטשאָוון, אַ. בעזימענסקין, יו, ליבעדינסקין און אַ גאַנצע ריי יונגע פּראָלעטאַרישע דיכטער און פּראָזאַאיקער.

קעגן די „נאַפּאָסטאָווצעס" זענען געווען נישט נאָר ל. טראָצקי און אַ. וואָראָנסקי, נאָר אויך אַ. לונאַטשאַרסקי, נ. בוכאַרין, וו. דובאָווסקאָי, נ. אָסינסקי, ק. ראַדעק, נ. מעשטשעריאַקאָוו, יאַ. יאַקאָוולעוו, דער מחבר פון דידאָזיקע שורות און אנד. אַפילו די שרייבער פון „קוזניצאַ" זענען געווען קעגן די „נאַפּאָסטאָווצעס". קעגן די נאַפּאָסטאָווצעס איז אויך געווען די פּרעסע-אָפּטיילונג פון צ. ק. די אַנטשיידענע שלאַכט איז פאָרגעקומען אויף אַ ספּעציעלער באַראַטונג, וועלכע עס האָט צונויפגערופן די פּרעסע-אָפּטיילונג דעם 9 מאַי 1924-טן יאָר אין לאָקאַל פון צ. ק. מיר וועלן איבערגעבן דעם גאַנג און אויסגאַנג פון קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דערדאָזיקער באַראַטונג.

III

די באַראַטונג האָט באַשלאָסן זיך פאַנאַנדערצוקלײַבן אין דעם שטרייט און אָנמערקן די יסודות פון דער פאַרטיי-פאָליטיק אין דער קונסט, וועלכע עס האָבן געפאָדערט און וועלכע עס האָבן אונטערגעזאָגט דעם צ.ק. פון דער פאַרטיי די „נאַפּאָסטאָווצעס".

צי איז דען געווען אַ וועלכע נישט איז פאַרטייאישע ליניע אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין פעריאָד, וואָס פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער „נאַפּאָסטאָווסטוואָ"? געוויס איז געווען. די טעטיקייט פון אַ. וואָראָנסקין, די ריכטונג פון זיין רעדאַקטאָרישער און קריטישער אַרבעט זענען געגאַנגען לויט דער ליניע, וועלכע דער צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי האָט געהאַלטן פאַר יענעם פעריאָד אַלס ריכטיק. די באַהויפּטונג פון די נאַפּאָסטאָווצעס, אַז עס האָט נישט עקזיסטירט קיין שום ליניע, איז נישט געווען ריכטיק, ווי מיר וועלן ווייטער זען. די באַראַטונג האָט אין די עיקרדיקע שטריכן אָנערקענט פאַר ריכטיק די ליניע פון זשורנאַל „קראַסנאַיאַ נאָוו". אָבער גלייכצייטיק האָט דער וווּקס פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור באמת געפאָדערט צו זיך אַ סך אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט, ווי מען האָט איר פריער געווידמעט.

אין חבר וואַרדינס רעפעראַט, וועלכער איז געהאַלטן געוואָרן אויף דער באַראַטונג פון צ. ק., זענען קאָנקרעטיזירט געווען די טעזיסן פון די „נאַפּאָסטאָווצעס", וועלכע זענען אויבן איבערגעגעבן געוואָרן. אַלס הויפּט-אויפגאַבע פון דער פאַרטיי האָט אי. וואַרדין אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז ס'איז בויטיק צו בילדן אַ קאַמקעמערל אין דער ליטעראַטור. „מיר דאַרפן האָבן אַ באָלשעוויסטישע פראַקציע אין דער ליטעראַטור", — האָט ער געזאָגט. און ער האָט צוגעגעבן: „אָט דאָס קעמערל, אָט די קאָמוניסטישע פראַקציע שטעלט פאָר מיט זיך די גרופּע פראָלעטאַרישע שרייבערס. דאָס הייסט נישט, אַז אין דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור עקזיסטירן געניעס. עס האַנדלט זיך אָבער נישט וועגן געניעס. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז די פאַרטיי, אויב זי וועט וועלן דורכפירן אַ

פּאַרטיי-פּאָליטיק אין דער ליטעראַטור, האָט זי שוין אַ גרופּע
שרייבערס, אויף וועלכער זי קען זיך „אָנשפּאַרן". „אַזאַ גרו-
פּע שטעלט פאַר מיט זיך די „אַלפאַרבאַנדישע אַסאָציאַציע
פון פּראָלעטאַרישע שרייבערס" — וואַפּפּ. די פּאַרטיי דאַרף
אָנפירן מיטן וואַפּפּ און גרופּירן אַרום אים די אומפּאַרטייאישע
שרייבערס".

אָט דאָס איז דער צענטראַלער פּאָרשלאַג, צו וועלכן עס
האָבן געפירט דעם ח' וואָרדינס טעזיסן. דער זין פון דעמ-
דאָזיקן פּאָרשלאָג איז קוואַליפיצירט געוואָרן ווי אַ פּרווו פון
דער גרופּע „אָקטיאַבר" צו דערשלאָגן זיך פון דער פּאַרטיי אַ
מאַנדאַט אויף העגעמאָניע אין דער ליטעראַטור. 29)

וועלכע דערווידערונגען האָט מען קעגנגעשטעלט אויף
דער באַראַטונג דידאָזיקע פּרעטענזיעס? זיי זענען אַרויסגעזאָגט
געוואָרן דורך אַ גאַנצער ריי אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג.
אויב דעם שטאַנדפּונקט פון די נאַפּאָסטאָווצעס האָבן פּאַרטיי-
דיקט פּ. ראַסקאָלניקאָוו, ג. לעלעוויטש, ל. אַווערבאַך, וו. פּלעט-
ניאָוו, ס. ראַדאָוו, אַ. בעזימענסקי, יו. ליבעדינסקי, וו. קער-
זשענצאָוו, ד. בעדני, זענען קעגן אַרויסגעטראָטן, אַחוץ טראָצ-
קין און וואָראָנסקין, נ. בוכאַרין, אַ. לונאַטשאַרסקי, ג. יאַ-
קובאָווסקי, נ. אָסינסקי, ק. ראַדעק, יאַ. יאַקאָוולעוו, נ. מעש-
טשעריאַקאָוו און אַנד. 30)

אָבער די פולסטע אָנשויאונגען-סיסטעם, וואָס קריטיקירט
די „נאַפּאָסטאָווצעס", איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן נישט אויף דער-
דאָזיקער באַראַטונג, נאָר אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שריפט-
לעכע און מינדלעכע אַרויסטרעטונגען פון טראָצקין, נ. בוכאַ-
רינען און אַ. לונאַטשאַרסקין. מיט טראָצקיס מיינונגען זענען
מיר באַקאַנט. איצט דאַרפן מיר זיך באַקענען מיט דעם, ווי-
אַזוי עס האָבן באַטראַכט די ליטעראַרישע פּראָבלעמען נ. בו-
כאַרין און אַ. לונאַטשאַרסקי.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

נ. אי. בוכאַרין װעגן דער קינסט-לערישער ליטעראַטור

I. נ. בוכאַרין װעגן קונסט. די פּאָלעמיק מיט די פּאָר מאַליסטן און דעם פּאָרמאַליזם.—II. נ. בוכאַרין װעגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. װעגן דער „פרייער קאָנקורענץ" אין ליטעראַרישן קאַמף. װעגן די נאַפּאָסטאָװצעס. װעגן פּאַנאַנדער-בלאָזן אַ קלאַסנקאַמף אין דער ליטעראַטור װעגן קולטורעלער העגעמאָניע, מיטלױפער און דער אַלגעמיינער אָנפירערשאַפט.

I

אַ גרױסן אינטערעס שטעלן פאָר מיט זיך די אָנשױ-אונגען פון נ. אי. בוכאַרינען. דערדאָזיקער אינטערעס איז נאָך גרעסער דערפאַר, װאָס זיי זענען נישט צופעליק, נאָר פאַרבונדן מיט דער טעאָרעטישער אַרבעט, װעלכע עס פירט דורך דער מחבר פון לערנבוך פון מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָ-גיע. זיינע איינצלנע אָפּשאַצונגען קענען זיין סוביעקטיװ, װי ס׳איז סוביעקטיװ, למשל, די אָפּשאַצונג פון ערענבורגס בוך „כוליאָ כורעניטאָ". אָבער אויף װיפל נ. בוכאַרין טרעט אַרױס אין זיינע מיינונגען אַלס טעאָרעטיקער פון דער פּראָלעטאַרי-שער סאָציאָלאָגיע, אויף אַזוי װייט האָבן זיינע מיינונגען אַ גרױסע װאָג אין אונזער דיסקוסיע.

נ. בוכאַרינס פאָרמולע װעגן „װאָס אַזוינס איז קונסט"—איז

אַלגעמיין-באַקאַנט. אין קעגנזאַץ צו דער וויסנשאַפט, וואָס סיסטעמאַטיזירט די געדאַנקען פון די מענטשן, סיסטעמאַטיזירט די קונסט זייערע געפילן, אויסדריקנדיק זיי אין קינסטלערישע בילדער אָדער דורכן וואָרט, אָדער דורכן קלאַנג, אָדער דורך אַנדערע מיטלען. „מ'קען דאָסזעלבע זאָגן אַביסל אַנדערש, מען קען, למשל, זאָגן, אַז די קונסט איז אַ מיטל צו „פאַרגעזעלשאַפטלעכן די געפילן" אָדער ווי ל. טאָלסטאָי האָט דאָס גאַנץ ריכטיק פאָרמולירט (אין „וואָס אַזוינס איז קונסט"): אַ מיטל פון עמאָציאָנעלער „אָנשטעקונג".

די קונסט—„דאָס איז סיסטעמאַטיזאַציע פון די געפילן אין בילדער. פאַרשטענדלעך איז אויך די אוממיטלבאַרע ראָלע פון דער קונסט ווי אַ מיטל צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן דידאָזיקע געפילן, זיי איבערצוגעבן, צו פאַרשפרייטן זיי אין דער געזעלשאַפט".

אָט דאָס איז די אַלגעבראַאישע פאָרמול פון קונסט. די קונסט איז אַ „פּראָדוקט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן" און אַזאַ מין גייסטיקע טעטיקייט. דערפון קען לאָגיש אַרויסגעפירט ווערן די רייכע פאַרשידנאַרטיקייט פון די פונקציעס, וועלכע די קונסט פאַרמאָגט אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, ד. ה. אין אַ געוויסער היסטאָרישער סביבה, אויף אַ געוויסער שטופע פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

די סאָציאָלאָגישע פאַרשטענדעניש פאַר דער קונסט האָט בוכאַרינען געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן אַ גאַנצע ריי זייער פיינע און וויכטיקע געדאַנקען פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפונקט בנוגע דעם פאָרמאַלן מעטאָד. אין זיין פּאָלעמיק מיט ב. עיכענבאַומען האָט בוכאַרין פיין אונטערשיידט דעם פאָרמאַלן און דעם סאָציאָלאָגישן מעטאָד. זיין אַרטיקל, אין תוך גענומען אַ גלענצנדיקע אימפּראָוויזאַציע, קען נישט פאַרשוויגן ווערן ביים שטודירן סיי דעם סאָציאָלאָגישן סיי דעם פאָרמאַלן מעטאָד. בוכאַרינס געדאַנקען, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דאָזיקן אַרטיקל, וועלן אַריינגיין אין אומלויף פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור-וויסנשאַפט צוגלייך מיט פּלעכאַנאָווס, טראָצקיס און לונאַטשאַרסקיס אַרטיקלען.

בוכאַרין שטרייכט אונטער, אַז די נעגאַטיווע באַציאונג

פון מאַרקסיזם צום פאָרמאַלן מעטאָד ליגט נישט אין דער אַלגעמיינער פאַרלייקענונג פון פאָרמאַליזם. ריידנדיק וועגן איינע פון די פאָרמאַליסטישע דאָגמען, וועלכע באַשטייט אין דעם, וואָס ביים אויסשטודירן יעדע וויסנשאַפט מוז מען אויסטיילן יענס ספעציפישעס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן געגעבענעם קרייז דערשיינונגען, דאָס, וואָס טיילט אויס די געגעבענע קאַטעגאָריע דערשיינונגען פון יעדער אַנדערער, באַמערקט נ. בוכאַרין, אַז דעמדאָזיקן וויסנשאַפטלעכן פרינציפ טיילט אויך דער מאַרקסיזם. ווייטער באַמערקט ער, אַז די פאָדערונג פון „ספעציפישקייט” ביי אַ גאַנצער ריי דערשיינונגען, וועלכע ווערן אַרומגענומען דורך אַ באַשטימטער וויסנשאַפטלעכער דיסציפלין, איז בכלל אַ וויסנשאַפטלעכע מעטאָדאָלאָגישע הנחה, וואָס איז אַלגעמיין-אָנגענומען אין דער היינטיקער וויסנשאַפט. דער מאַרקסיזם, וועלכער איז ווייט נישט דער לעצטער שריט אין דער סיסטעם פון היינטיקן וויסנשאַפטלעכן וויסן, „טיילט פולקום” דידאָזיקע וויסנשאַפטלעכע הנחה. זי פאַרמאָגט נישט קיין שום נייס און קיין שום אָריגינעלס. נישט אין איר איז דער מהות פון פאָרמאַליזם, און נישט די באַציאונג צו דערדאָזיקער הנחה פירט דורך די שיידליניע צווישן מאַרקסיזם און פאָרמאַליזם.

„נאָך מער, — באַמערקט בוכאַרין, — מיר דאַכט זיך, אַז קיין איין שולע און קיין איין וויסנשאַפטלעכע ריכטונג, וועלכע טרעטן איצט אויף, אונטערשטרייכן נישט אַזוי אַנטשידן און שאַרף דעמדאָזיקן פרינציפ בוכשטעבלעך אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן וויסן, ווי גראָד דער מאַרקסיזם”. צוגלייך מיט די אַבסטראַקטע געזעצן „קאָנצענטרירט זיך דער צענטער פון מאַרקסיסטישן דענקען אויף יענס באַזונדערע, ספעציפישע, געזעלשאַפטלעכע, אינדיווידועלע, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ געוויסער קאָנקרעטער אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט, פאַר אַ געוויסער קאָנקרעטער סיסטעם”.

„מיר זענען אָנהענגער פון דער דיאַלעקטיק, ד. ה. פון יענער אָנשויאונג, אַדאַנק וועלכער מיר האָבן טראָץ דער איינהייטלעכקייט פון אַלע דערשיינונגען — אַ כסדרדיקע באַרייכערונג פון דער דערשיינונגס-שורה: די צאָל

...ענטן וואַקסט כּסדר אָן; דער אַנאַליז פון דער דראַזיקער שורה אין איר פאַרענדערונג איז די אומבאַדינגטע אייגנשאַפט פון יעדער רעוואָלוציאָנערער דיאַלעקטיק, אַזוי אַז די דראַזיקע הנחה, וועלכע ב. מ. עיכענבאַומען ווילט זיך באַצייכענען אַלס קאָנסטרוקטיוויסטישן פּרינציפּ, — אין דראַזיקן פאַל איז דאָס אַלץ איינס, — די דראַזיקע הנחה ווערט דורך אונז געטיילט אינגאַנצן ביזן סוף, דערביי האָבן מיר זי אַנטדעקט אַ סך פריער, און אויב מיר האָבן זי אפילו נישט אַנטדעקט, האָבן מיר זי אָבער אויפגענומען און מיר פירן זי דורך, ווי קיינער נישט, אין אַלע, אָן אויסנאַם, אויספאָרשונגען".

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז מצד דעם דראָזיקן עיקרדיקן מעטאָדאָלאָגישן פּרינציפּ שטייט די מאַרקסיסטישע ליטעראַטורוויסנשאַפט פעסט אויף די פיס, און זי האָט זיך נישט וואָס צו לערנען ביי די פאָרמאַליסטן. אָבער דער פאָ. מאַליזם האָט נאָך אַ באַזיס. זיין צווייטער טעזיס, אַ מער כאַראַקטעריסטישער, באַשטייט אין דער פאָדערונג, אַז ביים אויספאָרשן די געגעבענע ספּעציפישע דערשיינונגען-שורה — אין אונזער פאַל פון דער ליטעראַטור — זאָל דער פאָרשער נישט אַרויסגיין איבער די גרעניצן פון דעראַזיקער שורה, אַז די גאַנצע אַנטוויקלונג פון די דערשיינונגען, וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך די געגעבענע וויסנשאַפט, דעם געגעבענעם קרייז פון פאָרשונג, זאָל ער זיך באַמיען אויספאָרשן, דערקלערן איר אַנטוויקלונג מיט דער הילף פון געזעצן, וועלכע געפינען זיך אין די גרעניצן פון דעם געגעבענעם קרייז דערשיינונגען. דעראָזיקער פּרינציפּ פון אימאַנענטער ליטעראַטור-פאָרשונג, פון באַגרעניצן די אויספאָרשונג בלויז מיטן קרייז פון די ליטעראַרישע דערשיינונגען, שטעלט פאָר מיט זיך דעם עיקרדיקן פונקט פון פאָרמאַליזם. דאָ זענען דאָ צווישן אים און דעם מאַרקסיזם אומאויסגלייכלעכע חלוקי-דעות.

אויף וויפל די פאָרמאַליסטן נעמען אָן, אַז דער מהות, דער סימן מובהק פון ליטעראַטור און קונסט איז די פאָרם, אויף אַזוי ווייט טאָר מען נישט זוכן די סיבות פונעם אַנטשטיין און פון דער ענדערונג פון די ליטעראַרישע פאָרמען מחוץ דער שורה פון די ליטעראַרישע דערשיינונגען, אין דז

שכנותדיקע דערשיינונגען-שורות, נאָר בלויז אין די גרעניצן פון דער ליטעראַרישער שורה, אין די פאָרמען גופא, אַזויצו-זאָגן, וועלכע אַנטוויקלען זיך, ענדערן זיך, שטאַרבן אָפּ און אַנטשטייען ווידער. די סיבות פון דידאָזיקע אַלע פאָרמע-ע ענדערונגען, מיט אַנדערע ווערטער: דאָס גאַנצע לעבן פון דער קונסט—געפינט זיך אין איר גופא, אין אירע אינערלעכע אַנטוויקלונגס-געזעצן, וועלכע ווערן אָנגעפירט פון זיך אַליין, פון אינעווייניק, אימאַנענט.

בוכאַרין גרייפט טאַקע אָן דעמדאָזיקן עיקרדיקן פרינציפּ פונם פאָרמאַליזם. נישט דער מאַרקסיזם ביים פאָרמאַליזם, נאָר פאַרקערט — דער פאָרמאַליזם האָט דאָ וואָס צו לערנען ביים מאַרקסיזם. מיט דער הילף פון אַ גאַנצער ריי ביישפּילן פון דער געשיכטע פון דער יורידישער וויסנשאַפט, ווו אַן ענלעכער—פאָרמאַלער—צוגאַנג ביים אויספאָרשן דירעכטוויסנשאַפט איז שוין פון לאַנג אָפּגעוואָרפן און דעמאָניזירט, דעקט בוכאַרין אויף די מעטאָדאָלאָגישע ענגקייט, און במילא — די שלעכטע קוואַליטעט פון דאָזיקן קאָנסטרוקטיוון פרינציפּ, זיין אומפּרוכטבאַרקייט, פאַרצייטישקייט, חרובדיקייט. דאָס פאָרמאַליסטישע נייס ווייזט זיך אַרויס אַלס עפּעס חרוב-אַלטס.

אין סך-הכּל קומט בוכאַרין צו אַזאַ אויספיר:

„ריכטיק איז, אַז עס ווערט אויסגעטיילט אַ ספּעציפישע קונסט, ס'איז אָבער נישט-ריכטיק, אַז מען דאַרף זיך באַוועגן אין איין שורה. פאַרקערט, דידאָזיקע ספּעציפישע דערשיינונג קען מען פאַרשטיין בלויז דאַן, ווען מען ברענגט זיי אין פאַרבינדונג מיט נישט-ספּעציפישעס".

פון שטאַנדפּונקט פון זיין פאָרמול וועגן דער קונסט אַלס אָרגאַניזאַציע פון די געפילן, וואַרפט בוכאַרין אָפּ דעם באַגריף „פאָרם" אַלס עיקרדיקן, ספּעציפישן סימן פון קונסט. ער ווייזט אָן, אַז די פאָרמאַליסטן לאָזן אַרויס פון אויג דאָס, וואָס איז פון זיין שטאַנדפּונקט, „מער עיקרדיק פאַר דער קונסט". און נעמלעך, אַז אין דער קונסט „באַשטייט דער מאַטעריאַל, וואָס ווערט אָרגאַניזירט, פון געפילס-עלעמענט, אין קעגנזאַץ צום אינטעלעקטועלן".

„עיקרדיק פאַר דער קונסט איז דער עמאָציאָנעלער כאַ־ראַקטער פונם מאַטעריאַל“.

אַרויסגייענדיק פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט ווייזט בוכאַרין אָן אויף דעם, אַז די פאָרמאַליסטן פאַרשטייען נישט די פאַר־בינדונג, וואָס באַשטייט צווישן די קונסט־פאָרמען מיטן געזעל־שאַפטלעכן לעבנס־שטייגער, מיט דער געזעלשאַפטלעכער פּסי־כאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע, מיט איין וואָרט, מיט יענער שורה פאַרשיידנאַרטיקע דערשיינונגען, וועלכע געפינען זיך מחוץ דער פאָרמאַלער שורה. דער באַגרעניצטער דורכן פאַר־מאָלן סימן, און וועלכע האָבן אָבער אַ השפעה אויף דער אַנטוויק־לונג, אויף דער אַנטשטייאונג און אויף דעם טויט פון די קונסט־דערשיינונגען אין דערדאָזיקער שורה. דער פאָרמאַלער סימן, וועלכער ווערט אַרויסגערוקט דורך די פאָרמאַליסטן אַלס ספּעציפישער, איז אינדערעמתן נישט קיין ספּעציפישער. דאָס אָבער, וואָס די פאָרמאַליסטן איגנאָרירן, איז דער ספּעצי־פישער סימן פון דער קונסט. דערפון נעמען זיך די טעותן פון פאָרמאַליזם, זייערע פּרוּוון זיך איינצושליסן אין אַ קרייז פון נישט־ריכטיקע פאַרשטעלונגען וועגן קונסט, דערפון נעמט זיך דער געוויסער מעטאַפיזישער כאַראַקטער פון זייערע קאָנ־סטרוקציעס.

„דער אופן, ווי די פאָרמאַליסטן שטעלן אַוועק די פראַ־גע, — ענדיקט בוכאַרין, — איז דער ענגער שטאַנדפּונקט פון אַ צעך־ספּעציאַליסט, דאָס איז די טעאָריע פון די צעך־גע־לערנטע, און נישט פון אמתע געלערנטע, ווייל זיי זענען נישט בכח אַריבערצוקוקן איבער די גרעניצן פון זייער צעך, זיי זענען נאָר זייער אייגענעם צעך“. (31

מיר ווייסן נישט וואָסער ווירקונג עס האָט געהאַט די קריטיק פון פאָרמאַליזם, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן דורך אַזעלכע מאַרקסיסטן־דיאַלעקטיקער, ווי טראָצקי און בוכאַרין. די פאָרמאַליסטן האָט זיך נישט איינגעגעבן נישט אָפּצוּווענדן די טעזיסן, וועלכע טראָצקי האָט קעגן זיי אַרויסגעשטעלט, און נישט די טעזיסן, וועלכע בוכאַרין האָט קעגן זיי אַרויסגע־רוקט. מיר ווייסן בלויז, אַז די רייען פון די פאָרמאַליסטן האָבן אַ ציטער געטאָן. יעדנפאַלס הויבן אָן די פאָרמאַליסטן

צו שמועסן וועגן דעם, אַז אויך זיי האַלטן פאַר מעגלעך אַ געוויסן סינטעז פון פאָרמעלן און סאָציאָלאָגישן מעטאָד. אויב עס וועט באמת צושטאַנדקומען אַזאַ סינטעז, וועט ער זיך אַרויסווייזן זייער נוצלעך סיי פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור-וויסנשאַפט, סיי פאַר דער גרופּע געלערנטע, וועלכע פאַרמאָגן טאַלאַנט און גרויסע ספּעציעלע ליטעראַרישע ידיעות, און זייער אַרבעט איז אין אַ באַדייטנדי- קער מאָס פאַרמשפּט אויף סכעמאַטיזם און סוף-כּל-סוף אויף אומפּרוכטבאַרקייט, ווייל זיי פעלט דער באַפרוכפערנדיקער און פאַראַלגעמיינערנדיקער סאָציאָלאָגישער פּרינציפּ. זיי וועלן אים געפינען אין מאַרקסיזם, אויב זיי וועלן באַווייזן גובר צו זיין יענע צעך-שטריכן, וועלכע שטערן זיי צו זען די ליטעראַרישע וויסנשאַפט אין איר אמתער געשטאַלט. און ווען דעם מאַרק- סיזם וואָלט זיך איינגעגעבן איבערצוצייגן די פאָרמאַליסטן אין דער פרוכטבאַרקייט פונם דיאַלעקטיש-מאַרקסיסטישן צוגאַנג אויסצופאָרשן די ליטעראַטור, וואָלט ער אין די פאָרמאַליסטן באַקומען טיפע און פיינע קענער פון דער ספּעציעלער און ענגער ספערע. מ'קען נישט לייקענען, אַז גראָד אויפן געביט פון אַ גענויער, געוויסנהאַפטער אויספאָרשונג פון די פאַרשיי- דענע ליטעראַרישע דערשיינונגען קענען די פאָרמאַליסטן זיך רימען מיט ווערטפולע אַרבעטן, אָן וועלכע עס וועט זיך נישט קענען באַגיין אויך אַ מאַרקסיסטישע ליטעראַטור-וויסנשאַפט.

לאָמיר דרך-אגבדיק אָנמערקן די סיבה, וועלכע האָט איינגעשלאָסן די געלערנטע פאָרמאַליסטן אין די ענגע גרע- ניצן פון זייער טעאָריע. זייער נישט-וועלן פאַרלאָזן די גרע- ניצן פון „דער ליטעראַרישער דערשיינונגס-שורה", זייער עקשנות- דיקער אָפּזאָג פון סאָציאָלאָגישן פּרינציפּ, זייער נישט-וועלן אַ קוק טאָן אויף דער קונסט פון סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט — דאָס אַלץ איז פאַר זיך אַליין נישט קיין צופעליקייט און האָט אַ סאָציאַלן זין.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ בולטן ביישפּיל פון אַפּאָלי- טיזם, נייטראַליטעט, אַן אומווילן אַריינצוטראָגן אין טעמפּל פון דער ליטעראַרישער וויסנשאַפט דעם געזעלשאַפטלעכן עלעמענט, ד. ה. דאָסזעלבע, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אין דער דע-

קלאַראַציע פון די סעראַפיאָנער ברידער ביי זייערע ערשטע אַרויסטרעטונגען. די פאָרמאַליסטן ווילן זיך נישט פאַרנעמען מיט פאָליטיק — פאַרשטייענדיק אונטער „פאָליטיק" דעם סאָציאָלאָגישן קריטעריום. זיי האָבן מורא, אַז דערדאָזיקער קריטעריום וועט אַריינטראָגן אין זייער אַרבעט אַקטועלע פראַגעס, קאַמף, און זיי ווילן זיין נייטראַל, זיי זענען בלויז „אומפאַרטייאישע" געלערנטע, זיי ווילן פירן ווייטער די וויסנשאַפט אין זייערע וויסנשאַפטלעכע קאַבינעטן. אָבער די „סאָציאָלאָגיע" קען זיי אַוועקשטעלן פאַר דער פראַגע: וועלכע ליטעראַרישע ענדערונגען ברענגט מיט זיך די ענדערונג פון דער קאַפיטאַליסטישער אָרדנונג אין אַ קאָמוניסטישער און ווי אַזוי דאַרף מען זיך באַציען צום קאָמוניסטישן פרינציפ גופא? כדי צו פאַרזיכערן זיך פון דער נויטווענדיקייט צו נעמען אַן אָנטייל ביים לייזן דידאָזיקע „אומאָנגענעמע" פראַגעס, דערקלערן זיך אונזערע געלערנטע אַלס „נייטראַלע", זיי וואַרפן אָפ די סאָציאָלאָגיע, זיי ווילן נישט פאַרלאָזן די גרעניצן פון דער „ליטעראַרישער דערשיינונגס-שורה", וועלכע זיי האָבן פעסטגעשטעלט, און פאַרמאַכן הערמעטיש די טירן און פענסטער פון זייערע געלערנטע קאַבינעטן.

אין דאָזיקן פרווו זיך צָפצוקערן פון פאָליטיק איז אויך דאָ אַ פאָליטיק, אין פאַרלאַנג פון די פאָרמאַליסטן צו זיין „אומפאַרטייאישע" געלערנטע קומט צום אויסדרוק אַ געוויסע פאַרטייאישקייט. דער אומווילן צו געבן אַן ענטפער אויף שאַרפע טאָגפראָבלעמען איז אויך אַ מין ענטפער. דער שווייגן איז אמאָ, גאַנץ באַרעדעוודיק, אויך אונזערע פאָרמאַליסטן ווילן באַרעדעוודיק פאַרשווייגן די היינטיקע צייט.

אָבער דאָס לעבן קלאַפט אין טיר און שטערט אַרבעטן. און ווען עס וועט צוזאַמען מיט זון און דעם קלאַנג פון דער תקופה אַריינברענגען אין די געלערנטע קאַבינעטן פון די פאָרמאַליסטן אַ שטראָם פולבלוטיקן סאָציאָלאָגיזם, וועט דאָס זיין אַ טאָג, אין וועלכן עס וועט שטאַרבן דער אַלטער צעך-„פאָרמאַליזם", און עס וועט טריאומפירן די עכטע ליטעראַרישע וויסנשאַפט.

II

אין דער דיסקוסיע, וועלכע איז אַנטשטאַנען אַרום די פראַגן פון פראָלעטאַרישער קולטור און ליטעראַטור, האָט נ. בוכאַרין אויך פאַרנומען אַ באַשטימטע פאָזיציע. זיין נעגאַטיווע באַציאונג צום „נאַפאָסטאָווישן" פרימיטיוויזם האָט זי אין אַ סך פרטים דערנענטערט צו ל. טראָצקיס פאָזיציע. בלויז אין דער פראַגע וועגן פראָלעטאַרישער ליטעראַטור,—איז זיך נ.אי. בוכאַרין, פונקט ווי אַ. וו. לונאַטשאַרסקי, פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט ל. ד. טראָצקין.

שוין אין זיין ערשטן אַרויסטריט אויף דער באַראַטונג פון צ. ק. אין מאי 1924-טן יאָר, איז נ. אי. בוכאַרין אַרויסגעטראָטן ווי אַן אָנהענגער פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור. „מיר דאַרפן נישט אָפשטויסן די פראָבלעם פון שאַפן אַ פראָלעטאַרישע ליטעראַטור, — האָט ער געזאָגט, — מיר דאַרפן זיך נישט אָפזאָגן פון אונטערשטיצן מיט אַלע מיטלען די שפראָצונגען, וועלכע זענען דאָ". אָבער אָנערקענענדיק אַלס אומבאַדינגט נויטיק אונטערצוהאַלטן די „שפראָצונגען" פון דער יונגער, אַנטשטייענדיקער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווייזט בוכאַרין אָן, אַז אַ חוץ איר האָב מיר אויך די פויערשע קינסטלערישע ליטעראַטור. „צי דען דאַרפן מיר זי שטיקן בלויז דערפאַר, וואָס זי איז נישט קיין פראָלעטאַרישע?" — האָט ער געפרעגט און געענטפערט: „דאָס איז אַן אומזין. ס'איז קלאָר, מיר דאַרפן זי זיך לאָזן אַנטוויקלען." נישט שטערנדיק איר צו אַנטוויקלען זיך, „דאַרפן מיר דידאָזיקע ליטעראַטור שלעפן אויפן בוקסיר נאָך דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור". כאָווען די שפראָצונגען פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז אומבאַדינגט נויטיק, מ'קען אָבער נישט שיקאַנירן דעם פויערשן שרייבער, און מען קען נישט שיקאַנירן דעם שרייבער פאַר דער ראַטנאינטעליגענץ. די קולטור־פראָבלעם, — האָט ער באַמערקט, — אונטערשיידט זיך פון דער קאַמף־פראָבלעם דורכדעם, וואָס זי קען נישט געלייזט ווערן מיט כח, „מיט די מיטלען פון מעכאַנישער געוואַלט".

דידאָזיקע מיטלען שטעלט דער ח' בוכאַרין אַקעגן אַ „קאָמבינירטן מעטאָד", אויפן וויכטיקסטן אָרט רוקט ער אַרויס

די קאָנקורענץ אויפן געביט פון דער אַנטשפּרעכנדי־קער פּראָדוקציע. ער האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן דעמ־דאָזיקן געדאַנק.

„מיר דאַכט זיך, — האָט ער גערעדט, — אַז דער בעס־טער מיטל צו טויטן די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, וועמעס אָנהענגער איך בין, דער בעסטער מיטל זי צו טויטן איז דאָס אָפּזאָגן זיך פון די פּרינציפּן פון דער פרייער אַנאַר־כיסטישער קאָנקורענץ, ווייל מען קען איצט נישט אויסאַר־בעטן קיין גוטע שרייבער. וועלכע זאָלן נישט דורכמאַכן קיין באַשטימטע ליטעראַרישע און לעבנס־שולע, קיין לעבנס־קאַמף, וועלכע זאָלן זיך נישט דעראָבערן קיין אָרט, וועלכע זאָלן נישט אויסקעמפן יעדן טריט פון זיין פּאָזיציע אין דאָזיקן קאַמף. אויב מיר וועלן, פאַרקערט, זיך שטעלן אויפן שטאַנד־פּונקט פון אַ ליטעראַטור, וועלכע דאַרף רעגולירט ווערן דורך דער מלוכה־מאַכט און געניסן אַלערליי פּריווילעגיעס, צווייפ־לען מיר נישט, אַז אַדאַנק דעם וועלן מיר אומברענגען די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור".

דערפון האָט ער געמאַכט אויספירן, אַז אויפן געביט פון די קולטורעלע אויפגאַבעס בויט זיך די אָרגאַניזאַציע לויט גאַנץ אַנדערע פּרינציפּן, ווי די פּאַרטיי, דער פּראָפּאַר־איין, די אַרמיי. דאָס דאַרף זיין אַ פרייוויליקע אָרגאַניזאַציע, אַ באַוועגלעכע, וועלכע לעבט נישט אויף סובסידיעס. דאָ קע־נען עקזיסטירן פאַרשיידענע גרופּירונגען, און וואָס מער זיי וועלן זיין, אַלץ בעסער. דאָס באַדייט נישט, אַז די ליטעראַ־טור וועט זיך אַנטוויקלען ווי און ווו זי וועט וועלן. די פּאַר־טיי דאַרף אָנמערקן די אַלגעמיינע ליניע, אָבער עס איז פונ־דעסטוועגן נויטיק אַ געוויסע באַוועגונגס־פרייהייט אין די אָר־גאַניזאַציעס גופא.

דידאָזיקע געבראַכטע מיינונגען זענען גענוג, כדי פעסט־צושטעלן בוכאַרינס באַציאונג צו די „נאַפּאָסטאָווצעס". נישט געקוקט אויף אַ ריי פּרוון מצד די „נאַפּאָסטאָווצעס" צו דער־ווייזן זייער סאָלידאַרישקייט גראָד מיט נ. בוכאַרינען, וועלן זיי פונדעסטוועגן נישט קענען אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז נ. אי. בוכאַרין איז געווען זייער סאַמע ערנסטער קריטיקער־

און אַ שטרענגער קעגנער. בוכאַרין אָנערקענט די פראָלעטאַרישע ליטעראַטור, אַז אירע ערשטע שפראָצונגען האָבן שוין דערזען די ליכטיקע שיין און אַז אין דער צוקונפט שטייט פאַר דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור די אויפגאַבע צו שטעלן זיך בראש פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג, נאָכשלעפנדיק נאָך זיך די פויערשע ליטעראַטור, און דער עיקר פירן נאָך זיך דעם פראָלעטאַרישן לייענער. צו דידאָזיקע אָנשויאונגען איז בוכאַרין געקומען נאָך אין דער עפאָכע פון ערשטן פראָלעטקולט. ווען יאַ. יאַקאָוולעוו האָט לויט לענינס אויפטראָג אָנגעשריבן זיין אַרטיקל, וועגן וועלכן מיר האָבן הויבן גערעדט, האָט נ. בוכאַרין דערווידערט קעגן לענינס שטאַנדפונקט און קעגן דרוקן יאַקאָוולעווס אַרטיקלען אין דער „פראַוודאַ". אין זיין רעדע אין דער ליטעראַרישער קאָמיסיע פון צ. ק. אין פעברואַר 1925-טן יאָר האָט בוכאַרין דערציילט, אַז דער אָפגעדרוקטער וואַריאַנט פון יאַקאָוולעווס אַרטיקלען איז דער צווייטער וואַריאַנט, וועלכן לענין האָט באַגיטיקט, אַז דער ערשטער וואַריאַנט, וועלכן יאַקאָוולעוו האָט אָנגעשריבן און לענין האָט באַגיטיקט, איז געווען אַ סך אַ שאַרפערער. דער אַרטיקל איז געמילדערט געוואָרן אויף בוכאַרינס אולטימאַטיווער פאָדערונג, ער האָט דערקלערט, אַז אויב יאַקאָוולעווס אַרטיקל וועט נישט געמילדערט ווערן, וועט ער געצוווּנגען זיין אַרויסצוטרעטן אין „פראַוודאַ" מיט אַ קעגנאַרטיקל. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז בוכאַרינס אָנשויאונגען אויף דער פראָלעטאַרישער קולטור און ליטעראַטור זענען רייף געוואָרן נאָך פאַר דער דיסקוסיע, וועלכע די „נאַפאָסטאָווצעס" האָבן אויפגעהויבן. אָבער דער פאַקט, וואָס זיין שטאַנדפונקט איז אין דערדאָזיקער פראַגע צונויפגעפאַלן מיטן שטאַנדפונקט פון די „נאַפאָסטאָווצעס" האָט בוכאַרינען נישט געשטערט צו פאַראורטיילן מיט דער גאַנצער קראַפט זייער טאַקטיק און זייערע ליטעראַרישע אָנשויאונגען. ער האָט באַשולדיקט דעם „נאַ פאָסטו" אין אַ צו פאַראיינפאַכטן אויפנעמען די אויפגאַבעס, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר אונז. ער האָט אָנגעוויזן די „נאַפאָסטאָווצעס," אַז זיי פאַרגעסן די צווישנשיכטיקע קלאַסנגרופירונגען, ער האָט איראָניש גערעדט וועגן דער פראַקטיק

פון די נאַפּאָסטאָווצעס: אַנטדעקנדיק, אַז אַ וועלכער נישט איז שרייבער איז נישט קיין ריין-בלוטיקער פּראָלעטאַריער לויט זיין קינסטלערישער וועלטאָנשויאונג, פּלעגן די „נאַפּאָסטאָווצעס" תּיכּף נעמען וואַליען אויף זיין קאָפּ מיט גרויסע דרענגענער, וואָס זענען אָרגאַניזאַציאָנעל געווען פאַרקערפּערט אין מאַפּפּ און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס. ווייטער האָט בוכאַרין אָנגעוויזן אויף דעם, אַז מען איגנאָרירט דאָס פויערטום — אויף דאָסזעלבע, אויף וואָס לענין האָט נאָך אויפמערקזאַם געמאַכט פלעטניאָוון אין זיינע נאָטיצן. דערדאָזיקער שטריך איז געווען אַ געמיינזאַמער ביים פּראָלעטקולט און די „נאַפּאָסטאָווצעס". ער האָט פאַראורטיילט די זידלעריי-מעטאָדן פון דער „נאַפּאָסטאָווער" קריטיק, ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז זיי באַמיען זיך צו לייזן אַ ליטעראַרישע פּראָבלעם מיט די מיטלען פון מעכאַנישער געוואַלט, מיט אַ קאַוואַלעריע-אָנגריף; ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס שאַפן פון ליטעראַרישע ווערק פאַרבייטן די נאַפּאָסטאָווצעס דורך שאַפן פּלאַטפאָרמעס.

דידאָזיקע אַלע באַמערקונגען, וועלכע בוכאַרין האָט קורץ אָנגעמערקט אויף דער באַראַטונג פון 1924-טן יאָר, זענען דורך אים געניי אַנטוויקלט געוואָרן אין פעברואַר 1925-טן יאָר אין דער קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעאַרבעט די רעזאָלוציע פון צ. ק. וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

ווען אי. וואַרדין האָט אין דערדאָזיקער קאָמיסיע דערקלערט, אַז דער „גייסט פון צ. ק. האָט געשוועבט איבער דער קאָנפערענץ פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער", וואָס האָט זיך מיט אַ קורצער צייט פריער געהאַט פאַרענדיקט, האָט אים בוכאַרין שאַרף איבערגעריסן מיט דער דערקלערונג: „קיין שום גייסט פון צ. ק. האָט נישט געשוועבט איבער אייער קאָנפערענץ". ער האָט געזאָגט די „נאַפּאָסטאָווצעס", אַז זיי האָבן קיין שום רעכט נישט צו אָפּערירן מיטן „גייסט פון צ. ק.", וועלכער איז נישט געווען מיט זיי. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן די פּרוּוון פון די נאַפּאָסטאָווצעס „צו מיסברויכן מיטן נאָמען פון אַלטן — פון וולאַדימיר אילטיטש". מיט דער

גאנצער אַנטשידנקייט האָט ער געזאָגט, אַז לענין איז געווען קעגן פראָלעטקולט. און אַז ער איז נישט געווען איינשטימיק מיט די „נאַפּאָסטאָווצעס" אין קעגנזאַץ צו זייערע דערקלערונגען. „מען דאַרף דאָ נישט ריידן, אַז לענין איז געווען מיט אייך. דאָס זענען פּוסטע רייד".

בוכאַרין האָט אויפגעדעקט אַ ריי פעלערן, וועלכע עס האָט אַנטהאַלטן די רעזאָלוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער. די רעזאָלוציע האָט געזאָגט: „...די רייד וועגן דעם, אַז אויפן געביט פון דער ליטעראַטור איז מעגלעך אַ פרידלעכע צוזאַמענאַרבעט, אַ פרידלעכע קאָנקורענץ צווישן פאַרשיידענע ליטעראַריש-אידעאָלאָגישע ריכטונגען, איז אַ רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע. דער באָלשעוויזם האָט תּמיד באַקעמפט דיזאָזיקע אוטאָפּיע".

ניין, אַ טעאָרעטישער טעות, — דערקלערט בוכאַרין. דער ערשטער טעזיס פון דער רעזאָלוציע וועגן דעם, אַז די ליטעראַטור קען נישט נישט זיין אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון קלאַסן-קאַמף, — איז אַבסאָלוט ריכטיק —, זאָגט ער. דער טעזיס וועגן דער אוטאָפּישקייט פון דער פרידלעכער צוזאַמענאַרבעט איז נישט ריכטיק. פאַרוואָס? נ. בוכאַרין גיט אַזאַ ענטפער:

„אונזער געזעלשאַפט האָט צוויי רייבונגס-פלאַכן — אַן אינערלעכע און אַ אויסערלעכע. אויסערלעך שטייט זי מיטן פּנים צו דער בורזשואַזער וועלט, און דאָ ווערט דער קלאַסן-קאַמף פאַרשאַרפט. אָבער ווי אַזוי דאַרף מען אָוועקשטעלן די פראַגע אינערלעך? דאָ לאָזט מען אַרויס פון אויג דעם פאַקט, אַז אין לאַנד גופא גייט נישט אונזער פּאָליטיק מיט דער ליניע כּדי פאַנאַנדערצובלאָזן דעם קלאַסנקאַמף, נאָר פאַרקערט, אין געוויסע פּונקטן באַמיט זי זיך צו מילדערן אים. דאָס איז דער עיקר".

צי ווערט דורכדעם צעשטערט דער קלאַסנקאַמף? ניין. „אָבער ווי האָט געזאָגט לענין? ער האָט געזאָגט: „אונזער געזעלשאַפט איז אַ צוזאַמענאַרבעט פון אַרבעטערקלאַס מיטן פּויערטום, צו וועלכן עס ווערט צוגעלאָזן די בורזשואַזיע. צי

איז דען פריער געווען אַמאָל אַזאַ מעטאָד, מיר זאָלן צולאָזן די בורזשואַזיע צוזאַמענאַרבעטן מיטן פּראָלעטאַריאַט? דאָס איז קיינמאָל נישט געווען. הייסט דאָס, וואָס קומט דאָ פאָר אַזוינס? עס קומט פאָר אַ געוויסע ענדערונג פון די פונקציעס פון קלאַסנקאַמף, און דעריבער טאַקע האָבן מיר צוגעלאָזן די בורזשואַזיע צו דער צוזאַמענאַרבעט".

אין דעם זעט איין בוכאַרין דעם הויפּט-פעלער פון די „נאַפּאָסטאָווצעס". ער טרעט נישט אַרויס קעגן דעם, אַז די פּראָבלעם פון אָנפירן דאַרף מען אַרויסשטעלן אויך אויף דעם ליטעראַרישן געביט — מיר ווייסן, אַז דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט האָבן אויך אַרויסגעזאָגט לענין און טראָצקי. — אָבער די „נאַפּאָסטאָווצעס" האָבן נישט גענומען אין אַכט יענעם צוזאַמענשטעל פון די קלאַסן ביי דער אָנפירנדיקער ראָלע פון פּראָלעטאַריאַט, וועגן וועלכער עס האָט גערעדט בוכאַרין.

ער האָט אָנגעוויזן נאָך אויף אַ וויכטיקע באַדינגונג, וועלכע די נאַפּאָסטאָווצעס האָבן איגנאָרירט.

„אין שויס פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, — האָט ער געזאָגט,—ווערן מיר רייף אַלס פּאָליטיש-אָרגאַניזירטער כח, אָבער לחלוטין נישט אַלס קולטורעלער כח". „ווען מיר דעראָבערן די מאַכט, דעראָבערן מיר מיט דעם אייגענעם קאַמף און מיט דער אוממיטלבאַרער רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש אונזערע היסטאָרישע רעכט אויף העגעמאָניע. מיר האָבן זי דעראָבערט מיט אונזער מי אין באַריקאַדעס-קאַמף, וועלכער האָט אונטערגעפירט אַ סך-הכל, געמאַכט אַ באַלאַנס פון אונזער פריערדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, דער פּאָליטישער פאַרהאַרטעוועטקייט, דער פּאָליטישער דערפאַרונג — פון יענע אַלע שטריכן, וועלכע זענען נויטיק פאַר אַ זיגרייכער רעוואָלוציע. אָבער ווען מיר גייען צו צו דער פראַגע וועגן דער קונסט, וויסנשאַפט און דעסגלייכן און מיר פרעגן זיך, צי איז ביי אונז רייף געוואָרן די העגעמאָניע, אָדער ניין, פאַרזיכער איך, אַז נ י ש ט, און אויב זי איז נאָך נישט רייף געוואָרן, אויב מיר טרעטן אַריין אין אַ עפּאָכע, ווען מיר האָבן דעראָבערט די פּאָליטישע מאַכט, הגם מיר זענען נאָך נישט רייף געוואָרן פאַר אַ קולטורעלער העגעמאָניע, איז דאָך לגמרי

קלאָר, חברים, אַז דידאָזיקע אויפגאַבע דאַרפן מיר אוועקשטעלן אויף אַזאַ אופן, מיר זאָלן דידאָזיקע העגעמאָניע דעראָבערן אָדער, ווי איך האָב געזאָגט, מיטן אייגענעם שווייס פאַרדינען אויפן געביט פון ליטעראַטור און קולטור און אַז. וו. די היסטאָרישע רעכט אויף אַ געזעלשאַפטלעכער אָנפירערשאַפט".

דידאָזיקע באַמערקונגען האָבן געצילט קעגן וואַפּפּס פּרעטענזיעס אויף העגעמאָניע, מאָנאָפּאָליע און אַז. וו. „מיר לעבן אין אַזאַ עפּאָכע, — האָט געזאָגט בוכאַרין, — ווען מען מוז זאָגן: „צוערשט בויט אויף, און דערנאָך באַקומט שכר", און דעריבער שטייט דאָ די פראַגע וועגן העגעמאָניע אַנדערש, ווי זי שטייט אויפן געביט פון פּאָליטיק". אין די פראַגן פון אַ קריטישער געזעלשאַפטלעכער אָנפירונג זענען מיר שוין רייף געוואָרן, בעת אויף די אַנדערע געביטן זענען מיר נאָך נישט אינגאַנצן רייף.

פּונקט אַזוי נעגאַטיוו איז געווען בוכאַרינס באַציאונג צו דער פראַגע וועגן די מיטלויפער, ווי זי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך די נאַפּאָסטאָווצעס.

„אונזער באַציאונג צו די מיטלויפער, — האָט ער געזאָגט, — ווערט באַשטימט דורך דער אַלגעמיינער באַציאונג צו די אַנטשפּרעכנדיקע סאָציאַל-פּאָליטישע כחות בנוגע דעם פּאָנאַנדערפלאַקערן דעם קלאַסנקאַמף. צי דאַרפן מיר דאָ פאַנאַנדערבלאָזן דעם קלאַסנקאַמף? ניין. וואָס שייך די פּויערים — דאַרפן מיר זיי איבעראַרבעטן, וואָס שייך די בולטע שוואַרצמאַהניקעס — לגמרי פאַרניכטן. דאָסזעלבע בנוגע די מיטלויפער — טיילווייז זיי איבעראַרבעטן, און טיילווייז — זיי אַרויסטרייבן". אויב איין אָפּנויג האָט בוכאַרין כאַראַקטעריזירט מיטן וואָרט „אָפּגעבן פּאָזיציעס", האָט ער דעם צווייטן אָפּנויג באַצייכנט אַלס „קאָמגאווה". „קאָמגאווה" — אָט דאָס איז די געפאַר פאַר דער ליטעראַטור צוגלייך מיט דער פאַראיינפאַכטער אָנפירערשאַפט.

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ גאַנצער ריי פראַגן וועגן דער פאָרם און דעם סטיל, וועלכע קומען אומפאַרמיידלעך אויף ביי דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור, אָבער וועלכע טאָרן בשום אופן נישט אָנגעפירט ווערן דורך דער פּאַרטיי. די פראַ-

גע וועגן נייעם סטיל, „אַ פראַגע זייער אַ וויכטיקע און ספּעציפישע”, „קען געלייזט ווערן בלויז דאַן, ווען די פּאַרטיי וועט אַלעמען נישט צוזאַמענדריקן אין איין פויסט, ווען זי וועט געבן די מעגלעכקייט צו קאָנקורירן. ווען מ׳זאָל אייך, חברים „נאַפּאָסטאָווצעס, איבערגעבן די מאַכט, — האָט ער געזאָגט, — טאָ וועלכע קאָנקורענץ-מעגלעכקייטן וועט איר געבן ?”

„איך זאָג זיך אַרויס פאַר אַן אַ ל ג ע מ ײ נ ע אָנפירונג און פאַרן מ אַ ק ס י מ ו ם קאָנקורענץ. בלויז אויף אַזאַ וועג וועלן מיר לייזן די פּראָבלעם, וועלכע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דערדאָזיקער באַראַטונג”. מיט דידאָזיקע ווערטער האָט בוכאַרין פאַרענדיקט זיין רעדע. 32)

בוכאַרין האָט נישט באַרירט ספּעציעל א. וואָראָנסקיס קוקן און זיין טעטיקייט אַלס רעדאַקטאָר פון „קראַסנאַיאַ נאָוו”. נאָר אויב מ׳שטעלט אַוועק אין אַ זייט בוכאַרינס חלוקי-דעות סיי מיט וואָראָנסקין, סיי מיט טראָצקין וועגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און קולטור, האָבן בוכאַרינס מיינונגען וועגן די מיטלויפער, דער ליטעראַרישער פּאָליטיק, די קאָנקרעטע אויפגאַבעס פון ליטעראַרישער אָנפירונג, בכלל וועגן דער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט פון דער ליטעראַרישער פּראָבלעם, פאַרטיידיקט דיזעלבע ליניע, — מיט ווינציקע אויסנאַמען, — וועלכע עס האָט דורכגעפירט א. וואָראָנסקי.

זיינע ליטעראַרישע חלוקי-דעות מיט טראָצקין האָט בוכאַרין אונטערגעשטראָכן בלויז אין דער פראַגע פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. טראָצקיס פּאָזיציע, האָט בוכאַרין געזאָגט, איז נישט-ריכטיק דערפאַר, ווייל ער „לאָזט לגמרי אַרויס פון אויג דעם דויער פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין פאַרשיידענע לענדער”. דאָס קען מען אויסדריקן מיט אַנדערע ווערטער: „ח׳ טראָצקי איבערטרייבט אין זיין טעאָרעטישער קאָנסטרוקציע דעם אַנטוויקלונגס-טעמפּ פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, אָדער זיך אַנדערש אויסגעדריקט: אין זיין דאָזיקער קאָנסטרוקציע איבערטרייבט ח׳ טראָצקי דעם טעמפּ אין וועלכן עס וועט פאָרקומען די אָפּשטאַרבונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור”. 33)

דאָס געזאָגטע איז גענוג אויף צו כאַראַקטעריזירן די פּאָזיציעס, וועלכע בוכאַרין האָט פאַרנומען אין די ליטעראַרי-שע שטרייטן. לאָמיר זיך איצט באַקענען מיט די אָנשויאונגען פון א. וו. לונאַטשאַרסקין וועגן דיזעלבע פראגעס.

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

א. וו. לונאַטשאַרסקיס ליטע־ראַרישע אָנשויאונגען

I. די פראַגן פון ליטעראַטור און קולטור אין לונאַ־טשאַרסקיס פּראַקטישער טעטיקייט. לונאַטשאַרסקי און דער פּראָלעטקולט. לונאַטשאַרסקי און די „קולטורעלע ירושה." לו־נאַטשאַרסקיס טעאָריע פון דער קונסט. אַלגעמיין־מענטשלעכע און קלאַסן־עלעמענטן אין דער קונסט. דער פּראָלעטאַריאַט און די ירושה.—II. וועגן די ליטעראַרישע אויפגאַבן פון אונ־זער צייט. חלוקי־דעות מיטן פּראָלעטקולט. לונאַטשאַרסקי וועגן פּראָלעטאַרישער קולטור. — III. וועגן די „נאַפּאָסטאָווצעס" וועגן פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וועגן די מיטלויפער און דעם נישט־ריכטיקן צוגאַנג פון די „נאַפּאָסטאָווצעס" צו דער ליטעראַטור.

I

אין דער צייט וואָס טראָצקי און בוכאַרין האָבן נאָך אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען וועגן די פראַגעס פון ליטעראַ־טור און קונסט, איז לונאַטשאַרסקיס גאַנצע פּראַקטישע טעטי־קייט אין פאַרגאַנגענעם יאָרצענדליק געווען געווידמעט דער ליטעראַטור, די קונסטן און דער קולטור אין ברייטן זינען פון דאָזיקן וואָרט. כדי זיך קלאָר צו מאַכן די פּראָבלעמען, וועלכע מיר באַטראַכטן דאָ, זענען דעריבער נישט נאָר וויכטיק

לונאטשארסקיס מיינונגען, נאָר זיין גאַנצע טעטיקייט אויפן פּאָסטן פון פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג.

א ברייט־געבילדעטער מאַרקסיסט, מיט גרויסע ידיעות אין דער רוסישער און אייראָפּעאישער ליטעראַטורן, אַ קונסט־קענער, וואָס האָט ידיעות כמעט אויף אַלע געביטן פון קינסטלערישן שאַפן, אַ פיינער ליבהאָבער פון מוזיק, אַ קריטיקער, וואָס אָריענטירט זיך אויסגעצייכנט, אַ בייסיקער פּאָלעמיקער און צולעצט אַ דיכטער און דראַמאַטורג, ד. ה. אַ מענטש, וואָס פּאַראייניקט אין זיך די שטריכן נישט נאָר פון טעאָרעטישן ליבהאָבער און פילאָזאָף פון דאָס שיינע, נישט נאָר קיין קולטור־אָרגאַניזאַטאָר, נאָר אויך אַן אוממיטלבאַרן שעפער, גיט לונאַטשאַרסקי זיין אויספאָרשער אַ גרויסן מאַטעריאַל אויף אויסצופאָרשן. דורכן ווילן פון דער געשיכטע אַוועקגעשטעלט אויפן פירער־אַמט פון דער קולטור־אַרבעט אין דער מלוכה פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, האָט זיך לונאַטשאַרסקי אין זיין אייגענער דערפאַרונג געמוזט אָנשטויסן מיט אַלע פּראָבלעמען— און פּראַקטיש זיי לייזן, — וועלכע אונזער ליטעראַרישע אַנט־וויקלונג האָט אַוועקגעשטעלט. צי מיר וועלן נעמען די פראַגע וועגן דער קולטור־ירושה, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט האָט באַקומען, אָדער וועגן איינאָרדנען פאָלקס־שולעס, די באַציאונג צו דער ליטעראַטור פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, ד. ה. צו די מיטלויפער, אָדער די פראַגע וועגן פּראָטעזשירן די אָנפאַנג־דיכטער פון דער פּראָלעטאַרישער סביבה, דעם קאַמף מיט דער ליטעראַטור פון דער אינערלעכער עמיגראַציע, די אויפגאַבע פון שאַפן לינקע גרופּעס, אָדער די פראַגע וועגן דעם, צי עס עקזיסטירט אַ פּראָלעטאַרישע קונסט און ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַציען צו די איינצלנע ליטעראַרישע ריכטונ־גען, — דידאָזיקע אַלע פראַגן, גרויסע און קליינע, זענען געשטאַנען פאַר לונאַטשארסקין אַלס אויפגאַבעס פון פּראַקטישער פּאָליטיק. אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג פון זיין טעטיקייט, וועלכע וועט שפּעטער אָנגעשריבן ווערן, וועט געווי קלאָר מאַכן, אין וואָס מאָס לונאַטשאַרסקי האָט געפירט די פּאָליטיק פון נאַר־קאָמפּראָס ביים צוזאַמענשטויסן זיך מיט שוועריקייטן און אין וואָסער מאָס די קראַפט פון די זאַכן, די לאָגיק פון די באַ־

דינגוונגען האָט אַריינגעטראָגן אויסבעסערונגען אין זיינע טעאָ-
רעטישע קאָנסטרוקציעס. אַזאַ אויספאָרשונג וועט שפּעטער קומען,
די עטיודאַרטיקייט פון אונזער אַרבעט גיט אונז נישט, פאַר-
שטייט זיך, די מעגלעכקייט צו באַרירן אפילו אין דער מינימאַל-
סטער מאָס די גאַנצע פאַרשיידנאַרטיקייט פון לונאַטשאַרסקיס
טעאָרעטישער און פּראַקטישער אַרבעט.

עס איז נויטיק אָנצווייזן, אַז די אַרבעט פון נאַרקאָמ-
פּראָס איז געפירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון וו. אי.
לענינען. עס איז נישט געווען קיין איין גרויסע פּרינציפּיעלע
פראַגע, וועלכע איז נישט באַשטעטיקט אָדער באַטראַכט געוואָרן
דורך לענינען. מיר ווייסן, אַז אפילו אַזאַ פראַגע, ווי די
צייטווייליקע צומאַכונג פון גרויסן טעאַטער, האָט נישט געקענט
געלייזט ווערן אָן לענינס אָנטייל. דאָס פאַרגרעסערט
נאָך דעם אינטערעס צו דער טעטיקייט פון נאַרקאָמפּראָס. יענע
אַלע שטרייטן, וועלכע האָבן אַ לאַנגע צייט אָפּגענומען ביי
אונז אַ סך כּחות און מיטלען, וואָלטן באַדייטנדיק געמילדערט
געוואָרן, ווען לונאַטשאַרסקי וואָלט אונז גענוי און רעכטצייטיק
באַקאַנט מיט זיין רייכער דערפאַרונג.

אָבער לונאַטשאַרסקיס אומגליק, ווי דער אומגליק פון נאָך אַ
סך פאַראַנטוואָרטלעכע טוער פון אונזער עפּאָכע, באַשטייט
אין דעם, וואָס די שווערע צייט פון קאַמף גיט נישט קיין
פרייע צייט, נעמט אָפּ אַלע כּחות, נישט לאָזנדיק קיין מעג-
לעכקייט אונטערצופירן אַ סך-הכּל פון דער פערזענלעכער
דערפאַרונג. יעדער נייער טאָג מיט נייע אַקטועלע ענינים גיט
איבער אין אַרכיוו דאָס אַקטועלע פון נעכטן. צי נישט דערפאַר
אַמאָל חזרן מיר אָפּט איבער די אַלטע פעלערן?

לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, די געשיכטע פון די קעגנ-
זייטיקע באַציאונגען צווישן נאַרקאָמפּראָס און דעם פּראָלעט-
קולט, ווען דער לעצטער האָט זיך באַמיט צו פאַרכאַפּן די
געביטן פון פּראָלעטאַריאַטס קולטורעלער אַרבעט. אויב מען
זאָל מסכּים זיין מיט דעם, אַז די קולטור, וועלכע ווערט גע-
שאַפן אין אַן איבערגאַנגס-תּקופה פון קאַפּיטאַליזם צום קאָמו-
ניזם, איז אַ פּראָלעטאַרישע, איז דאָך דער עכטער פּראָלעט-
קולט געווען גראָד דער נאַרקאָמפּראָס, אמת, מיט פונקציעס,

וועלכע האָבן איבערגעשטיגן די גרעניצן פֿון אַרבעטער־קלאַס. אָבער אַ דאַנק דער „ברייטקייט“ פֿון נאַרקאָמפּראָס איז דאָך געזיכערט געוואָרן די מעגלעכקייט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אָנפֿירן מיטן פֿויערטום. און דאָס קעגנאיבערשטעלן דעם פּראָלעטקולט צום נאַרקאָמפּראָס איז דאָך טאַקע געווען איינער פֿון די מאָטיוון, וועלכער האָט אַרויסגערופֿן מצד לענינען אַ נעגאַטיווע באַציאונג.

פֿון איין זייט האָט לונאַטשאַרסקי געמוזט פֿאַרטיידיקן דעם פּראָלעטקולט פֿון לענינס ווונטש צו פֿאַרמאַכן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, פֿון דער צווייטער זייט האָט לונאַטשאַרסקי ליידנשאַפֿטלעך פֿאַרטיידיקט די מלוכהשע טעאַטערן, מוזייען, מוזיקאַנשטאַלטן, די קינסטלערישע אַלטערטימלעכקייטן — יענע אַלע ווערטן פֿון דער אַלטער, בורזשואַזער קולטור, וועלכע עס האָט צייטנווייז געדראָט אַ סכּנה אויב נישט אומצוקומען, טאָ לכּל הפּחות ליידן אין אַ תּקופֿה, ווען די האַרמאַטן האָבן געדונערט. אַ זאָרגעוודיקער היטער פֿון אַלץ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורך דער ווייטער און נאָנטער פֿאַרגאַנגענהייט, אַ באַשיצער נישט נאָר פֿון די קלאַסישע ווערק, נאָר אויך פֿון יענע, וועלכע זענען געשאַפֿן געוואָרן דורך דער בורזשואַזיע פֿון סוף יאָרהונדערט, האָט לונאַטשאַרסקי פֿאַראייניקט אין זיך גלייכצייטיק אַ היטער פֿון דאָס אַלטע און אַ באַשיצער פֿון דאָס נייע. זיין לאַגע צווישן דער בורזשואַזער קולטור, וואָס אירע ווערטן זענען פֿאַר אים געווען אומבאַשטרייטבאַר, און דער קולטור פֿון מאָרגנדיקן טאָג, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, נאָר זיך שוין אָנגעהויבן צו קנאָספּן אין דער טראַכט פֿון דער געשיכטע, — די דאָזיקע לאַגע האָט שטאַרק פֿאַרקאָמפּליצירט לונאַטשאַרסקיס פּערזענלעכע פּאָזיציע. דער צווייזייטיקער כאַראַקטער פֿון זיין טעטיקייט, סיי די טעאָרעטישע, סיי די פּראַקטישע, אַ גאַנצע ריי סתירות וועלן אויסגעגלייכט ווערן בלויז דורך יענעם צוקונפֿטיקן היסטאָריקער, וועלכער וועט שילדערן זיין פּילזייטיקע טעטיקייט אין איר גאַנצער גרויס.

אין דער בורזשואַזער קולטור זעט לונאַטשאַרסקי אַ רייַזיקן קוואַל סיי פֿון עסטעטישן גענוס, סיי פֿון פֿילאָזאָפֿישע אידייען, סיי מיטלען צו דערקענען דאָס לעבן. ווייל די

קונסט, האָט ער געשריבן אין אַרטיקל „צו דער פראַגע וועגן קונסט", העלפט אונז צו דערקענען דאָס לעבן און זיך פאַנאַנדערקלייבן אין אים. אָבער נישט נאָר זי העלפט — זי טראָגט אַריין אַן אָרדנונג אין כאַאָס פון די אויסערלעכע דערשיינונגען: זי שטרייכט אונטער דאָס כאַראַקטעריסטישע, באַזייטיקט דאָס צופעליקע און זייטיקע, אָנפירנדיק מיט אונזער שכל, העלפט זי אים אין אַ קורצער צייט איינצושלינגען אַ גרויסן סכום בילדער, געפילן, אידייען, גיט אַ מעגלעכקייט צו לעבן מיט אַ קאָנצענטרירט לעבן. די וויסנשאַפט גיט אַבסטראַקטע פאָרמען, די קונסט — א י ב ע ר ל ע ב ו נ ג ע ן. דאָ דערנענטערט זיך לונאַטשאַרסקי צו דעם באַגריף וועגן קונסט סיי ווי אַ „לעבנס־דערקענטעניש" סיי ווי אַן „אָרגאַניזאַציע פון געפילן מיט דער הילף פון בילדער". אָבער ער אונטערשטרייכט די אויפגאַבע פון קינסטלער צו קאָנצענטרירן דאָס לעבן אויף דער פעאיקייט פון דער קונסט עס צו קאָנדענסירן, אונז געבן די מעגלעכקייט איבערצולעבן וואָס מער, נישט אָנשטרענגנדיק, פונדעסטוועגן, אונזערע נערוון, ד. ה. אויף אַ געוויסן סכום אויפנאַם־ענערגיע געבן אַ סך מער עמפינדונגען, ווי עס גיט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן.

אַזוי אַרום באַרייכערט די קונסט דעם מענטשנס דערפאַרונג, זי פאַרמערט און פאַרשאַרפט זיינע אויפנאַם־פעאיקייטן, פאַרברייטערט און פאַרטיפט זיי. דעם מענטשנס לעבן וואָלט אָן קונסט געווען נישט דער ערך אָרעמער. איינע פון די מעכטיקסטע מענטשלעכע דערגרייכונגען איז טאַקע די קונסט — די קונסט בכלל.

אין 1922־טן יאָר, אַרויסגעבנדיק פונסניי דעמדאָזיקן פון לאַנג אָנגעשריבענעם אַרטיקל, האָט לונאַטשאַרסקי נישט אַריינגעבראַכט אין אים קיין שום אויסבעסערונגען, וואָס זאָלן עדות זאָגן אויף דעם, אַז ער האָט געענדערט זיין אַלטן שטאַנדפונקט. „קיין נישט־געלונגענעם, טאַלאַנטלאָזן פרווו צו קאָנצענטרירן דאָס לעבן אָנערקענען נישט אויך מיר, — האָט ער געשריבן אין דעמזעלבן אַרטיקל, — אָבער דער טאַלאַנט, ווי אַזוי ער זאָל נישט אָנגעווענדט ווערן, מוז, ווייזט אויס, תמיד געפינען אין אונזערע אויגן אַ באַרעכטיקונג". די עקזיסטענץ

גופא פון טאַלאַנט איז אַ באַרעכטיקונג פון זיינע שאַפונגען.

אָט דאָס איז אַ קוק אויף דער קונסט, וועלכן מ׳קען נישט אָפּזאָגן אין ברייטקייט. ווי עס ווייזט אויס האָט ער דאָס דיקטירט לונאַטשאַרסקין זיין פּאָליטיק אויפן געביט פון אויפהיטן און אָפּהיטן די קונסט-ווערק, סיי די אַלטע, סיי די נייע. דערדאָזיקער פּאָליטיק האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס די קונסט איז אויפגעהיט געוואָרן. אין די שווערסטע טעג פאַר דעם ראַטנלאַנד, ווען מענטשן זענען געשטאָרבן אין ליידן פון הונגער און קעלט און דער קאַמף האָט אָפּגענומען אַלע מיטלען און כּחות — האָבן זיך אין מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם געפונען גענוג ענערגיע און מיטלען, וואָס האָבן זאָרגעוודיק אָפּגעהיט די קונסט-ווערק. זי איז נישט פאַרגעסן געוואָרן דורכן שטראָם פון רעוואָלוציאָנערער שנאה צו דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרקערט: די אַרבעטער-מלוכה האָט געשאַפן אַ גאַנצע נעץ אַנשטאַלטן אויף אָפּצוהיטן זי. דאָס איז איינער פון לונאַטשאַרסקיס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער צוקונפט.

אָפּהיטנדיק די בורזשואַזע קולטור פון דער אַלטער וועלט, האָט אַ. לונאַטשאַרסקי געזען אין איר אַזאַ אייביקן ווערט, וועלכער איז נויטיק נישט נאָר אויף צו צאַצקען זיך מיט אים. ער האָט גענדאַרפט פאַרשאַפן נישט נאָר אַ געניוס פון אָנשויען, נאָר זיין אַ קוואַל פון דער נייער שאַפונג. לונאַטשאַרסקי האָט געהאַלטן, אַז אַ חוץ דעם, וואָס די קונסטווערק באַרייכערן און פאַרברייטערן די מענטשלעכע דערפאַרונג, זענען זיי נאָך קריסטאַלן פון דער מענטשלעכער מייסטערשאַפט, אַ קאָנצענטרירטע קענען. די אַלטע קונסט פאַרברייטערט נישט נאָר די דערפאַרונג פונם מענטשן, נאָר זי לערנט אים אויך, ווי אַזוי צו שאַפן נייע קונסט-זאַכן.

אָבער דער אויבנגעשילדערטער באַגריף וועגן קונסט האָט זיך פונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן פאַר נישט-גענוגנדיק נאָך דער דערפאַרונג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אין דעם איז נישטאָ קיין שום אויסטערלישס. אונזער עפּאָכע האָט אַ נייעם שטאַנדפּונקט. און ס׳וואָלט געווען מאָדנע, ווען דאָס נייע, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, וואָלט נישט אַריינגע-

בראכט קיין עיקרדיקע אויסבעסערונגען אין די אלטע פארמו־לעס. אין זיין שפּעטערדיקן אַרטיקל וועגן ווילהעלם האוזענ־שטיינען טראָגט דעריבער לונאַטשאַרסקי אַריין וויכטיקע צו־גאָבן אין זיין קוק אויף דער קונסט. אין דערדאָזיקער אַר־בעט רעדט ער שוין וועגן דער קונסט נישט נאָר ווי וועגן אַ דערשיינונג, וואָס פאַרבּרייטערט די עקזיסטענץ, וואָס קאָנצענ־טרירט די לעבנס-כּחות, נאָר ווי וועגן אַן אידעאָלאָגיע, „וואָס שפּיגלט אָפּ דעם גאַנצן קאַמף פון די קלאַסן און וואָס איז נישט נאָר אַ פאָן פאַר איינצלנע קלאַסן אין זייער קאַמף פאַר העגעמאָניע, נאָר אויך אַן אויפקלערערין, אַן אָרגאַניזאַטאָרין פון זייער באַוווסטזיין, באַזונדערס פון זייער עמאָציאָנעלן לעבן".

דערדאָזיקער צוגאַב ענדערט נישט, פונדעסטוועגן, לונאַ־טשאַרסקיס פריערדיקע באַציאונג צו דער בורזשואַזער קונסט. זי אָרגאַניזירט די כּחות פון בורזשואַזן קלאַס, אָבער צוגלייך מיט דעם זענען אין איר דאָ עלעמענטן, וועלכע וועלן נוצ־לעך זיין דעם אַנטיפּאַד פון דער בורזשואַזיע, ווען ער וועט באַהערשן דידאָזיקע ווערק.

ווייל עס איז נישטאָ קיין שום סתירה אין דעם, וואָס לונאַטשאַרסקי, דער קריטיקער און מאַרקסיסט, באַצייכנט סע־זאַנען אַלס קינסטלערישן אויסדרוק פון דער אימפּעריאַליסטי־שער בורזשואַזיע, אָבער לונאַטשאַרסקי, דער פאָלקסקאָמיסאַר פאַר בילדונג, היט זאָרגעוודיק אָפּ סעזאַנען אין די מוזייען פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה. ווען עס זאָל זיך מאַכן אַ געלעגנהייט צו פאַרפולן די בילדער-זאַמלונג וועלכע מיר פאַר־מאָגן פון דאָזיקן „אויסדרוק פון דער אימפּעריאַליסטישער בור־זשואַזיע", וואָלט זיך לונאַטשאַרסקי נישט פאַרטראַכט אויף קיין איין מינוט.

די בורזשואַזע קונסט, לויט לונאַרטשאַרסקין, איז נישט נאָר אַן אויסדרוק אין בילדער פון דער קלאַסנפּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע, נאָר אויך אַן אומבאַדינגט נויטיקער רינג אין דער אַנטוויקלונג פון דער קונסט בכלל, וואָס אויב די „יורשים" וועלן אים נישט גובר זיין, וועלן זיי אַליין גאָרנישט קענען שאַפן (אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פון דער ירושה).

א חוץ די קלאַסנעלעמענטן נעמט די קונסט אַריין אין זיך אַלגעמיין-מענטשלעכע עלעמענטן. די קלאַסן פאַרשווינדן, די קונסט בלייבט. דערדאָזיקער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט ביי לונאַטשאַרסקין אין זיינע טעזיסן „דער פּראָלעטאַריאַט און זיין קונסט", וועלכע זענען אָפּגעדרוקט געווען אין אָרגאַן פון פּראָלעטקולט. גלייך אין ערשטן טעזיס לייענען מיר:

„די קונסט קען אָנגערופן ווערן אַלס אַלגעמיין-מענטשלעכע אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל אַלדאָס ווערטפולע אין די ווערק פון יאָרהונדערטער און פעלקער איז אַן אומאָפּרייסבאַרער אינהאַלט פון „אוצר פון דער אַלגעמיין-מענטשלעכער קולטור".

דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, פון לונאַטשאַרסקיס שטאַנדפּונקט האָבן אַ טעות יענע „האַסער" פון דער בורזשואַזער קונסט, וואָס זייער שנאה ווערט אונטערגעזאָגט דורך דער מורא, אַז זי און בכלל די גאַנצע בורזשואַזע קולטור זאָלן נישט צעשטערן דעם פּראָלעטאַרישן באַוווסטזיין, אַז דער בורזשואַזער „באַוווסטזיין", אַ פאַרקערפּערטער אין בילדער, זאָל נישט אומדרייען אויף צוריק דעם „פּראָלעטאַרישן באַוווסטזיין", וואָס איז אויסגעוואָקסן אויפן באַזיס פון אַ באַשטימטן סאָציאַלן לעבנסשטייגער. דער גלויבן אין די אידייען פון אייגענעם קלאַס, די קלאַסן-געפילן זענען, לויט לונאַטשאַרסקיס מיינונג, דער בעסטער אימוניטעט און די זיכערסטע גאַראַנטיע קעגן דער אָנשטעקונג פון דער בורזשואַזער קונסט. פאַרקערט, ער איז זיכער, אַז די ווירקונג פון אַרבעטער-קלאַס אויף דער בורזשואַזער אינטעליגענץ איז שטאַרקער, ווי די ווירקונג פון דער בורזשואַזיע אויפן אַרבעטער-קלאַס. אין דעם אַרטיקל וועגן דער דייטשער קונסט און אירע נייסטע פאָרמען רעדט ער, למשל, וועגן דעם, אַז די פאַריאושטע בורזשואַזע אינטעליגענץ וועט קענען געפינען אַ רעטונג דערין, וואָס זי וועט זיך טיפער דורכדרינגען מיט די אידייען פון אַרבעטער-קלאַס. (34

אָן אַ צוזאַמענשטויס מיט דער קונסט פון עבר וועט דער פּראָלעטאַריאַט נישט קענען שאַפן זיין אייגענע קלאַסן-עסטעטיק. און דאָס שאַפן אַזאַ עסטעטיק איז אומפאַרמיידלעך, אויף וויפל דער פּראָלעטאַריאַט איז פון „קעלערשן שטאָק פון דער קולטור" אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, אויף וויפל עס

ווערט אים צוטריטלעך נישט נאָר דאָס קוויקן זיך מיט קונסט־זאַכן, נאָר דאָס זעלבשטענדיקע קינסטלערישע שאַפן.

אין די ליטעראַרישע קוקן פון א. וו. לונאַטשאַרסקין זעען מיר אַזויאַרום, אַז ער נעמט אָן די ירושה פון דער אַלטער קונסט און דער אַלטער קולטור. צוזאַמען מיט דעם זעען מיר, אַז ער אָנערקענט דעם אומפאַרמיידלעכן וווקס פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור און דער פראָלעטאַרישער קונסט. די פאַראייניקונג פון דידאָזיקע טעזיסן האָט לונאַטשאַרסקיס אָנשויאונגען צוגעגעבן אַ גרויסע ברייטקייט, וואָס דאָס פלעגט אַמאָל אויפרעגן אייניקע פון זיינע קעגנער

II

לונאַטשאַרסקיס אויבנגעבראַכטע מיינונגען האָבן אים גע־זיכערט די לאַגע פון אַ מיטן, צווישן די עקסטרעמע שטאַנד־פונקטן. נישט אָנשליסנדיק זיך אין אַלע פונקטן צו קיין איינעם פון זיי, האָט ער גלייכצייטיק פאַראייניקט אין זיך עלעמענטן וועלכע קענען אָנגענומען ווערן אין דער אָדער אַן אַנדער מאָס דורך ביידע.

נאָך אין יאָר 1920, ד. ה. פריער, ווי די פראַגן וועגן דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור זענען אין דער גאַנצער ברייט אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט, האָט לונאַטשאַרסקי אין אַ אַרטיקל „די ליטעראַטור און די רעוואָלוציע" (אָפּגעדרוקט אין ערשטן נומער פון זשורנאַל „סלאָוואָ") סקיצירט זיין קוק אויף דער ווייטער־דיקער אַנטוויקלונג פון ליטעראַטור און קונסט...

„די ריזיקע אויפטרייסלונגען פון דער רעוואָלוציע, — האָט ער געשריבן, — ווערן באַגריפן פילאָזאָפיש און ווערן אויפגענומען קינסטלעריש ערשט נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע איז שוין פאַרענדיקט אָדער אַמאָל אין די שכנותדיקע לענדער, וואָס זענען ווינציקער פאַרכאַפּט דורכן דאָזיקן גאַנצן שטורעם. אויב אין תקופות פון רעוואָלוציע ווערט אַנטשוויגן דאָס קינסטלע־רישע שאַפן, עס ווערן ווי אָפּגענומען די ליפּן פאַר קונסט־ווערק, צעעפענען זיך אָבער דערנאָך, ווען דער שטורעם טראָגט

זיך שוין פאַריבער, טויזנטער ליפּן, וואָס זינגען שבחים אָדער קרי־טיקירן, וואָס טרוימען וועגן דאָס נישט אויספּירבאַרע אָדער וואָס שילדערן נאָך בולטער די האָפנונג, וואָס האָט זיך אין דאָזיקן פאַל נישט פאַרווירקלעכט... אָבער אין די טעג, ווען די שטורעמס פון דער רעוואָלוציע דרייען נאָך אין זייערע ווירבלען די מענטשן, און גראָד די מער טאַלאַנטירטע פון זיי, די אמווייניגסטן ליידנשאַפטלעכע, אַממיינסטן טיפע און מעכטיקע אין אינטעלעקטועלן זין, — און די רעוואָלוציע פאַרכאַפּט דעם מענטשן אינגאַנצן, — קען זיך דער אָדער יענער דיכטער בלויז צופעליק אָפּגעבן דער קינסטלערישער אויסטייטשונג פון די נייע איבערלעבונגען".

דעריבער, — האָט געשריבן לונאַטשאַרסקי, — איז די פּראָלעטאַרישע קולטור „אפילו דאַן, ווען מען נעמט אַריין אין איר די נענטערע און ווייטערע מיטלויפער, לפי ערך אָרעם און זי קען נישט זיין אָרעם".

„דערווייל דונערן בלויז די פּויקן, — אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער אַרטיקל — אָבער דערנאָך וועלן אין זייער טרוקענעם מאַרש זיך נעמען אַריינרייסן אַלץ שענער, אַלץ ליידנשאַפטלעכער, אַלץ פיינער אַלע אינסטרומענטן פון מענטש־לעכן גייסט.

ווען?

ס'קען זיין, אַז גאָר אינגיכן — איז אוודאי גוט. ס'קען זיין אַז נישט אַזוי גיך — וועלן מיר וואַרטן, בפרט אַז וואַרטן קומט אונז אויס נישט מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער פּוס־טער ברוסט, נאָר אין ליידנשאַפטלעכן קאַמף פאַר אויפהיטן אַלדאָס בעסטע, וואָס די פאַרגאַנגענהייט האָט אונז איבערגע־לאָזן פון שוידערלעכן חורבן, און ביים רייניקן די וועגן צו דער צוקונפט".

לונאַטשאַרסקי איז געווען אַן אָנהענגער פון דער פּראָ־לעטאַרישער קולטור.

פון די ערשטע טריט פון פּראָלעטקולט האָט לונאַטשאַר־סקי גענומען אַן אָנטייל אין זיינע אַרבעטן. אָבער זיין אָפּ־שאַצונג פון דער „בורזשואַזער קונסט", זיין אונטערשטרייכן די אַלגעמיין־מענטשלעכע ע/עמענטן, די ברייטקייט פון זיי־

פּאָזיציע — דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען אין סתירה צו באַגדאַנאָווס קאַבינעט-סכעמאַטיזם. לונאַטשאַרסקיס באַציאונג צום שאַפן פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ האָט אים אויך אָפּגעטיילט פון דער פּאָזיציע פון די רעכט-גלויביקע נאַפּאָסטאָווצעס, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ פול-שטענדיקע קלאַסן-זעלבשטענדיקייט, אַן אומאָפּהענגיקע פּראָלע-טאַרישע קולטור. 35) יעדנפאַלס, די טעזיסן פון רעפעראַט „דער פּראָלעטאַריאַט און די קונסט", וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין № 2 פון דער „פּראָלעטאַרסקאַיאַ קולטוראַ" — מיט זייער אָריענטאַציע אויף די „אַלגעמיין-מענטשלעכע עלע-מענטן" פון דער קונסט — האָבן געדאַרפט קלינגען פאַרן פּראָלעטקולטישן אויער נישט גענוג רעכטגלויביק. צי נישט דערפאַר אַמאָל איז דערדאָזיקער רעפעראַט נישט געהאַלטן גע-וואָרן אויפן צוזאַמענפאָר?

אָבער לונאַטשאַרסקיס חלוקי-דעות מיט דער אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטקולט האָבן זיך נישט באַגרעניצט בלויז מיט דער-דאָזיקער באַציאונג צו דער בורזשואַזער קולטור. באַזונדערס טיף זענען זיי געווען אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ספערע. אַן אָנהענגער פון פּראָלעטקולט, וואָס האָט אים פאַרטיידיקט פאַר לענינען, האָט לונאַטשאַרסקי פונדעסטוועגן געמוזט באַ-גרעניצן דעם אייגנאַרטיקן פּראָלעטקולטישן אימפּעריאַליזם, וועל-כער האָט זיך באַמיט צו פאַרכאַפּן אין זיינע הענט די גאַנצע קולטורעלע בילדונגס-אַרבעט פון פּראָלעטאַריאַט. זיין שטאַנד-פּונקט אין דערדאָזיקער פראַגע האָט לונאַטשאַרסקי אויסגעדריקט אין אַ רעזאָלוציע, וועלכע ער האָט פאָרגעלייגט און וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן דעם 27-טן אויגוסט 1919-טן יאָר אויף דער פאַרברייטערטער זיצונג פון אויספיר-ביוראָ פון פּראָלעט-קולטישן ביוראָ. אָט וואָס לונאַטשאַרסקי האָט פאָרגעלייגט:

„דער איינהייטלעכער פּראָלעטאַרישער קלאַס שאַפט אויף זיין זיגרייכן וועג אַ גאַנצע ריי אָרגאַניזאַציעס אויף צו דערגרייכן פאַרשיידנאַרטיק זיין גרויסן ציל — פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם.

די ראַטנמאַכט איז אַן אָרגאַן פון קלאַסנפּאָליטיק, וואָס ווייל מיטן וועג פון דיקטאַטור איבערבויען רוסלאַנד אין סאָ-

ציאַליסטישן גייסט און פּאַרטיידיקן דידאָזיקע אַרבעט פון די אומצייליקע שונאים. דידאָזיקע אויפגאַבע איז אַ דויערנדיקע און ריזיקע. אָבער דער פּראָלעטאַריאַט קען נישט אָפּשטעלן אויך יענע שעפערישע אַרבעט זיינע, דורך וועלכער ער שאַפט אַ נייעם קלאַסן-אינהאַלט אויפן געביט פון וויסנשאַפט און קונסט און נעלכער וועט זיך אין דער צוקונפט פאַנאַנדערוויקלען אין אַ נייער נשמה פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג.

אין זיין קולטורעלער שאַפונג מאַכט דער פּראָלעטאַריאַט בלויז זיינע ערשטע טריט. זיך איילן אַרומכאַפּן דעם גאַנצן געביט וואָלט דאָ געווען אַ טעות, — ווייל עס איז נישט לויט די כחות. די ספערע פון זיין טעטיקייט פאַרברייטערט דער פּראָלעטאַריאַט אין דערדאָזיקער הינזיכט בלויז אין דער מאָס, ווי עס ווערן רייף זיינע אָריגינעלע כחות.

די ראַטנמאַכט דאַרף נישט נאָר נישט שטערן די פולע פרייהייט פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַריאַט, אין דער ערשטער ליניע פון פּראָלעטקולט, נאָר, פאַרקערט, זען שאַפן פאַר אים די גינסטיקסטע באַדינגונגען, מאַכנדיק צוגענגלעך פאַר אים אַלע אוצרות פון דער קולטור פון עבר.

דערפון נעמט זיך די אינערלעכע איינהייטלעכקייט און די פולע האַרמאָניע פון גרויסן ס אָ וו ע ט י ש ן מלוכהשן און אָרטיקן אַפּאַראַט און זיינע קולטורעלע אָפּטיילונגען פון איין זייט, און די זעלבשטענדיקייט פון די פּראָלעטאַרישע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, די קינסטלעריש-וויסנשאַפטלעך-שעפערישע, ווי דאָס דאַרף זיין דער פּראָלעטקולט — פון דער צווייטער".

דידאָזיקע רעזאָלוציע כאַראַקטעריזירט גאַנץ שלעכט לונאטשאַרסקיס שטאַנדפּונקט. אבער דידאָזיקע רעזאָלוציע האָט נישט באַפרידיקט דעם פּראָלעטקולט, הגם זי איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער מערהייט. צווישן אים און דער מלוכה-מאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזאַציאָנעלע רייבונגען.

די רייבונגען זענען געווען אַזעלכע וועזנטלעכע, אַז מיט בלויזע רעזאָלוציעס איז אוממעגלעך געווען זיי צו באַזייטיקן. די טענדענצן, וועלכע זענען געלעגן אינם וועזן פון פּראָלעטקולט, אַלס דער „דריטער באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט", זע-

נען געווען צו ערנסט, זייער ווירקונג זאָל קענען באַזייטיקט אָדער אפילו אָפּגעשוואַכט ווערן דורך אָננעמען די רעזאָלוציע.

אין № 7—8 פון זעלבן זשורנאַל פאַרן זעלבן יאָר טרעט לונאַטשאַרסקי אַרויס מיט אַן אַרטיקל „דער פּראָלעטקולט און די קולטור-אַרבעט פון די ראַטן", אין וועלכן ער שטעלט זיך געגנוי אָפּ סיי אויף די טענדענצן פון פּראָלעטקולט סיי אויף די פאָרמען, אין וועלכע עס דאַרף, לויט זיין מיינונג, געפירט ווערן די אַרבעט פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

דערמאָנענדיק, אַז ער אַליין איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ וועגן די פראַגן פון פּראָלעטאַרישער קולטור, וואָס איז צענויפגערופן געוואָרן אין פּעטערבורג נאָך פאַר דער אָקטאָבער-איבערקערעניש, באַמערקט לונאַטשאַרסקי, אַז ער האָט זיך אַביסל אַנדערש פאָרגעשטעלט די ראָל און באַדייטונג פונם פּראָלעטקולט, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון דערדאָזיקער קאָנפערענץ.

ווען די קאָנפערענץ איז צענויפגערופן געוואָרן האָט זיך די מלוכה-מאַכט געפונען אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, — האָט לונאַטשאַרסקי געשריבן. דעריבער האָט דער פּראָלעטאַריאַט געמוזט זוכן פאַר זיין קולטורעלער אַנטוויקלונג זעלבשטענדיקע וועגן, אומאָפּהענגיק פון דער מלוכה.

אָבער נאָך אָקטאָבער האָט זיך אַלץ געענדערט. דער אַרבעטערקלאַס האָט גענומען אין די הענט די מלוכה-מאַכט, און אין דער אַרבעטער-מלוכה האָט שוין פאַרלאָרן די קראַפט דער טעזיס וועגן די דריי פּאַראַלעלע קאַמפּס-וועגן פון אַרבעטערקלאַס: דעם פּאַרטייאישן אויפן פּאָליטישן געביט, דעם פּראָפעסיאָנעלן אויפן עקאָנאָמישן און דעם פּראָלעטקולטישן אויפן קולטורעלן.

נעמענדיק אין זיינע הענט די מאַכט האָט דער אַרבעטער-קלאַס דעראָבערט דעם גאַנצן קולטור-אייגנטום פון לאַנד און געשאַפן צווישן אַנדערן אָרגאַנען פון פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע ר ב י ל ד ו נ ג.

„וואָס הייסט עס: „פּראָלעטאַרישע בילדונג"? — האָט לונאַטשאַרסקי געפרעגט און געגעבן אַזאַ ענטפער: —

„ערשטנס הייסט עס: פאַרשפּרייטן יענע אַלגעמיין-מענטש-

לעכע ווערטן פון דער וויסנשאַפט און קונסט, אָן וועלכע מען קען נישט זיין קיין געבילדעטער מענטש, אָן וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט וועט בלייבן אַ באַרבאַר, אָן וועלכע ער וועט אַפילו נישט קענען ווי געהעריק אויסנוצן נישט די מאַכט, נישט די פּראָדוקציע-מיטלען, וועלכע ער האָט דעראָבערט.

דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע אויפגאַבע.

צו דערדאָזיקער אויפגאַבע דאַרפן מיר צוגעבן נאָך איינע: פּראָלעטאַרישע בילדונג דאַרף אויך הייסן דאָס פאַרשפּרייטן ריין-פּראָלעטאַרישע אידייען ערשטנס, צווישן די שוואַך-געבילדעטע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט גופא, און צווייטנס, צווישן די מאַסן פון פויערטום און פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג בכלל, און צולעצט, צווישן דער אינטעליגענץ".

דערביי ווייזט לונאַטשאַרסקי אָן, אַז אַן אומבאַשטריטענעם אידייאישן אייגנטום פאַרמאָגט שוין דער פּראָלעטאַריאַט אין אייניקע געביטן, למשל, אין דער סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיק, אין אַ קלענערער מאָס פאַרמאָגט ער דאָס אין די געביטן פון געשיכטע און פילאָזאָפיע, אין מער פאַר אַלץ, אין דער העכסטער מאָס, פאַרמאָגט ער דאָס אין געביט פון דער פּאָליטישער, פּראַקטישער און טעאָרעטישער פּראָגראַם.

דאָס אַלץ זענען עלעמענטן פון פּראָלעטאַרישער קולטור. אָבער דאָס אַלץ, צוזאַמענגענומען, — איז בלויז אַ קליינע טייל פון דעם, וואָס עס מאַכט אויס דעם אינהאַלט פון אַ מלוכהשער קולטור-אַרבעט.

און נעמענדיק אין אַכט די אומגעניגנדיקייט פון די קולטור-עלעמענטן, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין דעראָבערט, שטרייכט לונאַטשאַרסקי אונטער די טעותדיקע טענדענצן, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין פּראָלעטקולט.

„עס זענען דאָ מענטשן, — האָט ער געשריבן, — וועלכע האַלטן, אַז יעדע פאַרשפּרייטונג פון דער „אַלטער" וויסנשאַפט און דער „אַלטער" קונסט איז אויף דער האַנט די בורזשואַזע געשמאַקן, אַז דאָס איז אַ פאַרשאָלטענע קולטורטרעגעריי, אַ מין אָנשטעקונג פון יונגן סאָציאַליסטישן אָרגאַניזם מיטן בלוט פון דעם פאַנאַנדערגעפאַלענעם אַלטן.

עקסטרעמע פאָרשטייער פון דאָזיקן טעות זענען לפי ערך

דאָ ווינציק, אָבער דער שאָדן, וועלכן זיי ברענגען וואָלט געקענט זיין גרויס. ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס אייניקע שוין צו היציקע אָנהענגער פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור זינגען דאָ אין טאָן מיט די פוטוריסטן, וועלכע זענען זיך אויך פון צייט צו צייט מודה אין פאַרלאַנג כמעט ווי פיזיש צו פאַרניכטן די גאַנצע אַלטע קולטור און אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך זעלבסטבאַגרעניצן מיט יענע דערווייל נאָך לגמרי נישט־איבערצייגנדיקע עקספּערימענטן, אין וועלכע עס באַשטייט פאַר זיי אַליין די קונסט.

ניין, צום טויזנט און ערשטן מאָל חזר איך איבער, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיין *באַוואָפנט אין דער גאַנצער אַלמענטשלעכער בילדונג*, — ער איז אַ היסטאָרישער קלאַס, ער דאַרף גיין פאָראויס — פאַרבונדן מיט זיין פאַרגאַנגענהייט".

מיר זעען מיט וואָסער ענערגיע לונאַטשאַרסקי וואַרפט זיך אויף יענע „עקסטרעמיסטן" פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור, וואָס גייענדיק אין די שפורן פון די אָנפירער פון פּראָלעטקולט, וועלכע האָבן פאַרפאָלגט דעם ציל פון אַ „זעלבשטענדיקער" פּראָלעטאַרישער קלאַסן־קולטור, — און דידאָזיקע פּאָלעמיק איז טאַקע געווענדט קעגן די דעמאָלטיקע אָנפירער זיינע, — האָבן זיי געשטויסן דעם פּראָלעטקולט אויפן וועג, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון די וועגן פון דער ראַטנמאַכט און האָבן סותר געווען די אויפגאַבעס, וועלכע לענין האָט געשטעלט דער קולטורעלער רעוואָלוציע. לונאַטשאַרסקיס דאָזיקער פּראָטעסט אין זיין איצטיקער פאָרמולירונג איז טאַקע אונטערגעזאָגט געוואָרן דורך דער לענינשער, און נישט דורך אַ וואָסער־נישט־איז אַנדער באַציאונג צו די פראַגן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור.

דער צווייטער עקסטרעם, קעגן וועלכן לונאַטשאַרסקי האָט דערווידערט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס „פאַרזינקענדיק אין דער אַלגעמיין־וויסנשאַפטלעכער און אַלגעמיין־קינסטלערישער קולטורעלער אַרבעט, זאָגן די מענטשן: אָט דאָס איז טאַקע די עכטע פּראָלעטאַרישע אַרבעט; אויב מען זאָל דאָס אַלץ צוריכטן, אַזויצוזאָגן באַשמירן פון דער הויך מיט מאַרקסיסטי-

שער סאָציאָלאָגיע, מיט קאָמוניסטישער פּראָגראַם, וועט זיך באַקומען דאָס, וואָס מיר דאַרפן האָבן".

ער טרעט אַרויס מיט היץ קעגן אַזעלכע פּרוּוון „אָנצוּוואַרפן" דער מלוכה דאָס פאַרשפּרייטן בלויז נייעס, בלויז פּראָלעטאַרישעס. דער גרויסער פּראָלעטאַרישער קלאַס וועט באַנייען „ביסלעכווייז" די קולטור פון אויבן ביז אַראָפּ, אָבער נאָר נאָכדעם, ווי ער וועט פאַראייגענען אַלע העכסטע דעראָבערונגען פון די אַלטע קולטורן. דאָס באַטייט נישט, אַז די מלוכה דאַרף זיין גלייכגילטיק צו די זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע זוכענישן.

„אַזוי אַרום זענען דידאַקטיקע ביידע אויפגאַבעס באַשטימט און בולט באַגרעניצט: דער פּראָלעטקולט טאָר בשום אופן נישט באַטראַכטן די ערשטע שפּראָצונגען פון דער פּראָלעטאַרישער קונסט און פון דעם פּראָלעטאַרישן געדאַנק (מיטן אויסנאַם פון די יסודות פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם) אַלס פאַרטיקע ווערטן און זיך פּרוּוון פאַרבייטן דורך זיי די קולטורווערטן פון די עפּאָכעס, וואָס זענען אים פאַראויסגעגאַנגען, עס איז אויך נישט זיין אויפגאַבע צו זאָרגן דערפאַר, אַז זייגע אָרגאַנען זאָלן פאַרשפּרייטן וויסן וועגן גאַנצן געביט פון „מענטשלעכער געבילדעטקייט". אין ערשטן פאַל וואָלט ער אַרויסגעוויזן די אומפּאָרזיכטיקסטע פאַרריסנקייט, וועלכע מען דאַרף פולשטענדיק איבערלאָזן פאַר די פוטוריסטן, און צווייטנס — וואָלט ער זיך אַריינגעריסן אין זיין אייגענער אַרבעט, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט פירט דורך מיט דער צווייטער האַנט, — אין דער אַלגעמיין-מלוכהשער אַרבעט".

III

דאָס געזאָגטע איז, דאַכט זיך, גענוג, כדי זיך פאַרצושטעלן די פּאָזיציע, וועלכע עס האָט פאַרנומען לונאַטשאַרסקי אין דער צייט פון אונזערע ליטעראַרישע דיסקוסיעס.

ער איז „פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור", אָבער קעגן די פּרוּוון זיך אָפּצוּוואַרפן פון די קלאַסיקער און פון דער „בורזשואַזער" ליטעראַטור. ער גלויבט אין דעם צוקונפ-

טיקן פאַנאַנדערבלי פונם שאַפן פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער, אָבער דערווייל האָט ער נישט פּאַר מעגלעך צו פאַרוואַרפן יענע קונסט, וועלכע ווערט געשאַפן דורך נישט-פּראָלעטאַרישע קינסט-לערס. ער איז פאַר אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פון די פּראָלעטאַרישע שרייבערס, פאַר געבן זיי מלוכהשע אונטערשטי-צונג, אָבער קעגן אַ פאַרריסענער באַציאונג צו דער נישט-פּראָלעטאַרישער קונסט. דער פּראָלעטאַריאַט מאַכט דורך אַ לער-תקופה, און מען דאַרף אים אויף אַלע אופנים העלפן דורכצומאַכן דידאַקטיקע סטאַדיע וואָס גיכער, צו פאַראייגענען פון דער קולטור פון עבר און פון הווה אַלדאָס ווערטפולע, אַלדאָס טי-פע און אַלגעמיין-מענטשלעכע. די אַלטע קולטור און די אַלטע קונסט האָבן געהערט איין קלאַס, אָבער זיי אַנטהאַלטן אין זיך גרויסע רייכטימער פון אַלגעמיין-מענטשלעכע ווערטן, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף פאַראייגענען, אויב ער וויל נישט, אַז זיין קונסט פון דער צוקונפט זאָל זיין זאַפטלאָז, פאַרבלאָז און נישטיק.

ביי אַזעלכע אָנשויאונגען האָט מען געקענט פאַראויסזאָגן, אַז לונאַטשאַרסקיס באַציאונג צו די טעזיסן, וועלכע דער זשורנאַל „נאַ פּאָסטו" האָט אַרויסגעשטעלט, און באַזונדער צו די מיטלען פון זייער קריטישער עקזעקוציע, האָט נישט גע-קענט זיין קיין פּאָזיטיווע. מיטפילנדיק דער פּראָבלעם-אַוועקשטע-לונג פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור, האָט ער גלייכצייטיק שאַרף געטאַדלט די ווּלגאַריזירישע מיטלען פון דער קריטיק און יענע טעותן, וועלכע די „נאַפּאָסטאָווצעס" האָבן געמאַכט אין ערשטן פּעריאָד פון זייער עקזיסטענץ. אין זיין רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין מאַי 1924-טן יאָר אויף דער באַקאַנטער באַראַטונג אין צ. ק. האָט לונאַטשאַרסקי אונטערגע-שטראָכן איינעם פון זייערע גרונט-פעלערן—זייער נישט קענען און זייער איגנאָרירן יענע „ספּעציפישע" אייגנטימלעכקייטן, מיט וועלכע דער געביט פון קונסט טיילט זיך אויס פון אַלע אַנ-דערע.

דער „ריין-פּאָליטישער" צוגאַנג, וועלכן עס האָבן אומ-באַדינגט געפאָדערט די „נאַפּאָסטאָווצעס", איז געווען אַ טעות-דיקער צוגאַנג גראָד דערפאַר, ווייל עס זענען נישט גענומען

געוואָרן אין אַכט די ווערנטלעכע איינגנטימלעכקייטן פון געגנ־שטאַנד, וועמעס גורל די „נאַפּאָסטאָווצעס" האָבן זיך באַמיט צו לייזן.

„מען קען נישט שטעלן די פראַגע וועגן דער ליטעראַרישער פּאָליטיק, — האָט געזאָגט לונאַטשאַרסקי — נישט נעמענדיק אין אַכט די באַזונדערע געזעצן פון דער קונסט. מיר קענען נישט מיט אומגעלומפּערטע פּאָליטישע מיטלען אַריינלייגן די גאַנצע ליטעראַטור אין קבר.

אַרויסטרעטנדיק קעגן דער ענגער פּאָליטישער אויס־טייטשונג פון די קינסטלערישע ווערק האָט לונאַטשאַרסקי אויפגעוויזן, אַז אויף וויפל דאָס קינסטלערישע ווערק איז אַ באַשטימטע אָרגאַניזאַציע פון דער דערפאַרונג, „זענען כמעט אַלע קונסט־ווערק, אָן אויסנאַם, נוצלעך פאַר אונז, אויב זיי זענען נאָר טאַלאַנטירט". דידאַקטיק באַהויפּטונג איז, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען אין אַ פּרינציפּיעלער און ראַדיקאַלער סתירה צו די טעאָריעס פון די נאַפּאָסטאָווצעס. לונאַטשאַרסקי איז אויך אַרויס־געטראָטן קעגן דעם אומגלויבן פון די נאַפּאָסטאָווצעס אין די קריטישע פעאיקייטן פון פּראָלעטאַריאַט גובר צו זיין דעם „גיפט" פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור.

אָנערקענענדיק, אַז אין דער צוקונפט וועט דוקא דער פּראָלעטאַריאַט זיין דער שעפער פון דער קולטור, האָט לונאַטשאַרסקי באַמערקט, אַז „אין דער נאָנטסטער צייט" וועלן די קינסטלער קומען צו אונז „דער עיקר פון דער אינטעליגענץ. וואָרום כדי צו ווערן אַ שרייבער איז נויטיק אַ גאַנץ הויכע שטופע פון בילדונג. עס איז שווער פאָרצושטעלן זיך, אַז אַ שרייבער זאָל זיך באַווייזן אוממיטלבאַר פון אַקער אָדער פון די טיפענישן פון פּראָלעטאַרישן דעק. דערביי איז דער קינסטלער אויך אַ ספּעציאַליסט. ער וועט מוזן אָפּגעבן אַ סך צייט אויף אויסצואַרבעטן זיין פאָרם און אויף פאַרברייטערן זיינע האָריזאָנטן. דורכדעם אַליין וועט ער, אויב ער שטאַמט פון די מאַסן, אומבאַדינגט אַביסל אָפּגיין פון זיין קלאַס און זיך דערנענטערן צו דער אינטעליגענץ־גרופּע".

דערפון איז לונאַטשאַרסקי געקומען צום אויספיר, אַז מיר, ד. ה. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, טאָר „פאַר קיין פאַל"

בישט אָפּשטויסן פון זיך די נישט-פּראָלעטאַרישע קינסטלער

ער איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן דער אומטאָלעראַנץ, וועלכע שטויסט אָפּ פון אונז די קינסטלער און געלערנטע, ער האָט גערעדט וועגן דער נויטקייט „טאַקטיש" צו באַהערשן די גרויסע קליינבירגערלעכע מאַסן, מיט וועלכע אונז קומט אויס צו האָבן צו טאָן.

לונאַטשאַרסקי איז אָבער אויך אַרויסגעטראָטן קעגן טראָצקיס הויפּט-טעזיסן וועגן דער פּראָלעטאַרישער קולטור און דער רעוואָלוציאָנערער קונסט.

„אָבער וועלכע רעוואָלוציאָנערע קונסט? — האָט געפרעגט לונאַטשאַרסקי. — אַן אַלגעמיין-מענטשלעכע, אַ קלאַסלאָזע? אונזער רעוואָלוציע איז דאָך אַ פּראָלעטאַרישע. דאָס פאַררופן זיך אויף דעם, אַז מיר וועלן נאָך נישט באַווייזן צו אַנטוויקלען די פּראָלעטאַרישע קונסט און מיר וועלן זיך שוין געפינען אין קאָמוניסטישן גן-עדן, חו די קונסט וועט זיין אַן אַלגעמיין-מענטשלעכע, זאָגט לחלוטין גאָרנישט. פאַרוואָס איז נישט מעגלעך ביי אונז אַ פּראָלעטאַרישע קונסט אַלס איבערגאַנגס-שטופע צו דער קאָמוניסטישער?"

„צוליב דידאַקטיק אַלע טעמים, — האָט רעזומירט לונאַטשאַרסקי — האַלט איך פאַרן איינציקן ריכטיקן אויספיר פון אונזער דיסקוסיע פאָלגנדעס: די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור דאַרף מען מיט אַלע מיטלען אונטערשטיצן, אַלס עיקרדיקסטע האָפנונג. אָבער די מיטלויפער פאַר קיין פאַל נישט אָפּשטויסן".

דאָס צענטע קאַפּיטל

I. די שפּאַלטונג אין „וואַפּפּ". „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו". דאָס איבערשאַצן די אַלטע ווערטן. נייע קוקן אויף „אייגנס" און „פרעמדס". די פּאָלעמיק מיט די „אַלטע" נאַפּאָסטאָווצעס. — II. צי איז טיף די איבערשאַצונג?

I.

אונטער דער ווירקונג פון פאַרשידענע סיבות האָט דער „וואַפּפּ" קריטיש רעווידירט די פריערדיקע נאַפּאָסטאָווסקע פּרינציפּן. אויפן גרונט פון דאָזיקן „רעווידירן" איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט באַזייטיקן פון דער אָנפירערשאַפט מיטן „וואַפּפּ" די גרופּע, וואָס האָט „נישט תּשובֿה געטאָן". צווישן דערדאָזיקער גרופּע זענען געווען די פירער פון דער אַלטער „נאַפּאָסטאָווסטוואָ" — לעלעוויטש, וואַרדין, ראָדאָוו, בעזימענסקי, גאָרבאַטשאָוו. די פירערשאַפט מיט דער „נעאָ-נאַפּאָסטאָווסטוואָ" האָט איבערגענומען די יונגע גענעראַציע — אַווערבאַך, ליבעדינסקי, זאָנין. די רעוויזיע, וועלכע עס האָט דורכגעפירט די יונגע גענעראַציע, ווערט קלאָר ביים באַטראַכטן דעם נייעם אָרגאַן פון „וואַפּפּ" — „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו". דורכן עפּיטעט „ליטעראַטורני" איז שוין אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ באַדייטנדיקע אויסבעסערונג אין פריערדיקן „נישט ליטעראַרישן" נאָמען פון אַלטן „נאַפּאָסטאָווישן" זשורנאַל.

דער זשורנאַל „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו" אונטערשיידט

זיך פון זיין פאָרגענגער נישט נאָר דורכן פיל־זאָגנדיקן צונאָמען. קודם כל איז פאַר אים כאַראַקטעריסטיש דער פרווו איבערצושאַצן די אַלטע אָפּשאַצונגען, צו רעווידירן די אויסגעטראָטענע וועגן, זיך באַפרייען פון די אַלטע פעלערן.

די ערשטע נומערן פון זשורנאַל האָבן אויפן סאַמע אומצוויידייטנדיקסטן אופן אונטערגעשטראָכן די געשעענע איבערשאַצונג פון די אַלטע נאַפּאָסטאָווישע ווערטן. שוין אין ערשטן נומער איז אין לייט־אַרטיקל פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פון די שמועסן און אַמפּערייען וועגן שאַפן דאַרף מען איבערטראָגן דעם שווערפּונקט פון דער אויפמערקזאַמקייט אין שעפערישן געביט. די אַלטע נאַפּאָסטאָווסטוואָ אָבער האָט באַטראַכט פאַר איר עיקרדיקן חוב גראָד די נעגאַטיווע, פאַרניינענדיקע, קריטישע ראָל. ווען די קעגנער האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז בלויז מיט „פּלאַטפּאָרמעס", ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין, וועט מען נישט אַ רוק טאָן פאָראויס דעם שאַפן פון נייע ווערטן, — האָט דאָס געטראָפן כּונקט אין פּינטל. איצט האָבן אויף די זייטלעך פון „נאַליטפּאָסטאָווישן" זשורנאַל גענומען באַצירן די אָנזעעוודיקסטע ערטער — דאָס לערנען זיך, דאָס שאַפן, די זעלבסטקריטיק. ביים באַקענען זיך מיט די „נייע" קוקן פון די „נעאָ־נאַפּאָסטאָווצעס" ווייזט זיך אַרויס, אַז אין קעגנזאַץ צו די גאוהדיקע און באַרימערישע דערקלערונגען פון זייערע פאָרגענגער, איז נישט אַלץ איז אָרדנונג אויף אונזער ליטעראַרישן פראָנט. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז עס זענען דאָ אויך שאָטנזייטן; עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס זענען דאָ מענטשן, וועלכע האָבן בדעה צוצופאַרבן דידאָזיקע שאָטן־זייטן און אָפּשלייפן די שאַרפע קאַנטן. וועגן וואָס אייגנטלעך עס איז דאָ די רייד, קען מען אַרויסדרינגען פון אַ צווייטער טייל פון זעלבן אַרטיקל: עס ווערט דאָרט פאַרזיכערט, אַז דער קאַמף דאַרף קודם כל געפירט ווערן פאַרן איכות פון דער פּראָדוקציע. די קוואַליטעט פון דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע — אָט דאָס איז דער לאָזונג פון טאָג, — רופט אויס דער זשורנאַל. **אונזער צייט האָט אַ רעכט אויף אַן עכטער ליטעראַטור** — אָט דאָס איז אַן אויסגעצייכנטע

פּאַרזיכערונג, וואָס אַנטשפּרעכט בּיז גאָר די אמתע באַדערפעניש פון אונזער צייט. 36)

איבערשאַצנדיק די דערגרייכטע דערפאָלגן, די הויך פון אונזער קולטורעלער צוגעגרייטקייט, האָט די „נאַפּאָסטאָווסטוואָ" פון דער אַלטער פאָרמאַציע נישט געוואָלט זען, אַז די דעראָבערונג פון דער קולטור האָט זיך נאָך ערשט איצט אָנגעהויבן, אַז דערגרייכונגען, מיט וועלכע מען וואָלט געקענט שטאָלצירן, זענען נאָך דא זייער ווייניק, אַז דאָס פאַרמאַכן די אויגן אויף דער שווערקייט פון פאָרשטייענדיקן וועג הייסט טאָן א בערישע טובה דעם פּראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט אים דערפרייען דורך אילוזיעס פון דערגרייכונגען, וועלכע זענען נאָך נישטאָ, וועלכע מען דאַרף נאָך פאַרדינען. אַלס קעגנגעוויכט צום דאָזיקן נאַפּאָסטאָווישן אילוזיאָניזם איז כאַראַקטעריסטיש דער אַרטיקל אין № 5—6 פון זשורנאַל; דער אַרטיקל הייסט „אייגנס, אָבער נישט קיין פאַרקריפּלטס". דער אַלטער פאָרמול „זאָל זיין פאַרקריפּלטס, אָבער אייגנס" האָבן די יונגע „נאַפּאָסטאָווצעס" אַנטקעגנגעשטעלט אַ נייע, אַ מער צוגעפּאַסטע צו די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז ווידעראַמאָל געווען פאַרבונדן מיטן לאָזונג פון דער עפּאָכע, וואָס האָט אַרויסגערוקט דעם קאַמף פאַרן איכות אַלס וויכטיקסטע אויפגאַבע פון אונזער צייט. און מ'דאַרף מודה זיין, אַז די יונגע „נאַפּאָסטאָווצעס" האָבן מיט אַ גרויסער דאָזע זעלבסט-קריטיק גערעדט וועגן זייערע פעלערן. ווען מיט דריי יאָר צוריק, למשל,—אין ברען פון ליטעראַרישן קאַמף, — וואָלט זייער פון די „נאַפּאָסטאָווצעס" דערקלערט, אַז די פּראָלעטאַרישע קונסט איז נאָך זייער אַ פאַרקריפּלטע קונסט, וואָלט מען אים זיכער פאַרטריבן און מען וואָלט אים געשטעמפּלט, ווי אַ רענעגאַט און קאַפּיטולאַנט פון ערגסטן סאָרט. היינט אָבער לייענען מיר מיט אַ געפיל פון אַ געוויסער פאַרווונדערונג אויף דער ערשטער זייטל פון № 5—6, אַז דער ענין מיט הויבן דעם איכות אין געביט פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז „ווייט נישט באַפרידיקנדיק. מיר האָבן נאָך זייער אַ פאַרקריפּלטע קונסט (דער קורסיוו פון זשורנאַל!!!). מיר זענען נאָך נישט אַרויסגעגאַנגען פון דער ערשטער צוגרייטנדיקער סטאַדיע פון לערנען

זיך. די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור געפינט זיך נאָך אין איר ערשטן לערן-יאָר, זי געפינט זיך נאָך אויפן סאַמע אָנהויב וועג צו פולקאָמענער מייסטערשאַפט. וועגן דעם זאָגן עדות אונזערע זשורנאַלן, אַפּט דרוקט מען ביי אונז אַלס עיקרדיקע ווערק, „וואָס עפענען מיט זיך דעם נומער", רויען מאַטע-ריאַל, איבער וועלכן דער מחבר דאַרף נאָך לאַנג און אָנגע-שטרענגט אַרבעטן, אָדער מיר וואַרפן אַרויס אויפן מאַרק האַלב-פאַבריקאַטן".

דאָס אַלץ האָט געקלונגען ווי אַ ווידוי. באמת: צי דען האָבן מיר נישט צו טאָן מיט „נאַפּאָסטאָווצעס", וואָס האָבן חרטה אויף זייערע זינד? ווי אַלע בעלי-תּשובה האָבן אויך די „נעאָנאַפּאָסטאָווצעס" „איבערגעבויגן" דעם שטעקן.

„אויב אונזער ליטעראַטור, — לייענען מיר אין זעלבן אַרטיקל, — גייט דורך די ערשטע לערן-שטופע, איז אונזער קריטיק נאָך גאָרנישט אָנגעקומען אויף דער לער, זי געפינט זיך נאָך אין די הענט פון היימישע, צופעליקע מיטלען".

איך רעכן, אַז דאָ האָט זיך גערעדט וועגן דער נאַפּאָס-טאָווּשער קריטיק. דער זשורנאַל האָט מסתמא נישט געהאַט אין אויג קיין שום אַנדער קריטיק, אַ חוץ יענער, וועמעס יורש און ווייטערשפּינער ער איז געווען. אָבער אויך דאָ וועלן מיר גיין ווייטער פאַרן זשורנאַל „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו".

מיט דער קריטיק איז ביי אונז באמת נישט אין אָרד-נונג. קליינל-גייסט, ענגער ריכטונגס-גייסט, איבערפלעכלעכקייט, מאַסקירונג אין מאַרקסיסטישע פאַרבן, גראָבע וואולגאַרישקייט,— וואָס קען זיין טרויעריקער פאַר דער יונגער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור ווי אַזאַ קריטיק? זי איז נישט נאָר שלעכט. זי איז שעדלעך און געפערלעך. ווייל דער יונגער שרייבער, וועלכער טרעט צו צום קינסטלערישן שאַפן, נויטיקט זיך מער ווי יעדער אַנדערער אין אַ ניכטערע, ערלעכע און קלאָרע קריטיק, וואָס פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף פעלערן, וועלכע שאַפט נישט קיין אילוזיעס, ווייל יעדע אילוזיע איז — ליגן און גענאַרעריי. דער שטרענגער אמת איז נויטיק אומעטום: אין פּאָליטיק, אויך אין ליטעראַטור. נישט פאַרן פּראָלעטאַ-ריאַט, דעם מוטיקסטן פון אַלע קלאַסן, וועלכער איז אויסגע-

וואקסן און האָט זיך פאַרהאַרטעוועט אין שווערע פּרוּווּנגען, — נישט פאַרן פּראָלעטאַריאַט און נישט פאַרן פּראָלעטאַרישן שרייבער פאַסט מורא צו האָבן פאַרן דאָזיקן אמת. די ראָל פון א קריטיקער בכלל דאַרף זיין די ראָל פון א פעלער-אויפדעקער. די קריטיק האָט נאָר דאַן א עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג, ווען זי פאַרפאָלגט צילן, וואָס זענען פריי פון פער-זענלעכע פניות, פון פריינטלעכע באַציאונגען, פון פאַרלאַנג צו טאָן עפּעס אָנגענעמס אָדער אומאָנגענעמס. די אויפגאַבע פון דער קריטיק באַשטייט נישט אין לויבן, נאָר קודם כל אין ק ר י ט י ש ן א נ א ל י ז, ד. ה. אין אויפדעקן די פעלערן און פּגימות. איינער פון די גרעסטע פעלערן פון דער היינטיקער קריטיק איז דאָס, וואָס זי האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין איר רעכט צו זיין א שטרענגער ריכטער, וואָס זי ווערט פריינט-לעך און העפלעך צו אייגענע, זידלעריש און אומגערעכט — צו פרעמדע, אָבער קיינמאָל איז זי נישט אָביעקטיוו. אָבער דער מאַרקסיסטישער מעטאָד איז דאָך לויט זיין מהות פרעמד יעדן סוביעקטיוויזם. מיט דערדאָזיקער „קריטישער" קראַנקהייט וועט אונז, וואַרשיינלעך, אויסקומען זיך צונויפשטויסן נאָך נישט איינמאָל, דעריבער דאַרף מען זי פעסטשטעלן, מען דאַרף וועגן איר ריידן אָפן, מען דאַרף זי נישט האַלטן ווייט פון די אויגן, ווייל — ווי אַזוי וועלן מיר קענען פּטור ווערן פון איר, אויב מיר וועלן זיך אַליין נאַרן, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג?

די איצט אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן דער קריטיק וואָלטן נישט געדאַרפט אָנטרעפן אויף דערווידערונגען מצד די יונגע באַפאָסטאָוועס. זיי אַליין האָבן אויך אַזוי געטראַכט. יעדנפאַלס, אין דעמזעלבן אַרטיקל, וועלכן מיר האָבן אויבן ציטירט, האָט דער מחבר געשריבן:

„די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור נויטיקט זיך אין א חבריש-שטרענגער, חבריש-אומבּרחמנותדיקער קריטיק, א קרי-טיק נישט פון ליטעראַרישע סנאָבן און קליינבירגער, נאָר א זאַכלעכע, פיינפיליקע, ערנסטע מאַרקסיסטישע קריטיק..."

דאָס אַלץ איז געווען זייער באַצייכנדיק און דאָס האָט עדות געזאָגט וועגן ערנסטע פּראָצעסן, וואָס זענען פאָרגעקומען

אין באַוווסטזיין פון אונזער ליטעראַרישער יוגנט. ס'איז קיין שום ספק נישטאָ, אַז די „קינדער־קראַנקהייט פון לינקקייט" האָט זיך אין דער ליטעראַטור געהאַלטן אין אויסהיילן, הגם נישט אָן מי. מען דאַרף, למשל, אָנווייזן אויף אַווערבאַכס אַרטיקל, וואָס האָט רעווידירט די פראַגעס וועגן פראָלעטאַרישער קולטור, און אויף ליבעדינסקיס אַרטיקלען וועגן דעם אַרבעטער־שרייבער.

אין אַ אַרטיקל, וואָס איז געווענדט געווען קעגן דער פראָלעטקולטישער אידעאָלאָגיע, האָט אַווערבאַך געוואָלט אַ סוף מאַכן צו יענע נאַפּאָסטאָווּשע פעלערן, וועלכע זענען געווען אַ מקור פון אַ סך בלאָנדזשענישן. מיט אַ פלייסיקייט, וואָס פאַרדינט די גרעסטע לויב, האָט אַווערבאַך איבערגעשאַצט דעם נאַפּאָסטאָווּשן שטאַנדפּונקט, באַמיענדיק זיך צו פאַרניכטן די רעשטלעך באָגדאַנאָווּשטשינע און זיך שטעלן אינגאַנצן אויפן באָדן פון לענינס קוק אויף קולטור און קולטור־קאַמף. אין דאָזיקן אַרטיקל — אויב מיר זאָלן אים אָננעמען אַלס אויסדרוק פון דער היינטיקער פאַזע פון דער נאַפּאָסטאָווּשער אַנטוויקלונג,—געפינען מיר די פאָרמולירונג פון פּראָלעטקולטישן אופן אַוועקצושטעלן די קולטור־פראַגעס אַלס נישט קיין לענינשע, נאָר אַ באָגדאַנאָווּשע באַצייכענונג. און דאָס איז אַ ריכטיקע באַצייכענונג. די אַלטע נאַפּאַסטאָווּצעס זענען געווען לייבלעכע ברידער מיט די פּראָלעטקולטאָווּצעס. נישט אומזיסט איז פּלעטניאָוו, דער פירער פון פּראָלעטקולט, אַרויסגעטראָטן אין ליטעראַרישן קאַמף אין די רייען פון די נאַפּאָסטאָווּצעס. אמת, אין זיין קריטיק האָט אַווערבאַך נישט געגעבן קיין שום וועזנטלעכס אַחוץ דעם, וואָס יאַ. יאַקאָווּלעוו האָט שוין אַרויסגעזאָגט אין זיין באַקאַנטן אַרטיקל, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן לויט לענינס אויפטראָג. אָבער דאָס קען מען, אפשר, גאָר נישט פאָדערן. מען קען נישט פאָדערן צו אַנטדעקן אַמעריקע דאָרט, ווו אַמעריקע איז שוין פון לאַנג אַנטדעקט. דאָס אַליין איז שוין גוט, וואָס אַמעריקע, וועלכע אלע קענען, ווערט נישט פּראָקלאַמירט אַלס אינדיע. וואָרוב דאָס האָט זיך נישט איינמאָל פּראַקטיצירט ביי די אַלטע נאַפּאסטאָווּצעס.

נישט ווינציקער סימפּטאָמאַטיש זענען געווען יו. ליבע־

דינסקיס אַרטיקלען וועגן די אַרבעטער-שרייבערס. אינטענסיוו באַשעפטיקט מיט צוגרייטן די יונגע אַרבעטער-שרייבער, האָט ער אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון די ליטעראַרישע קרייזלעך, פאַרטאָן מיטן לערנען ביז איבערן קאָפּ, ווי מען זאָגט. זיינע אַלטע מיטאַרבעטער, די אומבויגזאַמע נאַפּאָסטאָווצעס, האָבן אים אין אַלמאַנאַך „אודאַר" פאָרגעוואָרפן זיין איבערגעטריבענע פאַרקאָכטקייט אין „לערנען", זיין פאַרגעסן די אַנדערע, נישט ווינציקער אַקטועלע קאַמפּס-אויפגאַבעס פון אונזער צייט. אָבער אויך דערדאָזיקער „איבערוואָג" אין דער זייט פון דער „לער" איז פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך און באַצייכנענדיק. אויב אין דער ערשטער פאַזע פון דער נאַפּאָסטאָווּשער אַנטוויקלונג איז די פראַגע וועגן „העגעמאָניע" געשטעלט געוואָרן, לכל הפּחות דורך וואַרדינען און לעלעוויטשן, ווי אַ פראַגע פון „פאַרכאַפּן די מאַכט" אין דער ליטעראַטור, האָט זיך ליבעדינסקי איצט, נאָך דער איבערשאַצונג פון די אַלטע ווערטן, אָפּגעזאָגט פון פאַרשטיין אויף אַזאַ אופן דעם קאַמף פאַר העגעמאָניע. ליבעדינסקי איז אַזוי ווי אווערבאַך און די איבעריקע יונגע נאַפּאָסטאָווצעס געקומען צום אויספיר, אַז קיין העגעמאָניע האָט מען אונז נישט געגעבן נאָר אויפגעגעבן, אַז די העגעמאָניע דאַרף מען „פאַרדינען" מיט בויגן אין דרייען די פּלייצע, אַז די העגעמאָניע ווערט סוף-כּל-סוף דערגרייכט נישט מיט יענע מיטלען, מיט וועלכע די נאַפּאָסטאָווצעס האָבן זי געוואָלט דערגרייכן מיט דריי יאָר צוריק. ליבעדינסקי האָט אַפילו גערעדט וועגן דעם, אַז דער באַוווּסטזיין וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער העגעמאָניע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז נאָך נישט מער ווי אַן אומקלאָרער געפיל. אַז דעמדאָזיקן „אומקלאָרן געפיל" דאַרף מען פאַרוואַנדלען אין אַ באַוווּסטזיניקן פאַרשטיין מיט וועלכע מיטלען מען קען דערגרייכן דידאָזיקע העגעמאָניע, און סאַראַ שווערע און גרויסע אַרבעט דאָס איז.

אין דידאָזיקע ווערטער, אינם קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אויף די שוועריקייטן נישט פון ווערטערדיקן, נישט פון דעקלאַראַטיוון, נאָר פון אמתן קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, קומט צום אויסדרוק בולטער, ווי

אין וועלכע נישט איז אַנדערע ווערטער, דער גאַנצער חילוק צווישן די אָנשויאונגען פון די יונגע נאַפּאָסטאָווצעס און דעם אַלטן דור. אויב וואַרדין האָט געהאַלטן, אַז די העגעמאָניע איז שוין פאַרדינט געוואָרן, אַז עס בלייבט איבער נישט מער ווי צו באַקומען אַ מאַנדאַט פון צענטראַל-קאָמיטעט אויף „אָנפירן", איז פאַר ליבעדינסקין געווען קלאָר, אַז די „העגעמאָניע" קען דערגרייכט ווערן דורך אנדערע וועגן, נישט קיין לייכטע און, יעדנפאַלס, נישט קיין „ווערטערדיקע". ליבעדינסקי האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט פון לערנען זיך. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער וויכטיקסטער מאָמענט ביים דערגרייכן דידאָזיקע העגעמאָניע איז גראָד דאָס לערנען זיך. ער האָט באַמערקט, אַז די קלאַסיקער פון דער בורזשואַזי-פּריציִשער ליטעראַטור שלאָגן אונז אויף דער לייענער-אַרענע טאַקע דורכדעם, וואָס זיי גיבן אַ לעבעדיקן מענטשן. „און מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אים צו געבן אין זייער אַ קליינער מאָס". אויב מען האָט גענומען שלעכט לייענען די פּראָלעטאַרישע שרייבער, איז דאָס, לויט ליבעדינסקיס מיינונג, דערפאַר, ווייל די פּראָלעטאַרישע שרייבער „שרייבן נאָך זייער „שלעכט", „שווערפעליק".

אָט דידאָזיקע איבערשאַצונג פון די אַלטע נאַפּאָסטאָווּשע ווערטן געפינען מיר אין זשורנאַל „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו". מען קען זאָגן מיט פולער רעכט, אַז עס איז נישטאָ קיין איין וועזנטלעכער פּרינציפּ פון דער אַלטער נאַפּאָסטאָווּשער דאָגמע, וואָס זאָל נישט האָבן געוואָרן אָפּגעלייקנט, איבערגעשאַצט, געענדערט. די עיקרדיקע אָנשויאונגען אויף דער פּראָלעטאַרישער קולטור האָט רעווידירט אווערבאַך. די נאַפּאָסטאָווּשע פּרינציפּן וועגן העגעמאָניע האָט איבערגעשאַצט ליבעדינסקי. איינעם פון די וויכטיקסטע פּרינציפּן וועגן קלאַסנקאַמף אָדער וועגן מיטאַרבעט אין דער ליטעראַטור האָט איבערגעשאַצט קירשאָן. און סעמיאָן ראָדאָווס בוך, „אין ליטעראַרישן קאַמף", וועלכעס אַנטהאַלט דעם אלף-בית פון דער אַלטער נאַפּאָסטאָווסטוואָ, האָט מ. לוזגין באַצייכנט אַלס בוך וועגן אונזער „נעכטן". און אָט איז דער אויספיר, צו וועלכן עס איז געקומען קירשאָן, קריטיקירנדיק די נאַפּאָסטאָווּשע טעזיסן וועגן דער מיטאַרבעט:

„לעלעוויטשעס פּאָזיציע לגבי די מיטלויפער דערפירט צום אָפּזאָגן זיך פון אַ באמתער מיטאַרבעט מיט אונז, זי שטויסט זיי אָפּ פון אַ געמיינזאַמער אַרבעט מיט די פּראָלעטאַרישע שרייבערס".

און באָריס וואָלין, איינער פון די פאַרביסנסטע אָנהויבער פון דער נאַפּאָסטאָווסקער באַוועגונג, זאָגט זיך אַרויס פאַר אַ פעדעראַציע פון די ראַטנשרייבערס, אַריינגעמענדיק אין איר אויך דעם אַלרוסישן שרייבער־פאַרבאַנד.

„די לינקע נאַפּאָסטאָווצעס, — שרייבט באָריס וואָלין, — האָבן צו הויך געשאַצט די כּחות פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַן אומגלויבן אין די שעפערישע כּחות פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און האָבן אַרויסגעוויזן אַ נישט-דערלאָזבאַרע פּאַניק פאַר די מיטלויפערישע עלעמענטן.

די ווינציקע רעשטלעך פון דער אַלטער נאַפּאָסטאָווסטווע, וואָס האָבן נישט חרטה געהאַט אויף זייער פאַרגאַנגענהייט, זענען נישט געווען צופרידן מיט דער ליניע פון זייערע יורשים. זיי האָבן זיי אפילו באַשולדיקט אין „קאַפּיטולאַציע". זיי האָבן שוין גערעדט נישט נאָר וועגן „וואָראָנשטשינע" (וואָראָנסקי), „פּאָלאָנשטשינע" (פּאָלאָנסקי), נאָר אויך — אָ, אַ שרעק! — וועגן „ליבעדינשטשינע" (ליבעדינסקי), ווי וועגן אַ געפערלעכן אָפּנויג פון דער נאַפּאָסטאָווסקער רעכטגלויביקייט.

II

די איבערשאַצונג פון די ווערטן, צו וועלכער עס איז צוגעטראָטן דער זשורנאַל „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו", וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען אַ געשעעניש אין אונזער ליטעראַרישער באַוועגונג, ווען זי זאָל זיין אַן ערנסטע. דאָס אַלץ זענען געווען ווערטלען, וועלכע מען האָט פריער אָדער שפּעטער געדאַרפט „צאָלן". נאָך דעם דעקלאַראַטיוון אָפּזאָג פון די פעלערן פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָך די „ווערטער" האָבן געדאַרפט קומען מעשים.

אָבער אין דיזעלבע נומערן „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו",

װעלכע װײַזן די נאַפּאָסטאָװשע איבערשאַצונג פֿון די װערטן,
קענען מיר אויך געפֿינען אַ גאַנצע רײ אַרויסטרעטונגען,
װעלכע דערציילן װעגן דער ניששט-אויפֿריכטיקייט פֿון דער נאַ-
פּאָסטאָװשער חרטה 37). די נאַפּאָסטאָװצעס פֿאַרשטייען, זעט
אויס, אַז אין דער פֿאַרגאַנגענהייט זענען געמאַכט געװאָרן אַ
סך פֿעלערן, אָבער עס זעט אויך אויס, אַז זײ פֿאַרשטייען דאָס
נישט. דער פּלענום פֿון „װאַפּפּ" סוף 1926-טן יאָר האָט גע-
װידמעט אַ ספּעציעלע זיצונג כּדי אויסצוהערן אַ רעפֿעראַט פֿון
זאָנינען װעגן רעװידירן די רעזאָלוציע פֿון דער ערשטער קאָנ-
פֿערענץ פֿון „װאַפּפּ" און, נאָכן אויסהערן דעם פֿאָרטראָג, האָט
ער אָפּגעװאָרפֿן אַלע „פֿעלערן און איבערטרייבונגען", דעם
צומיש פֿון די „פּראָלעטקולטיש-באָגדאַנאָװשע עלעמענטן", װעל-
כע דידאָזיקע רעזאָלוציע האָט פֿאַרמאָגט. דאָס איז אַ פֿאַקט,
מיט װעלכן מען מוז זיך רעכענען, אָבער אין אַרטיקל „אַ
בוך װעגן אונזער נעכטן", װעלכן לוזגין האָט אָפּגעדרוקט אין
זעלבן „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו", מאַכט ער זיך גאָרנישט
װיסנדיק און פֿאַרזיכערט דעם לייענער, אַז די „אַלפֿאַרבאַנדי-
שע קאָנפֿערענץ פֿון 1925-טן יאָר האָט דעמאָנסטרירט די אי-
דייִשע און אָרגאַניזאַציאָנעלע מאַכט פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדי-
שער אַסאָציאַציע".

דאָס הייסט אָבער נישט קענען דעם אייגענעם
עבר, אָדער אַ פּרוּװ אים צו פֿאַלסיפֿיצירן — און דאָס רופֿט
אַרויס אַן אומצוטרוי צו די היינטיקע נאַפּאָסטאָװצעס. דערדאָ-
זיקער אומצוטרוי באַקומט אַ רעאַלן גרונט, װען מען לייענט
זיך גוט איין אין אַרטיקל פֿון מיכ. לוזגין, װעלכן ער האָט
אָפּגעדרוקט אין № 9 „נאַ ליטעראַטורנאָם פּאָסטו" פֿאַרן יאָר
1927. דער אַרטיקל הייסט „װעגן דעם כאַראַקטער פֿון אייניקע
פֿעלערן" און זײַן ציל איז אָפּצופֿרעגן יענעם אַנאַליז פֿון דער
נאַפּאָסטאָװשער עװאָלוציע, װעלכן עס גיט דער מחבר פֿון די-
דאָזיקע שורות. אין דאָזיקן אַרטיקל, װאָס האָט נישט קיין שום
רעדאַקציאָנעלע באַמערקונגען, איבעראַשט קודם כּל דאָס נישט
קענען אָדער דאָס איגנאָרירן די נישט-לאַנגאָנסטיקע, נייע,
לעצטע באַשלוסן פֿון פּלענום פֿון יענער אָרגאַניזאַציע, אין
נאָמען פֿון װעלכער עס טרעט אַרויס מ. לוזגין. אַזוי, למשל,

דערקלערט ער גלייך פון די ערשטע שורות, אַז דערווייזן די באַהויפּטונג וועגן דער נאַפּאָסטאָווישער געכאַפּטקייט אין „באָגדאַנאָווסטשינע" איז „לחלוטין אוממעגלעך". און דער לעצטער פּלענום פון „וואפּפּ", אויף וועלכן עס איז געווען אָנוועזנדיק לוזגין, האָט באַשטעטיקט זאָגינס פּאָרטראָג, וועלכן „פּראַוודאַ" גיט איבער אַזוי:

„די עיקרדיקע מאָמענטן פון פּאָרטראָג זענען פּאָלגנדיקע: די נאַפּאָסטאָווישע באַוועגונג האָט צוויי עטאַפּן אין איר אַנטוויקלונג. אין ערשטן עטאַפּ, אַ דאַנק דער פּאָלעמיק מיט טראָצקין און וואָראָנסקין, ווי אויך צוליבן צומיש פון פּראָלעטקולטיש-באָגדאַנאָווסשע עלעמענטן, איז דערלאָזן געוואָרן אַ גאַנצע ריי פעלערן און איבערטרייבונגען". אַזוי זעט אויס די אָפיציעלע, דורכן פּלענום אָנגענומענע אָפּשאַצונג פון דער פאַרגאַנגענהייט און די פעסטשטעלונג פון צוויי נאַפּאָסטאָווישע עטאַפּן. אָבער די פּראָלעטקולטיש-באָגדאַנאָווישע צומישן זענען דאָך טאַקע דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן „באָגדאַנאָווסטשינע". דאָס באַדייט, אַז אָדער לוזגין קען נישט די באַשלוסן פון פּלענום פון זיין אייגענער אָרגאַניזאַציע, אָדער ער וויל פאַלסיפיצירן די פאַרגאַנגענהייט. חוץ דעם האַלט לוזגין, אַז דער הויפּט-פעלער פון דער אַלטער נאַ פּאָסטאָווישער באַוועגונג איז געווען דער „נישט-ריכטיקער צוגאַנג צו די מיטלויפערס". אינדעראמתן אָבער איז דער „נישט-ריכטיקער צוגאַנג צו די מיטלויפער" נישט געווען קיין „הויפּט-פעלער", נאָר אַ צווייטראַנגיקער, — וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון טיפערע און מער „עיקרדיקע" פעלערן. די נאַפּאָסטאָווצעס האָבן נישט-ריכטיק פאַרשטאַנען דעם זינען פון דער פּאָרקומענדיקער קולטור-רעוואָלוציע, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די אויפגאַבעס פון פּראָלעטאַריאַט אין געביט פון ליטעראַטור און קולטור, זיי האָבן נישט-ריכטיק באַהאַנדלט די פראַגע וועגן העגעמאָניע אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, זיי האָבן זיך נישט-ריכטיק פאָרגעשטעלט די פאָרמען פון געמיינזאַמער עקזיסטענץ פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע גרופּירונגען אין אונזער עפּאָכע, זיי האָבן נישט-ריכטיק אויסגעטייטשט דעם קלאַסן-קאַמף אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, זיי האָבן

זיך נישט ריכטיק באַציוגן צו דער אַלטער קולטורעלער ירושה און צו די פּראָגעס פון באַהערשן די קינסטלערישע טעכניק, זיי האָבן נישט-ריכטיק פאַרשטאַנען זייערע אויפגאַבעס אַלס קריטיקער-קאָמוניסטן און שוין נאָך דעם אַלעם און אין רעזולטאַט פון דידאַזיקע אַלע צאַלרייכע און עיקרדיקע פעלערן האָבן זיי געזינדיקט (און זיי האָבן געמוזט זינדיקן) מיט אַ נישט-ריכטיקן צוגאַנג צו די מיטלויפער. און נישט נאָר צו די מיטלויפער, נאָר אויך צו די פּויערישע שרייבערס. אָבער לוזגין לייקנט נישט נאָר די עקזיסטענץ פון „פּראָלעטקולטיש-באָגדאַנאָווישע" צומישן, ער לייקנט אויך די עקזיסטענץ פון די צוויי עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דער נאַפּאָסטאָווישער באַוועגונג. קיין שום צוויי עטאַפּן זענען נישט געווען, — דערקלערט ער. — די יונגע נאַפּאָסטאָווישע באַוועגונג האָט זיך בלויז באַפרייט פון איין פעלער—„פון נישט-ריכטיקן צוגאַנג צו די מיטלויפער" און אין אַלעם איבעריקן וועט זי ווייטער אַרבעטן „לעניניש — נאַפּאָסטאָוויש", ווי פריער. אָבער די זאַך איז טאַקע די, וואָס די אַלטע נאַפּאָסטאָווישע באַוועגונג איז געווען אַ „אַנטי-לענינישער" אָפּנויג, זי איז געשטאַנען אין סתירה צום לעניניזם.

צו דעם אַלעם דאַרף מען צוגעבן, אַז די יונגע נאַפּאָסטאָווצעס האָבן פאַרגעסן די געשיכטע, אָדער זיי קענען זי בכלל שוואַך. אַזוי, למשל, פאַרזיכערן זיי, אַז דאָס האָבן זיי, די נאַפּאָסטאָווצעס, אָנגעהויבן דעם קאַמף „פאַר דער פּראָלעטאַרישער קולטור אויפן געביט פון ליטעראַטור און טיילווייז אויך פון אַנדערע קונסטן". אָבער די געשיכטע, אַזוי ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט, זאָגט עפּעס אַנדערש: „אָנגעהויבן" דעם קאַמף פאַר דער „פּראָלעטאַרישע קולטור" אין געביט פון ליטעראַטור, און טיילווייז אויך פון אַנדערע קונסטן, האָבן נישט די נאַפּאָסטאָווצעס, נאָר די פּראָלעטקולטאָווצעס, בראש מיט א. אַ. באָגדאַנאָוון און פּ. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקין. אָט ווער עס זענען די אמתע טאַטעס פון דער באַוועגונג. אָבער די געשיכטע פון קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז אין דאָזיקן ערשטן פּעריאָד געווען אַ געשיכטע פון פעלערן. וו. פּלעטניאָוו האָט זיי געוואָלט אויסבעסערן אין אַ גרויסער מאָס אונטער לונאַטשאַרסקיס

און לעניגס וויזקונג. אָבער אויסבעסערן האָט ער נישט גע־קענט, הגם ער האָט געמאַכט אַ טריט פאָראויס אויפן וועג פון אָפזאָגן זיך פון די באָגדאַנאָווישע טעותן. דאָס איז געווען דער צווייטער עטאַפּ פון קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַ־טור, און טיילווייז אויך פאַר אַנדערע קונסטן. צולעצט איז געקומען דער דריטער עטאַפּ — דער נאַפּאָסטאָווישער. און דער דאָזיקער עטאַפּ האָט געווימלט מיט פאַרדרייאונגען פון לעני־ניזם, מיט אַ גראָבן און נישט־ריכטיקן נישט־פאַרשטיין אַ סך קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און אין דער ערשטער ריי די פּראָבלעם פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אין רעזולטאַט פון דער קאָלעקטיווער אַרבעט, אין וועלכער עס האָבן גענומען אַן אָנטייל די בעסטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, האָבן מיר באַקומען אַ ריכטיקע אויפקשטעלונג פון אַלע שטרייט־פראַגעס. אַזוי איז די געשיכטע, אויב מען זאָל זי שרייבן אויפן גרונט פון פאַקטן, און נישט פון קליינל־אויסטראַכטענישן.

דאָס עלפטע שלוס־קאַפּיטל.

סך־הכלען.

1) די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געמאַכט ראַדיקאַלע ענדערונגען אין געביט פון קונסט בכלל און אין געביט פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור בפרט. אַוועקשטעלנדיק דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַ הערשנדיקע לאַגע, האָט זי אויפגעוועקט זיינע שעפערישע פּאָטענצן און געשאַפן באַדינגונגען, וואָס זענען גינסטיק פאַר זיין קולטורעלן שאַפן.

2) דער חורבן פון דער בורזשואַזיע האָט אַרויסגערופן דעם צעפאַל פון דער בורזשואַזער און דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. אויב איין טייל פון דערדאָזיקער אינטעליגענץ איז געבליבן טריי דער בורזשואַזיע, זענען אָבער באַדייטנדיקע אינטעליגענטישע קאַדרען צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע. פון דידאָזיקע קאַדרען איז שפּעטער אַרויסגעקומען די גרופּע מיטלויפער.

3) די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע אין געביט פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג ווערט כאַראַקטעריזירט מיטן צעפאַל פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן נישט נאָר דערפאַר, ווייל די באַדינגונגען פון דער עפּאָכע פון בירגער־קריג זענען נישט געווען גינסטיק פאַר דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, נאָר דער עיקר צוליב דעם, ווייל דידאָזיקע ליטעראַטור האָט נישט געהאַט קיין כחות צו אַנטוויקלען זיך. עס האָבן פאַרלאָרן דעם „קרעדיט" נישט נאָר

די אידעאָלאָגיע פון דער בורזשואַזיע, נאָר אויך די פאָרמעלע פּרינציפּן פון דער בורזשואַזער קונסט.

4) דער בירגער-קריג, דאָס „אַוועקגיין" פון דער אַלטער ליטעראַטור, דאָס פעלן פון יונגע קאַדרען, די שווערע מאַטעריעלע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די רעפּובליק, האָבן געבראַכט מיט זיך אַ קורצן פּעריאָד פון ליטעראַרישן שטילשווייגן.

5) אין דער עפּאָכע, ווען „די ליטעראַטור איז אַוועק", אַנטשטייט דער פּראָלעטקולט, וואָס באַמיט זיך צו פאָרמירן און אָרגאַניזאַציאָנעל צו פאַרפעסטיקן אין געביט פון קולטורעלן שאַפן די הערשנדיקע לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטקולט האָט צוערשט אַוועקגעשטעלט די פּראַגעס וועגן אַ זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-קולטור, וועגן דער בורזשואַזער ירושה, וועגן דער באַציאונג צו דער נישט-פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווי אויך וועגן די קולטורעלע אויפגאַבעס, וועלכע עס שטייען פאַרן פּראָלעטאַריאַט. אין די טיפענישן פון פּראָלעטקולט האָט זיך אויך אָרגאַניזאַציאָנעל אויסגעפאָרמירט די ערשטע גרופּע פון די פּראָלעטאַרישע שרייבערס — „קוזניצאַ".

6) מיטן פאַרענדיקן דעם בירגער-קריג הויבט זיך אָן די אויפלעבונג פון דער ליטעראַטור. אין 1921-טן יאָר, נאָך אַ ריי אומגעלונגענע פּרוּוון, באַווייזט זיך ווידער אַ דיקער זשורנאַל, אַ בוך, עס פאָרמירן זיך ווידער אויס נייע שרייבערישע און לעזערישע קאַדרען.

7) די הערשנדיקע פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור און דיכטונג פאַרנעמט די מחנה מיטלויפער. אַ סך פון זיי, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנטייל אין קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, זענען נאָנט געווען דער רעוואָלוציע און דעם פּראָלעטאַריאַט. דער מאַטעריאַל פון זייערע ווערק איז געווען דער בירגער-קריג. צוזאַמען מיט דעם האָבן זיי, לויט דעם הויכן ניוואָ פון זייער מייסטערשאַפט, געשאַפן די בעסטע מוסטערן פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, וועלכע האָבן צוגעגעבן אַ גלאַנץ דעם נייעם ליטעראַרישן פּעריאָד.

8) אין געביט פון אידעאָלאָגיע זענען די מיטלויפער

געווען טרעגער פון די ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקו־
מען אין דער רוסישער אינטעליגענץ. די קליינבירגערלעכע
רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ האָט באַגריסט די רעוואָלוציע
און זיך באַמיט אויף איר אייגענעם שטייגער צו פאָרמירן זי אין
דער קונסט, זי באַזינגען, אויפשטעלן פאַר איר א „דענקמאָל,
וואָס ווערט נישט געבויט מיט די הענט״, אָבער זי האָט דאָס,
פאַרשטייט זיך, געטאָן לויט דער מאָס פון איר אידעאָלאָ־
גישן פאַרשטיין. אין פאָרמאַלן זינען איז דאָס שאַפן פון די
מיטלויפער פאַרבונדן געווען מיט דער קונסט פונם פאַר־רע־
וואָלוציאָנערן פעריאָד, הגם זיי האָבן זיך באַמיט אָפצוגיין פון
די אַלטע פאָרמאַלע קאַנאָניזירונגען און שאַפן נייע פאָרמען.
די מיטלויפער זענען געווען דער בריק, וואָס איז איבערגע־
וואָרפן געוואָרן פון דער אַלטער קונסט צו דער קונסט פון
מאָרגן. זייער שאַפן האָט נישט פאַרמאָגט קיין פרינציפיעלן
איבעררייס מיט די טראַדיציעס פונם ליטעראַרישן „נעכטן״,
אָבער דידאָזיקע טראַדיציעס האָבן אין זיי אויך נישט גע־
הערשט. די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די מיטלויפער, זייער גרע־
סערע אָדער קלענערע רעוואָלוציאָנערישקייט, די פאַרשיידנ־
פאַרביקייט פון זייער צוזאַמענשטעל האָבן געמאַכט אידעאָלאָגיש־
פאַרשיידנפאַרביק דידאָזיקע גרופּע. די עפּאָכע פון „נעפּ״ מיט
אירע נסיונות האָבן גאַלוואַניזירט אין דער פאָרשטעלונג פון
אייניקע מיטלויפער די כּמעט אָפּגעשטאָרבענע אַלטע בורזשוו־
אַזע שטימונגען. דעריבער קען דער לאַגער פון די מיטלויפער
דיפערענצירט ווערן אויף א צענטער, אויף א רעכטן און לינקן
פליגל. דער רעכטער פליגל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די
אַנטי־סאָוועטישע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ליטעראַרישע גרו־
פּירונגען. דער לינקער איז צוגעקומען זייער נאָענט צום פּראָ־
לעטאַריאַט.

9) די ליטעראַרישע באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין
פּראָלעטקולט, איז געוואַקסן פּאַראַלעל צום וווקס פון דער לי־
טעראַטור און צו דער קאָמפּליצירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער
לאַגע. פון „קוזניצאַ״ איז אַרויס א גרופּע פּראָלעטאַרישע
שרייבער „אָקטיאַבר״, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַן אַסאָציאַציע
פון פּראָלעטאַרישע שרייבער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַן

אַלפאַרבאַנדישע (וואפּפּ), די פּראָבלעמען, וועלכע עס האָט אַוועקגעשטעלט און נישט געלייזט, אָדער פאַלש געלייזט דער פּראָלעטקולט, זענען ווידער אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורכן „אָקטיאַבר". דידאָזיקע פּראָבלעמען זענען אין דער עפּאָכע פון 1923—1925-טע יאָרן, אין די באַדינגונגען פון אַ גרויסער ליטעראַרישער באַלעבונג, אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט און האָבן אַרויסגערופן אַ ליטעראַרישן קאַמף, וואָס האָט באַפאַרבט מיט זיך די דאָזיקע צענטראַלע יאָרן פונם אָקטאָבערשן יאָרצענדליק.

10) די עיקרדיקע פּראָבלעמען: דער פּראָלעטאַריאַט און די קונסט, די באַציאונג צו דער „ירושה", צו די מיטלויפער און צו דער בורזשואַזער ליטעראַטור, צו די פאָרמאַלע ליטעראַרישע טראַדיציעס און, צולעצט, די צענטראַלסטע פּראָבלעם — די פּראָבלעם פון פּראָלעטאַריאַטס אָנפירונג און העגעמאָניע אין געביט פון קינסטלערישן און קולטורעלן שאַפן בכלל.

11) די פאַרשיידענע לייזונגען פון דידאָזיקע פּראָבלעמען האָבן צעשפּאָלטן די ליטעראַרישע באַוועגונג. די פעלערן פון אַלטן פּראָלעטקולט, וועלכע זענען אַמבולטסטן אויפגעדעקט געוואָרן דורך לענינס קריטיק, זענען טיילווייז איבערגעחזרט געוואָרן דורך דער גרופּע „נאַ פּאָסטו". די שמועסן וועגן פּראָלעטאַרישער קולטור האָט לענין קעגנאיבערגעשטעלט די עפּאָכע פון קולטורטרעגעריי, פון דער קולטורעלער רעוואָלוציע, ווען דער פּראָלעטאַריאַט באַהערשט און איבעראַרבעט קריטיש די קולטור פון דער פאַרגאַנגענהייט, שלעפּט נאָך זיך דעם פּויערטום, ציט אַריין די ברייטסטע מאַסן אין דער אַרבעט פון פאַראייגענען די קולטור-קענטעניש, און שאַפט באַדינגונגען פאַר אַן אמתער פּראָלעטאַרישער קולטורעלער מאַסן-שאַפונג.

12) באַאָבאַכטנדיק דאָס דערשיינען פון איינצלנע עלעמענטן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור און צוזעענדיק זייער אָנוווקס, האָ[..]ן די נאַפּאָסטאָווצעס דידאָזיקע דערווייל נאָך ווייניקע עלעמענטן פּראָקלאַמירט אַלס ברייט-אַנטוויקלטע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, בעת די קעגנערישע זייט, לייקענענדיק מיט רעכט אין דער מעג. עכקייט צו שאַפן אין דער איבערגאַנגס - צייט אַ ברייט-אַנטוויקלטע „הונדערטפּראָצענטיקע"

פראָלעטאַרישע קולטור, האָט נישט דערשאַצט די עקזיסטענץ פון די אָנוואַקסנדיקע קולטור-עלעמענטן, וועלכע קענען מיט פולער רעכט באַצייכנט ווערן אַלס פּראָלעטאַרישע.

13) קיין ברייט-אַנטוויקלטע פּראָלעטאַרישע קולטור איז נישטאָ. עס זענען שוין אָבער דאָ עלעמענטן פון פּראָלעטאַרישער קולטור. זיי זענען געווען זייער ווינציק ביז דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, זיי זענען מערער געוואָרן אין די ערשטע יאָרן נאָך אָקטאָבער. זיי וואַקסן צוזאַמען מיטן עקאָנאָמישן וווּקס פון אונזער לאַנד און אין דער מאָס, אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט מאַכט דורך דעם וועג פון לערנען זיך, פון קולטורטרעגעריי, פון קולטורעלער רעוואָלוציע. די קולטור פון דער איבערגאַנגס-צייט ווערט כאַראַקטעריזירט דורכן פאַראַנען זיין פון בורזשואַזע, קליינבירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. אָנהויב אָקטאָבער האָבן די בורזשואַזע געהאַט די אויבערהאַנט, די פּראָלעטאַרישע האָבן זיך געפינען אין שפּראָצל-צושטאַנד. אין דער מאָס, אין וועלכער עס אַנטוויקלט זיך די קולטור-בויאונג ווייזן אַרויס די בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע עלעמענטן אַ טענדענץ קלענער צו ווערן און די פּראָלעטאַרישע — צו וואַקסן. אָבער וועגן אַ ברייט-אַנטוויקלטער, הונדערט-פּראָצענטיקער פּראָלעטאַרישער קולטור קען נאָך אויך איצט נישט זיין קיין רייד. אַזאַ קולטור איז נישט געגעבן, נאָר אויפגעגעבן געוואָרן. די קולטורעלע רעוואָלוציע איז נישט פאַרענדיקט, נאָר זי הויבט זיך ערשט איצט אָן. אין פּראָצעס פון דער קולטור-רעוואָלוציע באַפרייט זיך דער פּראָלעטאַריאַט פון דער קולטורעלער ווירקונג פון דער בורזשואַזיע און פאַראייגענענדיק קריטיש די אַלטע קולטור, נעמט ער אָן אָנטייל אינעם קולטורעלן שאַפן.

אין געביט פון דער מוזיקאַלישער קולטור האָט דער פּראָלעטאַריאַט גאָרנישט געשאַפן, אין געביט פון די פּלאַסטישע קונסטן — זייער ווייניק, און אין געביט פון ליטעראַרישן שאַפן — מער איידער אין אַנדערע געביטן, אין עקאָנאָמישן און אין פּאָליטישן — זייער אַ סך. אָבער דאָס, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין אָפּגעטאָן, איז נישט גענוג, כּדי דאָס אַלץ, צוזאַמענגענומען, אָנצורופן מיטן נאָמען „פּראָלע-

טאַרישע קולטור" אין ברייט-אַנטוויקלטן, הונדערטפּראָצענטיקן זינען. צום סוף פון דער קולטורעלער רעוואָלוציע, צו דער צייט, ווען מען וועט איבערגיין צו דער קאָמוניסטישער אָרד-נונג, וועלן די עלעמענטן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור זיין די הערשנדיקע.

צי וועט אָבער דער פּראָלעטאַריאַט באַוויזן צו שאַפן אַ ברייט-אַנטוויקלטע, הונדערטפּראָצענטיקע קולטור, ליטעראַטור, קונסט און אַרויסשטויסן די קולטור-עלעמענטן פון דער רע-וואָלוציאָנערער אינטעליגענץ און פון פויערטום? די לייזונג פון דערדאָזיקער פּראַגע הענגט אָפּ פון טעמפּ פון דער וועלט-רעוואָלוציע. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין איר טעמפּ, וועט די קולטור פון איבערגאַנגס-פּעריאָד אפילו ביי דער הערשאַפט פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן נישט זיין קיין מאָנאָליטע, ווייל נאָר אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועלן פאַר-שווינדן די קלאַסן-אונטערשיידן. און דאָס באַדייט, אַז אַלס באַ-שטאַנדטיילן וועלן אין דער קולטורשאַפונג פון דער איבער-גאַנגס-תקופה אַריין אויך יענע קולטור-עלעמענטן, וועלכע עס שאַפט דאָס פויערטום און די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ.

14) די לענינשע קריטיק פון פּראָלעטקולט האָט פעסטגע-שטעלט אומבאַשטריטענע פּרינציפּן וועגן פּראָלעטאַריאַטס באַ-ציאונג צו דער אַלטער „ירושה". מען קען זיך נישט פאָרשטעלן קיין קולטורעלע רעוואָלוציע אָן דעם קריטישן פאַראייגענען אַלע דערגרייכונגען פון די וויסנשאַפטן און קונסטן, וועלכע עס האָט אונז איבערגעלאָזן בירושה די קולטור-אַנטוויקלונג פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, אָנהייבנדיק פון דער עלעמענטאַ-רער שריפטקענטעניש ביז דער העכערער מאַטעמאַטיק.

15) די לענינשע אויפפאַסונג פון דער קונסט האָט אויך געשאַפן אַ באַזיס פאַר אַ ריכטיקער באַציאונג צו דער בור-זשואַזער קונסט. ווי אין אַנדערע געביטן פון קולטור, איז אויך די קריטישע פאַראייגענונג פון דער אַלטער קונסט און דאָס באַהערשן זי דורך מייסטערשאַפט דעם פּראָלעטאַריאַטס אַן אויפגאַבע.

16) די לענינשע אויפפאַסונג פון דער קולטורעלער רע-וואָלוציע און די אָפּשאַצונג פון די דערגרייכונגען, וועלכע דער

פראָלעטאַריאַט באַזיצט אין אונזער עפּאָכע, לייזן די פראַגע וועגן דעם, צי זענען שוין רייף אין אונזער צייט די באַדינגונגען אויף צו פאַרווירקלעכן די העגעמאָניע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין געביט פון ליטעראַטור און קונסט אָדער זיי זענען נאָך נישט רייף. די פראַגע איז געלייזט געוואָרן אין לענינס גייסט אין דעם זין, אַז קיין העגעמאָניע איז נאָך נישטאָ, אָבער די העגענאָמיע דאַרף מען ערשט פאַרדינען. זי וועט קומען אַלס רעזולטאַט פון יענע שפּעטערישע דערפאָלגן, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף מאַכן אין די געביטן פון קונסט און ליטעראַטור אין דער מאָס פון זיין רעוואָלוציאָנער-קולטורעלן וווּקס. דערפון איז געדרונגען, אַז קיין איין ליטעראַרישע גרופּע קען נישט האָבן קיין שום מאָנאָפּאָליע.

17) אונטערפירנדיק אַ סך-הכל פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג פון דער אָקטאָבער-עפּאָכע, קען מען זאָגן, אַז נישט געקוקט אויפן קורצן פּעריאָד (די אויפלעבונג האָט זיך אָנגעהויבן אומגעפער פון 1921-טן יאָר), איז דער פאַרפלאָסענער יאָרצענדליק געווען זייער רייך סיי מיט קינסטלערישע כחות סיי מיט אינטענסיווקייט פון קאַמף און מיט טיף-אויפגעשטעלטע פּראָבלעמען. די פּראָבלעם: „דער פּראָלעטאַריאַט און די קולטור” איז אַ צענטראַלע, זי האָט אָפּגעשפּיגלט דעם קאַרדינאַלסטן פאַקט פון אונזער געשיכטע — די דערשיינונג פון פּראָלעטאַריאַט אַלס הערשנדיקער רעוואָלוציאָנערער קלאַס, וועלכער עפנט אויף מיט זיך אַ נייע תקופה אין דער וועלט-געשיכטע.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די קונסטן און פון דער גאַנצער קולטורעלער שאַפונג פון אונזער לאַנד בכלל וועט זיין אָפּהענגיק דערפון, אין וועלכער מאָס און מיט וואָסער טעמפּ דער פּראָלעטאַריאַט וועט דערגרייכן זיינע דערפאָלגן אויך אויפן קולטורעלן פראָנט. אין אַ איבערגאַנגס-עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם, ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז דער אָנפירער פוןווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פּראָצעסן, איז זיין אוממיטלבאַרער אָנטייל אין קולטורעלן לעבן פון לאַנד דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר. אין פולער אָפּהענגיקייט פון פּראָלע-

טאַריאַטס קולטורעלע שעפערישע דערפאָלגן וועט זיך אויך אנטוויקלען דאָס שאַפן פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, וואָס איר ציט צום פראָלעטאַריאַט, ווי אויך דאָס שאַפן פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטנדיקן פויערטום, וועלכעס נעמט אַן אָנ־טייל, אונטער דער אָנפירונג פון פראָלעטאַריאַט, אין דער סאָ־ציאַליסטישער בויאונג פון אונזער צייט.

באַמערקונגען

1) „וועסטניק ליטעראַטורי״ — אַ וואָכנזשורנאַל, וואָס איז דערשינען אין פּעטראָגראַד אונטער דער רעדאַקציע פון אַ. יע. קאַופמאַן פון יאַנואַר 1919. דערדאָזיקער זשורנאַל איז געווען דער אָרגאַן פון דער ליטעראַרישער „אינערלעכער עמיגראַציע״, וועלכע האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן טאָג, ווען זי וועט באַפרייט ווערן פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט. דער זשורנאַל האָט אויך אָפּגעשפּיגלט די אַנטוישונג פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ און יענע פּאַרטריבטקייט, וואָס האָט פאַרפלייצט איר באַוווסטזיין. נאָכן פאַרמאַכן דעם „וועסטניק ליטעראַטורי״ (1922) האָבן דיזעלבע אָביעקטיווע ראָל, אין אַ מער פאַרשטעלטער פאָרם, געשפּילט די „לעטאָפּיס דאָמאַ ליטעראַטאָראָוו״, ווי אויך די „ליטעראַטורניע זאַפּיסקי״.

2) אַ. פּעטרישטשעוו איז נישט דער איינציקער, וואָס האָט זיך דעררעדט ביז די ווילדסטע נאַרישקייטן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף פּעטרישטשעווס אַרטיקלען, ווייל זיי זענען די כאַראַקטעריסטישסטע. חוצדעם איז ער נאָך אַן אַלטער „פירער״ פון דער אינטעליגענץ. אומגעפער מיט אַ יאָר פאַר פּעטרישטשעוון האָט אַנטוויקלט ענלעכע געדאַנקען אין „וועסטניק ליטעראַטורי״, אין אַ אַרטיקל „די ליטעראַרישע פּערספּעקטיוון״, אַ. ע. רעדקאָ — דער אַמאָליקער געשוואָרענער קריטיקער פון „רוססקאָיע באָגאַטסטוואָ״. און צו וואָס האָבן זיך דידאָזיקע „פירער״ נישט דעררעדט! „אין דער גרויסער מערהייט פילט די מענטשהייט אַז זי „לעבט״ און איז פּעאיק הנאה צו האָבן פון דאָזיקן געפיל נאָר דאַן, ווען זי דאַרף נישט טראַכטן״, — אָט וואָסערע פּרעכטיקע פּרינציפּן עס האָט אויפגעשטעלט אַ. רעדקאָ — אַ נאַראָדניק!!! סאַרא אַריסטאָ-

קראַטישע, גאוהדיקע פאַראַכטונג צו דער „מאַסע“ עס פאַרמאָגט דערדאָזיקער נייגעבאַקענער ניטשע! דער גאַנצער זינען פון זיינע „פערספעקטיוון“ פאַלט איינגאַנצן צונויף מיט א. פעטרישטשעווס געדאַנקען וועגן די העלדן און דעם המון. רעדקאָלעגיע האָט בלויז צוגעגעבן, אַז עפּעס קען מען דערוואַרטן פון דער רעליגיעזער שטימונג, וועלכע מוז אַרומכאַפּן די אינטעליגענץ. אגב, וועגן דערזעלבער רעליגיעזער שטימונג האָט מיט געוויסע האָפענונגען געטראַכט אויך א. פעטרישטשעוו אין דעם אויבנציטירטן אַרטיקל. ער האָט בפירוש באַמערקט אַן „אומקער צו דער קירכע“. נו, מילא, אַ גליקלעכן שליטוועגס! — וואָלט מען געקענט נאָכזאָגן דידאָזיקע עולה־רגלניקעס.

און אָט וואָס מען האָט געשריבן אין די „לעטאפּיס' דאָמאַ ליטעראַטאָראָוו“ וועגן ק. לעאָנטיעוון — איינעם פון די רעאַקציאָנערסטע שרייבערס אין זיין צייט:

„...דאָס איז אַ שרייבער נישט פאַרן המון. וואָסערע אָנשטרענגונגען מען זאָל נישט מאַכן כדי צו פּראָפּאַגאַנדירן זיין ליטעראַרישע ירושה, וועט זי, וואַרשיינלעך, פאָרט בלייבן אויף תמיד דער טייל פון אַן ענגן קרייז לייענער. אָבער דערדאָזיקער קרייז וועט תמיד פאָרשטעלן מיט זיך די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע פון איר צייט“. („קאָנסטאַנטין לעאָנטיעוו“, לעטאָפּיס' דאָמאַ ליטעראַטאָראָוו“, № 2, 15/XI—1921 י.)

3) אייניקע געשטאַלטן פון אונזער קינסטלערישער ליטעראַטור ווייזן אויף אַ אינטערעסאַנטע קרובהשאפט מיט דערדאָזיקער „סכעמע“ פון אַ נייעם העלד. אויב מיר זאָלן זיך גוט צוקוקן צום געדאַנקענגאַנג פון דמיטרי פּאַוולאָוויטש גרעקאָוון (ער איז אויך — ראָסטשיסלאַווסקי) אין די „דערציילונגען וועגן שוואַרצן ברויט“ פון ב. פּילניאַק אָדער צו סוואַאַקערס געשטאַלט אין ק. פעדינס דערציילונג „טראַנסוואַאַל“ — סאַראַ סך ענלעכקייט מען קען געפינען ביי די העלדן פון דידאָזיקע ווערק מיטן געדאַנקענגאַנג פון בירגער ס.! פעדין און פּילניאַק שילדערן די געשטאַלט פון אַנוואַקסנדיקן „קולטורעלן קולאַק“, פון סטאָליפּינישן פּויערל, וואָס איז דורכגעגאַנגען די שולע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. צום באַדויערן לייגט אונזער קריטיק ווייניק אַכט אויף דער דערשיי-

בונג פון אַזעלכע געשטאַלטן אין אונזער קינסטלערישער ליטעראַטור. מען קען בלויז אָנווייזן אויף וו. פריטשעס אַרטיקלען אין „פּראַוודאַ“.

4) זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין פּעטערבורג אין פּאַרלאַג „אַלקאָנאָסט“ פון 1919 יאָר. אינגאַנצן זענען אַרויס 8 ביכער. אנטיילגענומען האָבן אַלעקסאַנדער בלאָק, אַנדרעי בעלי, וויאַטש. איוואַנאָוו, אַ. רעמיזאָוו, ווס. מייערכאָלד, וול. נ. סאָלאָוויאָוו, פּ. אָ. מאָראָזאָוו, ק. ערבערג, איוואַנאָוו-ראַזומניק, נ. ע. ראַדלאָוו, וו. זאָרגענפרעי, מ. סאבאָטשניקאָוו, מ. אַ. גערשענזאָן און אַנד. אין די „זאַפּיסקי מעטשטאַטעלעי“ איז נישט געווען קיין שום „בולטע“ פּאָליטיק. די אויסגאַבע גופא איז געווען אַ פּרווו זיך אָפּצוווערן פון פּאָליטיק, שטיין איבער איר, אָבער דורך דער עסטעטישער הילע האָט פון יעדן זייטל אַראָפּגערעדט גראָד די „פּאָליטיק“, וואָס האָט זיך באַמיט אויסבאַהאַלטן פון פּאָליטיק. אַוועקגיין, פּטור ווערן, זיך מציל זיין פון איר איז טאַקע געווען דער „טרוים“ פון די טרוימער. אָבער וויי! דאָס איז געווען אַן אומזיסטער טרוים.

5) „דאָס איסקוסטוו“ האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין פּעטערבורג אין ביכער אונטער דער רעדאַקציע פון מ. גאָרקי, מ. דאָבושינסקי, יעווג. זאַמיאַטין, נ. ראַדלאָוו, ק. טשוקאָווסקי אין 1921. בסך הכל זענען דערשינען צוויי ביכער.

6) זע, למשל, וו. לעבינס אָפּרוף וועגן מאַיאַקאָווסקין און וועגן די פוטוריסטן בכלל אין קאַפּיטל, וואָס איז געווידמעט לעבינס קוקן אויף קונסט. וועגן די פוטוריסטן פון צווייטן סאָרט, אַזויצוזאָגן, פון קרוטשעניכס אַרט און ענלעכע איז דאָך שוין אָפּגערעדט: אפילו איצט האָבן זיי נישט קיין פּאַרערער צווישן די קאָמוניסטן, אַזוי בולט איז זייער ענגע אָפּהענגיקייט פון דער בורזשואַזער, אינדיווידואַליסטישער קונסט. נישט ווינציק קריטיק האָבן די פוטוריסטן געהאַט אויסצוהערן אין 1918 מצד קאָמוניסטן. „איסקוסטוואָ קאָמוני“, וואָס האָט פּאָרגעשטעלט דעם פוטוריסטישן מאַרש אַלס כסדרדיקן טריאומף, וועלכן עס שטעלן אַ ווידערשטאַנד בלויז די רעאַקציאָנערע פּאַרטיידיקער פון דאָס אַלטע, האָט אָפּגעגעבן אויף זיינע זייטן ווינציק אָרט די „קריטיקער“. די גאַנצע קריטיק קעגן פוטוריזם איז צוגעשפּיצט געוואָרן קעגן דעם פוטו-

ריזמס פּרעטענזיעס אויפן נאָמען פון אַ פּראָלעטאַרישער קונסט. באַזונדערס שאַרף און קלאָר האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פו־טוריזם דער פּראָלעטקולט.

„באַטראַכטנדיק דעם פוטוריזם און דעם קאָמפוטוריזם אַלס אידעאָלאָגישע שטרעמונגען פון לעצטן פּעריאָד פון דער בורזשואַזער קולטור פון דער צייט פון אימפּעריאַליזם, האַלט דער פּלענום פון צ. ק. פון אַלרוסישן ראַט פון פּראָלעטקולט, אַז דידאַזיקע שטרעמונג איז פיינטלעך צום פּראָלעטאַריאַט אַלס קלאַס און האַלט פאַר נישט־דערלאָזבאַר מ׳זאָל צוציען אין דער סטודיע פון פּראָלעטקולט אַלס פּאַראַנטוואָרטלעכע אָנפירער און אַלס אינסטרוקטאָרן־ספּעציאַליסטן, ווי אויך אַלס לעקטאָרן, פּערזאָנען, וועלכע דערקלערן זיך אַלס פוטוריסטן אָדער קאָמ־פוטוריסטן.

7) מיר ברענגען דידאָזיקע „דעקלאַראַציע" צוליב איר וויכ־טיקייט אויף צו פאַרשטיין די דעמאָלטיקע פּאָזיציע פון פו־טוריזם:

„די בורזשואַזע קונסט איז געווען אַ זומפּ־נעפּל, דורך וועלכן עס האָבן פאַנטאַסטיש דורכגעשיינט די קאָנטורן פונם רעאַלן. די זומפּן זענען געווען פאַרשיידן און די נעפּלען — פאַרשיידן („מיר איסקוסטוואָ", אימפּרעסיאָניסטן, נעאָאימפּרע־סיאָניסטן). און יעדער זומפּ־פויגל האָט געלויבט זיין זומפּ.

דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אויסטריקענען דידאָזיקע זומפּן. זאָל דער נעפּל נישט שטערן צו זען דאָס נייע לעבן. עס איז בעסער פאַר אַלע זומפּ־מיראַזשן.

אַ סוף פון דער קונסט? ניין, בלויז אַ נויטיקע זומפּ־אויסטריקענונג.

די בורזשואַזיע האָט געמיינט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנ־דער קונסט אַחוץ דער זומפּיקער, אַז די איינציקע אויפגאַבע פון דער קונסט איז צו פאַרקריפּלען דאָס לעבן. דער פּראָלע־טאַריאַט טראַכט אַנדערש.

נישט פאַרקריפּלען, נאָר שאַפן. און נישט קיין אידייִ־אישן טשאַד, נאָר אַ מאַטעריעלע זאַך.

די בורזשואַזע קינסטלער האָבן אָפּגעמאָלט בוימער, די זון, בערג, ימים, זיי האָבן געמאַכט לייִמענע און מירמלנע

מענטשן און חיות. צוואָס? דאָס אַלץ איז שוין דאָ, עס עקזיסטירט, באַוועגט זיך, לעבט, און טויזנט מאָל בעסער, ווי אויף די אָנגעמאָלטע לייוונטן און אין די צוקערדיקע מירמל-מאַסעס.
„מיר פלעגן געבן די אידייע פון די זאַכן".
„מיר דאַרפן נישט אייערע אידייען. מיר האָבן ליב אונזער לעבעדיק, מאַטעריעל, לייביק לעבן. מיר ווילן קיינעם נישט דערלויבן אַרויסלאָזן פון אים דאָס בלוט, עס דערשטיקן אין גיפטיקן נעפל פון די אידייען. אויב איר זענט קינסטלערס, אויב איר קענט שאַפן, טאָ שאַפט אונז אונזער מענטשלעכע נאַטור, אונזערע מענטשלעכע זאַכן. מיר בויען אַ הויז; צי דען מאַכן מיר נאָך די היילן? מיר אַרבעטן אויס שטאָפן; צי דען זענען זיי ענלעך אויף פייגנבלעטער? ניין. דאָס איז אונזערס, מענטשלעכס, און דידאָזיקע אויסאַרבעטונגען זענען בעסער און ווערטפולער פון אַלץ, וואָס די נאַטור האָט געשאַפן. אויב איר קענט אָבער נישט שאַפן קיין שום אייגנס, אויב אייער גאַנצע קונסט באַשטייט אין פאַרקריפלען אויף אַלערליי אַרטן די לעבעדיקע ווירקלעכקייט, — זענט איר אונז נישט נויטיק, זענט איר איבעריקע צווישן אונז, די שעפער פון דער מענטשלעכער קולטור".
אַזוי וועלן זאָגן די פּראָלעטאַריער. און אין דידאָזיקע ווערטער איז דער גרעסטער אמת.
אַלע קינסטלער דאַרפן תּיכף, נישט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט, אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם אידעאָלאָגישן דרעמל, אויסרייבן די אויגן און צוטרעטן צו אַן אמת שעפערישער אַרבעט. די פאַבריקן, באַטריבן, וואַרשטאַטן וואַרטן, עס זאָלן קומען צו זיי די קינסטלער און זאָלן זיי געבן מוסטערן פון נייע, נאָך נישט געזעענע זאַכן. די אַרבעטער איז נמאס געוואָרן אויסצואַרבעטן דיזעלבע, מיטן בורזשואַזן גייסט דורכגעדרונגענע זאַכן. זיי ווילן אייגנס, נייס.
„...רעאַליטעט, און נישט קיין שאָטן. אָט דאָס איז דער לאָזונג פון דער קומענדיקער קונסט פון דער קאָמונע" („די זומפּ-אויסטריקענונג פון דער קונסט". „איסקוסטוואָ קאָמוני", № 1 7.12, 1918).
עס ווערט דעריבער פאַרשטענדלעך :י עקשנות, מיט

וועלכער די פוטוריסטן האָבן געפאָדערט די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״ אין דער קולטור-בויאונג. די דיקטאַטאָרן האָבן געדאַרפט זיין זיי, די פוטוריסטן: דער פוטוריזם איז דאָך געווען די פּראָלעטאַרישע קונסט.

8) לונאַטשאַרסקיס ענטפער איז אַ רעזולטאַט פון די ספקות, וועלכע עס האָט אַרויסגערופן פון דער אידעאָלאָגישער זייט דער „לייטאַרטיקל״ פון צווייטן נומער „איסקוסטוואָ קאָמוני״, אָנגעשריבן דורך מאַיאַקאָווסקין. געהייסן האָט ער „נאָך פרי זיך צו פרייען״. מיר ברענגען פון אים די עיקרדיקע טייל:

דעם ווייסגוואַרדייער
געפינט איר און — צום ווענטל.
און ראַפאַעלן האָט איר פאַרגעסן?
שוין צייט
מיט קוילן
איבער די מוזייען-ווענט צו קנאַקן.
מיט הונדערטדיווימענדיקע די העלזער
פונם אַלטוואַרג צעשיס!
פאַרזייט טויט אין פיינטלעכן לאַגער.
רוק זיך נישט אונטער דו קאַפּיטאַלס משרת.
און צאַר אַלעקסאַנדער
שטייט
אויפן אויפשטאַנד-פּלאַץ.
דאָרט אַהין דערלאַנגט דינאַמיט!
די האַרמאַטן אויסגעשטעלט,
טויב צו ווייסגוואַרדייאישע צערטלענישן.
און פאַרוואָס
אַטאַקירט מען נישט פּושקינען?
און די איבעריקע
גענעראַלן די קלאַסיקער?

עס איז נישט נויטיק קיין גענויער פירוש, כדי איינצוזען, ווי ראַדיקאַל עס שטייט אין סתירה דער זין פון דאָזיקן „לייטאַרטיקל" צו די אויפגאַבן, וועלכע עס האָט זיך געשטעלט די ראַטנמאַכט. מיט לעבינס ליפּן האָט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע פּראָקלאַמירט די נויטווענדיקייט צו מאַכן די „קלאַסיקער" צוטריטלעך פאַר די אַרבעטער און פּויערים. די „נאָוואַטאָרן", וועלכע די קלאַסיקער האָבן, ווייזט אויס, שטאַרק געשטערט, האָבן דורך מאַיאַקאָווסקיס ליפּן געפאָדערט, מ'זאָל זיי שטעלן „צום ווענטל", מען זאָל אַטאַקירן פּושקינען און אים אַראָפּוואַרפן פון דער „שיף פון היינטצייטיקייט". צווישן אַלעקסאַנדער ראָמאַנאָוון און אַלעקסאַנדער פּושקינען איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום חלוק. אָבער מיט דעם האָט נישט געקענט מסכים זיין די ראַטנמאַכט, וואָס האָט פאַרערט איינעם פון די „אַלעקסאַנדערס".

אָט ווי אַזוי אונזערע פוטוריסטן האָבן זיך פאַרענטפערט פון לונאַטשאַרסקיס באַשולדיקונגען. אין זעלבן נומער „איסקוסטוואָ קאָמוני", ווו עס איז געדרוקט געוועזן זיין אַרטיקל, האָט זיך געפונען אויך אַן ענטפער „פון דער רעדאַקציע".

„...געבנדיק אַן אָרט פאַר אַ. וו. לונאַטשאַרסקיס אַרטיקל, האַלט די רעדאַקציע פאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז:

א) די צעשטערערישע נייגונגען, וועלכע עס ווייזן אַרויס די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, האָט מען געקענט איינזען באָר אין מאַיאַקאָווסקיס פערזן אין № 2 פון „איסקוסטוואָ קאָמוני". דרוקנדיק דידאָזיקע פערזן האָט די רעדאַקציע געהאַלטן, אַז איינע פון די פעסטע קולטורעלע דעראָבערונגען פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור פאַר דער לעצטער צייט איז די באַפרייאונג פון אַ פּאָעטישן ווערק פון דער ווערטלעכער אויסטייטשונג. קיין איין מאָדערנער קריטיקער וואָלט זיך נישט דערוועגט צו באַהויפּטן, אַז פּושקין האָט מיט זיין פערז „מיטן וואָרט ברען די מענטשלעכע הערצער" גערופן דעם דיכטער צו ברענען די הערצער פון זיינע באָנטע מיט עפּעס ברען-מאַטעריאַלן. עס איז שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט דעם דיכטערס רעכט צו באַנוצן פאַר דער דערפילונג פון זיין שעפערישער אויפגאַבע יענע בילדער, וועלכע ער האַלט פאַר פּאַסיק. דעריבער האָבן מיר

געהאַלטן פאַר אונזער חוב אָפּצודרוקן די דערמאָנטע פערזן, הגם זיי קענען אַרויסרופן אין געוויסע מיט פּאָעזיע נישט באַהאַווגטע קרייזן אַ פאַלשע אויסטייטשונג.

ב) דעם אָנווייז אויף דער שטרעבונג צו ריידן אין נאָמען פון דער מאַכט, בעת מען רעדט אין נאָמען פון אַ באַשטימטער שולע, איז די רעדאַקציע תמיד גרייט אָפּצולייקענען דורך געבן אַן אָרט פאַר אַרטיקלען פון די פאָרשטייער פון די פאַרשיידנסטע לאַגערן. אָבער אין דערזעלבער צייט מוז די רעדאַקציע אָנווייזן אויף דער טיפער פּאַסיווקייט, וועלכע עס ווייזן אַרויס יענע ווייניקע, באמת טאַלאַנטירטע שטרעמונגען, וועלכע האָבן דאָך נישט געקענט נישט באַמערקן אונזער טעגלעך מיט גרויסן שריפט איבערגעחזרטן רוף:

„אונזער צייטונג איז פאַר די אַלע, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט צו שאַפן די צוקונפטיקע קונסט פון דער קאָמונע.

אונזערע שפּאַלטן שטייען צום דינסט פון יעדן נייעם וואָרט אין געביט פון קינסטלערישן שאַפן, אַרבעט און בויאונג".

9) „פּראָלעטאַרישע קולטור" № 6, 1919 יאָר.

מיר ברענגען דאָ די אַלגעמיינע רעזאָלוציע וועגן פאָרטראָג פון פּ. לעבעדעוו-פּאָליאַנסקין, וועלכע גיט די סכעמע פון פּראָלעטקולט.

די ערשטע אַלרוסישע קאָנפערענץ פון די פּראָלעטאַרישע קולטור- און בילדונגס-אָרגאַניזאַציעס ווייזט אָן

א) אַז די קולטור- און בילדונגס-באַוועגונג צווישן פּראָלעטאַריאַט דאַרף פאַרנעמען אַ זעלבשטענדיקן אָרט נעבן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַוועגונגען,

ב) אַז איר אויפגאַבע באַשטייט אין אויסאַרבעטן אַ פּראָלעטאַרישע קולטור, וואָס וועט ווערן אַלגעמיין-מענטשלעך מיטן פאַרניכטן אין דער געזעלשאַפט די קלאַסן-טיילונג,

ג) אַז די בויאונג פון דערדאָזיקער נייער קולטור דאַרף באַזירן אויף פאַרגעזעלשאַפטלעכער אַרבעט און חברישער צוזאַמענאַרבעט, און זי האַלט דעריבער:

א) כּדי צו דערגרייכן דעם געשטעלטן ציל דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט באַגרייפן אַלע דערגרייכונגען פון דער פריער-

דיקער קולטור, פאַראייגענען פון איר דאָס אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַלגעמיין-מענטשלעכעס;

ב) דידאַקטיק אַלע פאַראייגענונגען דאַרף ער אויפנעמען קריטיש און זיי איבעראַרבעטן אינם פלאַקער פון זיין קלאַסן-באַוווסטזיין;

ג) די פּראָלעטאַרישע קולטור דאַרף טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ רעוואָלוציאָנערן טאָציאַליזם, כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך קענען באַוואָפענען מיט אַ נייעם וויסן, אָרגאַניזירן זיינע געפילן מיט דער הילף פון אַ נייער קונסט און איבעראַרבעטן זיינע שטייגער-באַציאונגען אין אַ נייעם גייסט — אין אַן עכט-פּראָלעטאַרישן, ד. ה. קאָלעקטיוויסטישן;

ד) ביים בויען די נייע קולטור דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אַרויסווייזן אַ מאַקסימום פון זיין קלאַסן-ענערגיע, פון זיין זעלבסט-טעטיקייט, אויסנוצנדיק אויך די הילף פון דער רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך;

ה) לייגנדיק דעם פונדאַמענט צו דער נייער פאָרם פון דער אַרבעטער-באַוועגונג — „די פּראָלעטקולטן", באַשיצנדיק זייער אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבשטענדיקייט, כדי עס זאָל זיך קענען אנטוויקלען אין גאַנצן פאַרנעם אַ ריין-פּראָלעטאַרישע קלאַסן-שאַפונג, האַלט די קאָנפערענץ, אַז די מלוכה-אַנשטאַלטן, די צענטראַלע און לאָקאַלע דאַרפן באַהילפיק זיין מיט אַלע מיטלען דער נייער באַוועגונג, כדי נאָך מער צו פאַרפעסטיקן די דעראָבערונגען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, כדי צו באַזיגן די בורזשואַזיע נישט נאָר מאַטעריעל, נאָר אויך גייסטיק, כדי וואָס שנעלער אויפצושטעלן די נייע געביידע פון דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

10) נאָך פאַר דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט די ערשטע קאָנפערענץ אין פעטראָגראַד אַזוי פאָרמולירט איר באַציאונג צו דערדאָזיקער פראַגע:

„די קאָנפערענץ האַלט, אַז סיי אין געביט פון וויסנשאַפט, סיי אין געביט פון קונסט וועט דער פּראָלעטאַריאַט אַרויסווייזן אַ זעלבשטענדיקע שאַפונג, אָבער דערצו דאַרף ער באַהערשן דעם גאַנצן קולטורעלן פאַרמעגן פון דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט.

און אין פיר חדשים שפּעטער, שוין נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, האָט זיך די מאָסקווער קאָנפערענץ פון פּראָלעטקולט אַזוי אַרויסגעזאָגט וועגן דער זעלבער פראַגע:

„צוטרעטנדיק צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן אי־בערבוי פון דער געזעלשאַפט, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט תיכף לייגן די פונדאַמענטן פון דער נייער סאָציאַליסטישער קלאַסן־קולטור. כדי אַרויסצווייזן אַ זעלבשטענדיקן שאַפן אין די געביטן פון קונסט און וויסנשאַפט דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט פריער באַהערשן דעם גאַנצן קולטור־פאַרמעגן פון דער אַלטער בורזשואַזער וועלט. אָבער ער דאַרף זיך באַציען קריטיש צו אַלע פּרוכטן פון דער אַלטער קולטור, אויפנעמענדיק זי נישט נאָר אַלס שילער, נאָר ווי אַ בויער, וואָס ווערט גערופן אויפ־צושטעלן אַ נייעם בנין, אויסנוצנדיק דערביי די לעבנספעאיקע עלע־מענטן פונם אַלטן".

„פאַרן אַרבעטער־קלאַס שטייען צוויי גראַנדיעזע אויפגאַבעס אין דער ספערע פון דער קונסט — לייענען מיר אין אַרטיקל „וועגן דער קינסטלערישער ירושה". די ערשטע איז דער זעלבשטענדיקער שאַפן: באַגרייפן זיך און די וועלט אין האַרמאָנישע בילדער, אָרגאַניזירן די אייגענע גייסטיקע כחות אין אַ קינסטלערישע פאָרם. די צווייטע באַשטייט אין באַקומען די ירושה: באַהערשן די אוצרות פון קונסט, וועלכע דער עבר האָט געשאַפן, פאַראייגענען אַלדאָס גרויסע און שיינע אין איר, נישט אַרונטערפאַלנדיק אונטער דער גייסטיקער השפּעה פון דער בורזשואַזער און פעאָדאַלער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיי".

מ'קען נישט אָפּלייקענען די ריכטיקייט פון דער כאַראַקטעריסטיק פון דידאַזיקע אויפגאַבעס, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן פּראָלעטאַריאַט. אַ דערווידערונג רופט בלויז אַרויס דער פעסטגעשטעלטער סדר פון זייער לייזונג. „צוערשט" — אַ זעלבשטענדיק שאַפן, און דערנאָך — „באַהערשן". אָבער די אַלטע קונסט נעמט דאָך אַריין אין זיך נישט נאָר די „שיינע" בילדער, נאָר אויך די מעטאָדן, די טעכנישע מיטלען, די איינגעאיבטקייט. אָט דידאָזיקע לעצטע זאַכן שטעלן פאָר מיט זיך דאָס עיקרדיקסטע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף פאַר־

אייגענען אין דער ערשטער ריי. וואָרום אָן פֿאַראייגענען , „מלאכה" פֿון דער קונסט, קען ער דאָך נישט צוטרעטן צו אַ „זעלבשטענדיקן" שאַפֿן.

אין זיין קריטיק פֿון דער באָגדאַנאָווטשינע האָט לענין זייער ריכטיק געשטעלט אויפֿן ערשטן אָרט טאַקע דידאָזיקע „פֿאַראייגענונג" פֿונם וויסן און קענען, די באַהערשונג פֿון די מיטלען, פֿון דער מייסטערשאַפֿט, די „שריפֿטגעלערנטקייט" אין ברייטסטן זינען פֿון דאָזיקן וואָרט, אַלס עיקרדיקן פֿאָרבאַדינג פֿאַר אַ זעלבשטענדיקן קינסטלערישן און קולטורעלן שאַפֿן בכלל. אַגב, אין אַרטיקל „די קריטיק פֿון דער פּראָלעטאַרישער קונסט" באַמערקט אַ. באָגדאַנאָוו: „די קינסטלערישע טעכניק דאַרף, פֿאַרשטייט זיך, דער פּראָלעטאַריאַט קודם כּל זיך לערנען ביי זיינע פֿאָרגענגער".

11)ריידנדיק וועגן „האַמלעטן" אינם אַרטיקל „וועגן דער קינסטלערישער ירושה" באַמערקט אַ. באָגדאַנאָוו: „...מיר זעען תּיכּף איין, ווי גראַנדיעז ברייט עס איז דער פֿאַרנעם פֿון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויפֿגאַבע (ד. ה. די אויפֿגאַבע, וועלכע שעקספּיר שטעלט אַוועק און לייזט אין האַמלעטס געשטאַלט. וויאַטש. פּ.), ווי ריזיק עס איז איר אַלגעמיין-מענטשלעכע באַדייטונג. זי באַציט זיך, נאַטירלעך, נישט נאָר צום דענישן פּרינץ האַמלעט און נישט נאָר צו די צאָלרייכע „האַמלעטס" און "האַמלעטלעך" פֿון אונזער קליינבירגערלעכקייט און פֿון אונזער ליטעראַטור. דידאָזיקע אויפֿגאַבע איז אַן אומפֿאַרמיידלעכער מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פֿון יעדן מענטשן.

12) די פֿראַגע וועגן „חברים" לויטן קולטורעלן שאַפֿן האָט זיך, נאַטירלעך, נישט באַגרעניצט מיט דער מיטאַרבעט פֿון די דורות. עס איז נויטיק געווען צו לייזן אָדער, לכל הפּחות, אַלזייטיק באַלייכטן די פֿראַגע וועגן אַנטייל פֿון אָפּשטאַמיקע פֿון אַנדערע קלאַסן אין פּראָלעטאַריאַטס שאַפֿן. דידאָזיקע פֿראַגע איז אין דער טעאָריע פֿון פּראָלעטקולט געבליבן נישט גענוג באַאַרבעט. מיר פֿאַרמאָגן בלויז פֿאַראיינצלטע מיינונגען פֿון די אָדער יענע פּראָלעטקולט-אָנפֿירער, אָבער דידאָזיקע מיינונגען זענען נישט פֿאַראייניקט אין אַ

סיסטעם. למשל, אַט וואָס עס האָט געשריבן וועגן דאָזיקן ענין ח' וו. קערזשענצאָוו אין ערשטן נומער „פּראָלעטאַרישע קולטור“:

„פֿאַרשטייט זיך, דעם אויסדרוק „פּראָלעטאַרישע קולטור“ דאַרף מען לחלוטין נישט פֿאַרשטיין אין יענעם שמאָלן זין, וועלכן עס שרייבן אים צו די קעגנער פֿון פּראָלעטקולט. מיר מיינען גאָר נישט, אַז די פּראָלעטאַרישע קולטור, קונסט אָדער וויסנשאַפֿט איז אומבאַדינגט אַ רעזולטאַט פֿון דער שעפֿערישער אַרבעט פֿון פּראָלעטאַריער אַליין. דידאָזיקע געוויינלעכע און לחלוטין פֿאַלשע אויסטייטשונג איז אַנאַלאָגיש צום טעות, — ביי וועלכן קיינער האַלט זיך שוין נישט, — אַז די פּאָליטישע און סאָציאָלאָגישע פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע וועט באַפֿרידיקן די אויפֿגאַבעס פֿון פּראָלעטאַריאַט בלויז אין דעם פֿאַל, אויב זי וועט רייף ווערן אין די קעפּ פֿון די אַרבעטער. פּונקט ווי די אידעאָלאָגיע פֿון אַרבעטער-קלאַס, דער סאָציאַליזם, איז געשאַפֿן געיואָרן דורך אָפּשטאַמיקע פֿון בורזשואַזן קלאַס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿון פּראָלעטאַריאַט, אַזוי קען אויך אַ גרויסע טייל אַרבעט ביים שאַפֿן די נייע פּראָלעטאַרישע קולטור אָפּגעטאָן ווערן דורך די פֿאָרשטייער פֿון אַנדערע קלאַסן, וועלכע האָבן איבערגענומען די אידעאָלאָגיע פֿון די אַרבעטער-מאַסן“.

אויף דערזעלבער טעמע, אין זעלבן נומער פֿון זשורנאַל, רעדט פּ. קאַלינין וועגן דער ראָלע פֿונם אונטערבאַוווסטזיין אין קינסטלערישן שאַפֿן, און ער ווענדט זיך צו דער אינטעליגענץ:

„ווען מיר זאָלן וועלן מאַכן אַן אויספֿיר און אים אָנווענדן צו דער אינטעליגענץ, וואָס שטייט צו צום פּראָלעטאַריאַט, וועלכן אָרט זי קען פֿאַרנעמען אינם שאַפֿן פֿון דער פּראָלעטאַרישער קולטור, וואָלטן מיר דאָס אַזוי פֿאָרמולירט: די אינטעליגענץ, וואָס שליסט זיך אָן אין אונז, קען דענקען אַזוי ווי מיר, און אויב נויטיק — אויך פֿאַר אונז, אָבער פֿילן אַזוי ווי מיר — דאָס ניין. אויף וויפֿל עס האַנדלט זיך וועגן לאָגישן דענקען, באַאָבאַכטן, סיסטעמאַטיזירן די דערפֿאַרונג, קען דער אינטעליגענט, וואָס שטודירט אויפֿמערקזאַם אויס דאָס לעבן און די אַרומיקע באַדינגונגען פֿונם אַרבע-

טער, דענקען פאַרן אַרבעטער און ריכטיק אָנצייכענען די אַנטוויקלונגס-וועגן פון פּראָלעטאַריאַטס אידעאָלאָגיע, ווי דאָס האָט געטאָן מאַרקס און אַ גאַנצע ריי אַנדערע פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגן. אָבער ווי נאָר עס דערגרייכט צו טיפערע איבערלעבונגען, צום געביט פון אַרבעטערס געפיל — דאָ איז דער אינטעליגענט הילפלאָז, זיין דורכדרינגונגס-פעאיקייט איז באַגרעניצט. נאָר דאָס איז אים צוטריטלעך, וואָס עס ווערט אַרויסגעזאָגט און עס לאָזט זיך באַאָבאַכטן. און סיי דאָס ערשטע און סיי דאָס צווייטע, ווי מיר האָבן קלאָר געמאַכט, איז נישט גענוג אויף צו פאַרענדיקן אַ פולן קינסטלערישן אויסדרוק. דאָס קינסטלערישע שאַפן איז אין זיין טיפסטן תוך אַ אומבאַוווסטזיניקער פּראָצעס, וואָס ווערט קאָנטראָלירט דורכן באַוווסטזיין שוין ביי זיין דערשיינען אויף דער ליכטיקער שיין; און דער אונטערבאַוווסטזיין האָט אַלס זיין באַזיס דעם שטייגער-לעבן, און דעריבער קען ער ביים אינטעליגענט כמעט קיינמאָל נישט זיין פּראָלעטאַריש".

ווי מיר זעען איז קאָלינינס דאָזיקע מיינונג סותר דאָס, וואָס עס זאָגט אַרויס מיט דריי זייטלעך פריער וו. קערזשענצאָוו. דאָס שטייט אויך אין סתירה צו אַ. באָגדאַנאָווס שטאַנדפּונקט און צו לונאַטשאַרסקיס טעזיסן „דער פּראָלעטאַריאַט און די קונסט", וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין №2 „פּראָלעטאַרישע קולטור". דער לעצטער פּונקט פון די טעזיסן זאָגט: „די אינטעליגענץ שפּילט שוין אַ געוויסע ראָלע ביים געבורט פון דער פּראָלעטאַרישער קונסט דורך שאַפן אַ גאַנצע רייווערק, וואָס טראָגן אַ פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער".

13) אין אַרטיקל „וואָס אַזוינס איז פּראָלעטאַרישע דיכטונג" זאָגט אַ. באָגדאַנאָוו פּאָלגנדיקס:

„די פּראָלעטאַרישע דיכטונג איז קודם כל ד י כ ט ו נ ג, אַ באַשטימטע אַרט ק ו נ ס ט.

עס איז נישטאָ קיין דיכטונג, ווי בכלל קיין קונסט דאָרט, וווּ עס זענען נישטאָ קיין ל ע ב ע ד י ק ע ב י ל ד ע ר. אויב מען זאָל די אַריפמעטישע כללים אָדער די געזעצן פון דער פיזיק איבערגעבן אין גלאַטע פערזן, וועט דאָס נישט זיין קיין פּאָעזיע, ווייל אַבסטראַקטע באַגריפן זענען נישט קיין לעבעדיקע בילדער".

פון אזאַ פאָרמולירונג קען מען מאַכן אַן אויספיר, אַז נאָר דאַן האָבן מיר פאַר זיך אמתע דיכטונג, ווען דער מאַטעריאַל, אָדער אַנדערש זיך אויסגעדריקט, דער „אינהאַלט", ווערט אונז געגעבן אין אַ אייגנאַרטיקער, און געמלעך — אין אַ „בילדלעכער" פאָרם. מיט אַנדערע ווערטער, די דאָזיקע פאָרמולירונג גיט די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן דעם פרימאַט פון פאָרמאַלן מאָמענט ביים אויסטייטשן קינסטלערישע ווערק. אָבער אַזאַ אויספיר שטייט אין סתירה צום פרימאַט פון „אינהאַלט", וועלכן עס שטעלט איין אַ. באָגדאַנאָוו. דאָ לאָזט זיך אַנטאַפּן איין זיין טעאָריע איינע פון אירע עיקרדיקע סתירות.

14) וו. פלעטניאָוס שטאַנדפונקט אין אַלע פראַגן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור געפינט זיך אין זיין בראָשור „דריי שטאַנדפונקטן אויף דער פראָלעטאַרישער קולטור". זייער אינטערעסאַנטע, אָבער נישט גענוג באַאַרבעטע דערווידערונגען האָט געמאַכט אַ. גאַסטעוו אין זיין אַרטיקל „וועגן די טענדענצן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור", וואָס איז געדרוקט אין „פּראָלעטאַרישע קולטור" № 9—10 (יוני—יולי 1919). ער איראָניזירט איבער באָגדאַנאָווס טעאָריע, פון וועלכער עס ווייעט מיטן „גייסט פון דער מזרח-פילאָזאָפיע, דער הילפלאָז-ביכלדיקער און דער פרעמדער צו עקספּערימענטן". ער וואַרפט אויף די טעאָרעטיקער פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור זייער אידעאָלאָגיזם, זייער גראָבע דעדוקציע, „וועלכע זיי האָבן אויסגעבאָרגט פון פּאָליטישע אַגיטאַציע-בראָשורן".

„כדי, — שרייבט ער, — צו דערשפירן אַזאַ פיינע זאַך, ווי די פּראָלעטאַרישע קולטור, איז שוין ווינציק צו זיין אַ ליטעראַט, אַן אַדוואָקאַט, אַ פּאָליטיקער, — מען דאַרף זיין אַזאַ מין אינזשיניער, מען דאַרף זיין אַ דערפאַרענער סאָציאַלער קאָנסטרוקטאָר און אויסגעפינען די מעטאָדן נישט פון די אַלגעמיינע הנחות וועגן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע-כחות, נאָר פונם פיינסטן מאָלעקולאַרן אַנאַליז פון דער נייער פּראָדוקציע, וואָס דער היינטיקער פּראָלעטאַריאַט איז זיין קינד".

„און נישט די רוסישע היינטיקע אינדוסטרי-ווירקלעכקייט מיט דער אָפּגעשטאַנענער קאַצאַפּישער אינדוסטרי קען עפענען די אויגן דעם פּראָלעטאַרישן פּסיכאָ-אָג. די מעטאַלורגיע פון

דער נייער וועלט, די אויטאָמאָביל. און עראָפּלאַן - פאַבריקן פון אַמעריקע און אייראָפּע און, צולעצט, די קריגס-אינדוסטרי פון דער גאַנצער וועלט — אָט דאָס זענען די ריזיקע לאַבאָראַטאָריעס, ווו עס שאַפט זיך די פּסיכאָלאָגיע, ווו עס פאַבריצירט זיך די קולטור פון פּראָלעטאַריאַט. און צי מיר וועלן איבערלעבן אַ עפּאָכע פון אויבער-אימפּעריאַליזם אָדער פון אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם — די סטרוקטור פון דער נייער אינדוסטרי וועט אין תּוך גענומען זיין דיזעלבע. און מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז איצט, אין די דאָזיקע טעג, אין דער עפּאָכע פון מלחמה און רעוואָלוציע, האָבן זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעפאָרמירט די קאָנטורן פון דער נייער אינדוסטרי; די אינדוסטרי האַלט זיך נאָך אין אַנטוויקלען. און די פּסיכאָלאָגישע אָפּשיכטונגען פון דערדאָזיקער אינדוסטרי אינם באַוווסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס אַרבעט אין איר, וועלן קומען דאַן, ווען די נייע אינדוסטרי און דער שטייגער-לעבן, וואָס וועט אויסוואַקסן אויף איר באַזיס, וועלן זיין דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן. דערווייל קענען מיר נאָר נעמען אין באַטראַכט יענע צעשאָטענע פּסיכאָלאָגישע פאָרמאַציעס, וועלכע מערקן זיך אָן ביי די אַרבעטער פון דער נייער אינדוסטרי. אָבער דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון פּראָלעטאַרישער קולטור בכלל ליגט אין דער צוקונפט".

אַ גאַנצע ריי ווערטפולע באַמערקונגען מאַכט גאַסטעוו בנוגע די באַגריפן „אַרבעטער קלאַס", אין פאַרבינדונג מיט זיין פאַרשיידנאַרטיקייט און דער פילגעשטאַלטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע טיפּן, „פּראָלעטאַרישע קולטור" און „פּראָלעטאַרישע קונסט".

„מיר ווילן נישט זיין קיין נביאים, — האָט ער געשריבן, — אָבער יעדנפאַלס מוזן מיר פאַרבינדן מיט דער פּראָלעטאַרישער קונסט אַן איבעררעשנדיקע רעוואָלוציע פון די קינסטלערישע מיטלען". זייער אַ באַדייטנדיקער געדאַנק, וואָס איז, צום באַדויערן, געבליבן נישט מער ווי אַ רמז.

אין אי. וויינשטיינס בוך, וואָס איז געווידמעט דער קריטיק פון א. באָגדאַנאָווס „די אָרגאַניזאַציאָנעלע טעאָריע און דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם", איז דאָ אַ קאַפּיטל, וואָס

קריטיקירט די באַגדאַנאָווּשע טעאָריע פון קונסט („די קונסט און די אָרגאַניזאַציאָנעלע טעאָריע"). אָט ווי אַזוי ווײַנשטײן אַלײן פאָרמולירט דעם וועזן פון קונסט :

„אין דער ליכט פון דער מאַרקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע איז דער ענטפער אויף דער פראַגע וועגן וועזן פון דער קונסט אַזאַ : די קונסט איז די עמאָציאָנעלע אָפּשפּיגלונג פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען אין בילדער".

ווײַנשטײן זאָגט זיך אַרויס קעגן אַ זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-דיכטונג. אָט וואָס ער זאָגט וועגן דעם :

„בנוגע דערדאָזיקער פּראָלעטאַרישער דיכטונג דאַרף מען זאָגן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט שטרעבט קודם כּל צו פאַרניכטן יעדע אַרט קלאַסן-קונסט, אַזוי אַז דער אידעאַל פון אַ ריין-פּראָלעטאַרישער קלאַסן-דיכטונג שטייט בכלל אין סתירה צו דער פּראָלעטאַריאַטס קלאַסן-שטרעבונג. דער פּראָלעטאַריאַט אונטערשיידט זיך טיף פון אַלע היסטאָרישע קלאַסן, וואָס זענען געווען פאַר אים, ער אונטערשיידט זיך דורך זײַן קאָמוניסטישער נאַטור, וועלכע פאָרמירט זיך אויפן באַזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער טעכניק און דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע-אופן. אָבער דידאָזיקע קאָמוניסטישע נאַטור מאַכט אים פעאיק צו באַזײַטיקן זיך אַליין און גלײַכצײַטיק צו באַזײַטיקן די קלאַסן-געזעלשאַפט בכלל. די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז אַ פאַרבינדונגס-רינג צווישן דער קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פון דעם געזעלשאַפט און דער קלאַסנלאָזער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, זי איז אַזויצוזאָגן אַ שטריק, וואָס איז אָנגעצויגן צווישן דער קלאַסן-געזעלשאַפט פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג און דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט פון פרייער אַרבעט און קאָלעקטיווער סאָלידאַריטעט".

15) דידאָזיקע באַטראַכטונגען זענען, פאַרשטייט זיך, בישט געווענדט קעגן טעזיס וועגן דער קונסט אַלס געצייג, וואָס אָרגאַניזירט די דערפאַרונג. פאַרשטייט זיך, די קונסט שפּילט אַ גרויסע אָרגאַניזירנדיקע ראָל. אָבער כּדי ריכטיק צו פאַרשטיין דידאָזיקע ראָל, כּדי מען זאָל נישט האָבן קיין פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגן איר אָרגאַניזירנדיקער ווירקונג, מוז מען אַרײַנברענגען אויסבעסערונגען אין יענער פאָרמולי-

רונג פון דער אָרגאַניזירנדיקער ראָלע פון דער קונסט, וועל־
כע עס גיט אַ. באָגדאַנאָוו.

אויב מען זאָל אָננעמען דעם טעזיס בכלל, נישט נעמענ־
דיק אין אַכט די באַזונדערקייטן פון דער קלאַסן-סביבה, אין
וועלכער עס אַנטוויקלט זיך די קונסט, וועט אונזער פאַרשטיין
איר אָרגאַניזירנדיקע ראָלע זיין נישט קיין ריכטיקער, אַ צו
פאַראיינפאַכטער, אזא, וואָס פאַרקריפּלט די אמתע לאַגע פון
דער זאַך. דאָס אָננעמען דעמדאָזיקן טעזיס אין זיין רויער
פאָרם איז סותר די אַקסיאָמע פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם:
„דער זיין באַשטימט דעם באַוווסטזיין". די אויסבעסערונג, וועל־
כע מיר טראָגן אַריין וועגן דעם קלאַסן-ווידערשטאַנד פון דער
סביבה וואַרפט נישט אָפּ דעם טעזיס וועגן דער אָרגאַניזירנ־
דיקער ראָלע פון דער קונסט, נאָר זי שטעלט אים אויף זיין
ריכטיקן אָרט. און אַ. באָגדאַנאָוו אַליין פירט אַריין אין זיין
קונסט־טעאָריע די באַגריפן „שיינקייט", „אַלגעמיין-מענטשלעכ־
קייט" און אַז. וו., און קאָמפּליצירט זי דורכדעם, ווייל ער
באַפרידיקט זיך נישט, ווייזט אויס, מיט איר עלעמענטאַרער
באַהאַנדלונג. אָבער וואָס איז אַזוינס „שיינקייט", „אַלגעמיין־
מענטשלעכקייט"? צי עקזיסטירן דידאָזיקע דערשיינונגען אין
דער נאַטור, אָדער זיי געהערן צום געביט פון „באַגריפן",
„פאָרשטעלונגען?" אויב דאָס זענען אָבער — „פאָרשטעלונגען",
טאָ האָבן זיי דען אַ איינהייטלעכן, אַלגעמיין־מענטשלעכן זי־
נען, אָדער אַ קלאַסן-זינען? די אידעאַליסטן וועלן ענטפערן:
אַן „אַלגעמיין־מענטשלעכן", די מאַרקסיסטן — אַ „קלאַסן־זי־
נען". אָבער דעם קלאַסן-זינען וועט דידאָזיקע באַגריפן צוגעבן
די קלאַסן־סביבה, וועלכע וואַקסט אויס אין באַשטימטע באַדינ־
גונגען פון קלאַסן־שטייגער. דידאָזיקע „פאָרשטעלונגען" וועלן
טאַקע זיין די אידעאָלאָגישע אָפּשפּיגלונגען אינם באַוווסטזיין
פון יענע פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר אינם שטייגער־לעבן.
דידאָזיקע אָפּשפּיגלונגען אינם באַוווסטזיין, אויסגעוואַקסענע
אויפן באָדן פון אַ באַשטימטן „זיין", שטעלן פאָר מיט זיך
אין סך־הכל יענע געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָאידעאָלאָגיע, וועל־
כע די קונסט וועט זיך באַמיען צו אָרגאַניזירן מיט דער הילף
פון אירע בילדער. און אויב די בורזשואַזע אָדער די פעאָדאַ־

לע קונסט ווירקט אויף דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-סביבה
און זי „אָרגאַניזירט“ זי, ווען זי דאָס, פאַרשטייט זיך, טאָן
ניש אַזוי און נישט אין דער ריכטונג, ווי זי וועט דאָס טאָן
און אַ געזעלשאַפט מיט אַ פעאָדאַלן „באַוווסטזיין“ אָדער מיט
אַ בורזשואַזן „באַוווסטזיין“. אין דערדאָזיקער לעצטער וועט
זי אָנטרעפן אויף אָפענע אָרעמס, אין דער פּראָלעטאַרישער —
אַ ווידערשטאַנד. און דערדאָזיקער ווידערשטאַנד וועט טאַקע
ענדערן דעם מהות גופא פון דער אָרגאַניזירנדיקער ווירקונג
פון דער קונסט. אָט דאָ ליגט טאַקע די סיבה, פאַרוואָס די
בורזשואַזע קונסט און די קונסט פון דער פעאָדאַלער תקופה,
וועלכע האָט „אָרגאַניזירט“ דעם באַוווסטזיין פון די פּראָלע-
טאַרישע רעוואָלוציאָנערן, האָט אים אָרגאַניזירט אין דער ריכ-
טונג פון „פּראָלעטאַריאַטס ענטגילטיקע צילן“, הגם זי האָט
דערצו לחלוטין נישט געשטרעבט. דידאָזיקע פראַגע וואַרט נאָך
אויף איר אויספאָרשער. דאָ ווייזן מיר בלויז אָן פאַרבייגייענ-
דיק, אַז ביים קאָנסטרואירן סכעמעס וועגן דער אָרגאַניזירנדי-
קער ווירקונג פון קינסטלערישע בילדער איז נאָך נישט גע-
נוג פעסטצושטעלן דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון קינסטלער. עס
איז אויך נויטיק צו געדענקען וועגן דעם קלאַסן-כאַראַקטער
פון דער אויפנעמענדיקער סביבה.

16) קלאַראַ צעטקין, דערינערונגען וועגן לענינען.

די גראַנדיאַזקייט פון די קולטורעלע אויפגאַבעס, וואָס
שטייען פאַר אונז „צוזאַמען מיט דער נישטיקייט פון די
שמועסן וועגן קולטור“ פלעגט תמיד אויפשווימען פאַר לע-
נינס בליק, ווען ער פלעגט ריידן אָדער טראַכטן וועגן דער-
דאָזיקער פראַגע. די קולטורעלע אויפגאַבעס פון אונזער צייט
זענען אין זיין באַוווסטזיין געווען אומצערייסבאַר פאַרבונדן
מיט דער פראַגע וועגן די מאַסן. אַנדערש ווי דורך צוציען
די ברייטסטע מאַסן, האָט זיך לענין נישט פאָרגעשטעלט די
דערפילונג פון דער קולטור-אַרבעט. „אודאי, — האָט ער גע-
זאָגט צו קלאַראַ צעטקין, — מיר פירן אַן עכטע עקשנותדי-
קע מלחמה מיטן אַנאַלפאַבעטיזם. מיר אָרדנען איין ביבליאָ-
טעקן, „לייען-הייזער“ אין די גרויסע און קליינע שטעט און
דערפער. מיר אָרגאַניזירן די פאַרשיידנאַרטיקסטע קורסן. מיר

אָרדנען איין גוטע פאַרשטעלונגען און קאָנצערטן, מיר צעשיקן איבערן גאַנצן לאַנד „באַוועגלעכע אויסשטעלונגען" און „ביל־דונגס־צוגן". אָבער איך חזר איבער: וואָס קען דאָס אַלץ געבן יענער פילמיליאָניקער באַפעלקערונג, וועלכע פאַרמאָגט נישט דעם סאַמע עלעמענטאַרן וויסן, די סאַמע פּרימיטיווע קולטור? אין דער צייט וואָס אין מאָסקווע, לאָמיר זאָגן, וועלן היינט צען טויזנט מענטשן (און מאָרגן נייע צען טויזנט מענטשן) אַריינפאַלן אין התפעלות, הנאה האָבנדיק פון אַ גלענצנדער פאָרשטע־לונג אין טעאַטער, שטרעבן מיליאָנען מענטשן דערצו, זיך אויסצולער־נען רעכענען און אָנצושרייבן לויט טראַפן זייער נאָמען, זיי שטרעבן זיך באַהעפטן מיט דער קולטור, וועלכע זאָל זיי לערנען, אַז די ערד איז קיילעכדיק, און נישט פלאַך, און אַז מיט דער וועלט פירן אָן נאַטור־געזעצן. און נישט מכשפות און מכשפים צוזאַמען מיטן „הימלישן פאָטער".

17) אָט וואָס לענין האָט געשריבן אין דאָזיקן אַרטיקל וועגן גאָרקין:

„... גאָרקי איז אָן ספק דער גרעסטער פאָרשטייער פון דער פּראָלעטאַרישער קונסט, וועלכער האָט אַ סך פאַר איר אויפגעטאָן און קען אויפטאָן נאָך מער... גאָרקי איז אַן אוי־טאָריטעט אין פראַגן פון פּראָלעטאַרישער קונסט, דאָס איז אָן ספק".

18) ... „דער פּראָלעטקולט, — לייענען מיר אין אַ בריוו „וועגן די פּראָלעטקולטן", וועלכער דריקט אויס לענינס שטאַנד־פּונקט, — איז אַנטשטאַנען פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס „אומאָפּהענגיקע" אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציע, אומאָפּהענגיק פון מיניסטעריום פאַר פאָלקס־בילדונג אין קערענסקיס צייטן... די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געענדערט די פּערספּעקטיוון. די פּראָלעטקולטן אָבער זענען ווייטער געבליבן „אומאָפּהענגיק", אָבער איצט איז דאָס שוין געווען אַן „אומאָפּהענגיקייט" פון דער סאָוועטישער מאַכט. אַ דאַנק דעם, ווי אויך צוליב אַ גאַנצע ריי אַנדערע סיבות זע־נען אין די פּראָלעטקולטן מאַסנהאַפט אַריינגעדרונגען עלעמענטן, וועלכע זענען אונדז סאָציאַל פרעמד, קליינבירגערלעכע עלע־מענטן, וועלכע פאַרכאַפּן אָפּט פאַקטיש אין זייערע הענט די־

אָנפירונג מיט די פּראָלעטקולטן. פוטוריסטן, דעקאַדענטן, אָנהענגער פון דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, וואָס זענען פיינטלעך דעם מאַרקסיזם, און, צולעצט, סתם שלימזלניקעס, אָפּשטאַמיקע פון דער בורזשואַזער פּובליציסטיק און פילאָזאָפיע האָבן גענומען דאָ און דאָרט אָנפירן מיט אַלע ענינים אין די פּראָלעטקולטן.

אונטערן מאַנטל פון „פּראָלעטאַרישער קולטור” האָט מען די אַרבעטער אונטערגעטראָגן בורזשואַזע בליקן אין דער פילאָזאָפיע (מאַכיזם). און אין געביט פון דער קונסט האָט מען די אַרבעטער איינגעאימפּט לעכערלעכע, אומנאַטירלעכע געשמאַקן (פוטוריזם).

אנשטאט צו העלפן דער פּראָלעטאַרישער יוגנט זיך ערנסט לערנען, פאַרטיפן זייער קאָמוניסטישן צוגאַנג צו אַלע פראַגן פון לעבן און קונסט, האָבן קינסטלער און פילאָזאָפן, — ווייטע אין זייער מהות פון קאָמוניזם און פיינטלעכע צו אים — זיך פּראָקלאַמירט אַלס עכט-פּראָלעטאַרישע, און פאַרכאַפּנדיק דעם פּראָלעטקולט, געשטערט די אַרבעטער אַרויסצוגיין אויפן ברייטן וועג פון פרייען און באמת פּראָלעטאַרישן שאַפן. אונטערן מאַנטל פון פּראָלעטאַרישער קולטור האָבן אינטעליגענטישע גרופּעס און גרופּקעלעך אָנגעוואָרפן די פאָרגעשריטענע אַרבעטער זייערע אייגענע האַלב-בורזשואַזע פילאָזאָפישע „סיסטעמען” אין אויסטראַכטענישן. דיזעלבע אַנטימאַרקסיסטישע קוקן, וועלכע האָבן זיך אַזוי פּרעכטיק צעבליט נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע אין 1905, און האָבן עטלעכע יאָר (1907—1912 יאָרן) באַהערשט די מחות פון דער „סאָציאַל-דעמאָקראַטישער” אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך פאַרשיכורט אין די יאָרן פון רעאַקציע מיט גאָטזוכעניש און פאַרשיידענע פאָרמען פון אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, — האָבן די אַנטימאַרקסיסטישע גרופּעס פון דער אינטעליגענץ זיך באַמיט אין אַ פאַרמאַסקירטער פאָרם איינפלאַנצן אין די פּראָלעטקולטן”...

19) אין איינעם פון לענינס בריוו צו גאָרקין האָט לענין זיך באַמיט איבערצייגן אים אין דער טעותדיקייט פון דער באָגדאַנאָווער פילאָזאָפיע, צו וועלכער גאָרקי איז דאַן געווען

נאָנט. פאַרבייגייענדיק האָט לענין געלאָזט פאַלן עטלעכע באַמערקונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צום קינסטלערישן שאַפן און צו פילאָזאָפיע. אָט וואָס ער האָט געשריבן גאָרקין:

„... איך האַלט, אַז אַ קינסטלער קען שעפּן אַסך נוציקעס פאַר זיך פון יעדער פילאָזאָפיע. צולעצט בין איך פולקאָם מסכּים מיט דעם, אַז אין פראַגן פון קינסטלערישן שאַפן קענען אייך צונויץ קומען אַלע ביכער, און אַז אַרויסנעמענדיק אַזעלכע בליקן סיי פון דער אייגענער קינסטלערישער דערפאַרונג, סיי פון דער פילאָזאָפיע, זאָל זיין אַפילו פון דער אידעאַליסטישער, קענט איר קומען צו אויספירן, וועלכע זאָלן ברענגען דער אַרבעטער-פאַרטיי גרויס נוצן”.

דאָ האַלטן מיר פאַר פּאַסיק צו ברענגען אַ. לונאַטשאַרסקיס באַטראַכטונגען וועגן זעלבן ענין, ווייל זיי פאַלן צונויף אין אַלגעמיין מיט לענינס שטאַנדפונקט. אָט וואָס מיר לייענען אין אַ. לונאַטשאַרסקיס בוך „די געשיכטע פון דער מערב-אייראָפּעאישער ליטעראַטור”:

„... ווי אַזוי שטודירן מיר די פאַרשיידענע פאָרמען פונם פאַרקאַפּיטאַליסטישן, קליינבירגערלעכן פויערשן לעבנס-שטייגער אין זיינע פאַרשיידענע דערשיינונגען און אַז. וו., ביזן הויך-אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם מיט זיינע אַלע פאָרמען פון פינאַנס-קאַפּיטאַליזם, טרעסטן און אַז. וו.? מיר שטודירן זיי ווי חיות, ווי נאַטור-דערשיינונגען, מיר מוזן זיי שטודירן אָביעקטיוו. ס'וואָלט געווען אַן אומזין, ווען מיר זאָלן זיי שטודירן נישט אָביעקטיוו, ווען איצט אין דער צייט פון נעפּ, זאָלן זיך געפינען קאָמוניסטן, וועלכע זאָלן זאָגן: „און צו וואָסער שוואַרץ יאָר דאַרפן מיר שטודירן דעם פּריוואַט-אייגנטום?” דאָס וואָלטן געווען נעבעכדיקע אוטאָפּיסטן, מיר וואָלטן אַ קוק געטאָן אויף זיי אַ ביסל מאָדנע און געזאָגט: מיר קענען דאָך נישט מאַכן, אַז שוין תּיכּף זאָל זיין בלויז אַ קאָמוניסטישע ווירטשאַפט; מיר מוזן שלום מאַכן מיטן פאַקט, אַז עס עקזיסטירן אויך אַנדערע פאָרמען, און מחוץ רוסלאַנד זענען דידאָזיקע פאָרמען די הערשנדיקע, מיר מוזן זיי שטודירן, און נישט נאָר פאַראורטיילן.

קט אַזוי וועלן מיר מוזן צוגיין צו דער ליטעראַטור.

בנוגע דער ליטעראַטור פון דער פאַרגאַנגענהייט וואָלט אויך געווען נאַריש צו זאָגן, אַז מיר ווילן וועגן איר גאָרנישט וויסן. דאָס וואָלט געווען אַ באַגרעניצטקייט, וואָס פּאַסט נישט פאַר אַ מאַרקסיסט, וועלכער שטודירט אויס די ווירקלעכקייט. די ליטעראַטור איז די שטים פון עבר. כּמעט אין קיין איין געביט — נישט אין דער קונסט, נישט אויסער דער קונסט — וועט איר נישט געפינען אַזאַ אוממיטלבאַרן ווידוי, וואָס קומט פון די סאַמע טיפענישן, פון דער אינערלעכסטער נשמה פון אַ באַשטימטן קלאַס, ווי אין דער ליטעראַטור. דעריבער איז די ליטעראַטור אַ ווערטפולער מאַטעריאַל אויף צו פאַרשטיין דעם עבר. איר קענט הנאה האָבן פון איר אָדער נישט הנאה האָבן, אָבער איר זענט מחויב זי צו שטודירן.

דאָסזעלבע איז בנוגע דער הייַנטיקער ליטעראַטור. געוויס, איצט האָבן מיר אַ באַשטימטע מאַכט, מיר זענען די גערטנער אין די גאָרטנס פון דער רוסישער ליטעראַטור און דעריבער קענען מיר זאָגן אַזוי: מיר נויטיקן זיך אין אַ פּאַרטיי־ליטעראַטור, די איבעריקע וועלן מיר אָפּשניידן. אָבער צי דען איז דאָס ריכטיק? געוויס נישט. מען טאָר נישט פאַרמאַכן ריידנדיקע מיילער. דאָס הייסט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז איך בין פאַר פרייהייט פון וואָרט. מיר מוזן האָבן אַ אויפזיכט אפילו איבער דער קונסט. די קונסט איז אַ קראַפט, און נישט אומזיסט האָט אַ נישט מאַרקסיסט, אָבער זייער אַ איידעלער סאָציאַליסט — בלאָנקי — געזאָגט: „ווען מען וועט אַרויס־נעמען דעם פאַרשטאָפּער פונם פראָלעטאַריאַטס מויל, וועט ער דעמדאָזיקן פאַרשטאָפּער תיכּף אַריינרוקן אין קאַפּיטאַליסטס מויל". מען טאָר נישט דערלויבן, אַז מען זאָל זיך באַנוצן מיט דער קונסט און בכלל מיטן וואָרט מיטן ציל אָפּצוטעמען דער באַוווסטזיין פון די נאָך וואַקלדיקע מאַסן. די רעוואָלוציע, וועלכע שאַפט אַ דיקטאַטור, אַנטוואָפנט אין דאָזיקן הינזיכט דעם שונא, מיט וועלכן זי פירט אַ קאַמף.

מאַכן אומשעדלעך דעם שונא איז איינס, און נישט לאָזן אַרויסזאָגן מיינונגען אין דער ליטעראַטור — איז עפּעס גאַנץ אַנדערש. אויב דאָס ווערק איז נישט אָפן־רעאַקציאָנער, ד. ה. אויב עס טראָגט נישט קיין כאַראַקטער פון אַגיטאַציע־קונסט,

וואָס איז געווענדט קעגן אונז, דאַרפֿן מיר אים געבן פֿרייהייט, מיר זענען גאָר שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די רוסישע געזעלשאַפֿט זאָל זיך אַרויסזאָגן. און דאָס איז די אָנגענעמבאַרסטע פֿאָרם פֿון אַרויסזאָגן זיך. ווען מיר זאָלן נישט האָבן קיין אויפֿזיכט איבער דער ליטעראַטור, וואָלט דאָס געווען דער גרעסטער אָפּנויג פֿון דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק; מיר דאַרפֿן זאָרגן דערפֿאַר, אַז עס זאָל געזיכערט ווערן די צענזור-מאַכט איבער דער ריין-קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע-ליטעראַטור, אָבער מיר דאַרפֿן געבן די מעגלעכקייט זיך אַרויסצוזאָגן אין דער קונסט, און באַזונדערס אין דער ליטעראַטור, און מיר דאַרפֿן לויט איר שטודירן, וואָס עס טראַכטן יענע גרויסע אומפּאַרטייאישע מאַסן, וועלכע לעבן אין די דערפֿער און שטעט, זייט ביי זייט מיט אונז, וואָס ווילן זיי, וווּהין גייען זיי, וווּהין רופֿן זיי.

ווען אַ דונער טאָן אַ כאָר פֿון פֿאַרשיידנאַרטיקע קולות, וועלן זיך דאָרט געפֿינען שטימעס, וואָס וועלן אויך פֿאַר אונז זיין אומאָנגענעם. און פּונקט ווי קראַפּיווע איז פֿאַר אונז אַן אומאָנגענעמער געוויקס, וועלכער פֿאַרדינט אָבער מ'זאָל אים שטודירן, אַזוי איז אויך דאָ. ס'איז אומבאַדינגט נויטיק אָביעקטיוו צו שטודירן די ליטעראַטור.

אָבער די זאַך האָט נאָך אַ צווייטע זייט. מיר זענען באַרופֿן אויסצושטודירן דידאַקטיקע ליטעראַטור. אָבער צי דען האָבן מיר נישט קיין הנאה פֿון דער ליטעראַטור? עס ליגט אין איר אַ ריזיקער תענוג. יעדער פֿון אייך ווייס, סאַראַ גרויסער פֿאַרגעניגן דאָס איז צו עפֿענען אַ ביכל און פֿאַרזינקען אין אים, פֿאַרזינקען אָפּט פֿון דער רעאַלער ווירקלעכקייט אין אַ פֿאַנטאַסטישער וועלט, וועלכע עס אַנטפּלעקט פֿאַר אונז איינער אַ שרייבער. מיר האָבן נאָך מער תענוג, ווען מיר האָבן אַ גרויסן פֿאַרבינדעטן. עס איז אָבער דאָ אַזאַ ליטעראַטור, וועלכע גייט קעגן אונז אָדער זי גייט עפּעס אין דער קרום. מיר נעמען זי נישט אָן אינגאַנצן. מען דאַרף זיך אויסלערנען צו אַנטדעקן אויך אין איר דאָס, אין וואָס מיר נויטיקן זיך, זי באַגרייפֿן אין געלונגענע און בולטע פֿאָרמולעס, וועלכע עס ...ט דער קינסטלער. למשל, דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען זענען

גרויס מיט זייער אויסערגעוויינלעך טיפן לעבנס-אינהאַלט, אָבער זיי פאַרמאָגן טענדענצן, וועלכע זענען אין אונזערע אויגן עקל-האַפט. דידאָזיקע טענדענצן צווינגען אָפט דאָסטאָיעווסקין צו פאַרדרייען דעם אויסזען פון מענטשן, די רעאַלע געשטאַלטן אָדער געפילן. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין לאָזט ער זיך אויסלעבן זיינע טענדענצן, זיינע אויספירן. טאָ וואָס-זשע וועלן מיר זאָגן אויף דעם, אַז מען דאַרף נישט הנאה האָבן פון דאָסטאָיעווסקין? דורכדעם וועלן מיר זיך אַנטוואָפענען, מיר וועלן צורויבן ביי זיך אַ גרויסע מעגלעכקייט הנאה צו האָבן. לאָמיר אָננעמען, אַז אין אַ פּאַלאַץ האָט געלעבט אַ קייזער, צי דען קען מען דעריבער זאָגן: דער קייזער איז געפאַלן, בירגער, לאָמיר אונטערצינדן דעם פּאַלאַץ! געוויס, אזוי קענען מיר זיך נישט באַציען. דערדאָזיקער פּאַלאַץ קען זיין דאָס גרעסטע אַרכיטעקטור-ווערק, וועלכעס פאַרשאַפט אַ וואונדערבאַרן תענוג דעם אויג, דעם גלייכגעוויכט-געפיל, ער קען זיין אַ פּרעכטיקער דענקמאָל פאַרן עבר, דעריבער וועלן מיר אים אויפהיטן און ברענגענדיק דאָרט אַהין דעם אַרבעטער, קענען מיר זאָגן: גיב נאָר אַ קוק, סאַראַ פּרעכטיקע שטיגן! און מיר וועלן אויפקלערן, פאַרוואָס מאַכן די שטיגן פון ווינטער-פּאַלאַץ אַזאַ שיינעם, אַזאַ פּרעכטיקן, אַזאַ דערהויבנ-דיקן איינדרוק, אַז עס וואָלט זיך וועלן דאָס זאָלן זיין שטיגן פון אַ סאָציאַליסטישן קלוב, און צוזאַמען מיט דעם קענען מיר אים אויך זאָגן, פאַרוואָס דאָס אָדער יענץ אין פּאַלאַץ איז נישט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון גאוה, פון דער שטרע-בונג צו דערדריקן מיט זיין לוקסוס, סימנים פון דער לעבנס-פאַרקריפּלטקייט פון דידאָזיקע פון דער רעאַ-ליטעט אָפּגעשטויסענע דעספּאָטן און אַז. וו.. ווען מיר וועלן אויף אַזאַ אופן קענען אויסנוצן דעם פּאַלאַץ, וועט דאָס הייסן, אַז מיר האָבן באַוויזן צו מאַכן פון אים אַ עלעמענט פון אייגענער קולטור, פון אייגענער אַנטוויקלונג.

דאָסזעלבע איז בנוגע דער היינטיקער צייט. ס'קען זיין, אַז אייך געפעלן נישט פּילניאַקס ראָמאַנען, ס'קען זיין, אַז ער איז אייך נישט סימפּאַטיש, אויב אָבער איר זענט אויף אַזוי וויט פאַרבלענדעט, אַז צוליב זיינע דאָזיקע טענדענצן,

וואָס זענען אייך אַנטיפּאַטיש, זעט איר נישט דעם ריזיקן מאַ־טעריאַל פון רעאַלע באַאָבאַכטונגען, וועלכע ער גיט, און זיי־ער רעליעפע פאַרבינדונג, ווי אַזוי ער גיט די מעגלעכקייט אָנצוכאַפּן פאַרן סאַמע נערוו אַ גאַנצע ריי געשעענישן, אַ גאַנצע סעריע דערשיינונגען, אויב איר פילט לחלוטין נישט די בולטקייט פון די סיטואַציעס, די קוריאָזיטעט פון די שטאַנד־פונקטן, אויף וועלכע ער שטעלט זיך, זענט איר האָפענונגס־לאָז, און דאָס איז שרעקלעך פאַר אייך נישט נאָר אַלס פאַר אַ קריטיקער, נאָר אַפילו ווי פאַר אַ מענטשן. דאָס באַדייט, אַז איר קענט נישט אַנאַליזירן, אַז איר האָט אָפּגעטויט פאַר זיך די מעגלעכקייט הנאה צו האָבן און מער וויסן, ווייל אין דער קונסט גייט הנאה האַנט ביי האַנט מיט דערקענטעניש". („די געשיכטע פון דער מערב-אייראָפּעאישער ליטעראַטור".)

20) אָט ווי טראָצקי האָט פאָרמולירט די באַנטסטע און אַלגעמיינע אויפגאַבעס פון דער פּאָליטיק אין דער קונסט:

„... אונזער פּאָליטיק אין דער קונסט פון איבערגאַנגס־פּעריאָד קען און דאַרף אָנגעווענדט ווערן אויף דעם, כדי צו פאַרלייכטערן די פאַרשיידענע קינסטלערישע גרופּירונגען און ריכטונגען, — וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויפן באָדן פון דער רעוואָלוציע, — אַן אמתע פאַראייגענונג פון איר היסטאָ־רישן זינען, און שטעלנדיק איבער זיי אַלע אַ קאַטעגאָרישן קריטעריום: פאַר דער רעוואָלוציע אָדער קעגן, — לאָזן זיי אין געביט פון קינסטלערישער זעלבסטבאַשטימונג די פולע פרייהייט.

די רעוואָלוציע געפינט אין דער קונסט איר אָפּשפּיג־לונג, — דערווייל זייער אַ טיילווייזע, — אויף וויפל זי הערט אויף צו זיין פאַרן קינסטלער אַן אויסערלעכע קאַטאַסטראָפע, אויף וויפל דער צעך פון די דיכטער און קינסטלער, אַלטע און נייע, ווערט פאַרוואַקסן מיטן לעבעדיקן געוועב פון דער רעוואָלוציע, לערנט זיך אויס אויפצונעמען זי פון אינעווייניק, און נישט פון דער זייט.

נאָך נישט אַזוי גיך וועט זיך איינלייגן דער סאָציאַלער וואַסער־שטרודל. אין אייראָפּע און אַמעריקע שטייען נאָך פאַר יאָרצענדליקער קאַמף. די מענטשן נישט

נאָר פון אונזער דור, נאָר אויך פון קומענדיקן וועלן אָנטייל־נעמען אין אים, וועלן זיין זיינע העלדן און קרבנות. די קונסט פון דערדאָזיקער תקופה וועט דורך און דורך זיך געפינען אונטערן צייכן פון דער רעוואָלוציע. דידאָזיקע קונסט נויטיקט זיך אין אַ נייעם באַוווסטזיין, זי איז קודם כל אויף שטעך־מעסערס מיטן מיסטיציזם, סיי מיטן אָפענעם, סיי מיטן פאַרקליידטן אַלס ראָמאַנטיק, ווייל די רעוואָלוציע גייט אַרויס פון יענער צענטראַלער אידייע, אַז דער איינציקער באַלעבאָס דאַרף ווערן דער קאָלעקטיווער מענטש און אַז די גרעניצן פון זיין מאַכט ווערן בלויז באַשטימט דורך דער קענטעניש פון די נאַטור־כחות און דורך דער פע־איקייט זיי אויסצונוצן. זי, דידאָזיקע קונסט, קען נישט גיין האַנט ביי האַנט מיט פעסימיזם, סקעפּטיציזם און מיט אַלע אַנדערע פאָרמען פון גייסטיקער דעפּרעסיע. זי איז רעאַליסטיש, אַקטיוו, פול מיט מעשימדיקן קאָלעקטיוויזם און מיט אַן אומבאַגרעניצטן שעפערישן גלויבן אין דער צוקונפט...” („די ליטעראַטור און די רעוואָלוציע”).

21) דאָ איז נויטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף אַ באַדינגונג, וואָס צווינגט צו באַנוצן דעם טערמין „פּראָלעטאַרישע” בנוגע דער ליטעראַטור. מיטן דאָזיקן טערמין מוז מען זיך באַנוצן, ווען מיר ווילן ריידן וועגן יענער נייער ליטעראַרישער גרופּע, וועלכע טרעט אַרויס אין נאָמען פון אַרבעטער־קלאַס. אויסמיידן אָדער נישט באַנוצן דעמדאָזיקן טערמין איז אוממעגלעך. אויך טראָצקי באַנוצט אים אין אַ גאַנצער ריי שטעלן פון זיין בוך. און דאָס איז אַ באַווייז, אַז דאָס אַנטשטיין פון טערמין איז נישט קיין צופעליקייט, אַז ער איז אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן דורך שטרענגע פאָדערונגען פון דער ווירקלעכקייט. די נויטיקייט זיך צו באַנוצן מיט אים רעדט וועגן דעם, אַז עס איז אָנגעוואַקסן עפּעס אַ נייע דערשיינונג, וועלכע מען קען נישט באַצייכענען מיט קיין שום אַנדער אויסדרוק.

22) „די קונסט, — שרייבט טראָצקי, — ווערט געשאַפן אויפן באַזיס פון אַ כסדרדיקער שטייגערדיקער, קולטורעלער,

אידייאישער קעגנזייטיקער ווירקונג צווישן קלאַס און זיינע קינסטלער. צווישן דער אַריסטאָקראַטיע אָדער דער בורזשואַזיע און אירע אַרטיסטן איז נישט געווען קיין שטענדיקער ריס. די קינסטלער האָבן געלעבט און לעבן אין אַ בורזשואַזער סביבה, זיי אָטעמען אַריין אין זיך די לופט פון די בורזשואַזע סאַלאָנען, זיי האָבן באַקומען אָדער זיי באַקומען פון זייער קלאַס תמידע סוגעסטיווע איינשפּריצונגען. און מיט דעם דערנערן זיך טאַקע די אונטערבאַוווסטזיניקע פּראָצעסן פון זייער שאַפן. צי דען שטעלט פאָר מיט זיך דער היינטיקער פּראָלעטאַריאַט אַזאַ קולטורעל-אידייאישע סביבה, וואָס נישט אַרויסגייענדיק פון איר אין אַלטעגלעכן לעבן, וואָלט דער נייער קינסטלער געקענט באַקומען אַלע נויטיקע איינפלוסן און באַהערשן גלייכצייטיק די מיטלען פון זיין מייסטערשאַפט? ניין, די אַרבעטער-מאַסן זענען קולטורעל זייער אָפּגעשטאַנען; די ווינציקע בילדונג און דער אַנאַלפאַבעטיזם פון דער מערהייט אַרבעטער איז שוין פאַר זיך אַליין די גרעסטע שטערונג אויפן דאָזיקן וועג און חוצדעם מוז דער פּראָלעטאַריאַט, אויף וויפל ער בלייבט אַ פּראָלעטאַריאַט, פאַרווענדן זיינע בעסטע כּחות אויפן פּאָליטישן קאַמף, אויף צוריק אויפשטעלן די ווירטשאַפט און אויף די סאַמע עלעמענטאַרע קולטורעלע באַדערפענישן — אויפן קאַמף מיטן אַנאַלפאַבעטיזם, מיט דער פאַרלייזיגקייט, מיטן סיפיליס און ענל. אודאי, אויך די פּאָליטישע מעטאָדן און רעוואָלוציאָנערע געוווינהייטן פון פּראָלעטאַריאַט קען מען אָנרופן אַלס זיין קולטור; דאָס איז אָבער, יעדנפאַלס, יענע קולטור, וועלכע וועט אָפּשטאַרבן אין דער מאָס, אין וועלכער עס וועט זיך אַנטוויקלען אַ נייע, אמתע קולטור. און דידאָזיקע נייע קולטור וועט אַלץ מער ווערן אַ קולטור, וואָס ווינציקער דער פּראָלעטאַריאַט וועט בלייבן אַ פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. וואָס דערפאָלגרייכער און פולער עס וועט זיך אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט". („די ליטעראַטור און די רעוואָלוציע").

(23 אָט זענען טראָצקיס שורות, וועלכע ער ווידמעט די מיטלויפער:

„צווישן דער בורזשואַזער קונסט, וואָס לעבט זיך אויס

ין איבערזינגען אָדער אין שווייגן, און דער נייער קונסט, וועלכע איז נאָך נישטאָ, ווערט געשאַפן אַן איבערגאַנגס־קונסט, וואָס איז מער אָדער ווייניקער אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיט דער רעוואָלוציע, וועלכע איז אָבער נישט די קונסט פון דער רעוואָלוציע. באָריס פּילניאַק, ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו, ניקאָלאַי טיכאָנאָוו און די סעראַפּיאָנער ברידער, יעסענין מיט דער גרופּע אימאַזשיניסטן, טיילווייז קליועוו וואָלטן נישט מעגלעך געווען — אַלע צוזאַמען און יעדער פון זיי באַזונדער — אָן אַ רעוואָלוציע. זיי ווייסן דאָס אַליין און זיי לייקענען דאָס נישט, זיי פילן נישט קיין נויטווענדיקייט דאָס אָפּצולייקענען, און אייניקע פּראָקלאַמירן דאָס אפילו מיט גרויס אַנטשידנקייט. דאָס זענען נישט קיין ליטעראַרישע באַאַמטע, וועלכע הויבן אָן ביסלעכווייז „צו שילדערן" די רעוואָלוציע. דאָס זענען אויך נישט קיין סמענאָוועכאָווצעס, ווייל דאָרט ווערט פאַרשטאַנען אַ ריס מיט דער פאַרגאַנגענהייט, אַ ראַדיקאַלע ענדערונג פון פראָנט. די מערהייט פון די אויסגערעכנטע שרייבער זענען זייער יונג, פון 20 ביז 30 יאָר. קיין שום פאַררעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט האָבן זיי נישט געהאַט, איבעררייסן האָבן זיי געקענט, אויב דאָס איז נויטיק געווען, בלויז מיט קלייניקייטן. זייער ליטעראַרישן און בכלל גייסטיקן פּנים האָט געשאַפן די רעוואָלוציע, יענער ווינקל אירער, וועלכער האָט זיי פאַרכאַפּט, און אַלע נעמען זיי זי אָן, יעדער איינער אויף זיין שטייגער. אָבער ביי דידאָזיקע אינדיווידועלע אָננעמונגען האָבן זיי אַלע אַן אַלגעמיינעם שטריך, וועלכער טיילט זיי שאַרף אָפּ פון קאָמוניזם און דראָט שטענדיק זיך אים אַנטקעגנצושטעלן. זיי באַגרייפן נישט די רעוואָלוציע אַלס גאַנצעס און זיי איז פרעמד איר קאָמוניסטישער ציל. מער אָדער ווייניקער זענען זיי אַלע גענייגט איבערן קאָפּ פונם אַרבעטער אַריבערצוקוקן מיט האָפנונג אויפן פויער. זיי זענען נישט קיין קינסטלער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, נאָר אירע קינסטלערישע מיטלויפער, אין דעם זינען, אין וועלכן דאָסדאָזיקע וואָרט איז באַנוצט געוואָרן דורך דער אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אויב די אויסעראָקטאָבערשע (אין תוך — קעגנאָקטאָבערשע) ליטעראַטור איז אַן אָפּשטאַרבנדיקע ליטעראַטור פון דער בורזשוי־

אַז־פּריצישער רוסלאַנד, איז דאָס ליטעראַרישע שאַפן פון די „מיטלויפער“ אַזאַ מין נייע סאָוועטישע „נאַראָדניטשעסטוואָ“, אָן די טראַדיציעס פון דער אַלטער „נאַראָדניטשעסטוואָ“ און — דערווייל — אָן פּאָליטישע פּערספּעקטיוון.

בנוגע די מיטלויפער שטעלט זיך תמיד די פראַגע: ביז וועלכער סטאַציע? דידאָזיקע פראַגע קען מען אָבער דערווייל נישט לייזן אפילו אומגעפער. איר לייזונג הענגט אָפּ נישט נאָר פון די סוביעקטיווע אייגנשאַפטן פון דעם אָדער יענעם פון די מיטלויפער, נאָר דער עיקר פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט אינם נאָנטסטן יאָרצענדליק... קיין איינער פון די מיטלויפער פון דער רעוואָלוציע — און אַ מיטלויפער איז אויך געווען בלאָק, און די מיטלויפער בילדן מיט זיך ביי היינטיקן טאָג די וויכטיקסטע גרופּע פון דער רוסישער ליטעראַטור — טראָגט נישט די אַקס אין זיך, און דעריבער טאַקע האָבן מיר נאָר פאַר זיך אַ צוגרייטונגס־פּעריאָד פון דער נייער ליטעראַטור, בלויז עטיודן, סקיצן און פעדער־פּראָבעס — די פאַרענדיקטע מייסטערשאַפט מיט דער זיכערער אַקס אין זיך איז נאָך אַ זאַך פון דער צוקונפט". („די ליטעראַטור און די רעוואָלוציע").

„דאָס, וואָס די ליטעראַרישע מיטגייער ווילן נישט און קענען נישט אַרומנעמען די רעוואָלוציע, זיך צונויפגיסנדיק מיט איר, אָבער זיך נישט אויפלייזנדיק אין איר; דאָס וואָס זיי נעמען זי נאָר ווי אַ סטיכיע, אָבער נישט ווי אַ ציל־באַשטימטן פּראָצעס, — איז לחלוטין נישט קיין אינדיווידועלער, נאָר אַ סאָציאַלער שטריך. די מערהייט מיטגייער (מיטלויפער) געהער צו די פויעריזירנדיקע אינטעליגענטן. אָבער דאָס אינטעליגענטישע אָננעמען די רעוואָלוציע, מיטן אָנשפּאַר אויפן פויער, קען נישט אויסקומען אָן „יוראָדיווישקייט". דעריבער זענען די מיטגייער נישט קיין רעוואָלוציאָנערן, נאָר די יוראדיווע פון דער רעוואָלוציע. ס'איז ביז אומרואיקייט אומקלאָר, מיט וואָס אייגנטלעך מאַכן זיי שלום אין איר — צי מיט דעם, וואָס זי איז אַן אויסגאַנגס־פּונקט פון אַ עקשנותדיקער באַוועגונג פאָראויס, אָדער מיט דעם, וואָס זי האָט אונז אין געוויסע הינזיכטן אַ רוק געטאָן צוריק: ווייל עס זענען דאָ פאַקטן פוןביידע קאַטעגאָריעס".

אין אַנדערע ערטער פון זיין בוך קערט זיך טראָצקי אום צו די מיטגייער.

„ווער איז ער אַזוינער דער „מיטגייער"? אַלס „מיטגייער" באַצייכענען מיר אין דער ליטעראַטור, פונקט ווי אין דער פּאָליטיק, דעמיעניקן, וועלכער גייט, הינקנדיק און וואַקלענדיק זיך, ביז אַ געוויסן פונקט מיטן זעלבן וועג, אויף וועלכן איך מיט אייך גייען מיר אַ סך ווייטער. ווער עס גייט קעגן אונז, יענער איז נישט קיין מיטגייער, יענער איז אַ שונא, יענעם שיקן מיר ביי אַ געלעגנהייט אַרויס אין אויסלאַנד, ווייל דער וווּל פון דער רעוואָלוציע איז פאַר אונז דער העכסטער געזעץ".

די אינטערעסאַנטסטע כאַראַקטעריסטיק פון אַ מיטגייער איז די, וועלכע טראָצקי האָט געגעבן פון ב. פּילניאַקן.

„איז אָט, ווייס דען פּילניאַק, וואָס אייגנטלעך עס ווערט געבוירן אין רעוואָלוציאָנערע ווייען? ניין, ער ווייס נישט. געוויס האָט ער געהערט (ווי אַזוי זאָל מען נישט הערן), אָבער אינערלעך גלויבט ער נישט. פּילניאַק איז נישט קיין קינסטלער פון דער רעוואָלוציע, נאָר בלויז איר קינסטלערישער מיטגייער. וועט ער ווערן איר קינסטלער? מיר ווייסן נישט. אָבער דערווייל איז ער נישט געוואָרן. די קומענדיקע דורות וועלן ריידן וועגן די „שענסטע טעג" פון מענטשלעכן גייסט. זייער שיין. אָבער פּילניאַקס אָרט אין דידאָזיקע טעג? אומקלאָר, פאַרנעפּלט, צווייַדייטיק. צי נישט דערפאַר אַמאָל האָט פּילניאַק ווי מורא פאַר די דערשיינונגען און מענטשן, וועלכע באַצייכענען שטרענג דאָס געשעענע און גיבן אים צו אַ זינען? פּילניאַק מיידט אויס קאָמוניסטן, מערסטנטיילס מיט אַכטונג, אַביסל קאַלט, אַמאָל מיט סימפּאַטיע, אָבער ער מיידט זיי אויס. איר טרעפט כמעט נישט ביי פּילניאַקן אַן אַרבעטער-רעוואָלוציאָנער, און, דער עיקר, מיט זיינע אויגן קוקט נישט דער מחבר און ער קען נישט אַריינקוקן אין דאָס, וואָס קומט פאַר. אָבער אין „נאַקעטן יאָר" קוקט ער אויפן לעבן מיט די אויגן פון זיינע פאַרשיידענע פּערסאָנאַזשן, וואָס זענען אויך אַלע מיטגייער פון דער רעוואָלוציע. און אָט איז נאָך אַ באַצייכנענדיקע דערשיינונג: פאַרן קינסטלער פון 1918—1921-טע

יאָרן עקזיסטירט נישט די רויטע אַרמיי. וואָס הייסט? די פאַרגאַנגענע יאָרן פון דער רעוואָלוציע זענען קודם כּל געווען יאָרן פון מלחמה. דאָס בלוט האָט אָפּגעשטראָמט פונם האַרץ פון לאַנד צו די פראָנטן פון דער פעריפעריע און דאָרט האָט מען זי שפּעדיק פאַרגאָסן אין משך פון עטלעכע יאָרן. ענטוזיאַזם, גלויבן אין דער צוקונפט, זיין מסירת-נפש, די קלאָרקייט פון געדאַנק, זיין ווילן האָט דער אַרבעטער-אַוואַנגאַרד אַריינגעלייגט אין דידאָזיקע יאָרן אין דער רויטער אַרמיי. די הויפּטשטאָטישע רויטגוואַרדייאישע רעוואָלוציע פון סוף 17-טן, אָנהויב 18-טן יאָר אין קאַמף פאַר זעלבסטדערהאַלטונג האָט זיך איבערגעגאָסן אין די פראָנט-דיוויזיעס און פּולקן. פּילניאַק האָט דאָס נישט באַמערקט. די רויטע אַרמיי עקזיסטירט נישט פאַר אים. דעריבער איז פאַר אים דער 19-טער יאָר בלויז אַ נאַקעטער".

24) „שיפּאָווניק". זאַמלביכער פאַר ליטעראַטור און קונסט. № 1. בעלעטריסטיק. דיכטונג. פילאָזאָפיע. קונסט. קריטיק. איבערזיכטן. ביבליאָגראַפיע. מאָסקווע. 1922. אונטער דער רעדאַקציע פון פ. סטעפּון. פאַרלאַג „שיפּאָווניק".

דערדאָזיקער זאַמלבוך איז געווען אַ פּרוּוו אויפצולעבן די בשעתו באַרימטע זאַמלביכער פונם פאַרלאַג „שיפּאָווניק", וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער ליטעראַרישער באַוועגונג פון דער תקופה וואָס נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905. אַלץ, וואָס איז געווען דאָס סאַמע „מאָדערנע" אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור פון יענער צייט, איז דורכגעגאַנגען דורכן אַלמאַנאַך „שיפּאָווניק". אַן אויסנאַם איז נאָר געווען מ. אַרציבאַשעוו, וועלכער האָט געדרוקט זיינע ווערק אין די מאָסקווער זאַמלביכער „זעמליאַ". די צענטראַלע פיגור פון „שיפּאָווניק" איז געווען לעאָניד אַנדרעיעוו. נאָך אים זענען געגאַנגען: פ. סאָלאָגוב, סערגעעוו-צענסקי, ב. זייצעוו, אי. בונין, אַ. בלאָק, וו. בריוסאָוו און אַ גאַנצע ריי שרייבערס, קלענערע און ייִנגערע. די עיקרדיקע קאַדרען פון „שיפּאָווניק" האָבן געבילדעט די סימבאָליסטן און בורזשואַזע ראָמאַנטיקער, וועלכע האָבן אָפּגערוקט אין אַ זייט די רעאַליסטן-דעמאָקראַטן פון די זאַמלביכער „זנאַניע". „שיפּאָווניק" איז בכלל געווען

דער יורש פון „זנאַניע". אַ טייל פון די „זנאַניעוועצעס" (אי. בונין, ל. אַנדרעיעוו) זענען אַוועק אין „שיפּאָווניק". אין דער תקופה פון דעם „שיפּאָוניקס" הערשאַפט האָט די בורזשואַזע קריטיק מיט התמדה מקבר געווען מאַקסים גאָרקיס טאַלאַנט (אין די אַרטיקלען פון ז. גיפּיאוס, ד. פילאָסאָפאָוון און אַנד.). אַזוי אַרום זענען די דאָזיקע אַלמאַנאַכן געווען דער כאַראַקטעריסטישסטער ליטעראַרישער אויסדרוק פון זיין צייט. די טאַלאַנטירטסטע ווערק פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור פון דער עפּאָכע וואָס פאַרן קריג און פאַר דער רעוואָלוציע האָבן דערזען די ליכטיקע שיין אויף די זייטלעך פון דער דאָזיקער אויסגאַבע. דעריבער איז זייער סימפּטאָמאַטיש דער פּרווו זי ווידער אויפצולעבן אין 1922-טן יאָר, אין דער תקופת פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אָבער די חרובדיקייט און דער אומפאַרמיידלעכער סוף פון דאָזיקן „לעבעדיקן בר-מינן" איז קלאָר געוואָרן, ווי נאָר דער לייענער האָט דורכגעלאָפן מיט די אויגן דעם אינהאַלט פון אַלמאַנאַך. פון דער „רומרייכער מחנה" זענען בלויז פאַרבליבן פ. סאָלאָגוב און ב. זייצעוו. דערפאַר האָבן זיך באַוויזן מ. קוזמין, א. אַכמאַטאָוואַ און וו. כאָדאַסעוויטש, אַזויצוזאָגן די „זאַמטימבאָליסטן". צוזאַמען מיט זיי האָט די צייט געצווונגען „אָנצונעמען" אויך ניק. ניקיטינען און ל. לעאָנאָוון. די בעלעטריסטיק פון זשורנאַל איז פאַרטראָטן געווען דורך די דערציילונגען פון ב. זייצעוו, ל. לעאָנאָוו, נ. ניקיטין און ב. פּאַסטערנאַק. די כמותדיקע אָרימקייט פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין אַלמאַנאַך (64 זייטלעך פון 190) האָט עדות געזאָגט, אַז די „ליטעראַטור" איז געווען אַן אויסרייד פאַר דער קבֿרדיקער פילאָזאָפיע פון בערדיאַעוו — סטעפּון — וואָלסקי — עפּראָס. דעם צווייטן אַלמאַנאַך „שיפּאָווניק" האָט שוין די וועלט נישט געזען. דער ערשטער אָבער איז געווען אַ בולטער גבית-עדות פון דער נישטיקייט פון דער אידיי גופא „מחיה מתים צו זיין".

25) „וועכי". אַ זאַמלבוך אַרטיקלען וועגן דער רוסישער אינטעליגענץ. מאָסקווע, 1909. אין בוך גייען אַריין אַרטיקלען פון: נ. א. בערדיאַעוו, ס. נ. בולגאַקאָוו, מ. אָ. גערשענזאָנען, אַ. ס. איזגאָעוו, ב. אַ. קיסטיאַקאָווסקין, פּ. ב. סטרוּוועו,

ש. ל. פראַנקן. דאָס בוך האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע אויסגאַ־בעס און האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע ליטעראַטור. עס איז געווען צוגעשפּיצט קעגן דער מאַטעריאַליסטישער וועלטאַנשוי־אונג פון דער אינטעליגענץ, קעגן איר אָפּגעבן זיך מיט פּאָ־ליטיק, סאָציאַליזם, קעגן איר ליידנשאַפטלעכער באַציאונג צו די אינטערעסן פון „פאָלק" אָדער פון „אַרבעטער־קלאַס". דאָס איז געווען דאָס רעאַקציאָנערסטע בוך, וועלכעס עס האָט אַרויס־געגעבן די דעקאַדענטישע תּקופה, וועלכע איז געקומען נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע אין 1905. עס האָט באַצייכנט מיט זיך נישט נאָר די דעזערציע פון אַ באַדייטנדיקער טייל בורזשואַזער אינטעליגענץ פון דער רעוואָלוציע, נאָר אויך אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער רעוואָלוציע און דער רע־וואָלוציאָנערער אינטעליגענץ.

פון דאָזיקן בוך ציען זיך אידייאישע פעדים צום אַל־מאַנאַך „שיפּאָווניק" (פון 1922), וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן גערעדט. די גרעסטע טייל מיטאַרבעטער פון זאַמלבוך „וועכי" האָבן זיך נאָכן 1917־טן יאָר געפונען אין די רייען פון די ערגסטע פיינט פון דער רעוואָלוציע און אפילו אין די רייען פון אירע תּלינים. לענין האָט געשריבן וועגן דאָזיקן בוך: „די „וועכי" זענען די גרעסטע סיגנאַלן אויפן וועג פון אַ פולשטענדיקן ריס צווישן רוסישן קאַדעטיזם און דעם רוסישן ליבעראַליזם בכלל און דער רוסישער באַפרייאונגס־באַ־וועגונג, מיט אירע אַלע עיקרדיקע אויפגאַבעס, מיט אירע אַלע איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס בפרט".

די „וועכי" האָבן באַקומען אַ באַגייסטערטן קבלת פּנים מצד דעם רעאַקציאָנערן לאַגער פון דער דעמאָלטיקער רוסי־שער געזעלשאַפט. איצט איז די אידעאָלאָגיע פון די „וועכי", אַביסל אַן אויסגעבעסערטע, דער אני־מאמין פון אַ גרויסער טייל עמיגראַנטישער אינטעליגענץ. סטרוווע, בערדיאַעוו, בול־גאַקאָוו, פראַנק, איזגאָעוו אַנטוויקלען נאָך אויך איצט מיט גרויס פאַרביסנקייט די געדאַנקען, וועלכע זיי האָבן צוערשט אַרויסגעזאָגט אין דאָזיקן זאַמלבוך.

26) „לעף" — אַ זשורנאַל פון לינקן קונסט־פראָנט, מערץ, 1923, № 1, מאָסקווע. די פּראָגראַמעס „מאַקסימום־

און „מינימום" פון די „לעפן" זענען אַזוי כאַראַקטעריזירט געוואָרן גלייך אין ערשטן נומער פון זשורנאַל:

„אויב די פּראָגראַם-מאַקסימום פון די פוטוריסטן פאָדערט די אויפלייזונג פון דער קונסט אין לעבן, אַ באַוווסטזיניקע רעאָרגאַניזאַציע פון דער שפּראַך אין הסכּם מיט די נייע פאָרמען פון עקזיסטענץ, אַ קאַמף פאַרן עמאָציאָנאַלן טרעגער פון דער פּסיכיק פון פּראָדוצירער-קאָנסומענט, באַשטייט די פּראָגראַם-מינימום פון די פוטוריסטן-„רעטשעוויקעס" (רעטש — שפּראַך) אין שטעלן זייער שפּראַך-מייסטערשאַפט אין דינסט פון פּראַקטישע טאָג-אויפגאַבעס. כּל זמן די קונסט איז נאָך נישט אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון איר זעלבשטענדיקן פּיעדע-סטאַל, דאַרף זי דער פוטוריזם אויסנוצן, קעגנאיבערשטעלנדיק אויף איר אייגענער אַרענע: אָנשטאָט שטייגער-שילדערונג — אַגיטאַציע-ווירקונג, אָנשטאָט ליריק — ענערגישע וואָרט-באַאַר-בעטונג, אָנשטאָט דעם בעלעטריסטישן פּסיכאָלאָגיזם — די אוואַנטוריסטישע דערפינדערישע נאָוועלע, אָנשטאָט ריינער קונסט — אַ צייטונגס-פעליעטאָן, אַן אַגיטאַציע-בלעטל, אָנשטאָט דעקלאַ-מאַציע — אַן אָראַטאָר-טריבונע, אָנשטאָט דער קליינבירגערלע-כער דראַמע — די טראַגעדיע און דעם פאַרס, אָנשטאָט אי-בערלעבונגען — פּראָדוקציע-באַוועגונגען". (ס. טרעטיאַקאָוו פונוואַנעט און וווהין, „לעף", № 1).

27) „הייסט עס, אַז דער פוטוריזם פירט אויס צוויי עיקר-דיקע אויפגאַבעס:

1) באַהערשנדיק ביז דער לעצטער מעגלעכקייט דאָס גע-וער פון עסטעטישער אויסדריקבאַרקייט און איבערצייגנדיקייט, צווינגען די פּעגאַסן צו שלעפּן די שווערע משׂאות פון די פּראַקטישע פליכטן פון דער אַגיטאַציע- און פּראָפּאַגאַנדע-אַר-בעט. אין דער קונסט גופא פירן אַן אַרבעט, וואָס צעפּרעסט איר זעלבשטענדיקע פּאָזיציע.

2) אַנאַליזירנדיק און באַגרייפנדיק די באַוועגנדיקע מעג-לעכקייטן פון דער קונסט אַלס אַ סאָציאַלע קראַפט, וואַרפן די ענערגיע, וואָס שאַפט זי, אַלס שפּייז פאַר דער ווירקלעכ-קייט, און נישט פאַר דעם אָפּגעשפּיגלטן לעבן, באַצירן מיט דער מייסטערשאַפט און פרייד פון דער קונסט יעדע מענטש-

לעכע פּראָדוציר-באַוועגונג". ס. טרעטיאַקאָוו, „פּונוואַנעט און וווהין", „לעף", № 1.

28) גלייך אין ערשטן נומער „לעף" פאַרן 1923-טן יאָר, נאָך די דעקלאַראַציעס קומט נ. טשוזשאַקס אַרטיקל „אונטערן צייכן פון לעבנס-בויאונג" (אַ פּרווו צו באַגרייפן די קונסט פון טאָג). אָט וואָס נ. טשוזשאַק האָט געשריבן אין דאָזיקן אַרטיקל:

„די אַזויגערופענע פּראַקטישע ריכטונג דערקלערט די קונסט אַלס באַצירונג פון אַרבעט (וועגן דער קונסט אַלס באַצירונג פון לעבן פּלוידערט שוין קיינער נישט). די אַזויגערופענע פּראָדוציר-ריכטונג אָנערקענט די קונסט גופא אַלס אַרבעט. אָבער די, וועלכע באַטראַכטן די קונסט פון שטאַנדפּונקט פון קאָמוניסטישן מאָניזם, קומען אומפאַרמיידלעך צום אויספיר, אַז די קונסט איז בלויז אַ כּמותדיק-אייגנאַרטיקער, צייטווייליקער מעטאָד פון לעבנסבויאונג, וואָס באַשטייט דער עיקר פון עמאָציע, און אַלס אַזעלכער קען ער נישט בלייבן נישט איזאָלירט, און שוין אָפּגערעדט אַז נישט דויערדיק-זעלבשטענדיק אין דער ריי פון אַנדערע צוגאַנגען צו דער לעבנסבויאונג".

„די קונסט אַלס מעטאָד פון לעבנס-דערקענטעניש (פּונדאַנעט נעמט זיך די פּאַסיווע קאָנטעמפּלאַציע) — אָט דאָס איז דער העכסטער און פונדעסטוועגן דעטאַל-פּאַרקירצטער אינהאַלט פון דער אַלטער, בורזשואַזער עסטעטיק.

די קונסט אַלס מעטאָד פון לעבנס-בויאונג (פּונדאַנעט נעמט זיך דאָס גובר זיין די מאַטעריע) — אָט דאָס איז דער לאָזונג, אונטער וועלכן עס גייט די פּראָלעטאַרישע פאָרשטעלונג וועגן דער וויסנשאַפט פון דער קונסט.

29) דער טעזיס וועגן „פאַרכאַפּן" די מאַכט אין דער ליטעראַטור איז געווען זייער אַ צווייפלהאַפטער אין דעם זינען, וואָס די נאַפּאָסטאָווצעס גופא האָבן אָפּגעלייקנט דידאָזיקע „פאַרכאַפּערישע" כוונה. אָט וואָס וואַרדין האָט דערוויידערט אויף דעם:

„מען האָט דאָ גערעדט, אַז מיר פאָדערן אַ דיקטאַטור איבער דער ליטעראַטור. דאָס איז אַבסאָלוט נישט־ריכטיק. אונזער לאָזונג איז — די דיקטאַטור נישט פון וואפּפּ, נאָר די דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי אויך אין געביט פון ליטעראַטור. דער ווערקצייג פון דער־דאָזיקער דיקטאַטור קען ווערן אויך דער וואפּפּ".

ווי מיר זעען האָט דער זין פון דער אויסבעסערונג פּאַרט געפירט צו דער דיקטאַטור פון „וואפּפּ", ד. ה. צום זעלבן, וואָס וואַרדין האָט דאַכט זיך אָפּגעלייקנט. דעריבער האָבן די קעגנער פון „וואפּפּס„ דיקטאַטור אים עקשנותדיק באַשולדיקט אין דער שטרעבונג צו אַ דיקטאַטור. אָט וואָס עס האָט, למשל, גערעדט וואַרעיקיס אויף דער־זעלבער בעראַטונג:

„אין די רעזאָלוציעס פון „וואפּפּ" איז דאָ אַ טענדענץ צו דערשלאָגן זיך פון דער פּאַרטיי אַ באַפולמעכטיקונג פאַרן „וואפּפּ" אויף אָנצופירן מיט אונזער ליטעראַטור אָדער דאָס איבערגעבן בכלל אַ ספּעציעלער „אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרייבערס". דאָס איז די שעדלעכסטע ביוראָקראַטישע אוטאָפּיע".

און אָט וואָס בוכאַרין האָט געזאָגט:

„אויב דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, איז באמת ריכטיק, איז דאָך קלאָר, אַז מען דאַרף נישט אַרויסשטעלן קיין טעזיסן, וועלכע עס האָבן אַרויסגעשטעלט די נאַפּאָסטאָווצעס, אין וועלכע זיי האָבן געזאָגט: גיט אונז איבער דעם „גאָסאיזדאַט" אויף אָפּצורעכענען זיך מיט דער ליטעראַטור".

די זעלבע טענער קלינגען אויך ביי יאַ. יאַקאָוולעוון:

„און מען דאַרף באַזיצן די העכסטע מאָס פון אומפּאַרטייִשקייט כדי צו וועלן פאַרדעקן מיט לעניִנס נאָמען די „פּראָלעטוואַפּפּישע" חקירות וועגן דער מאַכט־פאַרכאַפּונג פון פּראָלעטאַריאַט אין געביט פון קונסט, וועגן דער זעלבשטענדיקער קלאַסן־קולטור, ווי וועגן אַ עיקרדיקער באַדינגונג פאַר דער אויפהיטונג פון פּראָלעטאַריאַטס העגעמאָניע".

ווי מיר זעען האָט מען די נאַפּאָסטאָווצעס פאַרגעוואָרפן „פאַרכאַפּערישע" טענדענצן פון אַלע זייטן: סיי וואַרעיקיס, סיי בוכאַרין, סיי יאַקאָוולעוו, ווי אויך אַנדערע, שוין אָפּגע־

רעדט וועגן וואָראָנסקין: לונאַטשאַרסקי האָט אין די פּראַגן וועגן דער פּאַרטייאישער פּאָליטיק אין קונסט פאָרגעוואָרפן די נאַפּאָסטאָווצעס נישט נאָר „פּאַרכאַפּערישע“ טענדענצן, נאָר אויך די טאַקטיק, וואָס שטויסט אָפּ פון אונז שרייבער, וואָס זענען אונז נישט פרעמד. אָט מיט וואָסער פאָרוואורף ער האָט זיך געווענדט צו די נאַפּאָסטאָווצעס.

„... פאַר קיין פאַל טאָרן מיר נישט אָפּשטויסן פון זיך די נישט-פּראָלעטאַרישע און נישט-קאָמוניסטישע קינסטלער.

איר געדענקט, וואָס דאָ האָט גערעדט דער ח׳ אווערבאַך? דאָס איז זייער אַ יונגער חבר, ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן אַ צו גרויסן אייפער. בנוגע דעם מעמאָריאַל פון די שרייבער, וועלכן ח׳ יאַקאָוולעוו האָט פאַרעפנטלעכט, שרייט ער וועגן אַ בונט. ער האָט דערקלערט, אַז וואָראָנסקי האָט צעלאָזן די שרייבער, און אַלס ביישפּיל ברענגט ער דעם צעטל, ווו דידאָזיקע שרייבער דערקלערן, אַז זיי זענען גרייט צו גיין מיט אונז אַקסל ביי אַקסל! וואָס פאָדערן זיי? זיי פאָדערן, מען זאָל זיי לאָזן זיין קינסטלער מיט אַלע ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון קינסטלער. ווען מיר אַלע זאָלן זיך שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט פון ח׳ אווערבאַך, וואָלטן מיר געוואָרן אַ הייפל דעראָבערער אין אַ פרעמדן לאַנד“.

30) די סטענאָגראַמעס פון דער באַראַטונג זענען אָפּגעדרוקט אין זאַמלבוך, וועלכן מיר האָבן נישט איינמאָל דערמאָנט: „פּראַגן פון קולטור ביי דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“, גאָסאיזדאַט, 1925.

31) אַ חוץ נ. בוכאַרינס אַרטיקל, וואָס באַהאַנדלט די פּראַגע וועגן פאָרמאַלן מעטאָד, האָט געמאַכט אַסך ווערטפולע באַמערקונגען וועגן דער זעלבער פּראַגע ל. טראָצקי אין דעם שוין אָפּט ציטירטן בוך („די ליטעראַטור און די רעוואָלוציע“).

„...די פּראַגע וועגן דער פאָרם. דידאָזיקע לעצטע אַנטוויקלט זיך — אין געוויסע גרעניצן — לויט די אייגענע געזעצן, ווי יעדע טעכניק. יעדע נייע ליטעראַרישע שולע — אויב דאָס איז באמת אַ שולע, און נישט קיין ווילקירלעכער אויסוווקס — פליסט אַרויס פון דער גאַנצער פריערדיקער

אַנטוויקלונג, פון דער שוין פאַראַנענער מייסטערשאַפט פון ווערטער און פאַרבן, זי ווערט אָפּגעשטויסן פון דעם שוין דערגרייכטן ברעג צו נייע דעראָבערונגען ביי דער סטיכיע.

די אַנטוויקלונג קומט אויך דאָ פאָר דיאַלעקטיש: די נייע קינסטלערישע ריכטונג לייקנט אָפּ די פריערדיקע. פאַר־וואָס? ווייזט אויס, אַז געוויסע געדאַנקען און געפילן איז ענג אין די ראַמען פון די אַלטע מיטלען. אָבערגלייכצייטיק גע־פינען די נייע שטימונגען אין דער אַלטער, פאַרגליווערטער קונסט אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע קענען זיי געבן ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אַ געהעריקן אויסדרוק, ווערט דעריבער אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד קעגן „אַלטן" אין גאַנצן — אין נאָמען פון אייניקע עלעמענטן זיינע, וועלכע דאַרפן זיך אַנטוויקלען. יעדע ליטעראַרישע שולע האָט זיך פּאָטענציעל געפונען אין דער פאַרגאַנגענהייט און יעדע האָט זיך אַנטוויקלט דורך אָפּוואַרפן זיך פיינטלעך פון דער פאַרגאַנגענהייט. די שייכות צווישן דער פאָרם און דעם אינהאַלט (אונטערן דאָזיקן לעצטן דאַרף מען פאַרשטיין נישט סתם אַ „טעמע", נאָר דעם לעבעדיקן קאָמפּלעקס שטימונגען און אידייען, וועלכע זוכן אַ קינסטלערישן אויסדרוק) באַשטייט אין דעם, וואָס די נייע פאָרם ווערט אַנטפּלעקט, פּראָקלאַמירט און זי אַנטוויקלט זיך אונטערן דרוק פון אַ אינערלעכער באַדערפעניש, פון אַ קאָ־לעקטיוו-פּסיכאָלאָגישער פאָדערונג, וועלכע האָט, ווי די גאַנ־צע מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע, אירע אייגענע סאָציאַלע וואָרצ־לען.

מיט דעם דערקלערט זיך די צווייאיקייט פון יעדער לי־טעראַרישער ריכטונג: זי טראָגט עפּעס אַריין אין דער טעכ־ניק פון שאַפן, אויפהויבנדיק (אָדער אַראָפּדריקנדיק) דעם אַל־געמיינעם ניוואָ פון דער מייסטערשאַפט; פון דער צווייטער זייט גיט זי אין איר היסטאָרישער קאָנקרעטקייט אַן אויסדרוק באַשטימטע, אין לעצטן סך-הכל קלאַסן-פאָדערונגען. מיר זאָגן: קלאַסן-פאָדערונגען, אָבער דאָס הייסט אויך אַן אינדיווידועלע, — דורכן אינדיווידואום רעדט זיין קלאַס. דאָס הייסט אויך, אַז נאַציאָנאַלע, ווייל דער גייסט פון דער נאַציע ווערט באַשטימט דורכן קלאַס, וועלכער הערשט אין איר און דורכדעם גופא

וואָרפט ער אונטער איר ליטעראַטור אונטער זיין ווירקונג״.

„די מיטלען פון פאָרמאַלן אַנאַליז זענען אומבאַדינגט נויטיק, זיי זענען אָבער נישט-גענוגנדיק. מען קען אויפציילן די אַליטעראַציעס אין די פאָלקס-ווערטלעך, קלאַסיפיצירן די מעטאַפאָרעס, מאַכן אַ גענויעם חשבון פון די וואָקאַלן און קאָנסאָנאַנטן אין לויב-ליד, — דאָס אַלץ וועט, נאַטירלעך, באַרייכערן אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן אונזער קענטעניש פון דעם פאָלקס-שאַפן; אויב מען זאָל אָבער נישט וויסן דעם פויערס זיי-שטייגער און דעם מיט אים פאַרבונדענעם לעבנס-שטייגער, אויב מען זאָל נישט וויסן די ראָל פון דער סאָכע און מען זאָל נישט וויסן אין וועלכער יאָר-תקופה דער פויער האָט חתונה, און ווען די פויערטע געבוירט קינדער, וועלן מיר פון דעם פאָלקס-שאַפן קענען בלויז די שאָלאַכטס, און צום קערן וועלן מיר זיך נישט דערקלייבן. די אַרכיטעקטאָניש-קאָנסטרוקטיווע סכעמע פון דער קעלנער קירכע קען מען פעסטשטעלן בלויז דורך אויסמעסטן דעם פונדאַמענט און די הויך פון זיינע געוועלב-בויגנס, פעסטשטעלנדיק דעם פאַרנעם און די לאַגע פון זיינע זיילן און אַז. וו. אָבער אויב מיר וויסן נישט, וואָס אַזוינס עס איז אַ מיטלאַלטערלעכע שטאָט, וואָס אַזוינס עס איז אַ קאַטוילישע קירכע פון מיטלאַלטער, וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרשטיין די קעלנער קירכע. דער פרווו צו באַפרייען די קונסט פון לעבן, דערקלערן זי אַלס זעלבשטענדיקע מייסטערשאַפט, נעמט צו ביי דער קונסט די נשמה און טויט זי. די נויטיקייט גופא פון אַזאַ אָפעראַציע איז אַ אומפעלבאַרער סימן פון אידייאישער ירידה״.

„אונזער מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג פון דער אָביעקטיווער סאָציאַלער אָפהענגיקייט און דער געזעלשאַפטלעכער אוטיליטאַרישקייט פון דער קונסט באַדייט נאָך נישט אין דער איבערזעצונג אויף דער שפּראַך פון פּאָליטיק, אַז מיר ווילן קאָמאַנדעווען מיט דער קונסט מיט דער הילף פון דעקרעטן אָדער פאַראָרדנונגען. ס׳איז נישט ריכטיק, אַז פאַר אונז איז ניי אָדער רעוואָלוציאָנער נאָר יענע קונסט, וועלכע רעדט וועגן אַרבעטער, און ס׳איז אַ נאַרישקייט, ווען מען זאָגט, אַז מיר פאָדערן פון די דיכטער, זיי זאָלן אומבאַדינגט באַשרייבן אַ

פאבריק-קוימען אָדער אַן אויפשטאַנד קעגן קאַפּיטאַל! געוויס, די נייע קונסט וועט אָרגאַניש מוזן אַוועקשטעלן אין צענטער פון איר אויפמערקזאַמקייט דעם פּראָלעטאַריאַטס קאַמף, אָבער דער אַקער פון דער נייער קונסט ווערט גאָרנישט באַגרעניצט בלויז מיט די נומערירטע בייטן, — אדרבה, ער דאַרף אײַבעראַקערן דאָס גאַנצע פעלד, אין דער ברייט און אין דער לענג. אפילו דער קלענסטער קרייז פון פערזענלעכער ליריק האָט דאָס אומבאַשטריטענע רעכט אויף עקזיסטענץ אין די ראַמען פון דער נייער קונסט. נאָכמער, דער נייער מענטש וועט זיך נישט אויספּאָרמירן אָן אַ נייער ליריק. אָבער כדי זי צו שאַפן, מוז דער דיכטער אַליין דערפילן די וועלט אויף אַ נייעם שטייגער. אויב איבער זיין אַרומאַרמונג בויגט זיך אַריבער דוקא כריסטוס אָדער דער גאָט צבאות אַליין (ווי ביי אכמאַטאָוואַ, צוועטאַיעוואַ, שקאַפּסקאַן און אנד.), איז דערדאָזיקער סימן אַליין שוין אַ גענוגנדיקער עדות וועגן דער אַלטקייט פון אַזאַ ליריק, וועגן איר געזעלשאַפטלעכער, און במילא, עסטעטישער אומטויגלעכקייט פאַרן נייעם מענטשן. אפילו דאָרט וו דידאָזיקע טערמינאָלאָגיע איז נישט אַזוי אַ רעזולטאַט פון איבערלעבונגען, ווי פון ווערטער-איבערבלייבענישן, זאָגט זי אויך עדות, לכל הפחות, וועגן דער אינערטנעקייט פון דער פּסיכיק און דורכדעם אַליין שטייט זי אין אַ סתירה צום באַוווסטזיין פון נייעם מענטשן. קיינער שטעלט נישט און קלייבט זיך נישט צו שטעלן די דיכטער טעמאַטישע אויפגאַבעס. שרייבט זיך געזונטערהייט וועגן וואָס עס גלוסט זיך אייך! אָבער דערלויבט דעם נייעם קלאַס, וואָס האַלט זיך — מיט אַ געוויסן גרונט — פאַר באַרופן צו בויען אַ נייע וועלט, צו זאָגן אייך אין דעם אָדער אין אַ אַנדער פאַל: אויב איר איבערזעצט דעם פּאַרצייטישן וועלט-געפיל אין אַ מאָדערנער שפּראַך, מאַכט דאָס נאָך אייך נישט פאַר קיין נייע דיכטער. די קינסטלערישע פאָרם איז אין געוויסע און זייער ברייטע גרענעצן אומאָפּהענגיק, אָבער דער קינסטלער, דער שעפער פון דערדאָזיקער פאָרם, און דער צושויער, וועלכער האָט הנאה פון איר, זענען נישט קיין פוסטע אַפּאַראַטן אויף שאַפן די פאָרם און זי אויפצונעמען. נאָר לעבעדיקע מענטשן מיט אַ

קריסטאַליזירטער פּסיכיק, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ געוויסע הגם נישט תמיד קיין האַרמאָנישע איינהייט. און זייער דאָזיקע פּסיכיק ווערט סאָציאַל באַשטימט. דאָס שאַפן און אויפנעמען קינסטלערישע פאָרמען איז איינע פון אירע פונקציעס. און ווי די פאָרמאַליסטן זאָלן זיך נישט דרייען — זייער גאַנצע איינ־פאַר[illegible]צעפּציע באַזירט אויף דעם איגנאָרירן די פּסיכישע איינהייט פון געזעלשאַפטלעכן מענטשן, דעמזעלבן וואָס שאַפט אָדער וואָס פאַרברויכט דאָס געשאַפענע."

די לעפן, וואָס זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די פאָרמאַליסטן, האָבן די ערשטע צייט אָפן פּראָקלאַמירט זייער קרובה־שאַפט מיט זיי. שפּעטער, אונטער דער ווירקונג פון דער מאַרקסיסטישער קריטיק, האָט מען די דאָזיקע פאַרבינדונג גענומען דעקאָרירן מיט פאַרשיידענע פייגנבלעטער. אָבער אָט וואָס עס האָט געשריבן אַ. בריק אין ערשטן נומער „לעף" פון 1923 י.

„אָפּאָיאז" אין זיין אַזויגערופענעם „פאָרמעלער מעטאָד" איז געוואָרן אַן אָפּשרעקעניש פאַר די ליטעראַריוועדיקע פּאָפּעס און פּאָפּעלעך. דער פּרעכער פּרווו צוצוגיין צו די דיכטערישע איקאָנעס פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט האָט אַרויסגערופן אַ שטורמישע אויפגעבראַכטקייט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „ליגע צו באַקעמפן דעם פאָרמאַלן מעטאָד", ריכטיקער, אַ קאַמף מיטן באַזייטיקן די דיכטערישע ווערטן.

עס וואָלט נישט געלוינט צו ריידן, ווען צווישן די „קעמפער" וואָלטן זיך נישט געפונען אייניקע אונטערגענעצטע, אָבער פאָרט מאַרקסיסטן".

„אָפּאָיאז" איז דער בעסטער דערציער פון דער ליטעראַרישער פּראָלעטאַרישער יוגנט".

32) „פאַרוואָס מיינט איר, — האָט געפרעגט בוכאַרין, — אַז עס דאַרף זיין בלויז איין אָרגאַניזאַציע? זאָלן זיין טויזנט אָרגאַניזאַציעס, זאָלן נעבן „מאַפּפּ" און „וואַפּפּ" זיין אָן אַ שיעור קרייזלעך און אָרגאַניזאַציעס".

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צוגאַנג צו דער ליטעראַטור איז אין בוכאַרינס פאָרשטעלונג פאַרבונדן געווען מיט דער אַנטוויקלונג פון נייעם סטיל.

„... די פראַגע וועגן נייעם סטיל, — האָט ער געזאָגט, — איז אַ פראַגע זייער אַ וויכטיקע און ספּעציפישע. זי קען גע-לייזט ווערן בלויז דאַן, ווען די פּאַרטיי וועט נישט צונויפ-קוועטשן אַלעמען אין איין פויסט, ווען זי וועט געבן די מעג-לעכקייטן פון קאָנקורענץ. ווען מען וועט אייך, חברים „נאַ-פּאָסטאָווצעס", איבערגעבן די מאַכט, וועלכע מעגלעכקייטן פון קאָנקורענץ וועט איר שאַפן?"

33) אָט וואָס ג. בוכארין האָט געענטפערט ל. טראָצקין:

„איך פּערזענלעך האַלט, אַז אין דאָזיקן שטרייט האָט זיין באַציאונג צו דער ליטעראַטור, צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור גוט דורכגעטראַכט און בולט אַרגומענטירט ח' טראָצ-קי. אָבער טראָצקיס פּאָזיציע איז נישט-ריכטיק צוליב אַ גאַנץ פּשוטער סיבה. ער לאָזט אינגאַנצן אַרויס פון אויג דעם דויער פון פּעריאָד פון פּראָלעטאַריאַטס דיקטאַטור. דאָס איז איינס. און צווייטנס לאָזט ער אַרויס פון אויג די נישט-גלייכמעסיקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין פאַרשיידענע לענדער. אָט האָבן מיר דעראָבערט די מלוכה-מאַכט. מיר האָבן אַ פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. אָבער דידאָזי-קע פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור האָבן מיר אין קאָנקרעטע באַ-דינגונגען, ווען זי איז אַרומגערינגלט מיט קעגנערס. דאָ האָבן מיר אַ פאַרלענגערטן וועג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַ-טור, ווייל די דעראָבערונג פון דער מאַכט דורכן פּראָלעטאַ-ריאַט קומט פאָר נישט-גלייכמעסיק אין פאַרשיידענע לענדער. אין איין לאַנד האָט מען דעראָבערט די מאַכט, אין אַנדערע — נישט און אַז. וו. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ פאַרבאַדינגונג — די פאַרלענגערונג פון דעם פּראָלעטאַריאַטס דיקטאַטור-וועג, די נישט-גלייכמעסיקע אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. און דערפון איז זייער פאַרשטענדלעך, אַז די ליטעראַטור, וועלכע פאָרמירט זיך אין אַלגעמיין און אין גאַנצן לויט דער פאָרם און געשטאַלט פון הערשנדיקן קלאַס, דערווערבט אומ-פאַרמיידלעך ספּעציפישע שטריכן. דאָס לאָזט זיך זאָגן מיט אַנדערע ווערטער: ח' טראָצקי טרייבט איבער אין זיין טע-אָרעטישער קאָנסטרוקציע דעם אַנטוויקלונגס-טעמפּ פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט אָדער אַנדערש אויסגעדריקט,

אין זיין דאָזיקער קאָנסטרוקציע טרייבט טראָצקי איבער דעם אָפּשטאַרבונגס-טעמפּ פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אין דעם באַשטייט זיין טעאָרעטישער פעלער. פון דאָזיקן טעאָרעטישן פעלער פליסט אַרויס דער אויספיר, וועלכן ער מאַכט".

34) „די קונסט און די רעוואָלוציע".

אי. וואַרדין האָט אויף דער באַראַטונג געזאָגט, אַז נישט יעדע קינסטלערישע ליטעראַטור, וועלכע קען פאַרשאַפן תענוג קאָמוניסטן, איז נוצלעך פאַרן אַרבעטער-קלאַס. אַנדערע ווערק זענען פאַר די ברייטע אַרבעטער-פּויערשע מאַסן — אַ „שעדלעכסטער גיפט", אָט דידאָזיקע מיינונגען האָבן אַרויסגערופן מצד אַ. וו. לונאַטשאַרסקין פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„... אַ קינסטלעריש ווערק איז אַ באַשטימטע אָרגאַניזאַציע פון דער דערפאַרונג. פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט זענען אַלע, אָן אויסנאַם, קונסט-ווערק נוצלעך פאַר אונז, אויב זיי זענען גאָר טאַלאַנטירט. אין דערדאָזיקער הינזיכט דאַרפן מיר האָבן מער ברייטקייט. דער אויפבלי פון דער קונסט וואָלט געווען פאַר אונז אַ פּרעכטיקער קוואַל פון דערקענען דאָס לאַנד.

פונוואַנעט נעמט זיך דידאָזיקע מורא, אַז די קלענסטע שטריכן אין אַ קונסט-ווערק, וואָס זענען אונז פרעמד אָדער וואָס פאַלן פּשוט נישט צונויף מיט אונזערע טענדענצן מאַכן אים שוין גיפטיק? אונזער פּראָלעטאַריאַט איז גענוג שטאַרק, מיר דאַרפן זיך נישט צערטלען און מורא האָבן צו פאַרנעצן זיך די פיס מיט פרעמד פּאָליטיש וואַסער."

35) די פראַגע וועגן דער אָדער יענער באַציאונג צו דער קינסטלערישער ליטעראַטור, צו די מיטגייער (מיטלויפער) און אַז. וו. איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן דער באַציאונג צו דער אינטעליגענץ: אָט וואָס עס האָט געשריבן וועגן דעם א. לונאַטשאַרסקי אין זיין אַרטיקל „ל. ד. טראָצקי וועגן ליטעראַטור":

„...אין אייגעם פון זיינע אַלטע אַרטיקלען, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט אדלערס בוך „די אינטעליגענץ און דער סאָציאַליזם", האָט ער וועגן דאָזיקן ענין אַרויסגעזאָגט וווּנדערבאַרע געדאַנקען, וועלכע איך האַלט פאַר נוציק דאָ איבערצושרייבן: „אין אַדלערס באַהויפּטונגען איז, יעדנפאַלס, ריכטיק

דאָס, אַז די אינטעליגענץ איז פֿאַראינטערעסירט אין אויפֿהיטן די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע נישט דירעקט און נישט אומבאַדינגט, נאָר אומדירעקט — דורך די בורזשואַזע קלאַסן, אויף וויפֿל זי הענגט אָפּ פֿון דידאָזיקע לעצטע מאַטעריעל. זי וואָלט געקענט אַריבערגיין אויף דער זייט פֿון קאָלעקטיוויזם, ווען זי זאָל באַקומען אַ מעגלעכקייט צו רעכענען זיך מיט דער וואַרשיינלעכקייט פֿון זיין תּיכּפֿדיקן נצחון, ווען ער זאָל דערשייַנען פֿאַר איר נישט ווי דער אידעאַל פֿון אַן אַנדערן, פֿון איר ווייטן און פֿרעמדן קלאַס, נאָר ווי אַ נאָענטע מיט די הענט אָנצוטאַפּנדיקע רעאַליטעט: און ענדלעך — און דאָס איז נישט די לעצטע באַדינגונג — ווען דער פּאָליטישער ברוך מיט דער בורזשואַזיע וואָלט נישט געדראָט יעדן גייסטיקן אַרבעטער באַזונדער מיט שווערע מאַטעריעלע און מאָראַלישע פֿאָלגן. אַזעלכע באַדינגונגען קען שאַפֿן פֿאַר דער אייראָפּעאישער אינטעליגענץ בלויז די פּאָליטישע הערשאַפֿט פֿון נייעם געזעלשאַפֿטלעכן קלאַס; און טיילווייז — שוין די עפּאָכע פֿון דירעקטן קאַמף פֿאַר אַזאַ הערשאַפֿט. ווי פֿאַרפֿרעמדט עס זאָל נישט זיין די אייראָפּעאישע אינטעליגענץ פֿון די אַרבעטער-מאַסן, — און דידאָזיקע פֿאַרפֿרעמדקייט וועט נאָך וואַקסן, באַזונדערס אין די קאַפּיטאַליסטיש-יונגע לענדער, ווי עסטרייך, איטאַליע, די באַלקאַנען... — אָבער אין דער תּקופֿה פֿון דער גרויסער געזעלשאַפֿטלעכער איבערבויאונג וועט די אינטעליגענץ, וואַרשיינלעך, פֿריער פֿאַר די אַנדערע צווישן-קלאַסן איבערגיין אין די רייען פֿון די אָנהענגער פֿון נייעם סדר. אין דערדאָזיקער הינזיכט וועלן איר טאָן אַ גרויסע טובֿה יענע סאָציאַלע אייגנשאַפֿטן, וועלכע טיילן זי אויס פֿון דער האַנדלס-אינדוסטריעלער קליינבירגערלעכקייט און דעם פּויערטום...: איר פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרבינדונג מיט די קולטורעלע צווייגן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, איר פֿעאיקייט צו טעאָרעטישע פֿאַראַלגעמיינערונגען, די עלאַסטישקייט און באַוועגלעכקייט פֿון איר געדאַנק, מיט איין וואָרט — איר אינטעליגענץ. געשטעלט פֿאַרן אומאָפּפֿרעגבאַרן פֿאַקט, אַז דער גאַנצער געזעלשאַפֿטלעכער אַפּאַראַט גייט איבער אין נייע הענט, וועט די אייראָפּעאישע אינטעליגענץ זיך קענען איבערצייגן,

אַז די דורך דעם געשאַפענע באַדינגונגען וואַרפן זי נישט נאָר נישט אַראָפּ אין תּהום, נאָר, פאַרקערט, זיי עפענען אויף אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן אויף אַנצווּוענדן די טעכנישע, אָרגאַניזאַטאָרישע און וויסנשאַפטלעכע כּחות; זי וועט זיי קענען אויסטיילן פון אירע רייען שוין אין ערשטן, קריטישסטן פּעריאָד, ווען דעם נייעם רעזשים וועט אויסקומען גובר צו זיין גרויסע טעכנישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע שוועריקייטן".

36) אין זיין היציקער באַגייסטערונג מיט דער „עכטער" ליטעראַטור איז י. ליבעדינסקי דערגאַנגען ביז אָפּלייקענען דעמיאַן בעדנין, דערביי וואַרפט ער אים אויף זיין צוגעבונדנקייט צו דער אַ ל ט ע ר פאָרם. מיר ברענגען דאָ דידאַזיקע שטעלע פון י. ליבעדינסקיס אַרטיקל „וועגן דער אַרבעטערשרייבערשאַפט".

„איך פּערזענלעך, אויך אַ סך אַנדערע חברים, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט אַרבעטער-ביבליאָטעקן, ווייסן, אַז דעמיאַנען לייענט מען, פאַרשטייט זיך, אָבער ערשטנס — אַלץ וויניקער און וויניקער, און צווייטנס — זיינע אַלטע זאַכן פון דער עפּאָכע פון בירגער-קריג, און דריטנס — עס לייענט אים אַ באַשטימטע טייל שוואַך-קוואַליפיצירטע מיטן דאָרף פאַרבונדענע אַרבעטער, וועלכע ווערט נאָך ערשט אַריינגעצויגן אין דער קולטורעלער רעוואָלוציע. און נישט בייזערן זיך דאַרף מען דאָ, נאָר פאַרשטיין, אַז דער לייענער וואַקסט, און דער שרייבער דאַרף אויך וואַקסן, אָבער דעמיאַן בעדני האָט, צום באַדויערן, אין די לעצטע יאָרן אָפּגעשטעלט זיין וווּקס און גייט נישט אַוועק פון דער אַלטער פאָרם. לויט דער דערפאַרונג פון מיין פּאָליטישער אַרבעט אין דער אַרמיי ווייס איך, סאַראַ ראָל עס האָט דאַן געשפּילט דעמיאַן — דער טרייער פריינט פון רויטאַרמייער, דער בעסטער געהילף פון פּאָליטאַרבעטער, איך געדענק, ווי שוין אין יענער צייט, ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט ליטעראַרישער אַרבעט, ביים גרינדן דעם „אָקטיאַבר", איז מיר אויסגעקומען צו אַמפּערן זיך מיט אַ גאַנצער ריי חברים, צווישן זיי מיט אַרטעם וועסיאָלין און... לעלעוויטש, צי קען מען בכלל האַלטן דע-

מיאָן בעדנין פאַר אַ פראָלעטאַרישן דיכטער, דערביי האָבן מיינע ביידע אָפּאָנענטן דאָס געלייקנט״.

(37 די ריכטיקסטע פאָרמולירונג פון דער „העגעמאָניע״ גיט דער ח׳ ראַסקאָלניקאָוו :

„מען קען נישט, — שרייבט ער, — זיך פאָרשטעלן די דאָזיקע העגעמאָניע אַזוי, אַז די פאַרטיי גיט איבער דעם „וואַפּפּ״ אָדער אַ גרופּע חברים די אָנפירונג מיט די ליטעראַרישע ענינים. קיינמאָל און קיינעם נישט, ביי קיין שום באַדינגונגען קען די פאַרטיי נישט איבערגעבן די אָנפירונג מיט דער ליטעראַטור. די העגעמאָניע פון די פראָלעטאַרישע שרייבער באַשטייט אַפילו נישט אין דעם, וואָס די פאַרטיי שטיצט זיך אין איר ליטעראַרישער פאָליטיק בלויז אויף דער אָרגאַניזאַציע פון די פראָלעטאַרישע שרייבערס. די העגעמאַניע פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור באַדייט, ערשטנס, אַזאַ אַנטוויקלונגס-שטופע פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווען זי הויבט אָן צו פאַרנעמען, לויט דעם איכות פון איר פראָדוקציע, אַ צענטראַלע, דאָמינירנדיקע לאַגע אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, און, צווייטנס — אַזאַ וווּקס פון דער אידייאישער השפעה פון די פראָלעטאַרישע שרייבערס אויף דער סביבה פון די פויערשע שרייבערס און די מיטגייער, ווען די *פראָלעטאַרישע שרייבערס וועלן אַדאַנק זייער דערהאָבערטן אויטאָריטעט זיין ביכולת* צו פירן נאָך זיך די גאַנצע סאָוועטישע ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקייט. די פאַרטיי קען נישט דעקרעטירן די העגעמאָניע פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור, זי קען נאָר מיטהעלפן זי צו דעראָבערן״.